STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08218

# DI SHTIME FUN TOL

Hayim Lieberman

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# די שטימע פון טאָל

## זאמלבוך

פון בריוו און אַרטיקלען פון רבנים, שריפטשטעלער,
דיכטער, קינסטלער, לערער, כלל־טוער און
מענשן פון פאָלק וועגן דער אידישער
פראַגע אין דער היינטיגער צייט
געשריבן אין שייכות מיט׳ן
ביכל „אין טאָל
פון טויט״

צוזאמען מיט׳ן

„אין טאָל פון טויט״

צונויפגעשטעלט
מיט באַמערקונגען
פון
חיים ליבערמאַן

ניו יאָרק — ניסן, ת״ש.

COPYRIGHT, 1940
by
HERMAN LIEBERMAN
NEW YORK, N. Y.

אדרעסירן:
H. LIEBERMAN
175 EAST BROADWAY
NEW YORK, N. Y.

450

# אריינפיר

מיט'ן אויסברוך פון דער מלחמה סוף זומער 1939 האָט זיך געענדיגט אַן עפּאָכע אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע עפּאָכע. עס האָט זיך אויך אָנגעהויבן א נייער אידישער יאָרהונדערט, ת"ש.

ביי וואָס פאַר אַ גייסטיגן צושטאַנד זיינען אידן אַרויס פון דער אַלטער עפּאָכע און אריין אין דער נייער? וואָס האָבן זיי געטראַכט און געפילט, פון איין זייט — אונטערן אָנגריף פונ'ם פאַשיזם וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן אויסצוראָטן דאָס אידישע פאָלק פיזיש, פון דער אַנדערער זייט — אונטערן דרוק פון דעם קאָמוניזם וואָס האָט אים געדראָט מיט אונטערגאַנג גייסטיג, און פון דער דריטער זייט — אין דעם תהו־ובוהו פון די קאַפּיטאַליסטיש־דעמאָקראַטישע לענדער וואָס האָבן, אָדער זיך גאַנץ ווייניג געקימערט איבער די אידישע ליידן, אָדער האָבן נאָך צוגעטראָגן זייער חלק צו זיי? עס איז כדאַי צו דערפאָרשן דידאָזיגע פראַגע, וואָרום די אידייען פון נעכטן זיינען די געצייג פון מאָרגן. אין דער נייער עפּאָכע וועלן אידן אויף דאָס ניי אויפשטעלן זייער הויז. ווי אַזוי וועט עס אויסזען? ווי אַזוי זאָל עס אויסזען?

אין די מאָנאטן פאַר דער מלחמה איז אין דער אידישער וועלט אָנגעגאַנגען א הייסער וכוח וועגן דעם וויטערדיגן וועג פון אידישן פאָלק. דער וכוח איז געגאַנגען אונטערן צייכן: „צוריק אין געטאָ". די אידישע פרעסע אין דער גאָרער וועלט האָט אין דעם וכוח טייל גענומען און זיין פולסטן אויסדרוק האָט ער געפונען אין די פאַריזער זאַמלביכער „אויפ'ן שיידוועג".

פלוצלינג איז געקומען די מלחמה און דער וכוח איז איבערגעריסן געוואָרן. דאָס אידישע מויל איז פלוצלינג פאַרשטאָפּט געוואָרן מיט זאַמד און בלוט, אינמיטן פון א גרויסן נאַציאָנאַלן חשבון־הנפש.

עס איז גראָד אַזוי געשען אז אין דער גרויסער דעבאַטע אַרום דער פראַגע „צוריק אין געטאָ" — וואָס איז אגב א ניט־ריכטיגע

באַצייכענונג — האָט, צווישן אַ סך אַנדערע זאַכן, אַ געוויסע ראָלע געשפּילט אויך מיין ביכל „אין טאָל פון טויט״. עס איז וועגן דעם ביכל א סך געשריבן געוואָרן אין דער פּרעסע, געוויס ניט אזוי צוליב זיין אייגענעם ווערט ווי צוליב דעם ענין וואָס עס האָט אָנגע־רירט. אַרום פופציג אַרטיקלען זיינען מיר געקומען צו דער האַנט, און מסתמא זיינען געווען נאָך וואָס זיינען צו מיר ניט דערגאַנגען. אָבער נאָך מער ווי די אָפּרופן אין דער פּרעסע האָבן מיך איבעראַשט די פּערזענלאַכע בריוו, אַ גאַנצער שטראָם פון זיי, וואָס איך האָב געקראָגן וועגן דעם ביכל ממש מכל תפוצות ישראל און וואָס האָבן ניט אויפגעהערט צו קומען אין משך פון כמעט אַנדערהאַלבן יאָר. אפילו פון דעם זבאַנשינער לאַגער איז אָנגעקומען אַ בריוו (זייט 124).

און איך האָב געטראַכט: אויב דאָס ביכל אַליין האָט עפּעס אַ ווערט ווי אַן אויסדרוק פון דער צייט, דאַן האָבן די אַרטיקלען און די בריוו נאָך טויזנט מאָל מער ווערט, וואָרום זיי זיינען שוין אַ קאָלעק־טיוור, ניט קיין אינדיווידועלער אויסדרוק. ווען מען זאָל געווען מאַכן אַ מין פאָלקס־אָפּשטימונג וועגן דער אידישער פראַגע אין אונזער צייט וואָלט מען קיין בעסערע רעזולטאַטן זיך גאָרניט געקענט ווינשן. אין דעם פּרט זיינען די בריוו נאָך אפשר וויכטיגער ווי די אַרטיקלען. וואָרום די אַרטיקלען זיינען פון שרייבער וואָסריידן שטענדיג צום עולם און זייערע מיינונגען זיינען באַקאַנט, בשעת די בריוו זיינען דאָס רוב פון מענשן וואָס די עפנטלאכקייט האָט זייערע מיינונגען זעלטן אָדער קיינמאָל ניט געהערט. אַרום און אַרום זיינען די אַר־טיקלען און די בריוו אינאיינעם זייער אַ ווערטפולער היסטאָרישער מאַטעריאַל. זיי זיינען אין פולן זין פון וואָרט אַ פאָלק־סימפּאָזיום איבער דער אידישער פראַגע אין אַ טראַגישער עפּאָכע אין דער אידישער געשיכטע.

יעדן מאָל וואָס איך האָב אריינגעקוקט אין דעם מאַטעריאַל האָב איך געפילט עפּעס אַ נאָגנדיגע מאַנונג. דער מאַטעריאַל האָט אַזוי ווי געגרעדט צו מיר און געמאַנט ניט צו בלייבן באַגראָבן אין אַרכיוו. ער האָט זיך געבעטן פאַרעפנטלאַכט צו ווערן. איבערהויפּט נאָכ׳ן אויסברוך פון דער מלחמה ווען דאָס פּוילישע אידנטום איז אזוי אכזריות׳דיג צעטראָטן געוואָרן. וואָרום צווישן די אַרטיקלען זיינען געווען אַ סך פון אידישע צייטונגען אין פּוילן וואָס זיינען צוליב דער מלחמה אינגאַנצן פאַרניכטעט געוואָרן, און פון שרייבער וואָס זיינען אפשר אומגעקומען. און יענע אַרטיקלען, ווי אויך בריוו פון

יחידים אין די מלחמה געביטן, האָבן מיר איצט אויסגעזען אזוי ווי אַ צואה, אַ לעצט וואָרט פון אַ דור וואָס איז אוועק און קען מער ניט ריידן. און דאָס דאָזיגע וואָרט האָט זיך געבעטן געטראָגן צו ווערן ווייטער.

נון דארף מען קיינעם ניט דערציילן ווי שווער עס איז פאַר אַ אידישן שרייבער אַרויסצוגעבן אַ בוך, ווער רעדט נאָך אַ בוך פון אַזאַ פאַרנעם. נאָך אַ שוועריגקייט איז פאַר מיר געווען דאָס וואָס אין די בריוו, ווי אויך אין אַ סך אַרטיקלען, זיינען דאָ צופיל שבחים פאַר מיר, און איך האָב מורא געהאַט אַז עס קען נאָך אויסזען ווי איך וואָלט געזוכט רעקלאַמע. אָבער איך האָב זיך געטרייסט מיט צוויי זאַכן: ערשטנס זיינען דאָ אַ סך אַרטיקלען וואו איך ווער גאַנץ פיין געזידלט; צווייטנס האָב איך געטראַכט אַז קיינער קען ניט זיין אַזוי געמיין אין זיין האַרצן און חושד זיין א אידן אז ער זוכט פאַר זיך רעקלאַמע און געווינס דורך אידישן אומגליק און צער. און אויב עס וועלן זיך דאָך געפינען אַזעלכע, האָט אויף זיי די גמרא שוין לאַנג געזאָגט: כל הפוסל במומו פוסל. און אַזוי האָב איך גובר געווען מיינע ספקות און באשלאָסן דאָס בוך אַרויסצוגעבן.

אויסערדעם איז גלאַט אַ מצוה ארויסצוגעבן אידישע ביכער. איבערהויפט אין אַ צייט ווען אזוי פיל שונאים ווילן אומברענגען דאָס אידישע פאָלק און זיין וואָרט.

וועגן די שבחים צו מיר וויל איך ערנסט בעטן די לעזער זיי זאָלן זיך ניט אומקוקן אויף זיי, נאָר בעסער זיך אריינטראַכטן אין די געפילן פון די שרייבער גופא. איך אַליין קוק דערויף אַזוי: עס איז די טבע פון אַ חולה, ווען דער דאָקטאָר ברענגט אים אַביסל דערלייכ־טערונג, אַז ער זאָל זיך צובינדן צו אים מיט ליבשאַפט און גלויבן אַז ער איז דער גרעסטער דאקטאר אין דער וועלט, כאָטש ער מעג אפילו זיין ניט אַזאַ אַי־אַי אַ דאָקטאָר. מיין ביכל האָט נאָר געבראַכט אַביסל דערלייכטערונג צו צעוויטאָגטע הערצער, און דאָס דערקלערט די שבחים.

וודא ראיה, ביי א סכ׳ך, ווי דער לעזער וועט געפינען אין עטלאכע אַרטיקלען פון קאָמוניסטן, בונדיסטן, אַנאַרכיסטן און אזוי ווייטער, האָט מיין ביכל גאָר ארויסגערופן גרויס פאַרדרוס און צאַרן. און ווי אַ „דאָקטאָר״ פאַרשטיי איך די סיבה: די זיינען גאָר אַנדערע חולאים, זייער מיחוש איז ניט אין האַרצן, נאָר אין קאָפּ.

צווישן די שבחים וואַרפן זיך דורך אזעלכע ווערטער ווי „נביאיש״

און אפילו „נביא". עס איז ניט גוט וואָס דאָס הייליגע וואָרט „נביא" האָט זיך אָנגעהויבן באַגעגענען אזוי אָפט אין אונזערע ליטעראַטורן. אונזערע חכמים האָבן פאַרגעזען די סכנה אַז דאָסדאָזיגע וואָרט קען נאָך חלילה מיסברויכט ווערן און זיי האָבן פאַרצאַמט דעם וועג מיט'ן זאָג, אַז זינט דעם חורבן בית־המקדש איז די נבואה אָפּגעגעבן געוואָרן צו שוטים און קינדער. נון, האַלט איך זיך אָבער ניט פאַר אַזאַ שוטה צו זיין א נביא. פונדעסטוועגן, ווי דער לייענער וועט זען אין דעם בוך, האָבן זיך געפונען שוטים, כאָטש ניט קיין נביאים, וואָס האָבן פון מיר כמעט געפאָדערט איך זאָל זאָגן מיט'ן הארבן וואָרט צי האָט גאָט גערעדט צו מיר אָדער ניט.

אויב אַזאַ שטות פאַרדינט איבערהויפּט אן ענטפער וויל איך דערויף זאָגן: ניין, גאָט האָט ניט גערעדט צו מיר, אבער איך האָב גערעדט צו גאָט...

אין דעם זאַמלבוך האָב איך ארייגעגנומען נאָר די מאַטעריאַלן וואָס האָבן אַ שייכות צו מיין ביכל „אין טאָל פון טויט". איך האָב אויסגעשלאָסן די זאַכן וואָס האָבן זיך אָנגעקליבן ארום מיין נעכסטן ביכל וועגן דעם „ווייסן פּאַפּיר", אויסער יענע אַרטיקלען און בריוו וואָס באַרירןביידע ביכלאַך אינאיינעם. די זיינען אַריין. אַן אויסנאַם איז נאָר דאָס אַרטיקעלע אויף זייט 308, פאַר גלייכגעוויכט אנטקעגן איינצעלנע נעגאַטיווע אָפּרופן וואָס זיינען אריין אין דעם בוך.

אין א סך פון די ארטיקלען ווערט געפירט א וכוח וועגן דעם תנ"כישן סטיל פון די צוויי ביכלאך. אייניגע פון די קריטיקער לאכן אָפּ פון דעם סטיל ווי א „נביאישע פּאָזע" און האַלטן אז דער תנ"ך־סטיל פּאַסט גאָרניט פאר דער באַהאַנדלונג פון מאָדערנע פּראָבלעמען. וויל איך זאָגן אז ווען איך האָב זיך געזעצט שרייבן דאָס ביכל, דאָס ערשטע ווי דאָס צווייטע, האָב איך גאָרניט אין זינען געהאַט קיין באַשטימטן סטיל, ניט קיין תנ"כישן און ניט קיין אַנדערן. ס'איז געקומען פון זיך אליין. דער סטיל האָט אין אמת'ן זיך פון וואָרט זיך אליין אויסגעקליבן. און ווען איך האָב שפּעטער געפּרובט ראַ־ציאָנאַליזירן די זאַך האָב איך עס פאר זיך אליין דערקלערט דערמיט וואָס וועגן אזעלכע גוואַלדיגע געשעהענישן ווי עס קומען פאָר היינטיגע צייטן מיט'ן אידישן פאָלק און מיט דער וועלט בכלל קען מען גאָר ניט שרייבן אַנדערש ווי דוקא אין תנ"כישן סטיל. ווי דען, אין דעם פּובליציסטישן אָדער לייטאַרטיקל סטיל? עס האָט מיר דאָ מיין אי־דישע ערציאונג אונטערגעזאָגט דעם וועג. מיין חדר האָט מנצח

געוועזן מיין וועלטלאכע בילדונג. ווייל דער חדר איז אמת׳ער ווי די וועלטלאכע בילדונג.

און עס האָט מיך שפּעטער זייער געפרייט צו לייענען דעמזעל־ביגן געדאַנק זייער שיין אנטוויקלט אין אַן ארטיקל אין „אונזער צייטונג״ פון ריאָ דע זשאַניירא. דער אַרטיקל איז געווען אונטערגעשריבן „ניעקי״, נאָר מיר האָט זיך לײדער ניט איינגעגעבן אויסצוגעפינען דעם אמת׳ן נאָמען פון דעם שרייבער.

דער מאַטעריאַל וואָס גייט אריין אין דעם זאמלבוך וואָלט גע־דאַרפט אַנאַליזירט און אָפּגעשאצט ווערן, אָבער דאָס לאָז איך איבער פאַר אן אנדער צייט און ליבערשט פאַר אנדערע הענט, כאָטש אביסל האָב איך עס געטאָן אין מיינע קאָמענטאַרן. אָבער וואָס איז שייך די בריוו וויל איך נאָר אָנווייזן אויף דער פּשוט איבערראשנדיגער מייס־טערשאַפט מיט וועלכער פאַקטיש אלע פון זיי זיינען געשריבן.

מיט אַ סך בריוו־שרייבער האָב איך גערעדט וועגן מיין פּלאַן און זיי האָבן מיר גערן געגעבן רשות אָפּצודרוקן זייערע בריוו. וואָס איז שייך די אַנדערע האָב איך אָנגענומען אַז זיי וועלן גאָרנישט האָבן קעגן דעם, ווייל זיי זיינען דאָך אודאי ניט געווען אחד בפה ואחד בלב.

צום סוף אַ וואָרט וועגן דעם נאָמען פון דעם זאַמלבוך. דאָס גאַנצע זאַמלבוך, ווי געזאָגט, באַשטייט פון די אָפּרופן אויף מיין ביכל „אין טאָל פון טויט״. האָב איך עס דעריבער אָנגערופן: „די שטימע פון טאָל״.

**חיים ליבערמאַן**

י״א אדר א׳, ת״ש.

# בריוו פון רבנים

1

## הרב יוסף צבי אהרנזאָהן

ניו בריטיין, קאָנג.

ניו בריטיין, קאָנ., זונטאג, י״ג כסלו, ת״ש

ווערטער פריינט מר. ליבערמאַן:

אייער ווערק „אין טאָל פון טויט״ וואָס איר זייט געווען אַזוי גוט מיר צו שיקן, האָב איך דערהאַלטן.

איך בין שטאַרק בעאיינדרוקט געוואָרן פון די צייטיגע און צו־טרעפלאכע געדאַנקען אַרויסגעזאָגט אין שטאַרקע מעכטיגע ווערטער. איך דאַנק אייך פאַר דער מתנה און בלייב

אייער פריינט,

הרב יוסף צבי אהרנזאָהן

2

## הרב שלמה באָגין

„במנין חדש״ ובבהכ״נ „בני שלום״

עקראָן, אָהייאָ

בעזה״י מאַי 30, 1939.

ליבער חיים ליבערמאַן!

איך האָב באַקומען אייער בוך „אין טאָל פון טויט״, פאַרוואָס איך דאַנק אייך טויזנט מאָל. מיין מיינונג וועגן בוך קענט איר זען אין דער בייגעלייגטער רעצענזיע.[1])

איך בין זייער צופרידן וואָס איך האָב זיך באַקענט מיט אייך כאָטש שריפטלאך. איך האָף צו זיין אין נויאָרק און פערזענלאך זיך באַקענען מיט דעם מענשן וואָס איז מיר אַזוי נאָענט צו מיין נשמה.

אייער,

שלמה באָגין

---

1) די רעצענזיע איז געדרוקט אויף זייט 305.

3

## הרב זלמן בארער

מחבר ספר דברי מהר״ז עה״ת

ווילקעס־באר, פא.

ב״ה, י״ט כסלו הת״ש לפ״ק

שלום רב להמהולל בתשבחות המופלא וכ״ט מלא

כש״ת ה״ר חיים ליבערמאן שליט״א

אחדש״ה קבלתי מנחתו. מפעלותיו משתקפיים כבראי בהמנחמה בלולה בעבר והוה ועתיד. ובלשון של זהורית יגולל לפנינו המעוראות והתלאות שעברו ועוברים על אחינו בנ״י ע״י הזדים הרשעים הארורים ימ״ש וזכרם. ובתקוה טובה על העתיד הבה נקוה לה׳ כי ישמחנו כימות עניתנו ובקרוב נזכה כולנו חזות בישועות כלל ישראל במדה טובה מרובה כחפץ ועתירת כל בית ישראל אכיה״ר.

**זלמן באַרער**

4

## הרב אברהם י. ביק

רב לעדת תומכי תורה, ברוקלין.

אָקטאָבער 6, 1938

זייער חשוב׳ער שריפטשטעלער חיים ליבערמאַן!

א שיינעם דאַנק אייך פאַר אייער צוגעשיקטער בראָשור „אין טאָל פון טויט״, וועלכע איך האָב באַקומען ערב יום כפור. געלייענט האָב איך זי נאָך אין „וואָכנבלאַט״, און בין באַגייסטערט געוואָרן. עס איז צו באַוואונדערן אייער טיף־אידישע רעוואָלוציאָנערע שעפערישקייט, וואָס ציט זיך פון „שדים אין מאָסקווע״, די דעבאַטע מיט דר. זשיט־לאָווסקי׳ן, ביז דער איצטיגער בראָשור. עס איז אויך צו באַוואונדערן דאָס ניט קענען אריבערגיין איבער דעם שוידער פון אונזער אידישער און מיאוסער ווירקלאַכקייט. יאָ, חשוב׳ער קאָלעגע, ה׳ אלהים דיבר אליך מי לא ינבא! אָבער וועגן אייער בראָשור קלייב איך מיר אָנצו־שרייבן א רעצענזיע אין „אידישן קוריער״ פון שיקאַגא, וואו איך שרייב יעדן זונטאג. (אויב ס׳איז אייך באַקאַנט, אויף דער ליטעראַרישער זייט).

מיטן „אין טאָל פון טויט" האָב איך מיך באַנוצט פאַר „הזכרת נשמות" רעדן יום כפור פאַר אן עולם פון קרוב צו טויזנט, און זיי זיינען גערירט געוואָרן. „קול המון" האָט אויך עפּעס צו זאָגן.

איך האָף מיר וועלן זיך באַקענען בקרוב.

מיט בעסטע גרוסן,

אייער

**אברהם ביק**

5

## הרב חיים בהר"ב ר' יצחק ביק

רב דלאָורענס, מאַסס.

לאָרענס, מאַסס., שבת אוונט, פ' ויגש, ת"ש

געערטער ה' ליבערמאַן:

צום ערשטן א גרויסן דאַנק פאַר אייער בוך „אין טאָל פון טויט". איך האָב דאָס געלייענט און „איבערגעלייענט".

זייט 14 ביז 16 הײַנט פרי דאָס געלייענט פון בימה אין מיין וועכנטלאַכער דרשה. איך וואָלט זיך ניט שעמען, וואָלט איך אייך גערופן דער היינטיגער ירמיהו, דער היינטיגער „מקונן לאומי". איר דאַרפט ניט מיין הסכמה בנוגע אייער אידישקייט מי יתן ומי ירבן. עס קען זיין געוויסע חלוקי דעות וועגן דעם „מאָרגן". אָבער ווער קען דענקען וועגן דעם מאָרגן ווען דער „היינט" איז אזוי לאַנג. איך וויל דאָס איבערזעצן אין ענגליש אָבער וואו נעמט מען אַזאַ שפּראַך?

מיין פלימעניק הרב אברהם ביק האָט מיט מיר גערעדט פון אייך. איך האָף בקרוב צו זיין אין ניו יאָרק. עס וואָלט זיך וועלן רעדן מיט אייך פּערזענלאַך.

מיט אכטונג,

**חיים ביק**

נ. ב. אויב איך דענקט עס איז דאָ א מעגלאַכקייט צו פאַרשפּרייטן אין אונזערע מקומות הריני מוכן ומזומן.. איך האַלט עס איז נויטיג, וויל צום באַדויערן פאַר־שטייען ניט אונזערע אידן דעם איצטיגן מצב.

6

## הרב שאול י. ביק

רב בפה איסט נויאָרק

געוועזענער רב אין מעזביש, קאמארין

און מאָהליוו־פאָדאָלסק

בעה"ש.

אהובי אלופי ומודעי סופר נכבד מר ליבערמאן

שלום שלום לך פעמים מאת קונה ארץ ושמים!

קראתי את ספרך הנכבד „בגיא צלמות" המלא אהבה וחבה לתורתנו הקדושה ולעמנו האומלל המפרפר כעת, ומאד מאד נהנתי מספרך היקר שלוחם אתה בעד האמת. וקח נא את ברכתי שהבוחר בתורה ובעמו ישראל יזכה אותך לראות היקרה שיתגבר האמת על השקר והאור על החושך ומלאה הארץ דעה את השם כמים לים מכסים.

כעתירת ידידך אוהבך בן ארצך,

**שאול י. ביק**

מלפנים רב בערי מעזיבוש וקאמארין

ומאהלוב־ פאָדאָלסק ברוסלאַנד, וכעת

רב בפה איסט נויאָרק, ברוקלין

7

## הרב משה בהרב אברהם פינחס בערמאַן

רב בראָטשעסטער, נ. י.

ב"ה יום ה' ח' חודש כסלו, הת"ש.

איש חשוב חכם ונבון אדם ביקר מר חיים ליבערמאַן, יחי' שליט"א!

את הביכל „אין טאָל פון טויט" קבלתי, וקראתיו פעמים בשים לב. ונזדעזעו כל אברי ורחפו כל עצמותי, כי הבליט לנגד עיני השוד והשבר תאני' ואני' של בת עמי, מהעמים עריצים ואכזרים השואפים להשמיד את תולעת יעקב. ומאידך גיסא, גם חוט של חסד מתוחה ותקוה טובה נשקפת לעמנו הנדכא. דבריו העמוקים והמחוכמים מפליאים את הלב וחודרים לחדרי בטן. ה„ביכל" לא יקרא שמו „ביכל" אלא מרגלית טובה ואבן יקר באוצר דברי ימינו, ות"ח לו.

מכבדו ומוקירו,

**משה בערמאַן**

8

RABBI WILLIAM G. BRAUDE, Ph.D.
TEMPLE BETH EL
Congregation Sons of Israel and David
Providence, Rhode Island

September 15, 1939

Dear Mr. Lieberman:

I received your two essays and was greatly impressed by their vigor, their beauty and depth of conviction. If I could see the world in black and white, I would accept your views. But the color of gray is sprinkled everywhere and we are not free from it.

Accept my good wishes for the New Year.

Sincerely, **Wm. G. Braude**

9

## הרב יעקב דוב גאָרדאָן

רב בבית מדרש הגדול עדת ישורון
בראנקס, נ. י.

בע"ה. יום ז' לחודש תשרי, ת"ש.
לכבוד הסופר החשוב חיים ליברמן.
ידיד נכבד:

הטרדות השונות הכרוכות בחגים ההולכים ובאים לא נתנו לי את ההזדמנות הנאותה לפנות את לבי אל מחברתך הנאה, „בגיא צלמות" שנתכבדתי לקבלה על ידך. אך מכיון שחודש זה הוא חודש שכלו חג וחושש הייתי משום בל תאחר, הכרח היה לי להסיח את דעתי מטרדות אחרות ונטלתי לעצמי שעה מיוחדת להכנס לפני ולפנים אל תחום המחשבה של המחברת האמורה והריני מעלה על הגליון כמה עיונים ומחשבות שעלו בלבי מתוך קריאה ואתה, מחבר נכבד, היית הגורם להם...

עברתי על המחברת בעיון רב והריני אומר בלי שום נדנוד ואבק חניפה, חס ושלום, שלא קראתי במעוף המחשבה, בטוהר הרגשה אנושית ובהכרה לאומית מזוקקת כמותה.

ראויה מחברת חשובה זו להיות נפוצה בישראל ברבבות טיפסים, כדי להביא שנוי ערכין בלב האינטלגנציה הראדיקלית שלנו לשבר את אליליה שהקימה מזבחות והקריבה קרבנות לכבודם ולשוב אל שר האומה אשר במסתרים תבכה נפשו ושופך את דמעותיו לתוך ים הגדול בצערן של ישראל.

הריני לוחץ את ידך, מחבר חשוב, על אבני הבליסטראות שזרקת כלפי „דת האהבה״, כביכול שהיתה לנו למפלצת איומה במשך הדורות וברכה בשם ומלכות כל עלילות שטנה ומעשים תעתועים שהציפו אותנו על ידי מחזיקיה מיום בואה על הבימה האנושית.

הדברים הקולעים תועלתם מרובה גם כלפי פנים למען דעת התנוקות שנשבו בין העכו״ם שמשיח עדיין לא בא והיזואיטים לצבעיהם השונים לא יביאו מעולם גאולה לאנושית השוקעת.

חבל, שבנוגע לסוציליות צמצמת את הדבור והסתפקת ברמז קל שאינו מניח את הדעת.

שעת הקריאה היתה לי שעה של התיחדות פנימית ועלית נשמה והריני מודה לך עליה מעומקא דליבא.

בידידות רבה ובברכת שנה טובה,

שלך,

**יעקב דוב גאָרדאָן**

10

## הרב יוסף דאַנאָווסקי

ניו־יאָרק, דעם 28 אָקטאָבער, 1938

ווערטער מר. ליבערמאַן!

איך האָב געקויפט אייער „אין טאָל פון טויט״, און וויל אייער אַרט שרייבן איז העכער ווי ליריש, מער אַלס פּאָעזיע, שטאַרקער פון די עוואַנגעליסטן און אײַנדרוקספולער פון די סיביליען. נענטער, אַ סך נענטער צו דער אומשטערבלאַכקייט פון די נביאים ווי צו די פלעגמאַטישע פילאָזאָפישע בייטראַגן. ווער דאַרף היינט לאָגיק און ווער נויטיקט זיך אין איבערצייגונגען? דער שדים טאַנץ פון דער היינטיקער אייראָפּע, און דער גרויסער טעות פון דער ציוויליזאַציע ווייזט קלאָר אז די ענציקלאָפּעדיסטן און די הומאַניטעט פארשפּרייטער אין רענעסאַנס זיינען ניט שטאַרקער געווען ווי די טעאָלאָגן און קירכנלערער אין מיטלאלטער.

„צייטן בייטן זיך און מיר מיט זיי״. „אָ טעמפּאָרע אָ מאָרעס״. די וועלט נויטיגט זיך היינט אין וואולקאַניש־פייערדיגער לאַוואַ־

קראַפט, וואָס זאָל אזוי רעטאָריש קענען שטורמען און ווייזן די פאַלשקייט פון באַרבאַריזם און מענשנהאַס, וואָס זאָל צושמעטערן די דיקטאַטאָרן־הערשאַפט און צוריק אויפהייבן דאָס ויסן וואָס איז העכער ווי דער פויסט, וואָס זאָל אויסרייסן די בעסטיאַלישע קערנער פון מענשלאכן זיין, און מילדערן די מענשהייט און אויפהויבן זי צו אַ העכערער שטארקערער מדרגה.

„היסטאָריע ווידערהאָלט זיך", אָבער וואו דער פייער גרייפט אָן פאַרניכטעט ער, און די אָנגעגריפענע קוקן מיט אנטוישונג ווי זיי וואָלטן פרעגן: און די זון שיינט נאָך? יענע אַלטע פראגע וועלכע די אומציוויליזירטע האָבן געפרעגט אלכסנדר מוקדון.

אין „אייער טאָל פון טויט", ה' חיים ליבערמאַן, פילט זיך דער מענשלאכער פראָטעסט צום פאַטאַלן פאַנאַטיזם און כוליגאַניזם.

איר זיינט ווי דער ירמיהו פון היינטיגער עפּאָכע און דער היי־סער בן אמוץ, אַ מין „בטרם תבוא הנחמה תצא הנשמה"... פריינט ליבערמאַן, אויב אַמאָל האָט מען אייך אפשר ניט געקענט רעקאָמענ־דירן דעם דורכשניטלאכן אָרטאָדאָקסישן אידנטום צוליב אַטעאיס־טישע אויסדריקן, איז אָבער ניט אַזוי „אין טאָל פון טויט". עס רייסט, עס נאָגט, עס רופט סימפּאַטיע, ווי, ליידן, און צער, פונקענדיגע שלאָנגען גיסן זיך אַלע צוזאַמען אין אייערע „לאָזונגען", מענש־טייוול — ווי ערלויבסטו זיך אזוי צו דערנידעריגן דעם גייסט? אין אַ פינס־טערניש האָט איר אייער פּאָעמע געשאַפן...

איך וואָלט וועלן דער גאַנצער בוך זאָל אין אַ טעגלאכער צייטונג געלייענט ווערן און די וועלט זאָל וויסן, פילן אייערע דיכטערישע מאָמענטן.

א דאַנק. מיט אכטונג,

**הרב יוסף דאַנאָווסקי**

11

## הרב יוסף מאיר דזשייקאָבסאָן

### ביהכ"נ מחזיקי הדת

### באָסטאָן, מאַס.

היום שני בשבת לסדר „מראה אש לילה".

שלמא רבא לגברא רבא לחיים איש אהוב,

החוברת „בגיא צלמות" שכבדני מר קבלתי, מודה אני לפניך כי היא מלאה מוסר ותקוה טובה לנו ולכל ישראל. ומה שהעיר ע"ד

„על חטא", בארתי מה שאנחנו אומרים „אָשמנו מכל עם" שהוא נגד האמת, רק „אשמנו" — מה שאָנו „אשמים" זהו „לקחנו" מכל עם, בהיותנו בגלות.

ונזכה לביאת הארץ בקממיות. המוקיר ערכו,

**יוסף מאיר דזשייקאָבסאָן**

12

## הרב א. מ. האָלצמאַן

נויאָרק

פעברואר 25, 1940

מיין ליבער פריינט ה' חיים ליבערמאַן:

דערהאַלטן אייער ווערקל „אין טאָל פון טויט" און געלעזן פון אָנהייב ביז ענדע און האָלט עס אין לעזן דעם צווייטן מאָל.

האָב געוואָלט זיך אָפּקילן פון באַגייסטערונג נאָכן לעזן, אָבער האָב איך מורא איך זאָל ניט ערגער מאַכן, ווייל די באגייסטערונג וואַקסט מיט יעדן מאָל לעזן. קיין וואונדער וואָס די רבנים זיינען אזוי באַגייסטערט פאַר דעם פּראָפּעטישן ברילִיאַנט וואָס אייך איז געלונגען איינצופאַסן אין א קליינעם אָבער העכסט מאָדערנעם רינגעל, דורך א קאָמבינאַציע פון הארץ און מח — א צעווייטיגט, נאַציאָנאַל־רעליגיעז, פילענד האַרץ, באַזעלט פון א חריפות'דיגן מח וואָס איז אויסערגעוויינלאך.

ווי געשמאָלצענע גאָלד פון אַ קאָכעדיגן קעסל רייסן זיך די שטילע קרעכצן פון א פלאַקערדיגן האַרץ און ווערן פאַרוואַנדלט אין שפּיזלען געגן דעם שונא פון היינט, וואָס מוז באַזיגט ווערן פון מאָרגן.

איר ווישט אָפּ א טרער פון פאָלק'ס אויג און א קרעכץ פון זיינע ליפּן. זאָל אייך דער השי"ת בענטשן.

ידידו המכבדו,

**א. מ. האָלצמאַן**

13

## הרב יצחק הוטנער

מנהל מתיבתא חיים ברלין

ברוקלין, נ. י.

ד' אד"ש, ת"ש.

כבוד מר חיים ליברמן, שלום וברכה!

קבל נא בזה תודתי בעד מחברתך „אין טאָל פון טויט" אשר הואלת לשלוח לי.

אלמלי הוטל עלי למצוא סיסמא למחברתך כי אז הייתי בוחר בפתגמו של הלוי: „ישראל באומות כלב באיברים, רב־הבריאות מכולם, ורב־החולי מכולם". והאלך נימוקי בזה. מרובים הם הדברים כעת במחננו על דבר ה„הכרה הלאומית" המתעוררת בעטים של צרות ישראל בזמננו, אחרים מותחים את הקו הלאה ומרבים שיחה על דבר „המצפון הדתי" שהתחיל להכות גלים הודות להפורעניות המתרגשות ובאות עלינו; במחברתך אתה בא לכלל ביטוי יחס נפשי יותר עמוק מאשר סתם הכרה לאומית ומצפון דתי, כי על כן שני שמורת יש לו לעם ישראל: מצד אחד „עם שרידי חרב", ומצד שני „עם מדשני עונג". לכאורה היה נדמה ששני התארים הללו מתיחסים לשתי תקופות שונות, ברם בחזון מחברתך משתקפות שתי התכונות הללו כשהן משתזרות ומתפתלות זו בתוך זו. שהרי בכל מקום שאתה מוצא את בני העם הזה בתור שרידי חרב אינו אלא מחמת אידיאת קידוש השם האוחזת בציצית ראשם מדעתם או שלא מדעתם, ובכל מקום שאתה מוצא קדושת השם מתמלאת הנפש דשן־עונג של הרגשת מקור־ההויה. והתפתלות שני התארים הללו לשזירה אחת היא היא הקובעת את דמותנו בעולם דוגמת הלב באיברים אשר ריבוי־החליים וריבוי־הבריאות שניהם שני צדדים של מטבע אחד הם, ותפיסה נהדרה זו המרגשת את ריבוי־הבריאות שלנו דרך ריבוי־החליים שלנו קבלה ביטוי מרהיב ומלבב בדברי מחברתך — ועל זה תשיגך ברכת כל קורא בעל לב רגש ועין חודרת.

והלא כך שנו רבותינו זכרונם לברכה „גר שבא להתגייר אומרים לו אי אתה יודע שישראל בזמן הזה דוויים סחופים ומטורפים, אם אמר יודע אני ואיני כדאי לכך קבלין אותו", ואם הכרה זו במהותן של צרות ישראל תנאי מוקדם הוא לכל זה הרוצה להכניס לפנים, כמה הכרחית היא, איפוא, לכל הנמצא בפנים מכבר...

לאחר עברי על דבריך מסרתי את מחברתך לשם קריאה לאחדים מתלמידי בית מדרשנו ומענין למסור לך את הערתו של אחד מהם בשעה שהחזירה לידי: „לפרקים מחברת זו נקראת כמו אגרת תימן מודרנית". ובעמוד 24 של מחברתך מצאתי הגהה על הגליון בכתב ידו של הנ"ל „אנחנו נמשלנו לעפר שהכל דורכים עליו ולבסוף הוא עולה על דורכיו". הדברים כצורתם הם ציטטה מאגרת תימן.

ולבסוף הנני רוצה להעירך על אי־אלה ביטויים במחברתך. בעמוד 7: „נאָר אפשר דאַרף מען אַ ניי וואָרט אויסשמידן פאַר די מאַרטירער פון אַן אומגלויביגער צייט: קידוש האדם”. ביטוי זה אינו בהתאם למהלך־דעתנו המשוכנעת כי אי אפשר ל"ה למחשבה שאינה תופסת את המושג של קדושת השם להכיר את קדושת האדם, ולכן באמת, לפי דעתנו, אין תקוה לדור כופר בהמצאת ביטויים חדשים שישמשו במקומם של המושגים הרעננים של האמונה המקורית.

בעמוד 33 „עס האָט גענומען יאָרטויזענטער פאר'ן ים זיך איינצושטעלען”, כמדומני שעצם הציור המובע בכאן לא היה מפסיד הרבה אם היה מספר האלפים נשמט מתוכו.

ועל"ז זה הנני בא על החתום ברגשי כבוד,

**יצחק הוטנר.**

## 14

# הרב הלל יעקב הורוויץ

מחבר ספרי „חזיוני נוער”, „תהלות יעקב” ו„בית הלל”

ק"ק בני ישראל, פענסאקאָלא, פלאָרידא.

יום א' „כי תצא למלחמה על אויביך”

לכבוד החכם המשכיל המופלג מו"ה ר' חיים ליבערמאן נ"י,

מיט הארצלאכער דאַנקבאַרקייט און טיפן געפיל האָב איך געלעזן אייערע צוויי בראָשורן „אין טאָל פון טויט” און „אויב איך וועל עס דיר פארגעסן, ענגלאנד!” איך ווייס, אַז איר נויטיגט זיך ניט אין מיין הסכמה. ווייל כבר נגמר עליהם ההלל פון די בעסטע קריטיקער אין דער אידישער פרעסע. אייערע ווערטער זיינען דער טריבונאל פון יעדן אידישן האַרץ, און דער עכאָ וואָס קלינגט ארויס פון די נשמות פאַרגוואַלדיגטע און פארפייניגטע פון די רשעים.

און אָבוואָל עס ווערט לייכטער אויפ'ן הארצן ווען מען רעדט זיך ארויס, אָבער נאָך בעסער וואָלט געווען ווען מען קען אָט דיזע פאַפירענע פיילן איבערזעצן אין ענגליש, אין דייטש, אין רוסיש א. א. וו. און אריינשיסן זיי צו די פיינט אין זייערע הערצער, וואָלטן זיי אפשר געווירקט שטאַרקער ווי זייערע שטאָלענע פיילן, און עס וואָלט אויפ־געטרייסלט זייערע נערוון. יעדנפאלס וועלן זיי זען, אַז דער איד באַגרייפט זיי, אַז דער איד קען זיי, אַז מען קען דעם אידן ניט נאַרן.

ה' נתן לך לשון למודים. לך בכחך זה, וה' יצליח דרכך. ובהכרת טובה הנני שולח לך גם את שני ספרי „חזיוני נוער”.

ממני המכבדו כערכו הרב ה"ת

**הלל יעקב הורוויץ**

15

## הרב משה הורוויץ

מחבר הספרים:

„דרשות הרמה", „חזיונות הרמה", „הגיונות הרמה", ו„השקפות הרמה"

א.

ניו־יארק, ב"ה כ"ה אלול, התרצ"ט.

לכבוד הסופר המפורסם מר חיים ליבערמאַן:

קבלתי את מחברתו היקרה „בעמק המות" שעשתה עלי רושם נמרץ. הלב העברי שבקרבו התפרץ החוצה ומחא בזעקה גדולה ומרה הקורעה לבבות. אבל לדאבון לבבי הנני מוכרח לאמר, שבפעם הזאת אשמים אנחנו בכל הרעה אשר מצאה אותנו. בתור עם שהאיר לעולם בתורתו השתמשו כל החלאה והזוהמה שבנו יחד עם הרבה מסופרינו להפיץ התורה, שמותר לשפוך דם אדם כמים...[1]

הרמה

ברגשי כבוד ויקר ובכוח"ט,

בבקשה לשלוח לי גם מחברתו השני' מחאתו נגד אנגלי' שעשתה רושם כביר על קוראיה, והנני מעריץ כל סופרי ישראל המשתתפים בצער האומה באמת... שקשה למצוא אותם...

הנ"ל

16

ב.

ב"ה ג' לחודש חשון הת"ש.

לכבוד הסופר המפורסם חכם לבב ואמץ כח ללחום מלחמת האמת מר חיים ליבערמאַן שלום רב!

ספריו קבלתי. תודה רבה. מחאתו נגד אנגלי', כמעשהו במחאתו נגד כל הגוים בספרו הראשון: מחאה ואנחה השוברות כל גופו של האדם העברי, ועושים רשמים עמוקים בלבבו הפצוע. אבל אחרי כל אלה תועלת ממשית אינם יכולים להביא נגד הגוים ערלי לב וערלי בשר: ראשונה מלאכי חבלה שלהם אינם נזקקים לשפתנו. והשנית מי יוכל לדון עם מי שתקיף ממנו. בעת שקבלה בידיהם מהפילוסוף של הרוצחים: שרק החלש אומר דברי מוסר, והתקיף עושה מה שלבו חפץ וזה זכותו.

---

1) זע הערה אויף נעססטער זייט.

אבל ספריו נגד שלשה פושעי ישראל או יותר טוב לאמר נגד רודפי ישראל, המה מביאים תועלת רבה לעמנו...[1]

ומפני שמצאתי בספריו דברים של טעם ובו לב רגש, גליתי לפניו את רגשי לבבי הסוערים... ולאות הוקרה והערצה אנכי שולח לו את ספרי החדש „הסתכלות הרמה״, בבטחוני שימצא בו דברים שראוים להשמע בכל מפלגותינו. וביחוד המאמרים האלה: „כל יתר כנטול דמי״, „מלחמת באי הארץ והנולדים״, „הדת והלאומיות״, „הדיבוק״, ההספד „על מארי דארעא ישראל הגאון קוק״, דרוש י״ב, דרוש י״ג. ואל תירא מזה שהוא מכונה ספר דרושי.

בהוקרה והערצה,

הרמה

## 17

## הרב שמעון ווינאָגראַד

רב דבית הכנסת אנשי ליבאָוויטש

מילוואָקי, וויסקאנסין

ב״ה. מילוואָקי, ז׳ טבת ת״ש.

כבוד הסופר המפורסם מר חיים ליבערמאן,

סופר נכבד,

אני מודה מאד לכבודו בעד מחברתו החשובה „בעמק המות״ שהואיל לכבדני בה.

קראתי את המחברת מעבר לעבר ומצאתי בה דברי טעם ובינה יתירה שיצאו מקולמוס מלוטש של סופר זקן ורגיל המכיר ומרגיש בצרת עמו ומבכה את גורלו.

לפני שבועים נתתי הרצאה על ספרו לפני חברי הסתדרות עברית המקומית וקראתי לפניהם פרקים ממחברתו. תוכן השיחה היתה: הכרזה פומבית של הסופר ומחברתו על פשיטת רגל מלאה של האלילות המודרנית שהתעה את בית יעקב במאה האחרונה והנוכחית וקריאה גדולה להמוני בית ישראל לחזור למקורות הנאמנים אשר לא יכזבו מימיהם.

---

1) דאָ קומען זאכן פון אַ גרויסן היסטאָרישן ווערט, לגבי חוץ און לגבי פנים, וואָס ס׳איז נאָך ניט געקומען די צייט צו פאַרעפנטלאַכן.

מי יתן וסופרי עמנו ילכו בנתיבותיו ויבינו למלאות את חובתם לעמם ולא אפון שכ׳ לא יעזוב קשת הסופרים מידו עד אשר יגלה לפני קוראיו המרובים את הטוב והמאור שביהדות הכתובה והמסורה יהי׳ זה שכרו בין סופרינו המעולים שהנציחו את שמם לדורות.

מאת מכבדו בתודה,

**שמעון ווינאַגראַד**

## 18

## הרב מענדל חאָדראָוו
### ניו יאָרק

ב״ה, ט״ו כסלו ת״ש

זייער חשוב׳ער ר׳ חיים ליבערמאַן:

א האַרציגן דאַנק פאַר אייער מתנה „אין טאָל פון טויט״, פון וועלכן עס קוואַלט לעבן... עטלאַכע בלעטלאַך וואָס אַנטפּלעקן וועלטן, „כי האלקים בשמים ואתה על הארץ על כן יהיו דבריך מועטים״. געטלאכע ווערטער זיינען קורצע ווערטער וואָס זאָגן פיל.

„אין טאָל פון טויט״ איז אויך א מאָדערנע ודוי אָדער א קינסט־לערישע נבואה — אפשר ביידע.

זייט געבענשט פון ג־ט פאר אייער האַרציגן אמת.

אין פארערונג,

אייער

**רב מענדל חאָדראָוו**

## 19

## הרב דוב אריה חייט
### רב בבאָסטאָן
### מקודם הרב דליבוי לעטלאנד
### מחבר ספר „אוצר הרעיון והמחשבה״

ב״ה יום י״א טבת ת״ש

אדון וסופר נעלה מאד ה״ה חיים ליברמן.

מאשר אני בזה בתודה מרובה ועמוקה ע״ד קבלת מחברתו המלאה ענין ודברים נשגבים. ואמנם המחברת הזאת „אין טאָל פון טויט״

כבר באה לידי לפני עשרה חדשים בערך ואז הבעתי את דעתי עליה כי היא הגולת הכותרת מכל ספריו אשר העשיר את הספרות האידית.

ואני ברכתי לאדוני הסופר המצון כי רוח ה׳ הנוחה עליו ועל עטו המבורך לא יסור לעולם ויזכה עוד לצייר לנו גיא של חיים רעננים מלאים שמחה והוד לעמנו.

בכבוד והערצה רבה

**דוב אריה חייט**

20

## הרב שמואל אפרים טיקטין

(אנציקלופדיה לתולדות הרבנים)

ניו יאָרק, יום ג׳ לחדש מנחם אב, תרצ״ט

זייער חשוב׳ער הער חיים ליבערמאַן:

איך בין נאָרוואָס ארויס פון האָספּיטאַל נאָך א לאַנגער און שווע־רער קראַנקהייט מיט היבש עטלאַכע אָפּעראַציעס, און עס פעלט מיר נאָך יעצט אויך א סך צום פולשטענדיגן געזונט. עס האָט מיר דערפאַר געפרייט, אז איך האָב היינט דערהאַלטן אייערע בראָשורן: „אין טאָל פון טויט״ און „אויב איך וועל עס דיר פאַרגעסן, ענגלאַנד״, ווייל זיי האָבן מיך פשוט דערפרישט און געשטאַרקט.

אייערע ווערטער אין איינער ווי אין דער צווייטער פון אייערע בראָשורן זיינען ווי שווער־וויכטיגע האַמערס וואָס מוזן מאַכן אן אייב־דרוק וואו זיי דערגרייכן. וואָלט אויך זיי ניט געווען אָנגעגעבן דער אדרעס פון 175 איסט בראָדוויי וואָלט איך גלויבן, אז איך הער א שטים פון אונזערע אמאָליגע דרשנים, ווי דער כעלעמער, צב״ש, וואָס זייערע ווערטער זיינען געווען פלאַם־פייער, האָבן געברענט און גע־שרפ׳עט, און האָבן געהאַט אלע אייגנשאַפטן צו מאַכן דעם געווינשטן איינדרוק.

איך דאַנק אייך זייער פאַר אייערע צוגעשיקטע קונטרסים, איך וועל זיך מיט זיי באַנוצן אין אן ארטיקל אין דער ארץ ישראל׳דיגער העברעאישער פרעסע.

מיט כבוד און דרך ארץ,

**שמואל אפרים טיקטין**

21

## הרב פראָפ. חיים טשערנאָוויץ

(רב צעיר)

דעם 18 יוני, 1939

זייער געערטער פריינט חיים ליבערמאַן נ״י,

שלום וברכה!

אייער ביכל האָב איך איבערגעלייענט נאָך איידער איר האָט עס מיר געשיקט. עס איז געשריבן מיט פיל אידיש האַרץ און וויטיג און טיפער הרגשה.

בכבוד וברכת ציון,

**חיים טשערנאָוויץ**

22

## הרב משה מאיר ישר

ברוקלין, נ. י.

בעז״ה כ׳ חשון התרצ״ט

כבוד האדון הנעלה סופר וחכם מר ליבערמאַן נ״י

שלום!

א האַרציגן דאַנק און יישר כח אייך פאַר דעם בריוו וועלכן איר זייט געווען פריינטלאך מיר צוצושיקן צוזאַמען מיט אייער בראָ־שורע „אין טאָל פון טויט״.

איך האָב דאָס לעצטע דורכגעלעזן און געהאַט אַ גייסטיגע צו־פרידנהייט דורכלעזנדיג אייערע שטורמיש־פּאָעטישע געדאַנקען מכח אונזער ליידענדן פאָלק. עס איז ווירקלאך צו זען אויף טריט און שריט, אז די אַלע אזוי־גערופענע העכערע אידעאַלן וועגן מענשהייט בכלל און די הייליגע און מאָראַלישע רעכט פון יחיד בפרט האָבן אויף דער גויאישער וועלט געהאַט בלויז אַן אויבערפלעכלאכע השפעה און קיינמאָל האָבן זיי צווישן די אומות העולם קיין טיפע וואָרצלען ניט געשלאָגן. דעריבער אויב ס׳קומט אַן אומגעווייגלאכער ווינט צו־שטערנדיג אלע אָנגענומענע רעגעלן פון עטיק און מאָראַל וועלכע האָבן ביי זיי בלויז אַן אויסערלאכן אינהאַלט, ווייזט זיך ארויס דאָס חיה׳שע וועזן.

מיט פיל דאַנקען און טיפער אכטונג,

**מ. מ. ישר**

23

## הרב בצלאל כהן

רב לאגוה"ק פטרסון, נ. דזש.

ב"ה כ"ב טבת, ת"ש

זייער חשוב'ער מר. חיים ליבערמאַן,

איך האָב דערהאַלטן אייער בריוו צוזאַמען מיט אייער ביכל „אין טאָל פון טויט". איך דאַנק אייך זייער פאַר דעם. מיט א יאָר צוריק האָט מיר דערציילט הרב פאַרבער, וועלכער איז איצט צוריק אין ארץ ישראל, דער ראש פון „היכל התלמוד" אין תל־אביב, אַז ער האָט געלייענט א בראָשור פון איינעם חיים ליבערמאַן און ער האָט פון דעם געהאַט גרויס התפעלות. אַ צווייטן מאָל האָט מיר גדלי' בובליק געזאָגט וועגן דעם. צום באַדויערן איז מיר ביז יעצט ניט אויסגעקומען צו לייענען אייער ביכל.

יעצט האָב איך עס דורכגעלעזן און עס איז פאר אונזער לאָגער זייער אנגענעם צו זען אז עס זיינען נאָך דאָ צווישן דעם זאָגענאַנטן „מאָדערנעם" אידנטום אזוינע מענשן וועלכע האָבן נאָך א שטאַרקן חוט השדרה און זיינען צופרידן צו בלייבן אין דער מינאָריטעט פון אונזער פאָלק, זייענדיג איבערצייגט אז די מינאָריטעט איז דער אייביגער צענטער פון אונזער פאָלק. די אלע אנדערע ריכטונגען און שאַטירונגען קומען און גייען אוועק אין דער פאַרגאַנגענהייט, אָבער די וואָס גרופירן זיך ארום דער תורה און טראַדיציע די זיינען דער אייביגער קערנדל.

אין אלגעמיין האָב איך הנאה געהאט פון אייער סגנון וועלכער איז אָריגינעל און זעלטן. זייט געשטארקט.

מיט פריינטשאַפט

**בצלאל הכהן**

24

## הרב צבי הכהן

יו"ר דועד הרבנים דמונטריאל

בעהי"ה עש"ק נחמן

מחובב לחיים איש—חביב נ"י,

חביבי!

איך וואָלט באַדאַרפט זיך אויסלערנען אזוי שיין שרייבן ווי איר שרייבט, אום אויסצודריקן מיין דאַנק פאַר אייערע מעטי הכמות ורבי

האיכות שריפטן וועלכע איר האָט מיר געשיקט. איך געפין אין זיי א פירוש מספיק אויף דעם פסוק, תהילים כ״ג: „גם כי אלך בגיא צלמות לא אירא רע—שבטך ומשענתך המה ינחמונו״. איך געפין נחמה אין דיין „שבט״ פונקט ווי אין דיין „משענת״.

צווישן די אומציילבארע ספרי הלכה געפינט זיך א קליין ספר׳ל: קיצור שלחן ערוך, פעלט אין אים ניט פון פויגל מילך: אַלע דינים ומנהגים פאַרשפרייט אין די תלמודים בבלי וירושלמי, פוסקים ראשונים ואחרונים — אַט אַזוי איז געמאָלן אין אייערע מועט המחזיק המרובה שריפטן אונזער שושנה בין החוחים פאָלק, ווי ער איז געשילדערט אין תנ״ך, מדרשים, אידישער און אלגעמיינער היסטאָריע.

לכתחילה האָט זיך מיר געגלוסט מטעים זיין די נשמה אויפ־טרייסלענדיגע שטעלן. ווי אייער פאַראַלעל פון תורות און די תורה, „דער גוף מכבי, די נשמה רבי״, די האָר אין ספר, פן ירבה־כן ירבה, דער טרער פאַרגרעסערט דעם אות, ועוד ועוד. אָבער גיי צייכן אויס פסוקים אין שיר השירים.

היינט מער ווי אלעמאָל דאַרף צו דער גולה וסורה מרוטת לחי געזאָגט און ווידערהאָלט ווערן: נחמו נחמו עמי, מרגלא בפומי: מה כל הרעש? זיי מאָרדן אונז? נו, און איינע די אנדערע מאָרדן זיי ניט? וואָס דען — דאָס וואָס מיר צאָלן ניט צוריק? ביי אונז איז להרוג ערגער ווי להרג. זיינען מיר נאָך אלץ בעסער אָפּ ווי זיי.

לך בכחך זה לנחם את ישראל.

מוקיר פעלך,

**צבי הכהן**

25

LEON STITSKIN

Rabbi, House of Israel Congregation

Warren, Ohio

November 8, 1938.

Dear Mr. Lieberman:

L. Tryster has forwarded to me your book, "In the Valley of Death," for which I am profoundly grateful to you. The book made a very deep impression upon me. Your style of writing is unexcelled. It is edifying

poetry written in prose. But apart from the style, what appealed to me most was your comforting message, couched in exalted and prophetic phrases. Words of consolation are often banal, unless handled by an artist. Your words of comfort in these trying days approach the quality of an Isaiah. I only wish that your booklet could be read wherever Jewish audiences congregate.

The uncompromising zeal for justice, the vehement denunciation of a decaying civilization—so superbly expressed in your book—are certainly in line with the best Jewish traditions. I have used already many of your illustrations on the platform and I hope to review it sometime for the pulpit.

One question occured to me as I was reading your book. You distinguish between the Jew and Christian: the former has Torah; the latter force. Do you think that the ethical idealism of the Jew is really intrinsic or a result of his circumstances? The Jew could not rely on force because he had no army of his own for 2000 years. Koralnik once wrote that Christianity has been imposed upon the western world but has never become intergrated in their lives as Judaism with the Jews. What is there unique in Judaism that is not common in other cultures?

Again I thank you for favoring me with your book.

Sincerely yours,

**Leon Stitskin**

26
# הרב א. סילווערמאַן
## חברה בית יעקב צבי זכרון יוסף
## ברוקלין, נויארק

זייער חשוב׳ער פריינט ה׳ חיים ליבערמאן:

אונזערע חכמים זאָגן: יש קונה עולמו בשעה אחת (עבודה זרה ו׳). עס זיינען דאָ געוויסע מענשן וועלכע קויפן זיך וועלטן אין איין ווילע — דעם זעלבן איינדרוק און געפיל האָב איך געהאט וועגן אייך, נאָכ׳ן איבערלייענען אייער ווערק, וואָס איר האָט עס א נאָמען געגעבן „אין טאָל פון טויט״. עס איז טאקע א קליין ביכעלע, בלויז 36 זייטן, אבער עס פאַרמאָגט אין זיך א גרויסן אינהאלט. עס איז א מועט המחזיק את המרובה — אביסל וואָס אנטהאלט אין זיך א סך. עס זיינען פאראן א סך קליינע געגנשטאנדן וועלכע זיינען שעצבאַרע ארטיקלען, ווי צום ביישפיל, דימענטן, בריליאנטן א. א. וו. אידן האָבן שטענדיק גע־גלויבט און גלויבן נאָך אויך יעצט מער אין איכות ווי אין כמות, אין קוואַליטעט מער ווי אין קוואַנטיטעט. ריכטיג איז אייער באַמערקונג, אַז בלויז צען אידן זיינען גענוג צו שאַפן א אידישע קהלה, בלויז צען איהן שאפן א מנין, וואו די שכינה קען רוען. אזא מיינונג האָט זיך ביי מיר געשאַפן אויך וועגן דעם צווייטן פאמפלעט אייערן: „אויב איך וועל עס דיר פארגעסן, ענגלאנד״. איך פיל מיך זיכער, אז די וועלכע האָבן אייערע אויסגעצייכנטע און אומפארגלייכבארע שאפונגען געלעזן זיינען מיט דערזעלבער מיינונג.

„אין טאָל פון טויט״ שפיגלט אָפּ אין זיך די טראגעדיע פון אידישן פאָלק דורך דער צייט פון די לעצטע געשעהענישן אין אידישן לאַגער איבער דער גאָרער וועלט. ווען פון אלע הימלען זאָלן ווערן פאַרמעט און פון אלע בוימער פון די וועלדער וואָלט מען געמאכט פענעס צום שרייבן, און ווען אלע ים׳ען וואָלטן געוואָרן טינט, וואָלט ניט געווען גענוג שרייב־געצייג צו באשרייבן די טראַגעדיע פון דעם אידישן פאָלק אין די אונטערדריקנדע לענדער און מלוכות אין איראָפּע. און דעם פאַרפאַסער פון „אין טאָל פון טויט״ איז געלונגען איבערצוגעבן עס אין 36 זייטן. ווען אלע טויזנטער און צענדליקער טויזנטער ווערק וועלכע זיינען געשאפן געוואָרן אין די לעצטע עטלאכע יאָר, און וועלכע שילדערן פאר אונז די קריטישע לאַגע פון פאָלק ישראל פון עקאָנאָ־מישן, פּאָליטישן און סאָציאלן שטאַנדפונקט וואָלטן פארשווינדן און

בלויז דאָס קליין ביכעלע „אין טאָל פון טויט" וואָלט איבערבלייבן, וואָלט זיין גענוג מאַטעריאַל פאַר דעם בעסטן היסטאָריקער צו שאַפן דערפון דאָס גרעסטע היסטאָרישע מאָנומענטאַלע ווערק, וועלכער וואָלט בלייבן א סימן לדורות פון דער פארגאנגענהייט פון אונזער פאָלק.

איר זאָגט: „אידן זיינען אַן אַלט פאָלק און האָבן א סך מעשיות: ביי די וואַסערן פון ים־סוף, ביי די טייכן פון בבל, אין די כוואַליעס פון טיבער און וואָלגא און ווייכסל, און איצט ביי די רינשטאָקן פון ווין"... עס איז גענוג צו ציען אונזער אויפמערקזאמקייט אויף דיזן קליינעם פאַראַגראַף צו אנערקענען די גרויסקייט פון דעם מחבר. וועלכער היסטאָריקער וואָלט געקענט איבערגעבן א געשיכטע וועלכע האָט זיך געשאפן דורך טויזנטער יאָרן אין א קורצן פאַראַגראַף פון עטלאַכע שורות? אידישע געשיכטע איז פול מיט פיין אוןליידן. מיר זיינען פון אייביג אַן געווען דער איילבערט וועלכן מען האָט שטענדיק געשלאָגן (מנחות, נ"ג), אָבער פונקט ווי אַן איילבערט, וואָס מער מען דריקט אים אלץ מער פעטקייט גיט ער ארויס, אזוי זיינען אידן. וואָס מער מען פייניגט זיי אלץ מער נאָבעלקייט און הערלאכקייט געפינט מען אין זיי. אידן בלייבן אבער אימער דער פעטער אויל וועלכער קען זיך מיט קיין אַנדערע געטראַנקען ניט צוזאַמענמישן, און דערפאַר מיט קיין אַנדערע פעלקער זיך ניט אסימילירן. פונקט ווי דער אויל וועלכן מען צינדט אָן און עס ברענגט ליכטיקייט אויף דער וועלט, אזוי זיינען די אידן צווישן די פעלקער. און דיזער בוימל וועט שטענדיג שווימען פון אויבן איבער אלע געטראנקען וועלכע וועלן אים אין זיך ניט איינשלינגען. אַזאַ איינדרוק ווערט געשאפן ביי דעם לעזער פון דעם „אין טאָל פון טויט".

דאָס ביכעלע איז פול מיט נבואות, שטראָף און נחמה, אריינדרינגונג אין דעם טיפן עבר, און ציען דערפון א וויטן פּערעספּעקטיוו פון אונזער צוקונפט, גלות און אויסלייזונג, אינקוויזיציע און פּרעכטיגער גלאַנץ, זינד און תשובה, ליידן און גליקלאכע צוקונפט. ניט נאָר איז דער אינהאלט נביאות'דיג נאָר זאָגאר אויך די צורה — דער סטיל איז פּראָפעטיש. ריין פילאָזאָפישע געדאַנקען איבערגעגעבן אין דיכטונג; און ווי איך האָב עס שוין באַמערקט פּראָזע געשריבן אין פּאָעטישער פאָרם — ממש אַ קוואַל פון אינספּיראַציע. אזוי האָבן אונזערע שענסטע נביאים גערעדט און אזוי האָבן אונזערע בעסטע דיכטער געדיכטעט.

„שיין איז די סאַנקט פעטערס קירכע אין רוים, שיין די קאַטעדראַלן פון פּאַריז, פלאָרענץ... מיט זייערע זילבערנע פּאָרטאַלן און גילדערנע

אַלטאָרן... שענער פון זיי אלע איז א הילצערנע אידישע שול אין אָן אָרים אידיש שטעטעלע, געמאַכט פון האָלץ, געבויט אָן מעטאַלענע גע־צייג״... וויפיל פראַכט און צו דערזעלבער צייט הויכע פילאָזאָפיע געפינט זיך אין דער קליינער באַשיידענער אידיליע! בלויז אַזאַ מייסטער פון געדאנק און קינסטלער פון דיכטערישער שאפונג ווי איר, מר. ליבערמאַן, האָט מיט אייער גאָלדענער פען געקענט אזעלכע בילדער פאר אונז פאַרשטעלן. דאָס וואָס איר זאָגט וועגן אונזער פאָלק קען ווירקלאך אויף אייך אליין אָנגעמאָסטן ווערן: „מיר האָבן אונזער לעבן געשטעלט אויף א ספר, זיי אויף פעסטונגען״. אין דער צייט ווען אנדערע פעלקער נעמען זיך איבער מיט זייערע גוואלדטאטן, מעגן מיר זיך געוויס איבערנעמען מיט אעזלכע באַגאַבטע גייסטיגע שעפער ווי איר זייט. זאָלן זיך אזעלכע ליבערמאנ׳ס ווי איר זייט מערן ביי אונז.

און דאָן „אויב איך וועל עס דיר פארגעסן, ענגלאנד.״

די אייביגע שבועה וועלכע אידן האָבן געשוואָרן ביי די טייכן פון בבל, און וועלכע אידן שווערן נאָך היינט צו טאָג און וועלן זי קיינמאָל ניט אויפגעבן אזוי לאַנג ווי דער אידישער גלות וועט דויערן, האָט געפונען איר געהעריגן אָפקלאַנג אין דער לעצטער באנייטער שבועה פון חיים ליבערמאַן, אין דער בראָשורע „אויב איך וועל עס דיר פאר־געסן, ענגלאנד״. אידן האָבן שטענדיג פאַרגעסן זייערע שונאים, אָבער האָבן קיינמאָל ניט פאַרגעסן זייערע פאַררעטער. דער „זכור את אשר עשה לך עמלק״ איז נאָך היינט אויך אזוי שפּאָגל ניי ווי עס איז אמאָל געווען. אידן טאָרן ניט און וועלן ניט פארגעסן די וועלכע האָבן צו שאַנד און שפּאָט געמאכט זייערע בעסטע האָפענונגען און העכסטע אידעאַלן. און אַז ענגלאנד קומט און שטערט די אידישע אַספּיראַציע צו ווערן אָ פאָלק מיט פעלקער גלייך, קומט ליבערמאַן מיט זיין גאָל־דענעם שריפטשטעלערישן טאַלאַנט און חזר׳ט איבער פאר אונז די אַלט־נייע אידישע געשיכטע פון אשר קרך בדרך, אין א קליינער בראָשורע פון בלויז עטלאכע זייטן. עס איז אָ שבועה, און די גרעסטע שבועה קען דורך א געאיבטן פאַרפאַסער אין עטלאכע שורות ארויס־געזאָגט ווערן. — שבועות זיינען קורץ און פינקטלאך און צו דער־זעלבער צייט דייטלאך, אָן אונטערשייד צו עס איז א שבועה פון א יחיד אָדער א רבים, א כלל, אדער אפילו א גאנץ פאָלק. און ניט אין דער צערעמאָניע פון דער שבועה ליגט די קונסט, נאָר אין דעם געדאנק, פארפאסונג, צוזאַמענשטעלונג און אינהאלט פון דער שבועה.

און אַט אזוי האָט ליבערמאַן פארפאסט די שבועה פון אם אשכחך, ענגלאנד.

מען דאַרף אידן ניט אָנזאָגן אזעלכע זאַכן ניט צו פאַרגעסן. אידן זיינען אן אַלט פאָלק מיט א סך זכרונות און א שטארקן זכרון וועלכער לאָזט אלע זכרונות זייערע ניט פאַרגעסן. די פרשה פון „זכור״ איז א מצוה צו הערן לייענען בצבור. עס איז ניט גענוג, אז יעדער איד זאָל עס לייענען פאר זיך זעלבסט. אידן דאַרפן עס צוזאַמען ברב עם לייענען. און דאָס זעלבע קען געזאָגט ווערן אויף דעם „אויב איך וועל עס דיר פארגעסן, ענגלאנד״. עס איז ניט גענוג, אז איינצעלנע אידן זאָלן עס לייענען ביחידות, אידן דארפן אזעלכע זאכן לייענען בצבור.[1] עס איז אַ ווערק, אַ שאַפונג, וועלכע קען אפעלירן צום גאנצן כלל ישראל און ניט בלויז צו איבערגעגעבענע ציוניסטן. עס איז קיין אונטערשייד פון וועלכער אידעאָלאָגיע א איד זאָל ניט האלטן איז עס א צוגעפאסט וואָרט צו אים און איז א ריין פילאָזאָפישער אבסאָלוטער אמת.

אין דעם ערשטן קאַפיטל דערקלערט אונז ליבערמאַן ווי ענג געקניפט און געבונדן אידן זיינען מיט ארץ ישראל, און קיינער אויף דער וועלט, קיין שום „ווייסער פאַפיר״, קען דיזן זיווג ניט צורייסן, ווייל דער זיווג איז געשלאָסן געוואָרן דורך ג׳ אליין. פונקט ווי אידן קענען ניט לעבן אָן גאָט אזוי קען ארץ ישראל ניט לעבן אָן אידן. און פאַרקערט אידן אָן ארץ ישראל זיינען ווי א גוף אָן א נשמה. דער תלמוד האָט עס שוין אונז אָנגעדייט, אז דער וואָס לעבט אין ארץ ישראל האָט א ג׳ און דער וואָס וואוינט אין חוץ לארץ איז ווי ער וואָלט גאַר קיין ג׳ ניט האָבן (כתובות, ק״י). און ווער נאָך אזוי ווי מיר אידן דארפן א ג׳?

ווי יחזקאל הנביא שילדערט פאר אונז ליבערמאַן די אויפוואכונג פון אידישן פאָלק און זיין באַגער זיך צוריקצוקערן קיין ארץ ישראל. די עצמות היבשות, די גלידער פון די גלות פאַרשמאַכטע, פארטריי־קענטע, הונגעריקע, און דורשטיקע אידן, האָבן זיך פלוצלונג גענומען באוועגן און גיין אין וועג אריין זיך ציען צו דעם ארץ זבת חלב ודבש, צו דעם לאַנד וואָס האָט פון די צען מאָס חכמה וועלכע זיינען

---

1) דאָסדאָזיגע ביכעלע האָט שוין זוכה געווען צו אַזאַ זכיה: הרב הגאון ר׳ חיים פאַריללע האָט געלייענט דערפון פאַרן עולם אין שול תשעה באב ביינאַכט צו קינות (תרצ״ט).

ארונטער אויף דער וועלט גע׳ירש׳נט ניין מאָס דערפון (קידושין מ״ט), צו לעשן דאָרט זייער דאָרשט און שטילן זייער לאַנג־יאָריגן הונגער. און דיזע צובראָכענע קערפּערס דארפן קיין סך ניט האָבן, זיי פאַר־לאַנגען ניט צופיל פון דעם געבענטשטן לאנד, זיי באנוגענען זיך מיט דעם קלימאַט פון ארץ ישראל. אוירה דארץ ישראל מחכים (בבא בתרא קנ״ח). די צושמעטערטע און צושפּליטערטע שארבנס דארפן האָבן מחות, און מח איז חכמה און דער קוואַל פון חכמה איז אין דער לופט פון ארץ ישראל. אָט אזוי אַנאַליזירט און באגרייפט ח. ליבערמאַן די דריטע עליה, דאָס נייסטע שיבת ציון, דעם צוריקקער פון אידן צו זייער הייליג לאַנד, און דעמזעלבן געפיל גיט ער איבער צו זיינע לעזער.

ליבערמאַן איז פול מיט בטחון, ער גלויבט און איז איבערצייגט, אַז טראָץ די אַלע שטערונגען און שטרויכלונגען וועלכע אידן געפינען אויף זייער וועג קיין ארץ ישראל, וועלן זיי סוף כל סוף דערגרייכן זייער ציל, ווייל זיי גייען מיט גערעכטיקייט און אָרענטלאכקייט. — נאָך פון דער ערשטער עליה אָן האָבן מיר דיזע גערעכטיקייט גע־ירש׳נט. ניט צו קעמפן קומען מיר נאָר זיך צו באַשיצן. און אויב אימיצער דענקט, אז מיר האָבן אומרעכט געטאָן קומט ליבערמאַן און שרייט אויס מיט די ווערטער פון ישעיהו הנביא: „וואָס נאָך האָבן מיר געדאַרפט טאָן און האָבן ניט געטאָן?״ און ער ווענדט זיך אויך צו די חיות פון ג׳ס וועלט און רופט זיי ווי דער נביא צום משפט: „קומט משפט איר צווישן אונז און זיי״.

ליבערמאַן האָט גענומען ווערטער און בילדער פון תנ״ך וועלכע זיינען געזאָגט און געשילדערט געוואָרן מיט טויזנטער יאָרן צוריק, און האָט זיי ארייגעפּאַסט אין די ראַמען פון אונזער געגנוואַרט. צו דעם פאָדערט זיך א קלאָרער געדאַנק, א שארפער אויג און א קינסט־לערישע נשמה, און די אלע מעלות באַזיצט אין זיך דער אומפּאַר־גלייכלאכער נביא פון די אידישע שרייבער פון אונזער צייט, חיים ליבערמאַן.

בכבוד וברכה

**הרב א. סילווערמאַן**

נ. ב. עס איז כדאי צו באַמערקן, אז די צוויי בראָשורן זיינען פאַרגעלעזן געוואָרן דורך מיר פאַר אַ גרופּע קאַלעדזש־סטודענטן וועלכע פארשטייען אידיש זייער וועניג, און פּילייכט פארמאָגן זיי

אין זיך אויך אידישע באגייסטערונג אויפן שפיץ גאָפּל, און זיי האָבן די ווערטער און בילדער געשלונגען. ממש באַגייסטערטע זיינען זיי ארויס פון דער פאַרלעזונג, און זיי האָבן זיך גאָר ניט געקענט פאָר־שטעלן, אז מיר אידן פארמאָגן אין אונזער אידישער שפראך אזעלכע שעפּער.

## 27

## הרב יצחק צבי עווער

### מחבר ביאוגרפיה של הרב י. ה. לעווענבערג זצ״ל

געערטער פריינט ה׳ ליבערמאַן!

באַגריסונגסווערט איז אייער בוך „אין טאָל פון טויט״, וואָס איך האָב נאָר וואָס איבערגעלייענט, ווייל טויזנטער הערצער קלאָפּן אָן אויפהער און זוכן דעם וועג פון באַפרייאונג פון דער פאַרשקלאַפונג צום צייט־גייסט פון זייערע הייליגסטע געפילן און איבערצייגונגען.

ווען אין דער היינטיגער אידישער וועלט־אנשויאונג איז איינ־געפאַסט דער באַגריף, אַז די סאָציאַלע באַוועגונג מוז טראָגן אַן אַנטי־רעליגיעזן כאַראַקטער — האָט אייער בוך געלייגט א בריק איבערצופירן די אידישע ארבעטנדיגע מאַסן אין אונזערע רייען.

דאָס בוך רעדט צו די מענשלאכע געפילן מיט רעליגיעזן פּאַטאָס און באַווייזט די פאַלשקייט און לעכערלאכקייט פון יענעם סאָציאַליס־טישן „מולך״, וואָס פרעסט אויף זיינע אייגענע גלויביגע...

איר האָט מיט׳ן בוך געעפענט ברייטע האָריזאָנטן פאר זייער פיל נוצלאַכע ארבעט און ארויסגעפירט אויפ׳ן ברייטן שליאַך נייע מיט־רייסנדע געדאנקען. איר האָט באַרייכערט אונזער ליטעראַטור מיט אַן עכטער ליטעראַרישער שאַפונג און געשאַפן א סינטעזע צווישן ליטע־ראַטור און תורה ליטעראַטור.

די אלע וועמען ס׳בענקט זיך נאָך א גייסטיג פאַרגעניגן, נאָך א תענוג־רוחני, קאָנען באמת אָפּשאַצן די קאָלאָסאַלע באַדייטונג פון אייער שיינער ליטעראַטור יצירה, וואָס די ווערטער קלינגען ווי אינ׳ם אידישן פאָלקס־געריכט — לעבנס־דערפאַרענע וואַרהאַפטיקייט.

אויף דער אידישער גאַס איז איצט א טשטוש־הגבולים, א תוהו־ובוהו תקופה, אָן קלאָרקייט, אָן פעסטע גרעניץ־פונקטן, אלץ געפינט זיך אין וואַקלעניש. און זאָל מען ניט זאָגן, אַז דאָס איז דער צייכן פון אונזער תקופה, עס איז א בין־השמשות פון דורות, א בין־תוהו־ובוהו פון וועלט יצירות, אומעטום און אויך ביי אונז. ניין! ביי

אונז האָט זיך אָנגעהויבן דאָס טונקלעניש א סך, א סך פריער. ביי אונז האָט מען געשריען „מיר בלאָנדזשען, מיר גייען ווי בלינדע אין דער פינסטער" ווען אין דרויסן איז נאָך העלער טאָג געווען... מיר ווייסן ניט צי די נעץ האָט שוין דערגרייכט דעם הויך־פונקט, אָבער מיר פילן שוין ארום האַלז די שטיקענדע לופט, דעם צופוילטן דומפן אויר... יעדן טאָג ווערט צוגעוואָרפן א שטיין אין זומפיגן טייכל; מיט יעדן טאָג ווערט די אומפאראַנטוואָרטלאכקייט, די עזות'דיגקייט און די אוזורפאַציע, וואָס דערשטיקט דעם פרייען אָטעם, אלץ שטייפער. עס ציטערט די האַנט ווען מען שרייבט וועגן אלגעמיינעם אידישן מצב אין דער וועלט; עס בלוטיגט דאָס הארץ צוזעענדיג דעם גייסטיגן חורבן, וואָס מאַכט חרוב עולמות, בייזע ווינטן הוליען ווי ווילדע שדים אויף דער אידישער גאַס.

„אין טאָל פון טויט" — איז דארום אַן ערפרייענדע דערשיינונג, וואָס גיט מוט פאַרטצוזעצן דעם אידישן געדאַנקען־גאַנג און אָפּשאַצן דעם איצטיגן מצב, אַז, יעדנפאלס, עפּעס קומט דאָ פאָר.

נעמט אָן מיינע געציילטע ווערטער אלס באַגריסונג פאַר'ן בוך, וועלכער קאָן זיכער אויך דינען פאר רעליגיעז־געשטימטע אלס שטאָלץ און צירונג, ווייל דער עכאָ פון בוך וועט גרייכן ביז יאָרן ווייט.

איך שיק אייך מיין האַרציגן וואונש פאר'ן באַקענען אונזער היינ־טיגן דור מיט אונזערע רייכע אומשעצבאַרע אוצרות.

מיט פריינטלאכן גרוס,

**יצחק צבי עווער**

28

## הרב חיים פּאַריללע

### רב דבהכ"נ שערי שמים

### (ערשטע רומענישע קהילה אין אמעריקע)

ב"ה, נויארק, י"ב אייר, תרצ"ט

זייער חשוב'ער פריינט מר. חיים ליבערמאן נ"י —

איך האָב דורכגעלעזן „אין טאָל פון טויט" און בין זייער אי־בעראַשט פון ביידע, דעם תוכן און פאָרם. ס'איז אָ סך מער ווי א „מועט המחזיק את המרובה". יעדעס וואָרט איז א קוואַל, יעדער זאַץ אַן אוצר, און יעדער פאַראַגראַף א בוך. ווי הלל, אמאָל, האָט מיט

נאָר זעקס ווערטער די תורה באַצייכנט, אזוי האָט איר אין די זעקס און דרייסיק זייטן באַשריבן א וועלט־געשיכטע פון בראשית ניט נאָר ביז היינט נאָר ביז מאָרגן. דאָס ספרל איז א רעזולטאַט פון א ים פון טיפן וויסן, אידישן און וועלטלאכן, אַן אוצר פון אָפּטימיזם, און שטאַרקע ליבשאפט צו אידן און אידישקייט.

יעדער איד וואָס לעזט „אין טאָל פון טויט" מוז פילן אז ס'איז פונקט אזוי ווי ער וואָלט עס אליין געשריבן, ווייל אזוי דענקט ער דאָך אליין, נאָר וואָס דער מחבר האָט עס איבערגעגעבן אין אַ וואונדער־שיינער שפראַך, אין בליציקע אויסדריקן און שטאַרקן טעמפּעראַמענט. אַזוי האָט מיר טאָקע געזאָגט נעכטן מיינער אַ פריינט וועמען איך האָב געגעבן דאָס ספר'ל צו לייענען, און מסכים איז ער מיט מיר געווען, אַז דער געפיל וואָס מען טראָגט אוועק פונ'ם ספר'ל באַווייזט די אמת'ע זשעני פון דעם מחבר. ניט פאַרצווייפלונג נאָר האָפנונג מוז זיין דער אידישער ענטפער צו אלע רדיפות.

אמת, מיין פריינט, „אונטער טרערן ווערן אותיות גרעסער". גע־שטאַרקט און פאַרגרעסערט זיינען געוואָרן די רייען פונ'ם אידישן פאָלק אונטער די ימים טרערן פון די לעצטע צוויי צענדליק יאָרן. א סך פון די בעסטע און טייערסטע קינדער פונ'ם אידישן פאָלק וועלכע זיינען אוועק אין פרעמדע גערטנער דאָרט רויזן צו פלאַנצן, האָבן דעם דאָרן־שטאָך דערפילט און צוריקגעקערט זיך אהיים צו זיך. איך בין מסכים מיט אייך, אז פאַשיזם און נאַציזם זיינען אויסגעוואַקסן פון דער אלטער פארזייטער שנאה פון קרייצצוג־קאַטאַליציזם. איך וואָלט אָבער ניט געוואָלט דעם געדאַנק פאַרעפנטלאכן, ערשטנס צו וואָס אויפרייסן אַן אַלטע וואונד, צווייטנס זיינען יענע איצט בעלי תשובה.[1])

איך דאַנק אייך האַרצלאַך פאר אייער מתנה און פריינטלאכקייט און ווינש אייך א סך גליק. כמוך ירבו בישראל.

מיט הארציגע גרוסן, אייער פריינט,

**חיים פּאָריללע**

---

1) איז דאָס טאָקע שוין אַן אַלטע וואונד? און זיינען זיי שוין באמת בעלי תשובה?

א) אין די קאַטוילישע קינדער־שולן היינט אין אמעריקע, און אפשר אויך אין אַנדערע לענדער, ווערט באַנוצט אַ לערנביכל פון ביבלישער און קירכלאכער גע־שיכטע. דאָס ביכל טראָגט די ברכה פון פּאַפּסט לעא דעם 13טן און די הסכמות פון צוויי און דרייסיג קאַרדינאַלן, ביסקופּן און אַרציביסקופּן. צענדליגער מיליאָנען

29

# הרב ישראל פורת

## קליוולאנד, אָהייאָ

ב"ה

**חן חן עבור מנחתו שכבדני, מגלת „בגיא צלמות". אכלתי את המגילה המלאה השתפכות נפש היהדות המתפתלת ביסורי איוב ובכל זאת איננה נותנת תפלה. זוהי כחה של היהדות להפך יסורי מות**

---

קאַטוילישע קינדער אין אַמעריקע זיינען אויפגעצויגן געוואָרן און ווערן אויפגעצויגן אויף דעמדאָזיגן ביכל. און דאָרט שטייט :

זע :

*Bible History,* by Right Rev. Richard Gilmour, D. D., 1881-1936, Benziger Bros., New York.

זייט 13 : „דער דערמאָרדעטער הבל איז א בילד פון יעזוס קריסטוס'ן און קין איז אַ בילד פון דעם פאַרעטער יודאס און דעם אידישן פאָלק וואָס האָט דער־הרג'עט אונזער גואל."

זייט 61 : אָט די געשיכטע (מיט די מרגלים) פון די אידן איז ענלאך צו דעם וואָס האָט פּאַסירט אין דער צייט פון יעזוס קריסטוס. די אידן האָבן ניט געוואָלט פאַרשטיין דאָס גייסטיגע קעניגרייך וואָס קריסטוס האָט צוגעזאָגט ; האָבן זיי אים אָפּגעשטויסן. אויפ'ן צלם האָט ער געבעטן זיין פאָטער ער זאָל זיי מוחל זיין ; אָבער אַלס שטראָף פאַר זייער זינד וואָס זיי האָבן אים אָפּגעשטויסן, זיינען זיי היינט וואַנדערער אויף דער ערד און וועלן עס זיין בי'זן סוף פון דער צייט."

זייט 80 : אַזוי ווי דוד האָט געדאַרפט קעמפן געגן צוויי שונאים, שאול און אבשלום, אַזוי זיינען צוויי שונאים אויפגעשטאַנען געגן קריסטוס'ן און זיין קירכע — איינער, אידנטום, דער צווייטער, די אַפּיקורסות"...

זייט 209 : „זינט אַכצן הונדערט יאָר איז קריסטוס'עס בלוט אויף די אידן. פאַרטריבן פון יהודה — אָן אַ לאַנד, אָן אַ היים — פרעמדע צווישן פרעמדע — פאַרהאַסט, דאָך געפּאַרכטעט — וואַנדערן זיי פון פאָלק צו פאָלק, טראָגנדיג מיט זיך די קענטיגע סימנים פון גאָט'ס קללה. אַזוי ווי קין, געמאַרקט מיט אַ געהיימ־ניספולן צייכן, וועלן זיי אַזוי וואַנדערן און וואַנדערן בי'זן סוף פון דער וועלט."

ב) די גאַנצע וועלט, און אויך אַ סך אידן, זיינען געווען אַנטציקט ווען קאַרדינאַל פאולהאַבער פון מינכען איז אין יאָר 1933 אויפגעטראָטן מיט פינף דרשות געגן דער נאַצי־באַוועגונג אָפּצוטיילן קריסטנטום פון אידנטום. ער האָט געזאָגט פייער־לאַכע רייד אין לויב פון די אידן אַלס דאָס אויסדערוויילטע פאָלק א. א. וו. אָבער אין דעם אריינפיר האָט ער געמאַכט זייער, זייער, זייער קלאָר, אַז דאָס מיינט ער די פאַרצייטיגע אידן, די פאַר־קריסטלאַכע, ניט די היינטיגע. זע : קאַרדינאַל פאולהאַבער, „אידנטום, קריסטנטום, דייטשלאַנד" (ענגלישע אויסגאַבע : מאַקמילאַן קאָמפּ.)

ניין, רבי, ס'איז נאָך ניט קיין אַלטע וואונד און זיי זיינען נאָך ווייט פון בעלי־תשובה.

ליסורים של אהבה, ולהזדכך ולהתרומם על ידם מבעד ומעל למציאות המרה לשיא שחקים, ולהסתכל מגבהי מרומים לאותיות הפורחות מתוך גולים הנשרפים, ובתקוה אמיצה כי מי שיתבע עלבונה של ס״ת יתבע גם עלבוננו ויחננו ברחמיו שנית לעיני כל חי להיות לנו לאלקים חיים ומלך עולם, ונצדק קדוש!

**ישראל פורת**

30

## הרב א. פעטשעניק

נויארק, 5טן דעצעמבער, 1938

זייער געשעצטער פריינט מר. ליבערמאַן:

ביי דער ערשטער געלעגנהייט איבערגעלייענט אייער ביכל „אין טאָל פון טויט״, און אַז איך האָב עס אַנגעהויבן לייענען האָב איך זיך ניט געקענט אָפּרייסן דערפון ביז איך האָב עס געענדיגט.

איך מוז אייך זאָגן, אַז כ׳האָב שוין לאַנג ניט געלייענט אַזאַ סאָרט ווערק וואָס זאָל האָבן געמאַכט אַזאַ שטאַרקן רושם אויף מיר. איך האָב געהאַלטן אויפ׳ן געדאַנק די גאַנצע צייט פונ׳ם לייענען דעם אַלטן העברעאישן אויסדרוק: דבש וחלב תחת לשונך...

און באמת: דער וואונדערבאַרער סטיל, זאַפטיגע שפּראַך און בליץ־שאַרפע שפּרוכן און אויסדרוקן וואָס רייסן זיך אריין כמעט אויף יעדן זייטל מאַכן דעם איינדרוק אלץ שטאַרקער און שטאַרקער. הײַנט די טעמע אליין וואָס איז אקטועל און וועלכע ברענגט ארויס דורך אייער וואונדערבאַרער פען אזויפיל דערמוטיגונג און באגייסטערונג פאַר׳ן פאַרצווייפלטן און געפּייניגטן אידישן וואַנדערער!

מ׳וואָלט באַדאַרפט צושפּרייטן די דאָזיגע בראָשור צווישן די אידישע מאַסן וועמענס הערצער זיינען איצט אזוי פארביטערט און וועלכע וואָלטן זיכער געפינען אין אייער בראָשור אויך טרייסט און האָפנונג. און כ׳וואָלט אפילו געוואגט צו זאָגן מ׳זאָל עס אָפּדרוקן אין ספּעציעלע פּלאַקאַטן און אויסקלעפּן אין די בתי מדרשים.

איין זאַך האָט מיך אביסל שאָקירט: אייער שאַרפער אָנפאַל אויפ׳ן קריסטנטום, וועלכער זאָל זיין דער פאַרלויפער און גאַנצער גורם צו די גרויזאמקייטן פון נאַציזם און פאַשיזם. עס קען זיין, אַז אין היס־טאָרישן פערספּעקטיוו איז עס טאַקע דער ריינער אמת, וועלכן מען טאָר ניט פאַרלייקענען, אָבער מיר שטייען איצט אין קאַמף מיט דער

נאציסטישער בעסטיע און די קריסטן זיינען אונזערע „אחים לצרה" און די איינציגע וועלכע שטרעקן אונז אויס א האַנט פון הילף און עס איז אפשר ניט טאַקטיש אָדער עס איז סכנה'דיג ארויסצוקומען איצט מיט אַזוינע דראַסטישע באַשולדיגונגען. מעגלאך, אז איך קלער אזוי ווייל איך בין נאָך ניט דורכגעדרונגען מיט'ן אמעריקאנער גייסט פון אומבאַגרעניצטער פרייהייט ביים ארויסזאָגן מיינונגען, אָבער איך וויל ניט פארלייקענען פאר אייך, מיין פריינט, וואָס איך האָב געטראַכט.

מיט אויפריכטיגער פריינטשאַפט,

אייער

**א. פעטשעניק**

## 31

## הרב יהודה ליב פאָרער

### האָליאָק, מאַסס.

ב"ה, ד' ד' כסלו ת"ש לפ"ק

**מר. חיים ליבערמאַן נ"י!**

מיין בעסטן דאַנק צו אייך פאר אייער זווירדיגער מתנה, וואָס איר האָט מיר געשיקט, אייער בוך „אין טאָל פון טויט". איך האָב געלעזן מיט פיל אינטערעס אייערע פערלדיגע ווערטער מיט די אמת'דיגע טיפע געדאַנקען וואָס איר זאָגט אין דעם ארויס. מיין גרעסטער וואונטש וואָלט געווען, אויב אין דער יעצטיגער שטורעמדיגער צייט איז מעגלאך אז מיר טאָרן זיך ניט פאַרגינען ארויסזאָגן דער אויסער־לאָבער וועלט וואָס מיר דענקען וועגן זיי אָפן, און מיר קאָנען ניט פאַרשפרייטן אייערע און אונזער אלעמענס געפילן וואָס ווערן ארויס־געזאָגט אזוי טרעפלאך אין אייער וואונדערלאכן בוך, אָבער ווי וויכטיג וואָלט געווען ווען מיר קאָנען פארשפרייטן אייערע ווערטער צווישן אונזערע אידן און ספעציעל צו אונזערע אייגענע יונגע אידן וואָס בלאָנדזשען אין דער פינסטער. זיי זיינען פאַרבלענדט פון דער שיינ־קייט פון דער אויסערלאכער וועלט, און ווייסן ווייניג אונזער אייגענער ווערדע.

איך דאַנק אייך נאָך אמאָל און ווינש אייך, אז דער אויבערשטער זאָל אייך מזכה זיין צו שרייבן נאָך אַזעטיגע ביכער.

מיט אַכטונג און וואונש,

**יהודא ליב פאָרער**

32

# הרב יהודה ליב צירלסאהן

## אב"ד דק"ק קישינעוו והגליל

סופר מצוין, מר ליקערמאן! מחקרתך "עמק האותיות" הנהדרת, שבלחת אלי למשמרת, הנה לי לתפארת; לכן יהיה נא ספרי זה לך למזכרת!

יהודה ל. צירלסאהן

## הקדמה.

ספרותנו התורנית, המצוינת במלוא העולם ברוב עשרה ובתכונתה הפוריה, הִנֵה מלאה וגדושה מספרי דרוש שונים, מן הקודמים ומן ההולכים וצצים למכביר מדי שנה בשנה בכל רתפוצות ישראל.

לרגלי מציאות כזו, מעורר כל כפר־דרושי חדש תמהון בלב הקורא התמים, השואל את מחברו בבת־צחוק: "תבן אתה מכניס לעפריים ?!".

בתשובה על השאלה הזאת ביחס ספרי "הגיון לב", הנני זקוק להסב את השקפת השואל על אלה שש הסגולות, הכלולות בספרי:

א) התכונה **המשוכללה** של דרושיו ונאומיו, שֶׁמַכְשַׁרְתָּם להטפה **בכל לשון שיתורגמו כמו שהם**, בלי כל תקונים.

ב) הסגנון הצח, שלבד יתרונו מצד עצמותו, הנהו מכשירם עוד להטפה **בעברית**, בְּהִדָּרֵשׁ כזאת מהמטיף.

ג) הצורה **החדשה**, המענינת את הקורא **החדש**, שלבשו רעיוני הדרשות, אפילו אלה שנקלטו במוחי ממה שראיתי לפני ימים כבירים בספרים שקדמוני *); הן המה הכפרים, שֶׁהַשְׁלָכְתָּם על זכרוני בשביל לפרסם כראוי תִּבָּצֵר ממני **כעת**.

ד) הסדור המופתי והקישור ההגיוני־הספרותי של נושאי כל ענין, **המקילים** את קליטת הרעיונות הן בשביל המטיף והן בשביל השומע.

ה) ההופעות החשובות בחיינו הצבוריים והמדיניים, שרב כחן להביא תועלת במדה ידועה בעסקי הכלל בהוה וגם לְשָׁרֵת בתור חומר היסטורי לעתיד.

ו) תכסיסי המלחמה בעד זכיותינו המדיניות, התרבותיות והכלכליות, שיתכן למצוא בהם, פחות או יותר, חֵפֶץ כל זמן היותנו פזורים בין העמים.

ובכן,

33

## הרב שלמה הכהן ראָזענבערג

ראב״ד דק״ק אוהב צדק

יאָנקערס, נויאָרק

January 4, 1940.

Dear Mr. Lieberman:

I want to thank you for affording me the pleasure of reading your little booklet.

The poetic pathos in which your book is written is only surpassed by the prophetic insight into conditions today.

The deathless optimism that rings through the pages is both refreshing and encouraging.

With kindest regards, I am,

Sincerely yours,

**Rabbi Alex Rosenberg**

34

## הרב מאיר שאַרף

רב דבהכ״נ ת״ת תפארת ישראל

דוועסט פלעטבוש, ברוקלין

ב״ה יום ה׳ ט״ז לחודש מרחשון שנת תרצ״ט לפ״ק

מיין זייער געערטער מר. ליבערמאַן!

איך וויל אייך אויסדריקן אַ האַרצלאכן יישר כח פאַר דעם גרויסן גענוס וואָס איר האָט פאַרשאַפט מיר און מיין פאַמיליע מיט דעם „קליינעם־גרויסן" „וואָכעדיג־הייליגן" ספר: (איך ציטער, פשוט, אָנ־צורופן דיזע ווערטפולע ווערק מיט דעם שאבלאָנעם נאָמען „ביכל") „אין טאָל פון טויט" וועלכן איך האָב געהאַט די גרויסע ערע צו דער־האַלטן ערב יו״ט.

געוויינלאך, איז א רב ערב יו״ט „פאַרנומען", און בפרט דאָ אין אמעריקע, מיט פאַרבארייטן דרשות, אפילס, פסק׳נען שאלות, פאַנאַנ־דערטיילן אתרוגים, אנבים, הדסים, און קריגן ערבות פאר בעלי־בתים,

דעריבער איז ביז אלע ערב יום־טובים זיינען אריבער האָב איך קיין צייט ניט געהאט צו מעיין זיין אין אייער ספר. נאָר אָט קומט אָן ב״ה דער יו״ט שמיני עצרת, די דרשות, א טייל אָפּגעזאָגט פון די פאַר־בארייטעטע, די וועלכע מען דאַרף נאָך זאָגן זיינען צוגעגרייט, די שאלות אָפּגע׳פּסקנ׳ט, די שנה טובות און אתרוגים צושיקט און צע־סאַרטעוועט, עס ווייזט זיך שוין די „פּרוכט״ פון דער פאַר יו״ט׳דיגער ארבייט, ווייל הושענה רבה, מיט׳ן מקבל זיין דעם גוטן צעטל, הויבט מען שוין אָן אריינשיקן דעם רב פילווינציג כיבוד יו״ט און אתרוג־געלט.

און מיינע קינדער מיט די פאַר גאַר גרויסע אורחים, די איניקלאַך, זיינען דאָ ביי מיין טיש. דער טיש איז געגרייט פאר דער סעודה „זמן שמחתנו״, ווי די טעכטער האָבן עס צוגעגרייט דערוואַרטענדיג דעם פאָטער און מוטער און די מענער פון הקפות (לויט׳ן מנהג ספרדים אָדער חסידים). אריינקומענדיג אין הויז אין הייערדיגן „זמן שמחתנו!״ אין וועלכן ביי אלע אידן היינטיגס יאָר, אפילו ארומגייענדיג מיט די „תורות״, האָבן עפעס די פיס זיך געבויגן מערער פון ציטער ווי פון טאַנץ, ווייל דאָס האַרץ איז געווען פארביטערט, אָנגעפילט מיט צער און יסורים, און עס האָט „עפּעס״ מערער געצויגן צו דער תפלה „אחינו כל בית־ישראל הנתונים בצרה ובשבי העומדים בין בים לבין ביבשה, המקום ירחם עליהם וכו׳ איידער צו דעם אתה הראיתה.

עס האָט זיך אזוי ווי געגאַרט אויף א זיסן טרייסט־וואָרט. האָב איך ארויסגענומען דעם ספר׳ל „אין טאָל פון טויט״ און מיין זון, פאַר קידוש, האָט עס דורכגעלעזן מהחל ועד כלה — ער איז א גוטער פאַרלעזער מיט א ריכטיגער אינטאָנאַציע. איך פאַרזיכער אייך, מר. ליבערמאַן, אז דער „טאָל פון טויט״ האָט פאַרוואַנדלט מיין הויז אין דעם העכסטן באַרג פון לעבן.

איר ווייסט דאָך, אַז א מענש רעדט ארויס דעם גאַנצן טרויער ווערט אים אַ פאַרלייכטערונג אין זיין צער, פונקט אזוי ווי א קראַנ־קער זאָל אַרויסשפּייען דעם גאַנצן גיפט קומט ער איבער די געפאַר פון זיין קרענק — ווי דער „בעל העיקרים״ דריקט זיך אויס — אזוי איז עלול יעדער מענש וואָס זאָל ארויסריידן זיין גאַנצן טיפן צער, אַז די דאגה זאָל פון אים אוועק, און אויב מיר באַגעגענען, זאָגט ער אויפ׳ן פּסוק „דאגה בלב איש ישיחנה״, אַז אַ מענש רעדט זיך אַראָפּ פון האַרצן און דאָך בלייבט ער טרויעריג איז עס ווייל ער האָט ניט

פאַרמאָגט דעם „אוצר״ פון ווערטער וועלכער זאָל ארויסלייגן זיין גאַנצן צער, ווייל ווערטער זיינען א טייל פון דעם „מענשנס נשמה״ — אויף דעם פסוק „ויהי האדם לנפש חיה״ (צו אײן לעבעדיגן נפש) טייטשט אָפּ דער תרגום: „לרוח ממללא״ צו א „גייסט פון ריידן״. אָבער אויב מען טרעפט אָן די ריכטיגע ווערטער מוז די דאגה נאָך איר ארויסריידן ווערן אויסגעשלאָסן. און „אין טאָל פון טויט״ איז אַזוי קינסטלעריש און אזוי טרעפלאך, כאָטש פראָזע אָבער אזוי פול מיט פּאָעזיע, כאָטש אין אַ שפּראַך פון חול — אידיש— אָבער אזוי הייליג, אַז מיר אלע אַנוועזנדע זיינען אזוי באגייסטערט געוואָרן, אז מיר האָבן באַקומען דעם פולן פרייד־געפיל פון זמן שמחתנו!

מיר האָבן אין דעם קליינעם ספר׳ל געפונען דעם גרויסן אומ־שטערבלאכן אידישן גייסט. מען דערציילט, אז דער באַרדיטשעווער רב, ר׳ לוי יצחק, האָט צום ערשטן מאָל דערזען דעם „תניא״, דאָס ווערק פון ר׳ שניאור זלמן לאדיער, (וועלכער האָט אין זיין צייט אויפ־געשטורעמט די וועלט, פון איין זייט — פון זיינע אָנהענגער מיט זיין גרויסן פילאָזאָפישן בליק, און פון דער צווייטער זייט די מתנגדים וועלכע האָבן געזאָגט, אז ער האָט צופיל געגעבן צו פאַרשטיין „דאָס אומפאַרשטענדלאַכע״, די גאָטהייט) האָט ער אויסגעשריען: אין אַזאַ קליינעם ספר׳ל אַזאַ גרויסער גאָט!

מר. ליבערמאַן, גלויבט מיר, ניט איבערטרייבנדיג, אז איך, ניט איך אליין, נאָר מיין פרוי, וועלכע איז אויך א גרויסע מלומדת, מיינע קינדער וועלכע זיינען אלע ווייט ניט „פּראָסט״ — מיר אלע האָבן געהאָט דעמזעלבן געפיל נאָך דער פאַרלעזונג פון דעם קליינעם־גרויסן בוך. און אויף מאָרגן שמיני עצרת אין מיין דרשה צו מזכיר נשמות האָב איך אין שול גע׳דרשנ׳ט וועגן אייער ספר׳ל.

איר, מר. ליבערמאַן, האָט אין דעם ספר׳ל אזוי ווי כביכול דער רבש״ע ביי זיין יצירה פון דעם מענשן — לויט ווי דער מלבי״ם טייטשט דעם פסוק „נעשה אדם״, אז דער רבש״ע האָט צונויפגערופן אַלע שוין געשאַפענע און צו זיי געזאָגט: לאָמיר אלע פון אונז געבן א טייל און באַשאַפן דעם מענשן (דאָס שטערט אפילו ניט די סאמע אפיקורסישע דאַרווין־טעאָריע פון פּראָגרעסיווער עוואָלוציע) — אזוי האָט איר אַלץ כולל געווען: אייער שעפערישע קראַפט האָט אין מענדעלי׳ס און שלום עליכמ׳ס פּראָזע שפּראַך גערעדט מיט פרוג׳ס פּאָעזיע, איך מיין דאָ דעם באַוואוסטן אויסדרוק, אין „דיעדושקיני סקאַזקי״ (דעם זיידנס

מעשה׳לאך): וו׳נאַשעם גאַריע נאַשע סטשאַסטיע (אין אונזער לייד איז אונזער גליק); און אלס אַ מיטאַרבעטער אין פריידענקערישן סאָציאַליסטישן „פאָרווערטס״ באַנוצט איר זיך מיט אַ שפּראַך פון פייערדיקע, שניידענדע שטראָף־רייד ווי א נביא!

און אין אויספיר, ווי אן אמת׳ער תלמיד חכם, מיט אַ טיפן רע־ליגיעזן קוק אַז הארון, די תורה, די לוחות ושברי לוחות — נושא את נושאיו!

און ישראל ואורייתא וקוב״ה — חד, אז דער איד לעבט אין זיין גייסט און זיין גייסט באַלעבט און לעבט אין דעם איד!

אייער מועט המחזיק את המרובה׳דיגער בוך, ווען מיר האָבן עס געלייענט און צוגעהערט, האָט שטופּנווייז געהויבן און פשוט גע־מאכט טאַנצן די אָנוועזנדע, וועלכע האָבן געהערט פון אַ מאָדערנעם שרייבער וואָס אין געדאַנקענגאַנג שטימט ער מיט זייער פאָטער׳ס שריפטן און רעדעס וועלכע זיי האָבן געהאָט געלערנט. און דאָס, באמת זאָגנדיג, האָט מיך אויך זייער געפרייט. איך האָב געטראָפן די מיי־נונגען פון גרויסע און געמאכט אַ ברכה — ברוך שכיוונתי לדעת הגדולים.

**מאיר שאַרף,**

רב דוועסט פלעטבוש

35

## הרב אברהם יצחק שוחאַטאָוויטץ

### רב דבה״מ הגדול דבראנקס

בעהשי״ת וית׳ ה׳ וישלח, ש״ת

חשוב׳ער ר׳ חיים ליבערמאַן:

אַ דאַנק אייך זייער פאר אייער מתנה, די מייסטערהאפטע ווערק „אין טאָל פון טויט״. וואונדערבאַר איז אייער טאַלאַנט אין שרייבן. פנינים יקרים געפינט איר אויך באשפות, ומאשפות ירים עם עני ואביון. יעדער שורה, יעדער זאַץ איז א געדאַנק. כל אומר אָמיר כל סעיף סעיף — איר באַרירט טיף זייער די חובות פון קדוש השם צוזאַמען מיט קדוש האדם — דערמיט זענט איר מקדש הזמן והמקום...

איך ווינש און בעט השם, אז אייער טאַלאַנט זאָלט איר ניט דאַרפן נוצן אין טאָלן פון טויט, אין „עמק הבכה״, „גיא צלמות״, נאָר

ליבערמאַן זאָל שטיין אין אַ וועלט פון חיים — אַ לעבעדיגן לעבן, פאַר דעם כלל און פּרט — ולך בכחך ללמד תועים בינה.

בכבוד וברכה
**אברהם יצחק שוחאַטאָוויטש**
**הרב הנ״ל**

36

## הרב שכנא שטיין

**ברוקלין די ניויורק, ערב ראש השנה, ת״ש**

**להסופר החביב המשיב נפש קוראיו המרגישים, מר חיים ליבערמאַן, שלום וברכה.**

**אהוב רוחי ולבבי: —**

בערב יום־הדין, שלפי דברי חכמי־המוסר שלנו, „אפילו דג במים יחרד בו״, היה דרכי מאָז לפשפש במעשי: שמא גרוע אני מחברי המחנכים ולא מלאתי את תפקידי כראוי לאָדם, שבידו נמסרה שמירת הדבר הכי־יקר לעמנו, — חנוך בני־נעורינו, שבהם תלוי כל עתירנו.

צער טמיר ונעלם זה התוקף אותי מזמן לזמן וביחוד בימי־התשובה, הייתי מפיג לפנים על ידי שיחת־רעים עם אחד מאנשי־המעלה המעטים, בחינת „אדברה וירוח לי״ של אליהוא בן ברכאל (איוב ל״ב, כ׳).

לפני כשלשים שנה ויותר, הייתי בא אל ביתו של רבי ומורי הרב הגאון ר׳ יהודה־ליב קובלסקי אב״ד דוולאָצלאַווסק, זצוק״ל, שופך לפניו את מרי־שיחי, והוא בדבריו המחוכמים והנעימים, עודד את רוחי וירגיעני. הרב הגדול הזה שסמך את ידיו עלי גם בתור רב בישראל, ניצוץ של ר׳ לוי יצחק מברדיטשוב היה בו. כל איש מצוק וקשה־רוח שבא אליו, היה יוצא מלפניו מזוקק, מנוחם ומאומץ. קל־וחומר תלמיד שלמד תורה מפיו. כיצד אמרו חז״ל?—„כל המלמד את בן חבירו תורה מעלה עליו הכתוב כאילו ילדו״.

בהתעטף עלי רוחי בימי שבתי אחר־כך בוורשה, הייתי מביע את צערי לפני הסופר הנדיר ר׳ הלל צייטלין, או לפני אביר מטיפי ישראל ר׳ יצחק ניסנבוים, והם נחמוני וחזקוני. אולם מיום דרוך כף־רגלי על אדמת קולומבוס, זה כ״ז שנים, לא מצאתי אף איש אחד שאָדם

שבור־לב יוכל לפנות אליו ולתנות לפניו את יגונו, מלבד אחד צדיק והוגה־דעות שזכיתי ליהנות מאורו הגדול רק פעם אחת, זמן קצר לפני פטירתו. האיש היקר ההוא היה האדמו״ר ר׳ יהושע העשיל רבינוביטש ממונאסטריסטשע זצוק״ל, ששכן כבוד בברונזוויל. שאר קברניטי האומה כאן, רובם טרודים בעסקיהם ואין שעתם פנויה להחזקת שלשת העמודים שהאחרון באנשי כנסת הגדולה והראשון בתנאים העמיד עליהם את עולמנו.

אל תתפלא איפוא, ידידי, שבהגיע ימים אלו של הרהורי־התשובה, הייתי אני, הלוחם, כשה אובד־דרך. כל אָדם צריך לידיד וריע ולחבר טוב שיוכל לבוא אליו ולשפוך לפניו את צרת־נפשו. כיצד אָמרו חכמינו ז״ל ? — „או חברותא, או מיתותא !״ ולא זו בלבד, אלא שבראותי את רוב רבניה ומוריה של ניויורק חולמים על אבטיחים וקשואים כאבותיהם במצרים, ובונים מגדלים כבני־ההפלגה, נתגנב בלבי הספק אם אין גם אני חוטא ופושע כמהם על שלא עוררתים לתשובה. בתורתנו הלא כתוב מפורש : „ואם לא יגיד ונשא עוונו״, ומדוע איפוא מלאתי את פי מים ושתקתי ?...

אבל ראה זה פלא : בשבתי כה נבוך ונדהם, נזכרתי בשתי חוברותיך „אין טאָל פון טויט״ ו„אויב איך וועל עס דיר פאַרגעסן, ענגלאַנד״, ותאורנה עיני ! האָדם בעל בחירה חפשית הוא, הן ע״פ תורתנו והן ע״פ כמה מחכמי־המוסר של אומות העולם, להבדיל, אָמרתי לנפשי. ובהחזיקי את חוברותיך בפעם השלישית או הרביעית, העמדתיך לדוגמא. אמרתי : הנה חיים ליבערמאַן זה סוציאַליסט הוא, נאמן לשיטת מארכס, ואף־על־פי־כן לא סמאה תורה זו שלו את עיניו מראות כי עיקרי יסודותיה מתורת משה יצאו, וכי כל מה שהוא אמת ויציב בשיטת הסוציאליזם — הורתם ולידתם בדברי הנביאים לוחמי הצדק, שעוד בימי המלכים האַבסולוטיים שמשלו ממשלה בלתי מוגבלת, לא פחדו לצעוק חמס על מעשיהם הרעים בגלוי ובפני כל עם ועדה. מתוך הכרה זו לא הלך ליבערמאן בעצת הייבסיקים הרשעים, אלא הוציא ספר („שדים במוסקבה״), המגלה את מעשי־נוולותם ואת כל תעלולי סטאלין אלילם.

ואם כנין ונכד לנביאים, וחדור־המוסר והפתוס שלהם, לא יכל סוציאליסט זה, ליבערמאן, לעבור בשתיקה על מעשי הקומוניסטים שעם כל זיופיהם יש להם עדיין תביעה על שמירת תורת מארכס, כביכול, — אינו דין שלא יכול להחריש בראותו את הנעשה לאחיו ע״י היתו־אָדם באירופה, ולכן הלך ופרסם את חוברתו „בגיא צלמות״ הממיתה רשעים בשבט פיו ומרפאה ומנחמת את קרבנותיהם, בחזונו לעתיד.

ומטעם זה יצא גם בחזות הקשה כנגד אנגליה אחרי פרסום הניר הלבן־השחור שלה, תבא בנא לה כליון בחוברתו „אם אשכח לך זאת, אנגליה״ הבאָה כתשובה על אותו גליון. בין חרוזי המרגליות שבה, אתה מוצא: „זו תהיה מלחמתנו האחרונה״! — „אָנו נגפים בכל מלחמה ויוצאים תמיד המנצחים״!... ומסיים: „וחסד אחרון נעשה עם אַנגליה, חסד של אמת: אָנו נעמיד לה מקונן אשר ישא קינה והגה והי על חורבנה״!...

דברים אלו שלך, ליברמן, הביאוני לידי ההחלטה לתרגמם עברית שלא על מנת לקבל פרס ובלי שום תשלום וגמול. — כתבי־קודש צריכים לצאת בבגדי־קודש, וכותבם הוא אחד מיחידי סניגוריו של ישראל בדורנו! [1])

איה״ש מיד אחר ראש־השנה אשתדל לראותך ולדון עמך על אופן העבודה, כדי שיתאים סגנון־התרגום לסגנון החוברות במקורן.

ובזה אסיים את מכתבי אליך בברכה, שכשם שחזקתני בדברי חוברותיך, כך יברכך ה׳ ויחזק את כוחך לכתוב בשנה הבאָה שירה חדשה — שיר והלל ותודה על גאולתנו ועל פדות נפשנו כידך הטובה עליך בסגנון נביאינו, לשמחתך ולשמחת נפש ידידך,

אוהבך כאח,

**שכנא שטיין**

נ. ב. — ראה נא להכין צרי ומרפא לנפשי המדוכאָה בבואי אליך איה״ש בקרוב, בכדי שאוכל לספר אח״כ עליך מה שספרתי לך במכתבי זה על מורי הרב ז״ל, על מאדמו״ר ז״ל ועל ידידי־נפשי צייטלין וניסנבוים שיחיו...

**שכנא שטיין**

---

1) דעם אָנבאָט צו איבערזעצן מיין בראָשור „אויב איך וועל עס דיר פאַרגעסן, ענגלאנד !״, קומענדיג פון אַזאַ גלענצנדן העברייאישן סטיליסט ווי הרב שכנא שטיין, האָב איך אָנגענומען מיט גרויס פרייד און ווי אַ גרויסן כבוד. די איבער־זעצונג איז שוין געמאַכט געוואָרן און איז עולה יפה געווען. די אַנדערע בראָשור איז שוין פריער איבערזעצט געוואָרן.

37

# הרב אברהם דובער כהנא שפירא

## רב הכולל פון קאָוונא


CHIEF RABBI
B. SHAPIRO
Kaunas (Kowno), Lithuanie.
Tel. 20446

אברהם דובער כהנא
שפירא
אב"ד דק"ק קאוונא.
טעל. 20446

(אל מע"כ החכם השלם הסופר המצוין מר חיים ליברמן נ"י, נויארק.
שלום.

נתכבדתי לקבל מכתבו מן כ"ו אייר ש"ז יחד עם מחברתו בשם „אין טאָל פון טויט" והנני מודה לו ע"ז. עברתי על פני כל המחברת ומצאתיה מלאה רעיונות חשובים ומליצות שנונות ומחוכמות. נפלאתי לראות, כמה השכיל מחברה להקיף במלים קצרים כל עולם־היהדות ולקפל פרובלימות עולמיות. מי יתן וחשו והכירו רבים כמוהו ועזבו בארות נשברים ושבו אל מקור חיים, שבלעדו הננו

— כמאמר חז״ל — כדגים שפרשו מן המים. לכו בכחכם זה לחזק ידים רפות ולאמץ ברכים כושלות עד ירחם ה׳ עמו והלכו גוים לאורו ולאומים לנוגה זרחו.

בכבוד וברכה,

**אברהם דובער כהנא שפּירא**

אבד״ק קאָוונא).

38

## הרב יעקב מאיר כהנא שפירא

החופ״ק באָראָ פּאַרק, ברוקלין

ב״ה כ״ב כסלו הת״ש

להסופר הנכבד מר ליבערמאַן ש״י

שלום!

אַ האַרציגן יישר כח אייך פאר אייער ספר׳ל „אין טאָל פון טויט״ וואָס איר האָט מיר צוגעשיקט. אייער ספר׳ל איז קליין אין פאָרם אָבער גרויס אין אינהאַלט. יעדער וואָרט אין אים איז א פערל און א שלאָג־וואָרט פון א נייעם געדאנק. אלע געפילן פון דעם גרויסן אידישן צער וועלכע פילן אָן די אידישע הארץ האָט איר צוזאַמענ־גענומען און זיי געגעבן דעם שענסטן און שטאַרקסטן אויסדרוק. ווען איר רעדט וועגן אונזער צער, וויינען מיר מיט מיט אייך, און ווען איר רעדט וועגן אונזער גרויסער האָפנונג פילן מיר שטאָלץ מיט אונזערע ליידן. איר האָט געפונען דעם ריכטיגן טרייסט־וואָרט פאר אידן היינטיגע צייט. גייט מיט דעם כח, מר. ליבערמאַן, און ברענגט טרייסט צו אונזערע ליידנדע ברידער.

וד׳ ינחם אותנו בנחמות ציון וירושלים

מעריצו ומכבדו,

**יעקב מאיר כהנא שפּיראָ**

# בריוו פון שריפטשטעלער, דיכ־טער, קינסטלער, לערער, כלל־טוער און מענשן פון פאָלק

39

באָגאָטאָ, קאָלאָמביאַ, זיד אמעריקע

ליבער מחבר „אין טאָל פון טויט״:

איך דאַנק פאַר אייער געשענק. פאַר אייער טרייסט. אַ טרייסט פאַר מיר, פאַר מיין פאָלק, פאַר דער מענשהייט, דער גאַנצער. איך האָב עס דורכגעלייענט, אייער „אלף־בית״ פון „א״ ביז „יא״, פון דף א׳ ביז דף ל״ו. מער ליידער ניט געוועזן צו לייענען. מען דאַרף ניט מער. איר האָט אויסגעשעפּט, אין שטאָל־אייזערנע פערזן, מיט אידישן גייסט באהויכט, דעם גאַנצן צאָרן אונזערן — די גאַנצע ליבע אונזערע... א קינסטלער אין פולן זין פון וואָרט, אַ דענקער א אידישער, קומט אייך אַ יישר כח. אלע, אלע דאַרפן מיר אייער נאָמען באַערן. איר האָט עס פאַרדינט, ווייל פון אייך און דורך אייך רעדט דאָך צו אונז די טויזנט יעריגע שטים אונזערע. גאָט׳ס שטים. אַלע מוזן אייך דאַנקען, פאַר די טרייסט־ווערטער וואָס קלינגען אזוי מונטערדיג, אזוי האַרמאָניש שיין, ווער שמועסט: א טרוימער פון געטאָ, — אַ דאָן־קיכאָט א אידישער, מיט לייב און גייסט; א וואַנדע־רער, וואָס זוכט דעם אמת אויף גאָט׳ס ערד, אונזער ערד.

זייט געגריסט, פון אים, פון אונז אלעמען.

פון אייער פריינט,

**דר. מיכל אדלער**

**נ. ב.** וואָלט זייער וועלן אייערע „געדאַנקען וועגן אונזער צייט און אידישן שיקזאַל אין איר״ אין „אונזער״ זיד־אַמעריקאַנער שפּראַך איבערזעצן. אייניגע געדאַנקען אין מיין חדש־זשורנאַל אויף שפּאַניש

וואָס איך דענק ארויסגעבן צוזאַמען מיט פּראָפעסאָר באָאַז, פּראָפעסאָר בענעדיק, דר. דוד עפראָן פון אַרגענטינע א. א. וו.

וויל אויך מען זאָל דאָס בוך אייערס־אונזערס ביי אונז אין זיד־אַמעריקע פאַרקויפן. זיי דאַרפן עס לייענען, די אידישע גוים און גוי׳שע גוים, אויף אידיש און אויף שפּאַניש, אויף אַלע שפּראַכן פון דער וועלט, דער זינדיגער, דאַרף מען עס איבערזעצן, די זונה וועלט אויפקלערן. אונזער פליכט!

## 40

מייאַמי ביעטש, פלאָרידא, 3טן יאנואר, 1939

ליבער און חשוב׳ער חיים ליבערמאַן,

איך וויל אייך שרייבן מיין איינדרוק לייענענדיג דאָס מערקוויר־דיגע ווערק אייערס „אין טאָל פון טויט״. אין תוך בין איך שטענדיג עקזאַלטירט פון אייער פלאַקערדיגער פעדער, אז ווען איך לייען עפּעס איבער פון אייך פיל איך ווי ארויסצולויפן אין גאַס אריין און פרעגן יעדן פאַרבייגייענדיגן צי וויל ער צוזאַמענשטעלן אַ מנין אידן און מען זאָל עס לייענען בציבור ווי מען זאָגט תהלים אין א חברותה.

וועגן אייער „אין טאָל פון טויט״ ווייס איך אז איך האָב עס פאַר מיר געלייענט אליין פריער ביחידות דריי מאָל כדי צו קענען אריינ־זאָפּן אין זיך דעם גאַנצן אראָמאט און קענען זיך זעטיגן מיט דער אומבאשרייבלאכער טרייסט, וואָס אָטעמט ארויס פון יעדער שורה דאָרטן פאר אונזער ליידנדיג פאָלק ישראל. איין זאך ווייס איך און קען עס שווערן ביי אן ארון קודש, אז א גאנצן חודש ווען איך האָב אריינגעקראָגן דאָס ספר׳ל אין מיינע הענט בין איך געווען אין א פלאטערנדיגן פיבער, א פיבער פון באגייסטערונג. די אלע וויסטע קלעפּ, וואָס האָבן זיך אראָפּגעלאָזן אויף אונז יענע טעג פון חורבן ווין, וואו דער ערגסטער צורר היהודים פון די מאָדערנע צייטן האָט אונז געזוכט מערער צו ערנידעריגן ווי צו שלאָגן, האָבן גרויסע מחנות אידן אריינגעבראכט אין א חורבן בית שלישי שטימונג. מען האָט זיך שטארק געהיט ניט צו קוקן איינער אין צווייטנס געזיכט אריין, מורא האָבנדיג אריינצופאַלן אין היסטערישן געוויין, און מען האָט זיך שיעור אַנגעהויבן שעמען אויסזאָגן אייגענע קינדער דעם סוד, אז זיי זיינען נעבאך אידן.

און פלוצלונג ווי א רעגנבויגן באוויזט זיך אַט דאָס מאָדערנע נביאישע ספר׳ל! ניט קיין מוסר ריידֿ, ניט קיין רוף צו פייניגן זיך, ניט קיין רוף צו חרטה, ניט קיין רוף צו תשובה און תעניתים, כאָטש עס איז געשריבן מיט׳ן ערנסט און פּאַטאָס פון פיוט און מחזור, שטי־מונגספול ווי די טענה׳ס פון דער עבודה און די ימים נוראים׳דיגע תפילות, נאָר א גרויס מעכטיג טרייסט־וואָרט, רופנדיג אונז אויס־צולאָכן אונזערע וויסטע שונאים און זיי מבטל זיין מיט אונזער שטאָלץ אלס אַן אויסדערוויילט פאָלק. יאָ, יאָ! אויסדערווויילט! איבער־לייענענדיג דאָס ספר׳ל האָב איך באמת דורכגעלעבט אין יעדן נערוו מיינעם אַט דעם הייליג־פרײַדיגן נשמה ציטער, וואָס אמאָל נאָך נעילה ארויסגייענדיג פון טאָלנער קלויז איינגעלוויזן אויסגעווייטער, אָבער געטרייסט, אַז גאָט האָט זיכער פארגעבן אלע ניט געזינדיגטע עבֿרות און מען פילט זיך זיכער, אידיש ציכטיג, אָן א שום שפּרינקעלע אויף זיך, און מען לויפט טאנצענדיג אהיים אריינשלאָגן דאָס ערשטע שטענגל פון דער סוכה, און אויפ׳ן האַרצן ווערט אזוי ליכטיג און גוט אז ס׳ווילט זיך ווידער ווייגען פאר פרייד.

איך בין געלעגן א קראַנקער ווען אייער ביכעלע איז ארויס, און ווער ס׳איז געקומען צו־גאָסט — און גראָד יענע טעג זיינען גאנצע מחנות מענשן אונזערע מיך געקומען באַזוכן אין מיינע טונקעלע טעג פון קראנקייט מיך צו טרייסטן — איז אויסער מיין חנה׳ס גרויסער גאַסטפריינדלאכקייט פון טיי און צובייסנס בין איך געווען גליקלאך יעדן איינעם מכבד צו זיין מיט אַן עליה, אויפרופן זיי צו לייענען די עלף קאַפּיטלאך פון ספר׳ל וואָס איך האָב זיי באצייכנט אלס „אחד עשר כוכביא״, עלף ליכטיגע שטערן וואָס האָבן באַלויכטן מיט פייער־שריפט אונזער פארטונקעלטן הימל. און דערנאָך ווען איך האָב דאָס ספר׳ל פּרעזענטירט צו דעם פירער פון אידישן קולטור קלאָב אין מיאמי, פלאָ־רידא, דעם באַוואוסטן משכיל פינחס פּוטשקאָף, האָט ער געמאַכט אַ ספּעציעלע חגיגה׳לע און איינגעטיילט יעדן גאסט אַן עליה צום לייענען עטלאכע פסוקים פון ספר׳ל און זיך אליין מכבד געווען מיט מפטיר, צו געבן זיינע קאָמענטאַרן.

הלואי געפין איך ביי זיך דאָס בריוועלע וואָס דער פייערדיקער ציוניסט און העברעער האָט מיר דאַן צוגעשיקט. ער האָט זיך ניט געשעמט מיר צו שרייבן, אז דאָס ספר׳ל צו לייענען טאָר מען ניט אין ציווילע קליידער נאָר מען דאַרף אָנטאָן א טלית מיט א שיינער יום־טוב׳דיגער עטרה און עס לייענען נאָר בציבור. דאָס איז ניט קיין

שטימונגס־בוך, נאָר מען מוז עס זינגען בציבור. איך געדענק זיין אויסדרוק: „דאָס איז אַ נאַציאָנאַלע פּאָעמע אין פּראָזע, וואָס דאַרף געזונגען ווערן בקהל״.

אָט דאָס זיינען פּראַגמענטישע קאָמענטאַרן וואָס יעדערער פון מיינע פריינט האָט זיך אין התפעלות ארויסגעזאָגט, יעדער אויף זיין אייגנאַרטיגן אופן, און דאָס ספר׳ל האָט געוואַנדערט ווי א מזוזה׳לע, עפּעס א וואונדער־סגולה, פון הויז צו הויז, פון די פּוטשקאָפּ׳ס צו רבי קלמן צוויטמאַן, פון צוויטמאַן צו די צייטלינס פון די צייטלינס צו די קאַהאַנס און אזוי ווייטער. ס׳האָט זיך געשפּרייט ווי א בשורה פון א הייליגן משולח וואָס ברענגט א בשורה פון א פאַרלאָרענעם שבט, וואָס דורך אים קומט די גאולה.

אנטשולדיגט מיר, ליבער חיים׳קע, וואָס איך שיק אייך בלויז די פּרענזלאַך פון די פיינע געוועבן וואָס פלעגן זיך אויסוועבן אלעמאָל ווען איך האָב געלייענט אָט דאָס טרייסטברענגענדיגע בוך.

מיט דער טיפסטער פריינטשאפט און גרויס אכטונג און האַרציגסטן גרוס,

**חנה און דוד אייבראַמס**

41

דעם 6־טן יוני, 1939
אינדעפּענדענט ארבעטער רינג,
טאָראָנטאָ, קענעדע

זייער חשוב׳ער ח. ליבערמאַן!

מיר דריקן אויס אונזער טייערסטן דאנק פאַר אייער בראָשורע „אין טאָל פון טויט״ צוגעשיקט פאַר אונזער לייען־זאַל.

די בראָשורע איז בלי ספק געלייענט געוואָרן פון יעדן מיטגליד און באַזוכער פון אונזער לייען־זאַל, ווי אויך איז עס פאַרגעלייענט געוואָרן פון די יוגנט קלובן.

מיר באַדויערן שטאַרק, וואָס ווייניג פון אונזערע שרייבער געפינען פאַר נויטיג (ווי איר האָט עס געטאָן), ארויסצוקומען מיט אזעלכע אמת׳ע ווערטער, וועלכע נויטיגן זיך היינט צוטאָג אין אונזער אידישן לעבן.

מיר האָפן, אז אויך אויף ווייטער וועט איר אונז צושיקן אייערע ווערק.

**קולטור קאָמ. ביים אינד. ארב. רינג**
ש. ראָזנבלאַט, סעקר.

42

בעזהי״ת

יום ג׳ לספר והתברכו בזרעך כל גויי הארץ לפ״ק פה ניו יאָרק, צ״ו, 22 נאָוו., 1938.

לכבוד החכם השלם וכ׳׳ מו״ה חיים ליבערמאן, שליט״א.

אחדשה״ט נתכבדתי מאד מאד נתיקרתי על תשורתו ספרו החשוב „אין טאָל פון טויט״ ששלח לי לאות ולמזכרת נצח. ואין די מילין בפה ודיו בעיטי להעלות על הספר רגשת ושמחת לבבי על שזכיתי למצוא חן בעיני אדם גדול כמוהו ירבה בישראל.

והנה עברתי על ספרו היקר מדף לדף ושניתי ושלשתי בו בשים לב ועיין כפי השגתי המעוטה ופעוטה,ונשתוממתי על המראה והייתי כמשתאה על רוחב בינתו ועומץ חכמתו ורום דעתו ושמחתי עלי גיל בשמחה כפולה ומכפלת כי מצאתי לבבו הטהור נאמן באמונת אומן באמיתית אמת אמונתנו הנבחרה ונבחנה מרבותינו הקדושים הנביאים והתנאים והאמוראים והגאונים זכותם יגן עלינו עד דורותינו זרע ישראל כלו זרע אמת.

והנני בזה ידידו הנאמן כאהבתו המצפה להרמת קרן ישראל על ידי ההפשטת הדעת בכל העולם ויתקיים נביאת ישעי׳ „ומלאה הארץ דעה״ וכו׳ „ולא ירעו ולא ישחיתו בכל הר קדשי״, ומלכות הרשעה והזדון מהרה תתעקר ותשבר ותכניע, והאמת יתרומם ויתנשא.

אני הכותב ברגשי כבוד ועוז כערכו הרם והנשא,

**דוד ה״ק אמסיל,**

**בן הרב ר׳ יצחק אמסיל**

43

שיקאגא

חשוב׳ער פריינט ליבערמאן:

איך דאַנק אייך פאר אייער בוך „אין טאָל פון טויט״. ביי אונז אין קלוב איז די ארבעט פאַרגעלייענט און דיסקוטירט געוואָרן.

מיט דרך ארץ,

**י. באַבינסקי**

נויארק, 16טן אויגוסט, 1939

מיין ליבער חיים ליבערמאַן:

ערשט פאַרענדיגט לייענען און נאָכאַמאָל איבערלייענען אייערע צוויי פּאָעמעס: „אין טאָל פון טויט״ און „אויב איך וועל עס דיר פאַרגעסן, ענגלאַנד!״

אַ האַרציגן דאַנק אייך פאַר דעם קינסטלערישן תענוג, פאַר דער שעפערישער פרייד, וואָס אָט די דערמאָנטע שאַפונגען אייערע האָבן מיר געבראַכט.

איך האָב די אויבן אונטערגעשטראָכענע ווערטער ארויסגעטיילט, ווייל זייער זעלטן געלינגט עס א קינסטלער אויפצוהויבן זיך צו דער געהעריקער שעפערישער הויך, ווען די טעמע איז אזוי טראַגיש און איז אים אזוי בלוטיק נאָענט, ווי די וואָס איר האָט באַהאַנדלט. אָט די קינסטלערישע מדרגה האָט איר דערגרייכט און זי דאַרף באַטראַכט ווערן ווי א גרויסער שעפערישער נצחון, ווייל דאָס קינסטלערישע איך האָט גובר געווען די אייגענע טראַגעדיע. גובר געווען אָבער ניט פאַרזען.

איצט ווען מיר אידן לעבן איבער אפשר אונזער גרעסטן חורבן; איצט ווען דאָס גאַנצע מענשלאַכע לעבן געפינט זיך אין דעם כאַאָטישן צושטאַנד פון א משוגעים־הויז און די אומגליקלאַכע געשעענישן פון אונזער אייגן אידיש לעבן קראַכן טאָג־טעגלאך ווי דונערן איבער אונזערע קעפּ און לאָזן זיך בשום אופן ניט קינסטלעריש באַהאַנדלען אָן א היבשער מאָס שאַבלאָן און היסטעריקע, איז צו באַוואונדערן דעם כח פון אייער שעפערישן חוש, וואָס האָט מעגלאך געמאַכט, אז איר זאָלט אין די דערמאָנטע שאַפונגען, מיט אזוי פיל שריפטשטעלערישן באַלאַנס און געלייטערטקייט, דערגרייכן אַזאַ שלמות.

איך בין זיך מודה, אז נאָכדעם ווי איך האָב דורכגעלייענט דאָס ערשט דערשינען ביכל, „אויב איך וועל עס דיר פאַרגעסן, ענגלאַנד!״ האָט עס מיך געצוויגן נאָכאַמאָל צו לייענען „אין טאָל פון טויט״. איך האָב געלייענט און געלערנט, געזאָגט און איבערגעזאָגט, ווי א פרומער איד זאָגט תהלים, קוקט נאָכאַמאָל און ווידער אַמאָל אריין אין פּרקי אבות, אין תנ״ך. און געטראַכט האָב איך פון די צוגעקומענע קאַפּיט־לאך תהלים, פּרקי אבות און תנ״ך פון רבי חיים מ׳נויארק, געשריבן אין אַזאַ מחיה׳דיגן, זאַפטיגן אידיש.

איך האָב געטראַכט, ווי פאַלש עס זיינען די טענות, אז די ביבל קען ניט האָבן דעם עכטן אידישן טאָן אין אידישער איבערזעצונג. אדרבה, זאָלן זיי לייענען „אין טאָל פון טויט" און „אויב איך וועל עס דיר פאַרגעסן, ענגלאנד!" אויך אונזערע ביבל איבערזעצער וואָלטן עס געמעגט טאָן.

און געטראַכט האָב איך אויך, אז ס׳וואָלט וואויל געווען איבער־צוזעצן אין אַנדערע שפּראַכן, כאָטש אין ענגליש, אָט די צוויי זעלטענע ביכלאך און שיקן קאָפּיעס: צו דעם גרויסן וועלס׳ן און צו די אנדערע גדולים פון אונזער צייט און דור. אפשר וואָלטן זיי אויפגעהערט צו קליגלען זיך מיט אזוי פיל גרינגשעצונג וועגן אונזער „אתה בחרתנו", ווי אן אויסבייט פאר אונזערע צרות, וואָס זייערע ברידער טיילן אונז צו.

מיט דער האָפנונג, אז איר וועט אָננעמען מיינע גוטע וואונשן און ברכות פאר ווייטערע דערגרייכונגען אויף אייער געבענשטן פעלד, אז זיי וועלן זיך ביי אייך מערן אָט די וואונדערלאכע שאַפונגען, מיט ווערטער פון טרייסט און נצחון פאר אונז אלעמען,

פאַרבלייב איך קאָלעגיאַל אייער,

**מ. באַסין**

45

נויארק, 1 פעברואר, 1939

ליבער חיים ליבערמאַן:

אַ דאַנק פאַר אייער ספר׳ל. עס באַגייסטערט און שרעקט. עס באַגייסטערט אייער אמונה, די טרעפלאַכקייט פון אייערע סענטענצן, דער שאַרפזין פון אייערע אפאָריזמען, דער צמצום פון וואָרט, אבער עס שרעקט די פאַראַלגעמיינערונג, דער וועלט־ארומנעמענדיגער אנטי־גויאיזם און אַנטי־קריסטנטום, דער אתה־בחרתנו׳איזם, וואָס נאָר גע־ציילטע, נאָר געציילטע צווישן אונז, אין אונזער זינדיגן דור, קענען אויף זיך אָנפּאַסן.

איך זע דעם געמיט אין וועלכן דאָס ספר׳ל איז געשריבן און פאַרשטיי דעם ברען פון ארויסרוף. איך קוויק זיך מיט די וואונדער־לאַכע ווערטער, אָבער איך טראַכט: אויב מיר זיינען דאָס וואָס מיר זיינען לויט אייך, האָבן מיר אפילו איצט געדאַרפט שטיין ווי אברהם

אבינו און בעטן פאר סדום אין זכות פון די צען צדיקים וואָס זיינען דאָרט זיכער פאַראַן. ניט ווי איר טוט עס אין אייער אפּאָטעאָז, נאָר אין גאַנצן לויף פון אייערע רייד.

נעמט עס אָן פון מיר חבר׳יש. ווען ניט אָט די שרעקלאַכקייט, וואָלט אייער ספר׳ל געקענט זיין א בשורה פאר אונזער צייט.[1]

אייער,
**מנחם באָריישא**

## 46

נויארק, נאָוועמבער 6טן, 1939

אדון נכבד, מר. חיים ליבערמאַן!

איך האָב נאָרוואָס אוועקגעלייגט אייער ביכל „אין טאָל פון טויט״, א צערודערטער און צעטרייסלטער, אָבער א דאַנקבארער פאַר דעם גרויסן תענוג רוחני, וואָס דאָס ביכל האָט מיר פאַרשאַפט.

אומפארגעסלאך ענלאכס האָב איך דורכגעלעבט אין 1898 ווען איך, א געוועזענער ישיבה בחור, בין געקומען צום ערשטן מאָל קיין בערלין, האָב זיך באַקענט מיט דר. עליאשעוו, בעל־מחשבות, וועלכער האָט באַלד דערשמעקט אין מיר דעם גרויסן יאָלד און מיך דיזעלבע נאַכט גענומען צו דער אָפּערא „טראַוויאטא״, אין וועלכער עס האָט געזונגען די דאַן גרויסע זינגערין פּריוואָסט. איצט בין איך שוין ניט אַזאַ יאָלד, איך פיל אָבער דאָסזעלבע וואָס איך האָב דאַן געפילט... צו באַשרייבן אָט די ערשטע גרויסע איבערלעבונג אין מיין יוגנט וואָלט איך באַדאַרפט זיין אַזאַ מייסטער פון וואָרט, ווי איר, פריינט ליבערמאַן, זייט, מיט וועלכן איך האָב, זאָל מיר צו קיין שאַנד ניט זיין, זיך גוט באַקענט ערשט דורך דעם ביכל. דער ערשטער איינדרוק וועלכער איז מיר געבליבן פון אייער פען איז געווען דער, אז איר זייט א איד אַ יאָבעדניק, דאָס וואָס איך אייגנטלאך בין, און וואָס איך האָס אין זיך ניט ווייניגער ווי ביי אַנדערע. האָב איך געהאַט א טעות און בעט ביי אייך פאַרצייאונג.

---

1) אין דער דינגעניש וועגן סדום זיינען דאָך געווען צוויי צדדים: אברהם אבינו און גאָט. נו, האָלט איך מיט גאָט.
אויך ניט קיין שלעכטער שותף...

אַנטקעגן וואָס שרייב איך דאָס אַלעס, וועט איר מסתמא פרעגן. איך האָב זיך געשטעלט דיזעלבע פראַגע, און וועל ניט חרטה האָבן אויף דעם בריוו, ווי איך האָב אין מיין לעבן ניט איינמאָל חרטה געהאט אויף בריוו...

די מאָטיוון מיינע זיינען פאָלגנדע:

א) איר האָט מיר פאַרשאַפט אַ גרויסן עסטעטישן פאַרגעניגן מיט אַ מייסטערווערק — דאַרף איך אייך באַלוינען פאַר דעם פאַרגעניגן. און מיט וואָס קאָן איך, אַרעמער טייוול, אייך באַלוינען, אַז ניט מיט שבח ותהילה?

איך בין איבערצייגט, אַז קיינער האָט נאָך אַזאַ אידישע פראָזע ניט געשריבן און אַז אַזאַ פראָזע האָט נאָך קיין גוי אין קיין שפּראַך ניט איבערגעשריבן, ווייל קיין גוי איז ביי זיין שרייבן ניט געווען באַוועלטיגט פון אַזאַ צער און פון אַזאַ הייליגן צאָרן, ווי דער וואָס האָט געשאַפן דאָס ביכעלע...

ב) דער צווייטער מאָטיוו שטאַמט טאַקע פון דעם ערשטן: דאָס ביכעלע דאַרף איבערזעצט ווערן אין אַנדערע שפּראַכן, אין דייטש, ענגליש, כאָטש איך צווייפל צי די איבערזעצונג, ווער עס זאָל זי ניט מאַכן, וועט ארויסקומען אַזוי שיין, ווי דער אָריגינאַל איז.

אין דעם ביכעלע, מוז איך אייך זאָגן צום שלוס, האָט איר דער־הויבן אידיש צו אַ וועלט־שפּראַך.

ווען די אַנשי כנסת הגדולה, אָדער די וואָס האָבן רעדאַקטירט דעם תנ״ך, וואָלטן געווען אין זייער צייט געפונען אַזאַ שריפט, בין איך זיכער, אַז זיי וואָלטן זי געווען אריינגענומען אין קאַנאָן אייב־שטימיג.

מיט גרויסן דאנק און נאָך גרעסערן דרך ארץ,

**א. בוקשטיין**

47

נויארק, אפריל דעם 22, 1939

טייערער ליבערמאַן:

איך האָב נאָר וואָס איבערגעלייענט אייער „אין טאָל פון טויט" און איך פיל ווי אַ ברענענדיג וואָרט האָט זיך דורכגעבערענט און אריין טיף אין מיין האַרצן.

נאָך די רייד פון די נביאים און נאָך „די שחיטה שטאָט" האָט נאָך קיין אידיש געשריבן וואָרט געמאַכט אויף מיר אַזאַ איינדרוק. איך טראַכט בלויז, ווי איז דאָס גאָר מעגלאך, אז עס זאָל זיך געפינען צווישן אונז א מענש וואָס זאָל אזוי פייערדיג אויסשרייען אונזער ווייטיג. א געשריי וואָס וועט געהערט ווערן לאַנגע דורות.

די יסורים פון אונזער דור, וואָס ווערן פאַרשוועכט פון די וואָכעדיגע פלפולים אין די צייטונגס־ארטיקלען האָבן געקראָגן א תיקון אין אייער „אין טאָל פון טויט".

וואָלט איך ניט געוואוסט, אַז איך קאָן דעם מענשן, וואָס הייסט חיים ליבערמאַן, וואָס האָט אָנגעשריבן „אין טאָל פון טויט", וואָלט איך געמיינט, אז א שריפט פון פארצייטן, פון א צייט ווען דאָס וואָרט איז געווען הייליג און דער מענש ערלאך, איז אנטדעקט געוואָרן.

פאַר מיר ווי פאַר אַ סך אנדערע וואָס פילן זיך אין דער איצטיגער צייט פארלאָרן און פאַרשעמט, איז אייער וואָרט א הייליג וואָרט וואָס ברענגט טרייסט און מוט.

צווישן די נעמען פון די גערעכטע וועט אויך אייער נאָמען פאַר־שריבן ווערן.

זייט געבענטשט.

מיט דרך ארץ,

**א. ה. ביאַלין**

48

לאָנדאָן, כ"א שבט צ"ט

זייער השוב'ער ח. ליבערמאַן:

כ'האָב באַקומען אייער ביכל „אין טאָל פון טויט" און זאָג אייך מיין בעסטן דאנק. ס'איז מיר געווען אינטערעסאַנט ביז גאָר און כ'האָב מיך געפרייט, וואָס א סך רעיונות זיינען מיר נאָענט. פאַר־שטייט זיך, ניט אלצדינג. למשל, וועגן קריסטענטום און סאָציאַליזם בין איך אביסל מחולק מיט אייך.

מיט גרויס כבוד,

**שלמה בירנבוים**

פאריז, 18טן יאנואַר, 1939

טייערער ליבערמאַן:

ווען פריינט יחזקאל קאַרענהענדלער האָט מיר געבראַכט אייער בראָשור, טייערער ליבערמאַן, האָב איך זיך גאָר שטאַרק דערפרייט, און אַ האַרציקן דאַנק אייך דערפאַר!

איך טראָג אייער בראָשור אומעטום, האַלט זי אין איין איבער־לייענען פאר זיך און פאר יענעם.

אין אַזאַ שווערער געדריקטער צייט, ווען מען נויטיגט זיך אַזוי אין אַ טרייסט־וואָרט, אין אַ טרייסט־טאַט, אין אַן אויסלייזונג פאַר׳ן איינצעלנעם און פאַר אונזער גאַנץ גע׳רודפ׳ט פאָלק, איז אייער גאַל אפילו זיס... אַחוץ אַלע זיבן אמת׳ן איז די בראָשורע וואונדערלאַך שיין אָנגעשריבן: דורך און דורך פּאָעטיש און אויפריכטיג ביז גאָר.

דער וואָס ליידט אָן אויפהער פון אַזוי פיל מאָראַלישע קלעפּ (פיזישע איז שוין היינט אַ קלייניקייט צו פאַרטראָגן) פאר דעם קאָן און דאַרף אייער בראָשור, ליבער ליבערמאַן, זיין פאַרשטענדלאַך, כאָטש ס׳איז זייער שווער מיט איר אינגאַנצן איינשטימיג זיין. שוין צוליב דעם, ווייל דער אויסוועג איז ניט קיין פּראַקטישער... נאָר וועגן דעם זאָלן זיך שוין זאָרגן די פּראַקטישע לייט...

גלאַטשטיינ׳ס ליד און אייער בראָשור האָבן אביסל אויפגערודערט, פאַראורזאַכט דיסקוסיעס, אָבער צו קיין אויספיר איז מען סיי ווי ניט געקומען, און איך מיין אז מען וועט ניט קומען ביז די פינסטערע כוחות וועלן איינגעזונקען ווערן און ס׳וועט ליכטיגער ווערן אויף דער וועלט...

איך גלויב און האָב, זייט איך געדענק זיך, געגלויבט אין דעם אינערלאכן, געלייטערטן כח פון דעם מענשנ׳ס נשמה. ס׳ווילט זיך טאַקע אַנטלויפן פון שלעכטע מענשן און שלעכטס וואו פעפער וואַקסט... היינט נאָך מער ווי אלעמאָל ווילט זיך לעבן מיט אייגענע, דיגען אונזער אידישן פאָלק, פאַר ווענען מיר האָבן שוין אַזוי פיל געליטן, באַצאָלט און צאָלן נאָך און נאָך...

איך קוש אייך,

אייער פריינט,

**פרידא בלומענטאל**

50

טעלז, בע"ה ג' לחדש שבט צ"ט

זייער געערטער ה' חיים ליבערמאַן:

גרויס פרייד האָט איר מיר פאַרשאַפט מיט'ן צושיקן די בראָשור „אין טאָל פון טויט", וועלכע האָט דאָ ארויסגערופן גרויס בייפאַל ביי דעם ברייטן לייענער קרייז.

יאָ, איך האָב שוין געזען איבערגעדרוקט אויסצוגן פון דער בראָ־שור, אין דער היגער און לעטיש־אידישער פרעסע, דאָך האָט די בראָשור אַרויסגערופן ביי מיר אַלס גאַנצע, אַ באַזונדערס אנגענעמע איבעראשונג. און איך דאַנק אייך זייער דערפאַר.

מיט הויך־שעצונג און דאַנק,

**משה בניאַש**

נ. ב. .אלס צייכן פון אינטערעס און באהאנדלונג וואָס די בראָשור האָט ארויס־גערופן ביי אלעמען, לייג איך ביי א ווידמונג פון קאָלעגע אליעזר קטץ, וועגן אייניגע אַנרעגנדע געדאַנקען פון דער בראָשור, און שטריכנווייז זיין מיינונג דערביי.[1]

מיט דאַנק,

ד. ז.

51

נויאָרק, יאנואר דעם 1טן, 1940

ליבער פריינט חיים ליבערמאַן,

איך קען אייך גאָרניט איבערגעבן ווי עס טוט מיר ווייַ פאַר וואָס איר קענט ניט זיין ביי די אלע קאָנצערטן, וואו איך לייען פראַגמענטן פון אייער פראכטפול ווערק „אין טאָל פון טויט".

דער עולם זיצט ווי היפנאָטיזירט פון דעם ערשטן וואָרט ביז'ן לעצטן. די ווערטער און די געדאַנקען זיינען אזוי צאַפּלדיג אקטועל, אזוי נאָענט צו די ברייטע פאָלקסמאסן, אז ביי זיי רייסן זיך ארויס הייסע אפלאָדיסמענטן און טרערן רינען איבער זייערע פנימער.

יעדעס מאָל ווען איך ענדיג אייער פּאָעמע, ציטערן ביי מיר די הענט, מיין בלוט קאָכט אויף, און מיר דוכט זיך אז צוזאמען מיט אייך,

1) די ווידמונג דערשיינט אויף זייט 120 אונטערן נאָמען פון איר מחבר.

טייערער ליבערמאַן, צוזאַמען מיט'ן גאַנצן אידישן פאָלק, האָב איך ארויסגעשריגן דעם פּראָטעסט געגן די אכזריות'דיגע באַרבאַרן, וועלכע פארמוטשען אונזערע אומגליקלאכע ברידער אויף יענער זייט ים.

א האַרציגער ישר כח איך פאר געבן מיר אזא געלעגנהייט, דורך אייערע שטארקע און דיכטערישע ווערטער איבערצולעבן יעדעס מאָל אַזאַ קינסטלערישן יום טוב!

זייער זעלטן ווען עס גיט זיך איין א שוישפילער צו לייענען עפּעס, וואָס זאָל אי שטארק אויסנעמען ביים עולם און אי זיין אים אליין אויך שטארק צום הארצן. אייער וואונדערלאכער „אין טאָל פון טויט" האָט דאָס פאָלקאָם דערגרייכט! א דאַנק!!!

מיט ליבשאפט און גרויס דרך ארץ,

אייער

**בעלאַ בעלאַרינא**

52

נויארק דעם 10טן נאָוו., 1938

מיין ליבער חיים ליבערמאַן:

איבערגעלייענט אייער פּאָעמע „אין טאָל פון טויט", און עס האָט אויף מיר געמאַכט זייער א שטאַרקן איינדרוק. ווען איך בין אַ איד אַ גביר לאָז איך דאָס איבערזעצן אין ענגליש און גיב דאָס אַרויס אויף פּאַרמעט אין פאָרם פון א מגילה צו לייענען פאר אונזער יוגנט וואָס וויל ניט וויסן פון זייער פאָלק און דעם גרויסן צער, וואָס איז אונז באַפאַלן אין אונזערע טעג.

מיט וואַרעמען גרוס,

חבריש אייער,

**א בערגער**

53

פרייטאג, אווגוסט 22טן, 1939

פילאדעלפיע

זייער חשוב'ער פריינט ח. ליבערמאַן:

אַ האַרציגן דאַנק איך פאר דעם גייסטיגן גענוס וואָס אייער בראָשורע „אין טאָל פון טויט" האָט מיר פאַרשאַפט. דורך אייערע

ווערטער און מעכטיגער אויסדרוקס־קראַפט האָט איר נאָכאַמאָל באוויזן דעם גרויסן אמת וואָס ליגט אין די גרויסע ווערטער פון דעם נביא: לא בחיל ולא בכח כי אם ברוחי אמר ד׳.

אין אייער טאָן דערפילט מען דעם עכאָ פון די מאַרטירער פון טויזנטער דורות און מען ווערט איבערצייגט, אז דאָ ליגט פאַרט אונזער כח דורך וועלכן מיר וועלן ארויס די זיגערס.

דער גאַנצער סטיל דערמאָנט אָן אונזער תנ״ך, יעדער שורה, יעדן אויסדרוק וואָס מ׳לייענט קומט אויס באַקאַנט, דוכט זיך אז מ׳האָט אים שוין געזען ביי: עמוס, ישעיהו א. ז. וו. יעדע פראַזע איז ווי פון שטיין אויסגעהאַקט, און לאָזט זיך רעציטירן.

איך גלויב, אַז אזוינע ווערק דאַרפן און מוזן איבערזעצט ווערן, סיי אין ענגליש און סיי אין העברעאיש,[1] און איך גלויב, אז איר אליין דאַרפט דאָס טאָן.

מיט גרויס אַכטונג,

**א. ל. בערקאָוויץ**

54

נויארק, סעפטעמבער 18, 1938

מיין ליבער ליבערמאַן,

צוליב אייך האָב איך היינטיגן פרייטאג געשריבן מיין ארטיקל וועגן רופן די פעלקער צום בית־דין.

וואָס הייסט איר זייט שולדיג? דער פשט דערפון איז: עפּעס האָב איך געהאט א שטיקל רעיון וועגן דעם, האָב זיך אבער ניט געקענט צוקלייבן שרייבן. האָב איך אבער געלייענט אייער ארטיקל „אין טאָל פון טויט״ אין „וואָכנבלאַט״ וואָס האָט מיך פשוט אָנגעצונדן. ער באַזיצט דעם אש קדש אין זייער א גרויסער מאָס, פלאַמען פון דעם לעגענדאַרן סנה. האָב איך מיר געזאָגט: איצט טאָר מען ניט אָפּלייגן מער און געשריבן דעם מאמר.

אייך אָבער קומט א דאַנק פאַר דער אָנרעגונג און איך גיב אים אייך איצט אָפּ. אזעלכע עסייען ווי אייערע זיינען ניט קיין אָפטע זאַך ביי אונז.

**אַב. גאָלדבערג**

---

1) אַן איבערזעצונג אין העברייאיש איז שוין געמאַכט געוואָרן אין ארץ ישראל און איז געדרוקט געוואָרן אין „הצופה״ אין תל־אביב. א צווייטע העברייאישע איבערזעצונג איז געמאַכט געוואָרן אין נויאָרק.

55

ניו־יאָרק, דעם 11טן סעפּטעמבער, 1938

מיין טייערער חיים ליבערמאַן:

איך האָב איבערגעלייענט אייער „משפּט איבער די פעלקער" אָדער ווי איר רופט עס אָן „אין טאָל פון טויט". דאָס האָט געמאַכט אויף מיר אַ שטאַרקן איינדרוק, און כאָטש איך בין זייער ווייט פון צו זיין אַ קריטיקער, דאָך וואָלט איך זיך גענומען דאָס רעכט צו זאָגן, אַז דאָס וואָס איר הויבט אָן דעם אַרטיקל מיט בראשית, באַווייזט אַז איר זייט דורך און דורך — איד! און אַז איר לעבט איבער, מיט אַלע אידן פון דער וועלט, דעם ווייטיק וואָס מיר טראָגן איבער אין איצטיקן מאָמענט. דערפאַר דאַרף אייער אַרטיקל, איך וואָלט עס גערופן „אַלעגאָריע", פאַרבלייבן ווי א היסטאָרישער דאָקומענט אויף דור דורות, און אויב דאָס וועט דינען ווי אָן אָנקלאָגע געגן דער טיראַנייע פון דער גוי׳אישער וועלט אויף אונז, שרייב איך זיך אונטער מיט ביידע הענט.

מיט האַרציגסטן גרוס, אייער

**נח גאָלדבערג**

56

ניו־יאָרק, 29טן יוני, 1939

ליבער פריינט און הויכגעשעצטער קאָלעגע חיים ליבערמאַן,

אייער ספר׳ל, אָדער זאָל איך עס רופן מגילה, האָב איך דערהאַלטן און עטלאכע מאָל איבערגעלייענט. און אָט וואָס איך וועל אייך זאָגן מכוח אייער „פּאָעמע אין פּראָזע": עס איז דער איינציגער ענטפער וואָס א אידיש האַרץ האָט געגעבן אויף דעם אומגליק וואָס האָט אונז געטראָפן.

איז עס ניט מאָדנע! מיר פאַרמאָגן אָן א שיער דיכטער, צופיל דיכטער, און דאָך ווייס איך ניט פון איין ווערק וואָס זאָל דערמאָנען די „שחיטה־שטאָט" פון ביאַליק׳ן. און דער קישענעווער פּאָגראָם זעט דאָך אויס ווי א קינדער־שפּיל לגבי דעם שיעור ניט אוניוועראַזאַלן פּאָגראָם וועלכן מיר לעבן איצט אדורך. און וואו איז דאָס וואָרט, וואָס זאָל הויבן פון אָרט, וואָס זאָל שרייען, גוואַלדעווען, רייסן געפילן

— „קריעה", מאַנען דיך, וועקן רחמים און אויך טריפן בוימל פון טרייסט און צינדן פאַרטאָגן פון האָפנונג. וואו איז דאָס וואָרט?

וואו זיינען אונזערע דיכטער? זיי זיינען ווייזט אויס צו „שיטער" פאַר דאָס געדיכטע פון אונזערע צרות. וועגן וואָס שרייבן זיי? וואָס זאָגן זיי?

און איר זייט געקומען און געזאָגט דאָס וואָרט... און אָן עכאָ האָט זיך צוטראָגן איבער אונזער גאַנצער צוזייטקייט. אידישע הער־צער האָבן זיך אָפּגערופן מיט א פאַרשנעלערטער פולסירונג.

ליבער ליבערמאַן, איר מיט אייער פּאַעמע אין פּראָזע האָט אָפּגע־טאָן אונזער שאַנדע פון שטומקייט, די שטומקייט פון א דור וואָס האָלט אין איין שרייבאַרעווען און פּלאַפּלען, לידלעווען און גראַמעווען־שטראַ־מעווען, איז אָבער שטום ווי א שטיין.

איר האָט געזאָגט דאָס וואָרט...

איך ווייס, אַנדערע וועלן זאָגן מיט ביטול: מליצה. יע, מיין פריינט, ווער עס וועט ניט פילן אין אייער ווערק דעם אוראַגאַן פון עמאָציעס, וועלכער ווערט געהאַמעוועט דורך ריטם און בילד, אָבער וועלכער רייסט זיך אדורך און וויטערט, וואָיעט, בורעט און בושעוועט, אומגעאַכט פון די געטאָקטע אויסדרוקן, וועלכע ווערן אויף אים ארויפ־געצוימט — דער וועט זען און הערן בלויז מליצה. ווי האָט ביאַליק זיך אויסגעדריקט: וזר לא יבין את זאת... אָדער איבערניצעווענדיג דעם דיכטער פּעט'ס א שפּרוך: פאַר אַ טויבן איז אפילו דער געשריי „מאַמע!" אויך שטום.

מליצה איז שייך דאָרט, וואו מע שפּילט זיך מיט בלישטענדיגע שטיקלאַך גלאָז, אָבער דאָרטן וואו א זעל, סיי פון א יחיד און סיי פון א ציבור, ווערט צוריסן אויף פּיצלאַך, איז ניטאָ קיין מליצה, ווי שיין דער אויסדרוק זאָל ניט זיין.

איין קריטיקער, און דוקא אַזאַ פון וועלכן איך האַלט זייער פיל, האָט געזאָגט אויף אייער „אין טאָל פון טויט" עס איז „פּאַשיזם אויף דער לינקער זייט".[1]

דאָס איז א פולשטענדיגע מיספאַרשטענדעניש. עס איז ניטאָ אַזאַ זאַך ווי אַ „לינקער פּאַשיזם". דאָס איז א פוסטער נוס. וואָס איז פּאַציפיזם? אויב אזוי — לינקער מיליטאַריזם? און וואָס איז יושר, לינקער אומיושר??

1) י. ראַפּאַפּאָרט. זע זייט 269.

דער אידישער „אתה בחרתנו" לייגט ארויף פליכטן, שענקט אָבער ניט קיינע פּריווילעגיעס. די אידישע אויסדערוויילטקייט איז אָן ענין פון התחייבות׳ן, ניט פון קיין ספּעציעלע זכיות. און דאָס זאָגט איר קלאָר און שטאַרק, הגם אויך פליגלדיג.

און איז עס ניט טשיקאַווע, אַז געגן „אידישער אויסדערוויילטקייט" טרעטן אַרויס מיט אַזוי פיל חוצפּה און פאַררעסנקייט דווקא די וועלכע, אימיטירינדיג די ביבל, האָבן געשאַפן אַ „טעאָריע" וועגן אַן „אויס־דערוויילטן קלאַס?"

אַן אויסדערוויילטער קלאַס מיט אַ ספּעציעלער מיסיע איז כשר וישר, איז ראַדיקאַל און פּראָגרעסיוו; און אַן אויסדערוויילטער פאָלק מיט אַ ספּעציעלער מיסיע איז שאָוויניסטיש און רעאַקציאָנער! טעמפּע מוחות און גוי׳אישקע קעפּ...

אויב דער אָריגינאַל איז רעאַקציאָנער, מוז דאָך די קאָפּיע זיין ניט ווייניגער רעאַקציאָנער.

איך וויל אָבער אויך מאַכן אַן אָנמערקונג. לויט מיין פאַרשטיין גרייפט איר צופיל אָן דעם קריסטנטום. איר באַשולדיגט אים אין ברענגען פאַשיזם, נאַציזם. דאָ זייט איר ניט גערעכט. דער קריסטנ־טום האָט געגנוג זינד אָן דער עבירה. די גרעסטע זינד זיינע איז דאָס, וואָס בעצם איז ער אַ גייסטיגע אינוואַזיע. מ׳האָט גענומען דעם זוימען פון אַ רייפער עטישער קולטור, אידישן פּראָפעטיזם, און מ׳האָט עס געבראַכט צו באַרבאַרן, צו ווילדע שבטים. זיי האָבן עס קלאָמפּערשט אָנגענומען, אבער אין האַרצן, אין געפיל, אין שכל זיינען זיי פאַרבליבן געצנדינער. און די אידישע מאָראַל פון די נביאים האָט זיך אַזוי געפּאַסט אויף זיי ווי אויף אַ הונט אַ פּאָר תפילין און אַ טלית־קטן. דער קריסטנטום שטייט אונטערן צייכן פון קרייץ ניט דערפאַר וואָס קריסטוסן האָט מען געקרייציגט, נאָר דערפאַר וואָס דער קריסטנטום איז געקרייציגט.

און ווי דאָס האַרץ האָט ישו׳ן געזאָגט, האָט ער געוואָרנט, אָבער אָן ווירקונג: וואַרפט ניט קיין פּערל פאַר „דברים אחרים"... פויל האָט ניט געפאָלגט, און דער רעזולטאַט איז אַ טרויעריגער. דער קריסטנטום וואָלט געוועזן זייער קאָמיש, ווען ער איז ניט אַזוי טיף־טראַגיש: „זיי האָבן געהערט קלינגען און ווייסן ניט ווי נאַכצוזינגען", שרייבט איר, און דאָס איז דער ביטערסטער אמת.

„איך האָב געזאָגט, איר זייט געטער און קינדער פון אויבערשטן זייט איר אַלע" (תהלים פ"ב, ו') מיר האָבן גערעדט וועגן דעם „ענד פון די טעג", וועגן דעם ווייטן באחרית הימים. ביי זיי איז דער מענש שוין גלייך אויפ'ן אָרט געוואָרן אַ גאָט. און דער איד האָט דעם קריסט אָנגעקוקט ווי משוגע. דער איד האָט געזאָגט, אז טויטע וועלן אויפשטיין צו תחיית המתים, אָבער ווען וועט עס זיין? ווידער בלויז אין סוף פון די טעג.

אָבער דער „באַרבאַר" האָט ניט געקענט וואַרטן. וואַרטן, האָפן, האָבן געדולד איז א פּראָדוקט פון הויכער קולטור. און דער קריסט האָט באהויפּטעט, אז איינער איז שוין אויפגעשטאַנען צו תחיית המתים פּיקס און פאַרטיג. און דער איד האָט אָנגעקוקט דעם קריסט ווי משוגע. יע, תחיית המתים איז אַן אידעאַל, אָבער דערקלערן עס פאַר רעאַל, דאָס האָט די אידישע ראַפינירטע פּסיכאָלאָגיע ניט גע־קענט פאַרטראָגן.

מיין בריוו, ליבער פריינט, האָט זיך שוין צו לאַנג פאַרצויגן, און איך וועל אייך זאָגן בקיצור, אז זינט די „שחיטה־שטאָט" און „מגילת האש" האָב איך אַזאַ שאַפונג ניט געלייענט. איר זייט א שליח־ציבור, אין דעם פאַל האָט איר געזאָגט דאָס וואָרט וואָס אונזער דור האָט געדאַרפט זאָגן. און דאָס איז די העכסטע מדרגה, וועלכע א וואָרט־זאָגער קען דערגרייכן, זוכה זיין צו דערגרייכן.

און איר האָט געזאָגט דאָס וואָרט אויף דעם שענסטן און שטאַרקסטן אופן.

מיט איבערגעגעבנקייט, אייער בעל חוב

(מיר זיינען אייך אלע שולדיג א חוב פאַר אייער ספר'ל, איר האָט באַצאָלט אונזער אלעמענס א שולד.)

**אבא גאָרדין**

57

September 14, 1938

Dear Mr. Lieberman:

I cannot help but express to you my admiration for your article "The Valley of Death." I don't recall anything in Yiddish or in Hebrew literature, since Bialik's "Pogrom Poems," which has stirred me as much. It is a beautiful poem in prose!

Sincerely yours, **I. Glauberman**

58



Prof. Simon Dubnow
Rigā (Latvijā)
Meža parkā, Meža prosp. ~~68~~ 76.

18/XI 38

ליבער חשובער ה. חיים ליבערמאַן!

א דאנק פאר אייער שיינעם בוך „אין טאָל פון טויט". [illegible]

[illegible]

59

ברוקלין, 28 יאנואר, 1939.

אל כבוד מר חיים ליבערמאן, שלום!

תודה רבה לך על שזכית אותי עם ספרך מעט הכמות ורב האיכות „בגיא צלמות".

לא כתבתי לך עד עתה מפני שחפצתי מקודם לקרא את הספר היטב. קראתי אותו פעמים. פעם אחת בפני עצמי ופעם שנית ביחד עם אשתי. ובלי גוזמא ושום חניפה אומר לך שבשעת קריאתי הרגשתי שאני קורא בנביאים: יש בו מחכמתו של קהלת וממוסרם של ישעיה וירמיהו. ספר כזה צריך להיות מתורגם לכל הלשונות. פרקים כגון „מדע נגד מדות טובות" או על הנצרות עם התפילה: סלח לנו היום כמו שאנחנו סולחים לחוטאים „לנו", עם השאלה: „למי סלחו הנוצרים מעולם?" צריך לשנן לאומות העולם בכל יום ויום.

אני אומר לך עוד הפעם שבשעה שכתבת את ספרך זה הגעת למדרגת נביא, ואלף תודות לך בעד ספרך שבלי ספק אקרא אותו עוד פעמים רבות.

מאת מוקירך ומכבדך,

**יעקב מ. דאָרנפעלד**

60

נויארק, ב"ה ד' חנוכה ת"ש

חשוב'ער שריפשטעלער ר' חיים ליבערמאַן:

ערלויבט מיר אויסדריקן א הערצליכן דאַנק פאַר דעם "תענוג רוחני", לעזנדיג אייער "אין טאָל פון טויט" וועלכן מיין זון האָט מיך מזכה געווען, נאָך האָבנדיג דעקלאַמירט עס אין שטוב ווי א גרויסע פייערלאכע אָראַטאָריע.

איך שיק אייך מיין יישר כח אלס פּראָסטער "עמך" איד, וועלכער פילט ביטער דעם טאָל פון טויט וואָס האָט זיך לעצטנס אויסגעגאָסן איבער אונז. ווייס איך ניט צי עס איז א צופאַל וואָס זוכענדיג לעצטנס דעם "חובת הלבבות" אין מיין ספרים שראַנק כדי צו פאַרשליסן זיך אין דעם "שער הבטחון" אום צו פאַרגעסן דעם "גיא צלמות" האָב איך אנשטאָט דאָס אַלטע היילגע ספר ארויסגענומען אייער ווערק. היות איך בין א איד אין וועמען די אלטע טראַדיציע האָט זיך אין מיר צו טיף איינגעבאקן און קוק מיט אומצוטרוי אויף די פילע "אידיש־קייט" ווערק וועלכע דערשיינען אין אייער ראַדיקאַלן לאַגער,[1] איז דעריבער קאָן איך זיך ניט "מוחל" זיין פאַרוואָס איר האָט אזוי טיף געווירקט אויף מיר. אבער פאַרפאַלן! "רחמנא ליבא בעי" און

---

1) איך אויך. נעמט, למשל (ס'רעדט זיך אזוי נעמט, אין אמת'ן טאָר מען עס אין האַנט ניט נעמען) אַ ביכל פון יעקב לעווין, וואָס מ'באַנוצט אין די ראַדיקאַלערע אידישיסטישע שולן. שטייט דאָרט: "און אברהם (אבינו) איז געוואָרן א גלח" — צום לאַכן, ניט אמת?...

אין אַ צווייטן אָרט גיט דער פאַרפאַסער איבער די עשרת הדברות. נאָר אזוי ווי ער איז א גרויסער ראַדיקאַל און וויל ניט אויסזאָגן די קינדער אז אידן האָבן געגלויבט אין גאָט (אַן אפיקורס מעג אפנים פעלשן געשיכטע), לאָזט ער דאָרט אינגאַנצן אויס דעם "אָנכי ה' אלקיך", און עס ווערן אויף אזא אופן ניין און א האלב עשרת הדברות! באַ'גנב'ענען די עשרת הדברות וואו עס שטייט "לא תגנב" — דאָס דאַרף מען קענען!

„דברים היוצאים מן הלב נכנסים אל הלב", בין איך זיך מודה ומתודה אז איך קאָן זיך עד היום ניט אָנזעטיגן מיט אייער ווערק. דעריבער נאָך אמאָל א גרויסן יישר כח אייך, און איך דריק אייער האנט הערצלאך.

מיט דרך ארץ,

**ביינוש דיענסטאג**

61

ברוקלין, 7טן פעברואר, 1939

זייער חשוב'ער מר. ליבערמאן:

א הארציגן דאַנק אייך פאר אייער מתנה. א טאָפּעלטן יישר כח אייך פאר אייער אויפמערקזאמקייט. (איך וואָלט געוואָלט שרייבן „אויפמערק" נאָר איך האָב זיך דערמאָנט, אז איך שרייב ניט צו קיין דאָקטאָר נאָר צו א „פשוטן" מר. ליבערמאן, האלט איך זיך אָפּ פון מאָדערניזם...)

כ'נעם זיך דאָס רעכט בריפלאך דורכצושמועסן מיט אייך וועגן אייער וואונדערלאך ביכל „אין טאָל פון טויט" און סתם וועגן אידן און אידישקייט. מיט אייער מתנה האָט איר מיר די דערלויבעניש געגעבן, דעריבער וואָג איך אָנצוואוואָרפן עטלאכע מחשבות און פרעגן עטלאכע קשיות.

איידער איך גיי צום עיקר שפיר איך ווי מיין הארץ ברויזט מיט פּראָבלעמען, מיין מח כוואַליעט מיט די קשיות, ווען זיכער מיין

---

אין אַן אַנדער ביכל זיינעם גיט דער גרויסער פעדאַגאָג דאָס אידישע פאָלקסליד „ליבער גאָט, מיר זינגען לידער", מאכט ער עס איבער אויף: „מוטער ערד, מיר זינגען לידער", און ער פאַרשטייט ניט, דער חכם, אז אַנשטאָט גאָט האָט ער דאָ געבראַכט געצנדינסט, עבודה זרה פון פרימיטיווסטן סאָרט: זינגען צו ערד, שטיינער, בוימער.

ער ווייס ניט, דער גרויסער פילאָזאָף, אז ס'איז ניטאָ קיין חלל אין דער וועלט: ס'איז אָדער גאָט אָדער געץ.

איז די תורה, הייסט עס, פאַלש און אָפּגעשטאַנען, און דידאַזיגע ביכלאך זיינען אמת'דיג פּראָגרעסיוו... און דאָס איז דאָך די שיטה פון כמעט דעם גאַנצן אידישיזם. דערמאָן איך זיך אַז מיט א צייט צוריק האָט די „יאַנג איזראַעל" געגעבן פּרעזידענט רוזוועלט'ן אַ מתנה אַ ספר תורה. איז דאָס מסתמא געווען ניט ליב די יעקב לעווינס און זיינע חברים, וועלכע האָבן אודאי געטראַכט אַז מ'האָט רוזוועלט'ן געדאַרפט געבן בעסער זשיטלאָווסקי'ס „געזאמלטע שריפטען"...

וויטערדיג שרייבן זיין אָן אַ טאָלק, רוי און אומגעשליפן, אָבער ס׳האָלט מיך ניט אָפּ פון שרייבן. כ׳וועל ניט פּרובירן מסדר זיין מיינע זאַצן, ווייל — אין רויקייט ליגט גבורה, און אין אומגעשליפנקייט באהאלט זיך דער אמת.

פאַנג איך אָן.

ס׳זיינען אמאָל געגאַנגען צוויי מענשן, יעדער אויף זיין וועג,ביידע האָבן זיי איין ציל געהאַט, צו דערגרייכן דאָס הויז פון איש אמת.

האָט זיך איינער פון זיין וועג צוריקגעקערט, ווייל אויף זיין וועג זיינען שטרויכלונגען געלעגן, ווילדע דערנער האָבן אים זיינע פיס צוקאַליעטשעט, און אפילו אויפ׳ן וויטן האָריזאָנט פון זיין וועג האָט זיך קיין שפּיץ פון הויז פון איש אמת ניט געטורעמט.

ווען ער איז צום פרשת דרכים געקומען, האָט ער צו זיין איבער־ראַשונג, דעם צווייטן וואנדערער באַגעגנט. זיינע פיס זיינען געווען מיט אויסגעריבענע שמאַטעס פאַרבונדן, זיינע אויגן האָבן געטרערט און זיין צונג האָט ביטער געשאָלטן: „ווי צו די וועלכע לאָזן זיך אוועק אויף מיין שטעג. עס איז א וועג פון בלוט און טרערן, און ניט אויף ערד טרעט מען, נאָר אויף מענשלאך פלייש".

און נאָך איידער דער ערשטער האָט עפּעס געוואָלט פרעגן, איז דער שעלטער א בענטשער געוואָרן, זיינע לעפצן האָבן מיט ברכה געטריפט, און זיין צונג האָט א שירה געזונגען: „וואויל איז צו די וועלכע גייען אויף דיין וועג, די דערנער פון דיין וועג זיינען רויזן, די שטיינער — דימענטן."

איז דער ערשטער געבליבן שטיין פאַרווירט, ניט געקענט פאַר־שטיין ווי אזוי פון דערנער זיינען רויזן געוואָרן און פון שטיינער דימענטן. אָבער צוליב זיין חשק זיך צו זען מיטן איש האמת האָט ער געבויגן זיין קאָפּ, פאַרדעקט זיינע צושטאָכענע פיס און געפרעגט: ביסטו גרייט צו שפּאַנען מיט מיר אויף מיין באַזונגענעם וועג?

און דער בעל מליצה האָט געענטפערט:

„איך קען נאָר דעם וועג פאַרהערלאכן מיט שירה, אָבער טרעטן אויף אים בין איך שוואך"...

טייערער מר. ליבערמאַן, זיינט איר גרייט אָנצונעמען דאָס אידיש־קייט וועלכעס איר שילדערט מיט אזוי פיל הערלאכע פאַרבן אין אייער טויטן טאָל?[1]

---

1) אודאי! די פון אונז וואָס האָבן פאַרלאָזט די תורה דאַרפן זיך שטעלן און זי א צווייטן מאָל מקבל זיין. וואָרום אזוי ווי די ערשטע אידן ביים באַרג סיני

ניטאָ קיין תורה ווי די תורה! זאָגט איר מיט פּאַטאָס. אמת. אָבער צו וואָס זיך פרייען מיט פרעמדע פאַרמעגנס? ס'איז דאָך ניט אייער תורה, ווייל דאכט זיך, אז איר זענט נאָך ניט גרייט זיך אונטער־צעוואָרפן אונטער דער ממשלה פון תורה שבכתב און תורה שבעל פה. און תורה איז ניט נאָר ווערטערלאַכע שיינקייט, תורה איז פליכט!

מיינט איר ווידער אמת'דיג, זייט איר טאַקע אויפריכטיג אין אייער דרשה און ווילט טאקע ווערן א נאה מקיים אויך, טאָ פאַרוואָס־זשע בלייבט איר שטיין אויפ'ן פרשת דרכים? פאַרוואָס האָט איר מורא אַ פוס צו שטעלן אויף דעם פאַרלאָזטן וועג?[2])

זאָל אויף אייער פּנים מער קיין ראַזיר מעסער ניט קומען; זאָל אייער קאָפּ מער ניט אָפּגעדעקט ווערן; און זאָלן אייערע פיס דריי מאָל אין טאָג איבערטרעטן די שוועל פון אייער הילצערן בית המדרש, און דאָרט זאָלט איר הויך און מוטיג פּראָקלאַמירן די הייליקייט פון תורת ישראל.[3]) אָט דעמאָלט וועלן אייערע קללות פאַרשטאַנען ווערן,

---

וואָלטן געווען אומקומען אונטערן באַרג ווען זיי נעמען ניט אָן די תורה, אזוי וועלן די היינטיגע אידן אומקומען און אונטערגיין אָן דער תורה.

2) ווער האָט מורא? כאָטש ס'איז אודאי ניט גרינג, ס'איז שווער זיך ארויס־צורייסן פון גויעשע הענט אפילו ווען איר זייט אליין דער גוי. אָבער האָט איר זיך שוין גובר געווען, איז דער תענוג אזוי גרויס אז איר הויבט ערשט דעמאָלט אָן רעכט צו פאַרשטיין דעם מאמר חז"ל: במקום שבעלי תשובה עומדים וכו'. מענטשן זאָגן אָפּט מיט בענקשאפט: אך ווען איך קען אָנהויבן מיין לעבן אויף דאָס ניי! ווען איר קערט זיך אום צוריק צו אַלטער אידישקייט האָט איר דאָס־דאָזיגע זעלטענע גליק **בפועל ממש.**

3) ווען מען גייט אוועק פון אידישקייט גייט מען דען אוועק מיטאמאָל? ניין, צוערשט גנב'עט מען אריין אַ דאַוונען, דערנאָך כאַפּט מען אריין אַ פּאַפּיראָס אים שבת, דערנאָך פארזוכט מען טרפות, און אזוי ביסלאכווייז גליטשט מען זיך ארויס. דאָסזעלבע, נאָר פאַרקערט, געשעט ווען איר קערט זיך אום. צוערשט כאַפּט איר אריין אַ דאַוונען א. א. וו. און ביסלאכווייז גליטשט איר זיך אריין צוריק.

עס גייט אַן ערך אזוי: איר גייט פארביי א שול. זאָגט איר צו זיך: מ'דאַרף אריינ־גיין, שוין צייט. וויל דער יצר־הרע ניט גיין. שלעפּט איר אים. נישקשה, אמאָל האָט ער אייך געשלעפּט, היינט שלעפּט ער אים. איר זאָגט צו אים: כאָטש בלויז פון „קולטור־היסטאָרישן שטאַנדפּונקט". און מיט'ן קולטור־היסטאָרישן שטאַנדפּונקט איז ער דאָך עפּעס אַ גאַנצער שמעלקע. מיט „קולטור" האָט ער דאָך אָנגעמאכט די גאַנצע חתונה...

דערווייל אַז איר קומט אריין אין שול פעלט דאָרט צו אַ מנין, וואָרום קיין סך דאַוונער זיינען דאָך ב"ה ניטאָ.. טשעפּען זיך אָן ניין אידן אָן אייך: עס פעלט צו אַ מנין. נו, זייט איר טאַקע אן אַפּיקורס, אָבער קיין גזלן זייט איר דאָך ניט, בלייבט איר. שטייען אידן און דאַוונען, נעמט איר און איבער דער

**און אייערע ברכות וועלן האָבן דעם אמת'ן הייליגן ציטער. די אלע וועלכע בלאָנדזשען, די אלע אין וועמעס האַרצער ס'גייט אויף א קללה**

פלייצע פון איינעם קוקט איר אריין אין זיין סידור — ערשט וואונדערבאַרע ווערטער! די שטאַרקסטע ווערטער געגן דיקטאַטור, רשעות, מלחמה, די שטאַרקסטע ווערטער פאַר פרייהייט, גלייכהייט, ברידערלאַכקייט (גאַנץ מאָדערן, ניט אמת?).. איר קענט זיך ממש ניט אָפּרייסן — דערווייל האָט איר אָפּגעדאַוונט...

דערנאָך קומט איר אַהיים אָדער גייט אַריין אין אַ קלויז און כאַפּט אַ קוק אין אַ בלאַט גמרא, און וואונדער איבער וואונדער: איר קענט זיך דאָך ניט אָפּרייסן! ווער מיר געטהע, וואָס מיר טאָלסטאָי, ליטעראַטור־שמאַטעראַטור — אַ בלאַט גמרא, דאָס איז אַן ענין! ווער האָט עס אויסגעטראַכט אַז „שיינע ליטעראַטור" איז „גריכיש"? אדרבא, ווייזט מיר אין דער גאַנצער גריכישער ליטעראַטור, און אין אַנאַנדערער אויך, אַ טויט אָפּגעשילדערט אַזוי ווי דער טויט פון רב אין כתובות קד ע"א? (איך האָב אָנגעכאַפּט דאָס, ווייל גראָד היינט האָב איך אין דעם אַריינגעקוקט). און וואָס עפּעס נאָר טויט, און וואו איז לעבן אין זיין גאַנצער טיפקייט און ברייטקייט וואָס ס'איז אין דער „ליטעראַטור" גאָרנישט צו זען אַזעלכעס? און וואָס עפּעס נאָר ליטעראַטור — און וואו איז פילאָזאָפיע, עטיק א. א. וו.? וואו אין פּלאַטאָ'ס דיאַלאָגן, אָדער ערגעץ אנדערש אין דער גאַנצער פּאָליטיש־פילאָזאָפישער ליטעראַטור פון דער וועלט, געפינט איר אַזאַ דערהאָבענעם דיאַלאָג וועגן דעמאָקראַטיע ווי אין בבא מציעא דף נ"ט, וואו עס ווערט פעסטגעשטעלט אַז אפילו **גאָט** איז אונטערגעוואָרפן דעם געבאָט אחרי רבים להטות? ווייזט מיר אין דער גאַנצער וועלט א בוך וואָס זאָל זיך קענען פאַרגלייכן מיט מסכתא סנהדרין אין געדאַנקלאַכער טיפקייט, אין קינסטלערישער שיינקייט און מענשלאַכער נאָבעלקייט? ערשט ווען איר האָט דורכגעוואַנדערט די אלע פעלדער אין דער פרעמד באַגרייפט איר וואָס דאָ אין דער גמרא ליגן פאַר אַן אוצרות! און איר הויבט אָן שעלטן דעם טאָג וואָס האָט אייך אָפּגעריסן דערפון!

איך זאָג אייך, אַז צו דער תורה דאַרף מען ערשט זיין א תלמיד־חכם.

דערנאָך זאָגט איר צום יצר הרע: קום איך וועל דיך „אויסנעמען!" און איר נעמט אים אויס אין א כשר'ן רעסטאָראַן, און דאָ לאָזט ער זיך **גאָרניט שטארק** בעטן, ווארום „אידישע פיש" האָט דאָך ליב אפילו א גוי בפרט נאָך א אידישער יצר הרע. און אַזוי, אַז איר הויבט אָן עסן כשרות, ניט ווייל ס'איז „היגיעניש", נאָר טאַקע לשמה, קומט א מאָדנער געפיל איבער אייך: איר דערפילט אַ נייעם גוף אויף זיך! עפּעס אַ געהייליגטן גוף... וואָרים דורך כשרות ווערט אייער **מאַטעריע** געשטעלט אין אַ באַציאונג צו דער **געטלאַכקייט**. ס'איז ממש **מבשרי אחזה** אלוה... און דאָס איז אַ טיפערע באַציאונג צום גוף ווי אמאָל די גריכישע דורך אַטלעטיק, וואָס איז געווען נאָר אַ פאַרהערלאַכונג פון גבורה און אַ פאָרשפּיל צו מלחמה.

דערנאָך באַשליסט איר אַז איר וועט מער ניט רויכערן אים שבת. איז אייך אַמאָל איינגעפאַלן אַז דער פּאַפּיראָס וואָס ליגט א גאַנצן שבת און וואַרט אויף שבת צו־נאַכטס גערויכערט צו ווערן ווערט אַ מין הייליגער פּאַפּיראָס? נו, האָט איר שוין אוודאי גערויכערט אַן אַמעריקאַנישן פּאַפּיראָס, אַ טערקישן, אַן עגיפּטישן, אָבער האָט איר שוין אַמאָל גערויכערט א **הייליקן** פּאַפּיראָס?

## אויף די רשעים, וועלן זיך דעמאָלט פאראייניגן מיט אייך און מיט מנין אויסשרייען „שמע ישראל!“

ס׳האָט טעם גן־עדן, און בלויז אידן קענען רויכערן הייליגע פּאַפּיראָסן. האָט איר אייך, אויב איר ווילט, א נייעם טייטש אויפ׳ן „אתה בחרתנו“.

און אזוי קומט איר ביסלאכווייז אינגאנצן צוריק. און גלויבט מיר, איר פילט דערביי אַזאַ מין טעם וואָס די אפּיקורסים ווייסן גאָרניט דערפון. ס׳איז אזוי טייער גלייך ווי מען וואָלט געקראָגן די געשטאָרבענע **טאַטע־מאַמע צוריק**.

קומען מענשן און זאָגן אז אָט די מצוות מעשיות זיינען גאָרניט נויטיג, מ׳קען אַמאָל זיין אַ בעסערער איד אָן זיי ווי אָן אנדערער איז מיט זיי. אזוי טענה׳ט מען טאַקע מיט מיר. ענטפער איך: גענוג שוין זיין **בעסערע** אידן, לאָמיר שוין אמאָל זיין פּשוט׳ע אידן און גענוג. און ס׳איז דאָך דער אמת׳ער אמת, אז אפילו א **נאַציאָנאַלער** איד קען מען אויך זיין נאָר דורך מצוות מעשיות, און **ניט אַנדערש**. איך וועל אייך געבן א משל.

די נאַצים האָבן איינגענומען פוילן, האָבן זיי פארבאָטן די אידישע שחיטה. א שווערע גזירה פאַר כלל ישראל. אָבער אויב איר עסט טרפות איז עס פאַר אייך ניט קיין גזירה. זייט איר דורכדעם **ארויסגענומען** פון כלל ישראל.

די נאַצים אין פוילן האָבן אויך פארבאָטן מילה. ווידער א שווערע גזירה. אָבער יענע אידן וואָס זיינען ניט מל זייערע קינדער זיינען פון דער גזירה ניט געטראָפן. זיינען זיי ווידער ארויסגענומען פון כלל ישראל.

אָדער נעמט די באָלשעוויקעס ווען זיי האָבן באַזעצט זייער טייל פוילן. האָבן זיי גענומען די בתי מדרשים און זיי פאַנאַנדערגענומען אויף האָלץ צום הייצן, און די ספרים פון די ישיבות האָבן זיי איבערגעקאָכט אויף פרישן פּאַפּיר, צו שרייבן דערויף מסתמא שירים צו סטאַלינ׳ען. נאָר אויב איר גייט ניט אין בית מדרש און די הייליגע ספרים זיינען ביי אייך ניט הייליג, איז עס פאַר אייך קיין אומגליק ניט און איר זייט ווידער אויסגעשלאָסן פון אידישן צער און אידישן כלל.

און זאָגט מיר ניט אז איר סימפּאַטיזירט מיט יענע געטראָפענע אידן. ווען די ענגלענדער זאָלן נעמען ברענען די בודהיסטישע טעמפּלען אין אינדיע וועט איר אוודאי אויך סימפּאַטיזירן, אָבער דאָס וועט אייך ניט מאכן ניט פאַר קיין בודהיסט און ניט פאַר קיין אינדיער.

איצט לאָמיר נעמען א פאַרקערטן ביישפּיל. ווען די נאַצים האָבן גענומען טרייבן די פוילישע אידן צו צוואַנג־ארבעט, דערציילט דער „פּעלקישער בעאָבאַכטער“ אליין, אַז ווען עס איז געקומען שבת האָבן די אידן געזאָגט: האַקט אונז און בראָקט אונז, אָבער אים שבת וועלן מיר ניט אַרבעטן.

האָבן מיר דאָ אַ ביישפּיל פון דעם אַלטן אידישן קידוש השם, פון אידישער העלדישקייט, אידישער גלאָריע. אָבער אויב איר אליין זייט **ניט** קיין שומר שבת — וואָס פאַר אַ חלק האָט איר אין יענער גלאָריע?

דערפאַר בין איך געקומען צו דער איבערצייגונג אז מ׳קען ניט געהערן צום אידישן פאָלק אָן מצוות מעשיות.

אידישקייט, ווי גאָט, קען מען ניט טיילן. גאָט קען מען ניט טיילן, אידישקייט קען מען ניט טיילן, גאָט און אידישקייט קען מען ניט טיילן.

שטייען אָבער אייערע פיס ניט אין בית המדרש, נאָר אין איסט בראָדוויי, און פון א שטיינערנער צען־שטאָקיקער געביידע שאָלט איר אז „מיר דארפן פאַסטן פערציג מאָל פערציג טעג, צופיל האָבן מיר צו פאַרגעסן", דאַן זאָג איך אייך: האלט אָפּ! צושרעקט ניט די קליינע מחות, פארטומלט ניט די שווערע הערצער. זיי מוזן א וועג האָבן, זיי קענען אויפ'ן פּרשת דרכים ניט בלייבן שטיין![4])

פונקט ווי בלק צו בלעמ'ן האָט געטענה'ט: „מה עשית לי לקוב אובי לקחתיך והנה ברכת ברך", מיט דעם זעלביגן קען מען זיך ווענדן צו אייך: „אייער שעלטן קען מען נאָך פארשטיין, אפילו אייער צייך־קריצעניש אויף קריסטענטום און אויף זייער תורה, אפילו דאָס קען מען נאָך פארטראָגן. אָבער צו וואָס דאָס מליצ'דיגע בענטשן, בענטשן דאָס אידנטום?

וועלכעס אידנטום באַזינגט איר דאָס אזוי? וועלכער איד „האָט אין די פלאַמען פון שייטערהויפן זיך פאריכט די יארמולקע אויפ'ן קאָפּ?"[5]) ס'איז דאָך ניט דער איד וועמען מיר אַלע קענען, ס'איז

---

4) און וואוהין וועלן זיי גיין? צו די גוים? ווען איך בין געווען א לערער און פלעג אָנטרעפן א תלמיד וואָס האָט געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויפ'ן אידישן לימוד, פלעג איך זיך ניט נעמען בעטן ביי אים ער זאָל רחמנות האָבן אויפ'ן אידישן פאָלק, נאָר איך פלעג אים זאָגן: דאָס אידישע פאָלק איז געווען א פאָלק אָן דיר ביז איצט און וועט זיין אַ פאָלק אָן דיר ווייטער אויך, אָבער פון דיר וואָס וועט זיין? גיכער ווי דאָס אידישע פאָלק דארף זוכן זיין תיקון אין דעם יחיד דארף דער יחיד זוכן זיין תיקון אין דעם אידישן פאָלק.

5) דער ווינגראָווער רב וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט צו ארבעטן אים יום־כפור און די דייטשן האָבן אים דערפאַר דערשטאָכן מיט אַ באַגנעט. און זיין פאָטער, דער סאָקאָלאָווער צדיק, וואָס, דערהערנדיג די נייס, איז ער געפאַלן טויט. און יעדער איד וואָס האָט זיך געשטעלט דאַוונען אין טלית און תפילין אין אַ פוילישן וואַגאָן כאָטש די פאַסאַזשירן ארום האָבן געלאַכט און געצופּט די ציצית און די רציעות און די באָרד. און דער אַלטער איד אין וויען וואָס איז דורכגעגאנגען און געזען ווי אַ גרופּע אידן ליגט אויסגעצויגן אויף דער ערד, אונטער א נאַצישער וואַך, און שייערט די גאַס און צווישן זיי אַ קליין אינגל וואָס שייערט און וויינט פאר ווייטאָג און שאַנד. איז דער אַלטער איד צוגעגאנגען און געזאָגט: „וויין ניט, אינגעלע, איכ'ל דיר ווייזן ווי מ'מאַכט עס, איך האָב עס ערשט געטאָן". און ער האָט אַרויסגענומען זיין יאַרמעלקע און אָנגעטאָן, פאַרקאַטשעט די פאָלעס פון זיין לאַנגן בגד, גענומען באַרשט און ליי פון דעם אינגל'ס הענט, דאָס אינגל אוועקגע־שיקט, און אליין זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד און גענומען שייערן. און דער שמש וואָס איז געגן דעם נאַצישן באַפעל אריין אין דער ברענענדיגער שול ראַטע־ווען די ספרי תורה דעם 10טן נאָוועמבער און די נאַציס האָבן אים דערשאָסן אינטימן די פלאַמען, און די אידישע מיידלאך אין פוילן וואָס זיינען בעסער באַגאַנגען

דאָך ניט דער איד וועמען איסט בראָדוויי וויל קענען, ס׳איז דאָך דער איד וועמען מיר זיינען מבטל מיט א דריי פון קאָפּ, א מאַך מיט דער האַנט, און אַ פליסטער פון די ליפּן: פאַנאַטיקער![6]

ווי ס׳פּאַסט פאר א ישעיה, פאַר א ירמיה, לאָזט איר אונז ניט איבער מיט יאוש, מיט שטראָף־רייד. נחמו, נחמו, טרייסט זיך אידיש מענשעלע, ווייל „דער מענש וועט אָטעמען א נייעם אָטעם, און ס׳וועט זיין תחית המתים אין לעבן", שרייבט איר, „אזוי האָט געזאָגט גאָט: מיר האָבן עס אליין געהערט!" (איך געדענק אפילו ניט ווען איך זאָל עס האָבן געהערט.[7]) און מיר זיינען דער אמן צו זיין וואָרט".

יאָ, אפשר אַמאָל זיינען מיר געווען דער אָמן צו זיין וואָרט, אָבער ניט מער, היינט זיינען מיר דער קדיש צו זיין וואָרט.

באַזוכט איר אַמאָל אַ שול בשעת התפילה וואו נייַן פון די צען מתפללים זיינען קדיש זאָגער? ווייסט איר אז דער יתגדל ויתקדש איז ניט נאָר פאר׳ן אנדענקען פון פאָטער, נאָר אויך א קדיש נאָך אידיש, אידיש לעבן, אידישער ליטעראַטור און — נאָך גאָט!...

כ׳מיין מיט דעם ניט צו זאָגן, אז ס׳איז שוין חלילה כלו כל הקיצין. אדרבה, ס׳איז נאָך דאָ א שארית הפליטה,[8]) און אַ געזונטע און קרעפּ־טיגע דערצו, דעריבער טאָקע איז עס ניט ראַטזאַם צו ווערן א נביא פון אן אבסטראַקט, און צו פארזען, צו איגנאָרירן דאָס קליינע רעאַלע פּינטעלע.

„מה תצעק, דבר אל בני ישראל ויסעו!" גענוג געשריען, גענוג פּאָלעמיזירט, גענוג דעבאַטירט, ס׳איז שוין די העכסטע צייט, אז די

---

זעלבסטמאָרד איידער גענומען ווערן צו שאַנד צו די נאַצישע סאָלדאַטן, און די אידן אין פוילן וואָס האָבן אין טלית און קיטל יום־כפור ביינאַכט גראָבנדיג טרענטשעס געזאָגט כל־נדרי, און דער איד וואָס באווייזט די בריה׳שאַפט אָפּצוהיטן דעם שבת לקדשו אין א שטאָט ווי נויאָרק צולהכעיס אלע עקאָנאָמישע שטערונגען. נאָך?

6) ס׳איז שוין ניט די אַמאָליגע איסט־בראָדוויי.

7) אייער נשמה איזביים באַרג סיני ניט געשטאַנען?

8) מיר איז ניט אומעטיג אפילו מיט דער קליינער שארית הפליטה, און אומעטיג דוקא מיט דער גרויסער מחנה „פרייע" אידן. דאָס אידישע פאָלק האָט זיך שטענדיג אויפגעהאלטן נאָר דורך זיינע שארית הפליטה׳ס. אין אַזאַ גלות ווי מיר לעבן מוזן אָוועקפאַלן די ארומיגע פלאַכן, אָבער אַבי דאָס האַרץ בלייבט. איך זאָג אלעמאָל אזוי: דאָס אידישע לעבן איז געגליכן צו א ציבעלע: איר נעמט אראָפּ א שאָלאַכץ נאָך אַ שאָלאַכץ, א הייטל נאָך אַ הייטל, אַ פלאַך, נאָך אַ פלאַך, און ביז׳ן „הארצן" איז ווייט. ס׳איז נאָך געגליכן צו אַ ציבעלע דערמיט: ארום און ארום איז ביטער אָבער דאָס „האַרץ" איז זיס...

עלטערע שרייבער זאָלן זיך אויפהערן שטעכן מיט די פענען, פאַר־שוואַרצן איינער דעם אַנדערן מיט טינט־טאָרנס. גענוג געפאָכעט מיט הילצערנע שווערדלאַך אויף דאָן־קיכאָטישע שעפעלאַך. גענוג אבסטראַקציע! זאָל דאָס רעאַלע אויפשיינען, זאָל די יוגענטלאַכע שארית הפליטה פאַרנעמען איר געהעריג אָרט!

מסתמא ווייסט איר אויף וועלכן כח דיקטאַטור בויט. מסתמא ווייסט איר ווער ס'איז דער רוקן־ביין פון יעדער אגרעסיווער באַוועגונג — יוגנט.[9] יוגנט איז צוקונפט, יוגנט איז שטאַרקייט, יוגנט איז אקטיוויטעט. יעדער אָרגאַניזאַציע, יעדער באַוועגונג נעמט אָן אַלע מיטלען אז יוגנט זאָל אָנפילן אירע רייען, אז יוגנט זאָל ווערן איר פאָנען־טרעגער. מען חנפ'ט, מען לאַסטשעט, מען טיילט פרעזענטן, און אזוי געווינט מען יונגע הערצער און מען באַהערשט יונגע מוסקולן.[10]

וואָס טוט אונזער אידישע גאַס? וועלכע מיטלען נעמט זי אָן צו פאַראינטערעסירן איר יוגנט?[11] רעכנט מען זיך מיט דעם יוגנטלאַכן

---

9) זעט מען דאָך טאַקע די גליקן וואָס אָט די יוגנט האָט געבראַכט דער וועלט אין סאָוועט־רוסלאַנד, איטאליע, דייטשלאנד. אונזערע חז"ל האָבן געלערנט: אשרי הדור שהגדולים נשמעים לקטנים, דאַרף מען טייטשן: וואויל איז דעם דור וואָס די גרויסע ווערן געהערט פון די קליינע.

10) דאָס אידישע פאָלק פאַרמאָגט גאָרניט צו געבן זיינע יחידים. ס'איז אַ פאָלק וואָס יעדער יחיד דאַרף געבן אים. עס קען ניט געבן קיין עפּאָלעטן, קיין מיליטערישע קאַריערעס, קיין מיניסטערשע פאָרטפעלן, קיין פרעמדע לענדער איינצונעמען. עס קען נאָר געבן די תורה, ותלמוד תורה כנגד כולם.

11) וואָס פאַר אַ ספּעציעלע קאָשקעלאַך ווילט איר זאָל מען קאָכן פאַר אייערט־וועגן? ביי אידן זיינען ניט געווען קיין צוויי באַזונדערע וועלטן, איינע פאַר יוגנט און איינע פאַר אלטע. דער גרעסטער גאון און דאָס קלענסטע אינגל האָבן געדאַווענט פון זעלבן סידור, געלערנט דיזעלבע חומש מיט רש"י, דיזעלבע גמרא און אָפּגעהיט דעמזעלבן שולחן ערוך. דעמאָלט איז אונזער פאָלקס־לעבן געווען גאַנץ און שטאַרק. די שוואַכקייט האָט זיך אָנגעהויבן ווען מיר האָבן פאַרוואָרפן די טויזנט־יעריגע דערפאָרונג פון דעם אידישן חדר און זיך אָנגעכאַפּט אָן „פּעדאַגאָגיע", אָן די פּרעבעלס און די פעסטאַלאָצים, און אנשטאָט מה טבו אהליך יעקב האָבן מיר גענומען לערנען: פּי־פּי־פּי, דער טאַטע איז ניט הי... אָט דער, אין לשון פון די משכילים „אומציוויליזירטער" חדר, האָט פונדעסטוועגן באַוויזן די קונץ צו נעמען דעם שווערסטן ספר אין דער וועלט, דעם תלמוד, און אים מאַכן פאַר אַ פאָלקס־בוך וואָס יעדער אידיש הויז איז געווען פול מיט אים, און דער חדר האָט אויפגעצויגן דור נאָך דור ערלאכע אידן, און לומדים, גאונים, גדולים און צדיקים; און וועלכע וואונדער באוויזט עס די גערימטע גויעשע שולע וואָס איז שוין געשטעלט אויפ'ן לעצטן וואָרט פון פּעדאַגאָגיע? מיט אַ קליינער אויסנאַם גיט זי

שארית הפליטה אויף איסט בראָדוויי? פּרובירט מען אים חנפ׳נען? וויזט מען אים כאָטש אַ לפנים׳דיג פריילאך געזיכט? זוכט מען זיין ארבעט? אינטערעסירט מען זיך מיט זיין קינדישע פּרוכט? ניין! די אידישע פּאַפּירענע טויערן זיינען פאַרמאַכט פאַר יוגנט. גרויע שומרים, מיט שערן אונטער די אָרימס, דרייען זיך אויף און אָפּ און גיבן אכטונג, אז יוגנט זאָל ניט איבערטרעטן די שוועל פון פּאַפּי־רענעם קדשי־קדשים.

און יוגנטלאַכע שארית הפליטה איז אין סכנה כל זמן די גרויע שומרים זיינען אָנגעגאַרט מיט זייער שטאָלענער שער.[12]

מיט דרך ארץ

**ט. האַלבערשטיין**

62

נויאָרק, דעם 21 סעפּטעמבער, 1939

מיין ליבער פריינט חיים ליבערמאַן!

איך שיק אייך מיין ברכה צו אונזער נייעם יאָר הת״ש און ווינש אייך צו דערלעבן פילע נייע יאָרן גליקלאכע פאַר אונזער פאָלק!

אייערע צוויי מייסטער־קונטרסים האָב איך געלייענט מיט כוונה און דער אויסגאָס פון אייער געמיט האָט מיך טיף גערירט. אייער אָנקלאַג־אַקט אויף ענגלאַנד און אייער „אין טאָל פון טויט״ זיינען טיפזיניג.

אַ דאַנק אייך פאַר דער מתנה!

אייער אַלטער פריינט,

**אלכסנדר הארקאַווי**

63

היוסטאָן, טעקסאס, 38־17־10.

ז. ח׳ און האַרציגער ה. ליבערמאַן —

אַ שיינעם דאַנק פאַר אייער „אין טאָל פון טויט״.

אייער פובליציסטישע פּאָעמע (כך אני רוצה לכנותה) האָט ביי אונז זייער אויסגענומען.

---

ארויס העלפט קעלבער העלפט וועלף, און דער סוף איז אַז די וועלף פאַרצוקן די קעלבער. די נאַציס זיינען אַלע געגאַנגען אין שולן געשטעלט אויף דער מאָדערנסטער פעדאַגאָגיק.

12) זיי דאַרפן אויפשטעלן אַן אייגענע איסט בראָדוויי.

אזא ווערק וואָלט געדאַרפט געדרוקט ווערן אין עטלאַכע מיליאָן עקזעמפלאַרן אין עטלאַכע שפראַכן!

דערלויבט מיר אייך אויסצודריקן מיין טיפסטע באַגייסטערונג פאַר אייער ספר׳ל... איין פאַראַגראַף (ז. 18) איז אַ פערל שבפערל.

פליני (דער יונגער) האָט אַמאָל אין אַ בריוו צו אַ פריינט זיך אויסגעדריקט: „איך שרייב דיר אַ לאַנגן בריוו, ווייל איך האָב קיין צייט ניט״.

אַ קורץ, גרויס ווערק, ח׳ ליבערמאַן...

כן ירבו.

אַ גליקלאַך יאָר,

אייער

**א. ח. העלער**

64

סקענעקטעדי, נ. י., נאָוו. 3, 1938

ליבער פריינט ח. ליבערמאַן:

אַ גרויסן דאַנק אייך פאַר אייער פיין ספר׳ל „אין טאָל פון טויט״. איך האָב עס געלייענט צום צווייטן מאָל און הנאה געהאַט, ניט קוקנדיג אויף דעם וואָס איך בין ניט דורכאויס מסכים מיט אייך.

נעכטן האָב איך עס געלייענט ביים היגן לייען־קרייז וואָס ביי מיין שול און דער עולם איז געזעסן אַ פאַרגאַפטער. איך האָב זיך לכתחילה אליין ניט געריכט אז עס וועט זיי גאָר אינטערעסירן.

אייער

**ב. צ. העריטאָן**

65

נויאָרק, 22טן אָקטאָבער 1938

ליבער פריינט חיים ליבערמאַן:

מיט דעם בריוול וויל איך אייך מודיע זיין, אז אייער נייע עסעי, „אין טאָל פון טויט״ איז אריין אין מיין רעפערטואַר. איך געפין עס פאַר וואונדערלאַכן מאַטעריאל פאַרצולייענען אויף מיינע וואָרט־קאָנ־צערטן. אלס פאַרלעזער אויף אידישע שמחות (דאָ וויל איך אייך

אַנטפּלעקן א סוד) קומט אונז אויס לעצטנס (אונז מיין איך די אידישע ענטערטיינערס) צו אמוזירן אן עולם מיט לייכטערן שפּאַס, לצנות, אָדער באַמבאסטישע דעקלאַמאַציעס. אָבער אייער וואונדערלאכע עסעי האָט מיך אזוי פאַרכאפּט מיט איר נביא׳ישן טאָן און טיפן פּאַטעטישן אמת, אז איך האָב באשלאָסן דאָס אויסצופּרובירן אויף מיינע קאָנצערטן, און איך קען אייך זאָגן, אז דער רעזולטאַט איז אן איבעראשנדער.

היינטיגן חול המועד סוכות אויף אן ארבעטער רינג חגיגה׳לע אין פּערטה עמבאָי, ניו דזשוירזי, האָב איך אין א קאָנדענסירטער פאָרם רעציטירט אייער „אין טאָל פון טויט״, און דער עולם האָט ממש געשלונגען יעדן וואָרט. ווערנדיג אליין פאַרכאַפּט פון זייער באגייסטערונג בין איך אומבאַוואוסט פאר מיר אליין אין מיטן רעציטירן אריינגעפאלן אין א מגידישן טאָן, באטאָנט אייערע פסוקים מיט טראָפּ, מיט בית־המדרש ניגון, און מיט דעם נוסח פון תנ״ך איבערגעגעבן אייערע טיפע געדאנקען. און ווי אן עלעקטרישער שטראָם האָט עס דורכגענומען דעם גאנצן עולם ביי וועמען עס האָבן געגלאנצט אין די אויגן טרערן פון פרייד. חוץ א גרויסן אפּלאָז האָב איך יענעם אָוונט געהאט נחת רוח און היפשע קינסטלערישע באַפרידיקונג, פאר וועלכער איך שיק אייך דאָ א סך דאנק און ברכות פון מיר.

מיט אכטונג,

**אַל הערים**

## 66

18 ביאנואר, 1940

מיין טייערער חבר חיים ליבערמאן, שלום וברכה.

איך האָב ערשט איבערגעלייענט אייער ספר׳ל (ניט ביכל) „אין טאָל פון טויט״. פארוואָס האָב איך זיך אזוי פאַרשפּעטיגט? אז מיר וועלן זיך באַגעגענען וועל איך עס אייך אפשר דערקלערן. אייער ספר׳ל וועט קענען געלייענט ווערן אויף שפּעטער מיט 10, 20, א. א. וו. יאָר און אפשר וועט עס נאָך דעמאָלסט מער אינטערעסירן.

איך האָב אייך זייער א סך צו זאָגן. דערווייל אָבער וועל איך זיך באַגרעניצן מיט אַ פּאָר ווערטער. איך וועל ניט פארבייטן איין בלעטל פון דעם ספר׳ל פאר פּעק פון ביכער אין אידיש און אין העברעאַיש פון דעם השכלה טיפּ און „תרבות״ טיפּ. דער ספר׳ל

איז השתפכות הנפש, אויפ׳ן מאָדערנעם לשון הייסט עס „סוביעקטיוו״, אויף דער העכסטער מדרגה. עס איז אָבער טויזנט מאָל אמת׳ער פון אונזערע גראָבע טראַקטאַטן וואָס זיינען כלומרשט עכט וויסנ־שאַפטלאַך און „אָביעקטיוו״ געשריבן. די סדרה „האזינו״ איז אויך „סוביעקטיוו״. אַ קאַפּיטל תהלים איז געוויס „סוביעקטיוו״. ווער וועט אָבער האָבן די העזה צו זאָגן, אַז זיי זיינען ניט אמת, און אויך — הייליג?

אויף מיר באַזונדערס האָבן געהאַט אַ השפעה לעצטנס די שריפטן פון רבי יהודה הלוי און שד״ל (שמואל דוד לוצאַטי). אייער ספר׳ל איז דאָס דריטע ווערק פון דעם מין אין באַצוג צו דער השפעה אויף מיר פערזענלאַך. איך דערמאָן הלוי און לוצאַטי ווייל זיי, ווי ווייט מיר איז באַקאַנט, האָבן אַמשאַרפּסטן און בולט׳סטן אַנטפּלעקט דעם מורא׳דיגן תהום צווישן „גוט״ און „שיין״, צווישן אידישקייט און העלעניזם. בקיצור, מיר וועלן נאָך רעדן וועגן דעם.

איך שיק אייך מיין ספר „איד און וועלט״.

זיך אויך פאַרשפּעטיגט, אָבער עס מאַכט ניט אויס.

בידידות לבבית,

קלמן וויטמאַן

67

ווילנע, דעם 29 דעצעמבער, 1938

זייער חשוב׳ער פריינט ליבערמאַן:

איך בין ניט געווען אין ווילנע, ווען עס איז מיר אָנגעקומען אייער בוך: „אין טאָל פון טויט״, און עס האָט גענומען נאָך אַביסל צייט, ביז וואַנען איך האָב דאָס איבערגעלייענט. דעריבער קום איך ערשט איצטער אייך אָפּצודאַנקען.

איך מוז אייך זאָגן, אַז אייער אַרבעט מאַכט אַ טיפן איינדרוק. די מעטאַפאָרישקייט פון דער שפּראַך אייערער קומט דאָ אַרויס ספּע־ציעל בולט, און דער עלעגישער אונטערטאָן פאַרבט אָפּ אפילו די פּאַטעטישע ערטער. אין אַ קרייז יונגע מענשן, מיט וועלכע איך אַרבעט צוזאַמען, וועלן מיר האָבן אַ שמועס וועגן אייער ביכל, סיי וועגן דעם אינהאַלט און סיי וועגן דעם סטיל.

נאָך אַמאָל אַ דאַנק, וואָס איר האָט מיך געהאַט אין זינען. אין גיכן וועל איך אייך צושיקן מיינס אַ ביכל, קוקט אויף אריין, ווען איר וועט האָבן צייט.

אייער איבערגעגעבענער,

**מ. וויינרייך**

68

ברוקלין, נאָוועמבער, 1938

זייער חשוב׳ער חיים ליבערמאַן!

איך האָב איבערגעלייענט אייער אידיש, פילאָזאָפיש־עטישן מאמר „אין טאָל פון טויט״, וואָס איז געווען געדרוקט אין „נויאָרקער וואָכנ־בלאַט״. איך בעט אייך זייער, אַז איר זאָלט מיר צושיקן דאָס ספר „אין טאָל פון טויט״, איך וויל דאָס לייענען קאַפּיטלאַכוויז פאַר מיינע תלמידים פון דער שלום עליכם מיטלשול. אַ סך פון זיי וועלן דאָס אויפנעמען אין דעם גייסט ווי איר האָט דאָס געשריבן. איך וויל אויך, אַז אייער השתפכות־הנפש ספר זאָל תמיד ליגן פאַר מיינע אויגן.

איך האָב דאָס געלייענט באַגינען, אין אַ שלאָפלאָזער נאַכט, טראַכטענדיג וועגן דער טראַגעדיע פון אונזער פאָלק. איך האָב דאָס געזאָגט ווי אונזערע זיידעס זאָגן קאַפּיטלאַך תהילים אָדער סליחות און געהאַט אַ געפיל ווי אויפצושטיין צו התבודדות.

אַ רוח הקודש האָט אייך באַהערשט בשעת איר האָט דאָס געשאַפן. דאָס זיינען פּיוטים, וואָס דרינגען אין דער נשמה און לייטערן זי. דאָס איז אַ סדור פאַר דעם היינטיגן מענשן, אָבער אַ סדור געשריבן פון אַ מענשן פאַר וועמען די גאַנצע אייראָפּעאישע קולטור און דער אידישער קוואַל איז אַן אָפן בוך. דערפאַר אַזעלכע פאַרגלייכונגען, וואָס טרעפן אין פּינטל. איר האָט דערפילט די מאַרטירער געשיכטע פון אונזער פאָלק און זיך דערגרונטעוועט צום סאַמע תהום פון אונזער צייט. איך האָב אין ערגעץ ניט געלייענט קיין שטאַרקערע אָנקלאַגע און ווײ־געשריי אויף דער אכזריות, וואָס קריסטנטום איז אין משך פון יאָרהונדערטן באַגאַנגען געגן דעם אידישן פאָלק און קיין איינציגער האָט אזוי ארויסגעבראַכט דאָס פּרצוף פון דער היינטיגער „ציוויליזאַציע״ און „קולטור״.

דאָס וויטיקט אָבער איינצייטיג שטאַרקט דאָס און קרעפטיגט דעם אידישן מענשן.

מען מוז דעם סידור איבערזעצן אויך פאר די אידן, וואָס קענען ניט קיין אידיש. מיר דוכט, אז „אין טאָל פון טויט" מוז תיכף איבערזעצט ווערן אויף עטלאָכע אייראָפּעאישע שפּראַכן און קודם כל אויף ענגליש.

עס שטראַלט ארויס פון אייער ספר א ים מיט ליכט און מחילה, וואָס זיינען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם אידישן גייסט.

מיט גרויס פאַרערונג,

אייער,

**י. זילבערבערג**

(ישראל כאלעווא)

69

לאָס אנדזשעלעס, 2/12, 1938

טייערער פריינט חיים ליבערמאַן!

אפשר א שעה ווי עס איז מיר אַנגעקומען פּאָסט פון נויארק: און וואָס פאַר אַן איבעראַשונג! אייער בוך פון אַזוי וועניג בלעטלאַך, און אַזאַ שפע פון גייסט און דערהויבונג. מיט וואָס פאַר אַ וואונדערלאַכער קראַפט און קלאַרקייט איר פירט אונז איבער דער וועלט, ארום פעלקער און הערשער, ארום זייער לעבנס-פילאָזאָפיע, ארום דעם פאַרהאַלטן זיך פון איין פאָלק צום צווייטן, און זייער אַלעמענס פאַרהאַלטן זיך לגבי דעם אידישן פאָלק, אַרום דעם אויפקום און אונטערגאַנג פון פאַרשידענע פעלקער.

מיט וואָס פאַר אַ ליכטיגער פשטות איר רעדט איבער די טיפסטע טיפענישן ביז די העכסטע הויכן פון מענש-גאָט וואָס איז דער מהות פונ׳ם אידישן גייסט, זיין ברייטן וועלט-באַנעם, זיין טיף נביאישן הומאַניטעטס-געפיל, וואָס האַלט זיך תמיד אויף דער הויך פון ניט בלויז פאַרגעבונג צו זיינע פייניגער, נאָר איז דער ערשטער צו ברענגען הילף צו יעדן ביי ווענען די פאַרוויסטער פאַרנעמען זיך צו פאַרניכטן דאָס וואָס איז לויטער, דאָס וואָס איז מענשלאַך.

און אלעס דאָס בלויז אין געציילטע שורות, און איך האָב זיי געשלונגען די שורות מיט איין אָטעם, געלייענט ניט פאַרגונען דעם אָטעם אָפּצוכאַפּן אזוי שנעל, נאָר אויף דער נשמה און אין די געדאנקען

װעלן זיי בלייבן לאַנג. אזוי לאַנג ביז אונזער אמת װעט האָבן געזיגט, ביז יושר װעט זיין דער באַװעג־כח פון אלע מענשן ביז אלע אייביג־קייטן.

עטלאָכע מאָל שוין װי מען האָט מיך געבעטן עפּעס אויסצוקלייבן און לייענען פאַר דעם „רויזנבלאַט לייען־קרייז". איצט װעל איך גיין! ס׳װילט זיך, אַז אַ סך אידישע פּנים׳ער זאָלן אויפלייכטן אין דער־פרישונג דורך אייערע געדאַנקען. איר געדענקט דאָך אַ קילן װינטל נאָך הייסע מדבר טעג אין ארץ ישראל, ניט אמת?

מיט הארציגער דאַנקבאַרקייט צו אייך,

אייער,

מרים זילבערצװייג

70

נויאָרק, 31 אָקטאָבער, 1939

זייער חשוב׳ער פריינט חיים ליבערמאַן:

איך האָב נאָכאַמאָל דורכגעלייענט אייער ביכל „אין טאָל פון טויט". ס׳װעט אפילו קלינגען װי אַ פּאַראַדאָקס, אָבער דער אמת׳ער אמת איז, אז װאָס טיפער איך האָב ארייגעקוקט „אין דעם טאָל פון טויט" אַלץ בעסער האָב איך געפילט. װאָס מער איך האָב גע־לייענט װעגן די דורכגעלייטערטע יסורים פון אונזער פאָלק אלץ מער האָב איך באַװאונדערט די גרויסע קראַפט פון אייער פעדער, און אייערע טענות צו דער װעלט װאָס האָט אונז געפּלאָגט און דערנידעריגט. איר רעדט דאָרט מיט אַזאַ אוצר פון שפּראַך און נשמה און מיט אַזאַ פּאָעטישער איינפאכקייט, אז אייערע װערטער װערן ניט נאָר געלעזן און געהערט נאָר אויך געפילט.

און דעם „לתקן עולם במלכות שדי" מאָלט איר אין אַזאַ אייב־פאַכער פּאָעזיע, אז ס׳קומט אייך אַן אמת׳ער װאַרימער יישר כח.

זייט געזונט, זאָל אייך גאָט געבן לאַנגע יאָרן פאַר אייער פרוכט־באַרער ארבעט.

בערנאַרד זעמעל

71

דאָנערשטאָג, 1טן יוני, 1939

מיין ליבער ליבערמאַן:

אייער ביכל „אויב איך וועל עס דיר פאַרגעסן, ענגלאַנד!" האָב איך געלייענט פאַרנדיג אויף דער באַן, און זינט דעמאָלט בין איך אין אייער רשות. פון איין זייט פיל איך זיך, ווי איך וואָלט געווען אונטער דער ווירקונג פון א ניי־לעגענדאַרישן בת־קול, וואָס וואָרנט, שטראָפט, און פון דער צווייטער זייט — אונטער דער ווירקונג פון אַ גלעטנדיגער נבואה, וואָס מ׳גלויבט, אז זי וועט מקוים ווערן.

ווען ס׳זאָל היינט זיין אַ צייט פון זאַמלען שריפטן פאַר נאַציאָנאַלער עבודה, וואָלט דאָס איצטיגע ביכל, פונקט ווי „אין טאָל פון טויט", געוואָרן אַ פאָלקס אייגנטום. איך גלויב אָבער, אַז אַזאַ צייט וועט נאָך קומען. ביז דעמאָלט וועט אָבער סיי ווי סיי ניט איין אנטוישטער יחיד צוריקקריגן מוט, גלויבן, אַ דאַנק אייער איצטיגער ארבעט.

און ווי אזוי איר דערגרייכט עס? דורך א רעליגיעזן טאָן, דורך אַ פסיכאָלאָגישן קוק אויף מענשן און געשעענישן, דורך א פייערלאכן גלויבן אין גוטסקייט, אין גערעכטיגקייט, דורך אַ סטיל, וואָס איז ביבליש פון אָנהייב ביז צום סוף.

דערוויל איז מיר אין דער איצטיגער צייט ניט באַקאַנט קיין צווייטער, וואָס זאָל טאָג־געשעענישן קענען אַזוי פאַראייביגן ווי איר טוט עס. איר האָט אן אויסערגעוויינלאכן כח, און ער קומט, האָלט איך, פון צוויי קוואַלן: פון אונזער „אַלטן" ספר און פון אייער רעליגיעזער נאַטור.

זייט געבענטשט אין אייערע ווייטערדיגע אַרבעטן.

אייער מיט פריינטשאַפט,

**ל. טרייסטער**

72

נויאָרק, יום ה׳ פרשה נשא, תרצ"ט

ליבער חבר חיים ליבערמאַן, שלום!

אייערע צוויי ספרים ערהאלטן. דורכגעלייענט זיי בנשימה אמת.

איך אליין לערן יעדן פרימאָרגן אין מיין סענטער א בלאַט גמרא אין דער פרי און א שעה פאַרנאַכט; און אין די בייטאָג שטונדן,

זוכנדיג חיונה און קליינבנדיג קלאַנגגען פאר מיינע געזאַנגען, כאַפּ איך
אריין א פרשה חומש מיט רש"י. איך זאָג דאָס אייך ווייל איבער־
לייענדיג „אויב איך וועל עס דיר פארגעסן, ענגלאנד!" האָב איך פאַר־
מאַכט אייער ביכעלע ווי א הייליגן ספר, מיט אַ קוש איבער די טאַוולען.

זייט געזונט, ליבער מענש,

אייער,

פּינחס יאַסינאַווסקי

73

נויאָרק, דעם 30/9, 1938

טייערער חיים ליבערמאַן:

אייער „בגיא צלמות" האָב איך דורכגעלייענט מיט טרערן, צער און באַגייסטערונג, אן אויפגעוואָרעמטער פון אייער גרויסער התלהבות.

דאָס איז א התלהבות וואָס טרייסט און מונטערט אזוי ווי די התלהבות פון חסידות.

מפונקים וועלן געגן אייך מסתמא אויסזעצן, אַז איר שרייבט צו הויך; איך האַלט זיך אויך פאַר אַ מפונק — נאָר קען איך דען אויסזעצן געגן דעם הרימו קול כשופר? הגם שופר, צווישן אונז גערעדט, איז ניט קיין פריאַטנע מוזיק...

אייער אויסגעשריי דאַרף פאַרשפּרייט ווערן צווישן די צענדליגער טויזנטער, וועלכע נויטיגן זיך איצט אין אַזאַ אויפמונטערונג! איבער־הויפּט טאַקע צווישן די וואָס האָבן עד היום נאָך אַלץ ניט אויפגעהויבן די מחיצה צווישן זיך און דעם „שול אידן".

אַ דאַנק אייך טייערער ליבערמאַן; נאָר דאָס איז אַ דאַנק בלויז פאַר דעם חומר פון ספר.

האָט אייך אַ גוט יאָר ,און זייט געזונט ווי איך ווינשט

אייער,

נחום י.

74

מאָנטרעאָל, 4טן אָקטאָבער, 1938, ערב יום כפור

מיין ליבער חיים ליבערמאַן,

שוין עטלאָכע טעג אַז איך האָב דערהאַלטן אייער „בגיא צלמות", האָב זיך אָבער בכיון אָפּגעהאַלטן צו שרייבן אייך וועגן דעם, כדי ניט אריינצופאַלן אין צו עקסזאַלטירטע שבחים, וואָס וואָלטן אפשר גע־

קלונגען אביסל פריקרע... ווי קאָנטראָלירט מען זיך אָבער ניט צו זאָגן אייך, אַז איר האָט דאָ אָנגעשריבן אַ קאַפּיטל תהלים אָדער אַ קלאַסישע פּאָעמע וואָס פאַרכאַפּט און דערשיטערט ביז׳ן ביין? איבער־לעזנדיג עס האָב איך עס פיבעריש געמומען איבערזעצן אין העברעאיש, ביז איך האָב זיך ארומגעזען אז איך בין פשוט ניט ראוי דערצו. דאָס דאַרף טאָן אַ געבענשטער פּאָעט ווי איר זייט אליין. דאָס וועט, איבעריגנס, אויך זיכער געטאָן ווערן איגגיכן. אַ שאָד וואָס מען האָט אייער ביכל ניט מקבר געווען אויף דער נויאָרקער וועלט־אויסשטעלונג, אלס אַ הערלאכן דאָקומענט פון אונזערע צייטן, מיט די אַנדערע חפצים אויף פינף טויזנט יאָר שפּעטער.

אייער ווערק דאַרף זיך געפינען אין יעדער אידיש הויז. וואָלט איך געווען ביכלת באַשטעל איך כאָטש אַ הונדערט עקזעמפּלאַרן צו צעטיילן צווישן באַקאַנטע (אידן, ווי איר ווייסט, האָבן פיינט צו קויפן ביכער).

כ׳בין איצט, אזוי צו זאָגן, אין אַ יום כפּור־שטימונג, און ניט אויפ־געלייגט צום שרייבן. כ׳גיי טאַקע באַלד אין שול אריין, און וויל אייך זאָגן גאַנץ ערנסט, אַז איך וועל פאַר אייך גאָט בעטן אז ער זאָל אייך מאריך ימים ושנים זיין, און איר זאָלט אונז לאַנג לאַנג מזכה זיין מיט אייערע ווערק.

אייער,

**אלתר כהן**

75

מאָנטרעאָל, דעם 26 אָקטאָבער, 1938

ליבער פריינט חיים ליבערמאן:

לאָמיר אייך דערציילן אַ שטיקל עפּיזאָד: איר ווייסט, מיין ליבער, די לעצטע צייט בין איך געוואָרן אַ כמעט אָפּטער באַזוכער פון בית־המדרש. אין מיין געגנט איז דאָ א קליין שולכעלע וואָס דערמאָנט מיך שטאַרק אָן דעם אמאָליגן „ותיקין״ אין א קליין ליטוויש שטעטעלע. כאַפּ איך זיך אריין אַהין אריינקוקן אין א גמרא צי אין אַן „עין יעקב״.

ויהי היום, דאָס איז טאַקע געווען לעצטן סוכות ביים דאַוונען, האָט דאָרט מעשה שטן אויסגעפּעלט א מגיד. מאַכט צו מיר דער גבאי, א היימישער אלטיטשקער אידעלע: „אפשר וואָלט איר, ר׳ אלתר,

געזאָגט אונז א גוט וואָרט?" נאָר זייענדיג א שטיקל בישן פון דער נאַטור, און דערצו א קנאַפּער בעל דרשן, בין איך געווען אין א פאַר־לעגנהייט. פאַלט מיר אָבער אינמיטן דרינען איין א ברילּיאַנטענער געדאַנק. כ'האָב גראַד געהאַט אין קעשענע אייער „בגיא צלמות", גיב איך אַ כאַפּ ביי איינעם פון די אידן אַ לאַנגן טלית מיט אַן אַלטער אביסל פאַרשמאַלצענער יארמולקע, גיי ארויף אויפ'ן בימה, און צווינג זיך אויפ'ן קול מיט'ן אמאַליגן עכטן סקידלער מגיד'ס נגון, וועלכן איך געדענק נאָך אויסגעצייכנט ביז היינט, און — „זאָג" אָפּ דעם גאַנצן „אין טאָל פון טויט", אָבער אזוי מיט געפיל, מיטן עכטן פאַטאָס... איז וואָס זאָל איך אייך זאָגן? כ'וואָלט אוועקגעגעבן א העלפט פון מיין פאַרמעגן (ס'איז אמת, ניט קיין גוואלדיגער אוצר...) ווען איך קען אייך אראָפּברענגען דאן אין דעם קליינעם בית המדרש'ל. די אידעלאך, א געזונט אין זיי, זיינען ממש עלעקטריזירט געוואָרן, און פון דעם עזרת נשים האָט זיך ניט איין שלוכץ געהערט. אוי האָבן דיזע תמימים, דיזער „עמך" פאַרשטאַנען אייער מגילה!... פיל בעסער, ווי איר זעט מיך א אידן, ווי דער איבערגעשפיצטער „לעבע־דיגער".[1]

**אלתר כהן**

## 76

נויאָרק, 14טן יולי, 1939

ליבער מר. ליבערמאַן!

איך וויל אייך זאָגן מיין איינדרוק פון אייער ביכל „אין טאָל פון טויט". איך דענק, איך דענק אויפריכטיג, אַז אויפ'ן אָרט פון אַלע פּראָטעסטן און מיטינגען ווען די מענשן אין די „הויכע פענסטער" וואָלטן געקענט לייענען אייער וועלט־אויסגעשריי, וואָס איז דער אויס־געשריי פון דער ציוויליזירטער וועלט, וואָלט עס געהאָלפן אונז אידן אויף לעבנסלאַנג.

1) זע דעם ארטיקל פון לעבעדיקן אויף זייט 217, און דעם ענטפער פון אלתר כהן אויף זייט 233.

איך בין טיף באַאײנדרוקט פון אײער ביכל און דאָס איז אפשר די הויפּט סיבה פאַרוואָס מײן בריוו איז אַזוי כּאַאָטיש. מײן טיפן, טיפן דאַנק פאַר אײער ליבער מתנה און פאַר אײער שײנער נשמה.

מיט פרײנטשאַפט און באַגײסטערונג

אַלאַ לילית

77

נױאָרק, יוני דעם 13טן, 1939

מײן ליבער ליבערמאַן,

שוין באַלד צװײ װאָכן אַז כ׳האָב איבערגעלײענט אײער „אויב איך װעל עס דיר פאַרגעסן, ענגלאַנד!״ און שוין אַ פּאָר חדשים אַז איך האָב איבערגעלײענט אײער „אין טאָל פון טויט״, און האָב אַלץ אַרויסגעקוקט איך זאָל אײך ערגעץ באַגעגענען און זאָגן װאָסער אַן אײנדרוק בײדע זאַכן האָבן געמאַכט אויף מיר. פון דערפאַרונג װײס איך אַז אַ שרײבער איז אַלעמאָל גערן צו הערן פון לײענער װעגן זײן אַרבעט. װײל איך דערפאַר ניט אָפּלײגן װײטער און פּרואװן דאָ אַרויס־זאָגן װאָס איך האָב אײך צו זאָגן. נאָר פריער אַ װאָרט מכּח דעם ענין: שרײבן צו שרײבער.

בדרך כּלל בין איך ניט קײן בעלן אויף אַזױנע זאַכן, און איך שרײב טאַקע זײער זעלטן צו שרײבער װעגן זײערע װערק — צו „גדולים״ אודאי ניט. אײך האָב איך אַ פּאָר מאָל יאָ געשריבן װײל, ראשית, האַלט איך אײך ניט פאַר קײן געװנזנפּיסלדיקן „גדול״, נאָר פּשוט פאַר אַ גוטן, ערלאַכן שרײבער און, דערצו, פאַר אַ ליבן חבר. והשנית, װײס איך אַז מיט אײך קאָן מען רײדן אָפן און אַרויסזאָגן װאָס מע װיל אָן פאַרגלעטונגען און פאַרזיסונגען. און איצט — דעם עיקר. איך װיל רײדן פון׳ם צװײטן ביכל, װײל ס׳איז פרישער אין מײן זכּרון.

מיך האָט טיף גערירט די אויפריכטיקײט פון אײער אויסגעשרײ. איך האָב געפילט אָן אויסגעשרײ פון אַ שטאַרק־צעװײטיקט אידיש האַרץ און פון אַ טיף־באַלײדיקטן מענשלאַכן שטאָלץ. אָבער איך האָב דערבײ געהאַט דאָס געפיל, אַז אַזױ װירקן קאָן אײער אויסגעשרײ נאָר אויף אײנעם װאָס קען אײך פּערזענלאַך זײער גוט. מיר, למשל, איז װאױלבאַקאַנט אײער מורא׳דיק־שאַרפער חוש פאַר יושר און גע־

רעכטיגקייט. איך ווייס, ווי שווער איך איז צו פאַרטראָגן פיל קלענערע עוולות ווי אָט דעם בלוטיגן פאַרראַט פון דזשאָן בול געגן אונזער אומגליקלאַך און אוממענשלאַך געפּלאָגט פאָלק. בנוגע דעם לייענער, אָבער, וואָס קען איך ניט און וואָס ווייסט זייער ווינציג אדער גאָרניט וועגן דעם מענש חיים ליבערמאַן, בין איך שוין ניט זיכער, צי ער וועט פילן די אויפריכטיגקייט פונ׳ם וואָרט הינטער דעם צו־הויכן טאָן.

אין מיינע אויגן זענט איר טויזנט מאָל גערעכט מיט אייער אויסגיסן די גאַנצע תוכחה אויפ׳ן קאָפּ פון ענגלאַנד. דער לייענער, אבער, וואָס קען ניט חיים ליבערמאַנען אזוי ווי מיר, נאָענטע מענשן קענען אים, ער — פיל איך — וואָלט גיכער אָנגעשטעקט געוואָרן מיט אייער צאָרן אויף ענגלאַנד און וואָלט שאַרפער דערפילט דעם פאַרברעכן פון די טאָרים, ווען איר מאַכט אייער „אָנקלאָגע״ אביסל ווינציגער פּראָפעטיש, ווינציגער תוכחה׳יג און מיט ווינציגער פלאָקער. דער ווייטאָג איז גרויס, געוויס! און אודאי זיינען מיר גערעכט אין אונזער צער׳ענען ווי אפילו אין אונזער קללה׳ען. אָבער דוקא ווייל גערעכט, קענען מיר זיך פאַרגינען צו לאָזן אונזערע טענות אליין טענה׳ן פאַר אונז. רייסן זיך דעם האַלדז מעג נאָר דער רעדנער אויף דער טריבונע, אָבער ניט דער שרייבער אין זיין בוך, ניט אפילו אין א בראָשורע.

און דאָסזעלביגע גייט אויך, כאָטש אין א קלענערן גראַד, אויפ׳ן ביכל „אין טאָל פון טויט״.

אָט דאָס, מיין ליבער ליבערמאַן, איז וואָס כ׳האָב געוואָלט אייך זאָגן. ס׳קאָן זיין אז איך בין אומגערעכט. מעגלאך אז כ׳האָב עס שלעכט באַנומען און ניט ריכטיג אָפּגעשאַצט. אבער, אויב א חבר׳ס מיינונג האָט עפּעס א ווערט, בפרט ווען זי קומט ווי א מיינונג פון א לייענער, האָט זי פאַר׳ן שרייבער א ווערט נאָר ווען זי איז ערלאך געמיינט און אויפריכטיג ארויסגעזאָגט. ניט אזוי?

זייט מיר געזונט און שטאַרק, און א יישר כח איך סיי ווי.

אויפריכטיג אייער,

נ. ב. לינדער

78

ברוקלין, ח׳ תמוז, תרצ״ט

ווערטער פריינט חיים ליבערמאַן!

איך דאַנק אייך פון גאַנצן האַרצן פאַר אייער מתנה — „אין טאָל פון טויט״ און „אויב איך וועל עס דיר פאַרגעסן, ענגלאַנד!״

אייערע ביידע ביכלאך זיינען א „מועט המחזיק את המרובה״, אָדער ווי די רוימער וואָלטן זאָגן „נאָן מולטאַ, סעד מולטום״. איר האָט אין זיי אריינגעטאָן אזוי פיל האַרץ, אזוי פיל נשמה, אזוי פיל גסיסה־געשריי! יעדער שורה איז אָנגעפילט מיט דעם אייביגן אידישן צער, מיט דעם היסטאָרישן אידישן קרעכץ, מיט דעם פּראָטעסט פון פאַרגוואַלטיגטן יושר, פון דער צוטראָטענער גערעכטיקייט. מען דאַרף טונקען די פעדער אין בלוט פון אייגענעם האַרצן איידער מען שרייבט אזעלכע קינות, אזעלכע איכה׳ס, אזעלכע מיט גאַל און מיט בלוט שפּייענדע „יערעמיאַדעס״...

איך קומט אַ יישר כח פון אַלע רעכטדענקענדע און רעכטפילנדע מענשן, און איך האָף, אַז אייערע צוויי בראָשורן וועלן געלעזן ווערן פון יעדן אידן, אין וועמעס האַרץ עס טליעט נאָך א ניצוץ פון ליבע און פון איבערגעבנקייט צו זיין פאָלק, צו זיין לאַנד, צו זיינע גרויסע קולטורעלע אוצרות און צו אלעם וואָס איז אונז פאַרבליבן פון אונזער גלאָררייכן עבר...

איך דאַנק אייך, פריינט, און ווינש אייך דעם בעסטן דערפאָלג.

מיט איבערגעגעבנקייט

**דר. יחזקאל לעוויט**

79

ליז, מאַס., פעב. 23, 1940

חשוב׳ער שריפטשטעלער ה׳ חיים ליבערמאַן:

אַ דאַנק אייך פאַר אייער שיינער מתנה — אייערע צוויי בראָשורן „אין טאָל פון טויט״ און „אויב איך וועל עס דיר פארגעסן, ענגלאנד!״, וועלכע איך האָב געקראָגן לעצטן פרייטאג.

פרייטאג נאָכט איז ביי מיר געווײנלאך שבת קודש׳דיג. נאָך דער שבת׳דיגער סעודה לערן איך די מדרשים — רבה און תנחומא — אויף דער פרשה פון דער וואָך. לעצטן פרייטאג האָב איך געהאַט תוספות צו די מדרשים: אייער בראָשור „אין טאָל פון טויט״.

אָנגעהויבן האָב איך עס צופעליגערוויז, שפּעטער האָב איך איינגעזען, אַז דאָס איז די כאַראַקטעריסטיק פון אייער בראָשור „אין טאָל פון טויט״ — עס איז תוספות צו די קלאַסיקער פון דער רבנישער ליטעראַטור, צו די מדרשים. עס איז דער המשך פון קלאַסישן אידישן

דענקען און פילאָזאָפירן, וועגן איד און מענש, איד און וועלט, איד און גאָט.

צוליב מיין פאַרנומענקייט מיט מיין דאָקטאָראַט ארבעט, וועלכע איך רעווידיר פאַר׳ן איבערגעבן צום דרוק, בין איך ליידער אָפּגע־פרעמדט פון די לעצטע ליטעראַרישע שאפונגען אויף העברעאיש און אידיש. מיט דער דאָזיגער באַגרעניצונג אין זינען זאָג איך, אַז נאָך דעם קעשענעווער פּאָגראָם האָבן מיר זוכה געווען צו ביאליק׳ס „בעיר ההרגה״, און נאָך דעם קאָמונאַצישן רעזשים — צו אייער „אין טאָל פון טויט״.

ווען איך וואָלט ניט געווען אַזוי פאַרנומען, וואָלט איך אָראַנ־זשירט א בוך־רעוויו וועגן דער ארבעט אייערער. דערווייל האָב איך גערעדט מיט עטלאכע אינטעליגענטע אמעריקאנער אידן, וועלכע לייע־נען ניט אידיש, וועגן אייער בראָשור. עס איז נויטיג זי איבערזעצן אין ענגליש פאַר׳ן איצטיגן פאַרברויך, און אין העברעאיש לדורות.

לויט מיין מיינונג איז די הילע, ווי אויך דער נאָמען, מער צוגע־פאַסט צום צייט־פונקט איידער צום גייסט פון אייער ארבעט. איך וואָלט עס אַ נאָמען געגעבן „אויפ׳ן באַרג פון גאָט״, און די הילע האָט געדאַרפט רעפּרעזענטירן פלאַמען — א סימבאָל פון אונזער לעבנס־באַגער, וואָס קען ניט פאַרלאָשן ווערן, ווי דער דאָרנשטרויך אין משה רבנו׳ס וויזיע.

נאָכדעם ווי איך האָב צוויי מאָל איבערגעלייענט אייער בראָשור „אין טאָל פון טויט״ (די צווייטע האָב איך נאָך ניט געלייענט) האָט זיך אין מיר אויפגעוועקט מיין ערשטע אינגעלשע ליבע צו זשורנאַ־ליזם. מיר האָט זיך געוואָלט אָנשרייבן אַ רעצענזיע וועגן דעם ווערק אייערן, אָבער נאָכאַמאָל, ליידער מוז איך זיין אויסגערעכנט מיט מיין צייט.

זייט געזונט און אויף ווייטער זייט דער אויסדרוקס־אינסטרומענט פון אידישן גאָט־גייסט.

מיט פריינטשאַפט,

**דר. י. ב. לעווענבאך**

80

נויאָרק, דעם 11טן נאָוו., 1938

מיין ליבער חיים ליבערמאַן:

ווען איך בין היינט אַוועק פון אייך, און פאַרנדיג אהיים, האָב איך אָנגעהויבן לייענען אייער עסיי „אין טאָל פון טויט״. אָנגעהויבן

און זיך ניט געקענט אָפּרייסן. די לעצטע צוויי פּאַראַגראַפן פון זייט 10 האָב איך עטלאכע מאָל איבערגעלייענט. זיי האָבן אין מיר געשטילט אַ הונגער און אַ דאָרשט.

עס איז אַזוי פאַלש צו באַטראַכטן די עסיי ווי אַ היסטאָרישע אָפּהאַנדלונג, אָדער ווי אַ מין קולטור פּראָגראַם אויף להבא. עס איז א השתפכות הנפש, און דאָ איז וויכטיג די שטימונג און די פאָרם פון אויסדרוק. אַ ליד קען ווירקן ווען מען גיט זיך איבער דער דירעקטקייט פון איינדרוק און מען שטעלט ניט דערצו קיין פאָדערונגען פון אַן אַנדערער ליטעראַרישער ספעֶרע.

האָב איך געלייענט די „תורה" אָן דער „העכערער קריטיק", ביז איך אמת גערירט געוואָרן. עס האָט אָנגעטרונקען אין מיר אַן עכטע באַדערפעניש וואָס ווערט אָפט אַזוי פיינלאך טיף אין די דאָזיגע מורא׳דיגע טעג.

דאַנק איך אייך פאַר דער הנאה, פאַר דער טרייסט און פאַר דער באַרואיגטער רגע וואָס איך האָב פון דער עסיי. מיך האָט בלויז גע׳חידושט, סיי דאָס קעפּל סיי די אָפּשרעקנדיגע שווארץ־ווייסע הילע. פאַרוואָס עפּעס „אין טאָל פון טויט?" די גאַנצע אידייע איז דאָך, אַז ס׳איז זייער טאָל און זייער טויט, און אַז „מיר זיינען אומשטערבלאך ווי די צוקונפט", וואָלט דאָך דער נאָמען געדאַרפט זיין דוקא אַ פריי־דיגער, אויף צופּיקעניש די שונאים? מהאי טעמא איז אויך די שווארץ־פאַרוויסטע טרויער־הילע ממש א דיסאַנאַנס. ניט דאָס פאָדערט דער אינהאַלט.

בכל אופן, מיין האַרציגער יישר כח רייסט זיך, געשיקט צו ווערן צו אייך.

זייער פריינטלאך, אייער,

ליובוש לערער

81

נויאָרק, דעם 3טן דעצעמבער, 1938

זייער געערטער פריינט חיים ליבערמאַן:

איך וויל אייך זייער דאַנקען פאַר שיקן מיר אייער שריפט „אין טאָל פון טויט". דאָס וואָס איר האָט זיך דערמאָנט אויף אַ מענשן וואָס איז ניט אין דעם קרייז פון שרייבער, און שרייער, איז ביי מיר אַ צייכן, אַז איר זוכט מענשן, און אין דער צייט זוכן מיר זיי!

מיט פיל אינטערעס און נאָך מער מיט טרייסל האָב איך געלעזן אייער אויסגעשריי. ניט וואָס איר האָט געזאָגט, נאָר ווי איר האָט עס געזאָגט איז מיר וויכטיג. ניט קיין פּראָגראַם זוכן מיר נאָר צו געפינען אַ פעסטן באָדן פון האַרטן פעלז, ווען אַלע ווערטן צוקריכן, ווען פון מענשן פאַלן אַראָפּ די שלייער פון זיטן און געזעץ און עס צייגט זיך דאָס אורטיר. און דאָך מוזן מיר, דאָס אידישע פאָלק, לעבן ווייל מיר לעבן. אייער וואָרט איז אַ טרייסט און אַ פאַנפאַרע און עס וועט אויפריכטן די געבויגענע און אויפהויבן די געפאַלענע, עס וועט זאַמלען די צוזייטע און פאַראייניגן די צוקריגטע. אויב מיר זיינען טאַקע ווערט די אַלע מידות וואָס איר גיט אונז, איז ניט וויכטיג. מיר זיינען דאָ און מיר ווילן זיין! איר בלאָזט דעם שופר.

א דאַנק אייך דערפאַר. Vivos voco!

מיט אידישן גרוס, אייער

**לעאָן מאָיסעיעוו**

82

ברוקלין, ערב יום כפור, תרצ״ט

מיין ליבער תלמיד, חבר און רבי חיים ליבערמאַן:

אַ שיינעם דאַנק אייך פאַר אייער מתנה וואָס איר האָט מיר געשיקט. איך האָב אייער ביכל „אין טאָל פון טויט" איינגעשלונגען. געלעזן פון טאָוול צו טאָוול. איר האָט אַזאַ ברייטע שפּראַך און נאָך אַ ברייטערע האַרץ פאַר אונזער פאָלק און זיין תורה. ווען איך וואָלט זיך געפילט שטאַרקער און ניט אַזוי צובראָכן, וואָלט איך געדאַרפט איבערזעצן אייער ביכל אין העברעאיש, מיט באַמערקונגען דערצו.

שיקט אַ קאָפּיע צו מר. צבי הירש מאַסליאַנסקי, זאָל ער זען, אַז אייער פען איז נאָך שאַרפער ווי היטלער'ס מויל, און דער אמת וועגט איבער אַלע שקרים. איך ווינש אייך אַ גוט יאָר. פאַרוואָס קומט איר ניט צו מיר אַמאָל? מיין פרוי וויל אייך קענען פערזענלאך. איך בין לא עליכם, אַ צובראָכענער שארבן. אַ באַזוך פון אַ פריינט וואָלט מיך אָפּגעפרישט אביסל.

מיט ליבשאַפט,

**הלל מאלאכאָווסקי**

# לזכרון ידידות

לסופר מאד חריף
מי יעמד לפני זעמו?
אך פטל הוא יערף
נחומים לעמו.

אלה הוא חיים ליבערמן.
היושב בכתר לבבי,
את ספרי זה לו הביא,
יקרא מה אכתוב בכאן,
והיתה לו כמתנה
לראש השנה

המחבר.

הלל מאלאכאווסקי

84

דעם 9טן אָקטאָבער, 1938

טייערער חיים ליבערמאַן:

אייער פאַרטרעפלאַכע בראָשורע „אין טאָל פון טויט" — אין העברעאיש וואָלט פּאָעטישער געקלונגען „גיא־צלמות" — האָב איך נעכטן דערהאַלטן. איך האָב איר געלעזן דריי מאָל און איך האָב געהאַט אַ קרעכץ מיט אַ טרייסט צוזאַמען.

יאָ, מיין טייערער איד, מיר אידן האָבן דורכגעמאַכט געגוג שווערע פינסטערע צייטן, אונזער געשיכטע איז פול מיט בלוט און טרערן, אָבער אזוינס וואָס מיר לעבן היינט דורך אין דעם צוואַנציגסטן יאָר־הונדערט, דעם „חלול הכבוד" מיט די שרעקלאַכע פינסטערע ערנידע־רונגען אין גאַנץ אייראָפּע — דאָס האָבן אונזערע עלטערן אין דעם מיטלאַלטער ניט געחלומ'ט...

אַ גרויסן דאַנק, הער ליבערמאַן, פאַר אייער שיקן צו מיר דעם „גיא־צלמות" און איך ווינש אייך אז איר זאָלט מיר שיקן א „מקור חיים" פול מיט ליכט, לעבן און האָפנונג.

אייערער מיט פולער אַכטונג,

**צבי הירש מאַסליאַנסקי**

85

נויאָרק, 29טן מאַי, 1939

ליבער פריינט ליבערמאַן:

אָקאָרשט איבערגעלייענט אייער „אויב איך וועל עס דיר פאַרגעסן, ענגלאַנד!" און איך שרייב אייך אצינד מיט אַ ציטערדיגער האנט; אזוי טיף דערשיטערט בין איך. איר האָט אויסגעשריען פון מיין אייגענער נשמה און כ'בין זיכער, פון דער נשמה פון מיליאָנען. פריער אייער „אין טאָל פון טויט" און איצט „אויב איך וועל עס דיר פאַר־געסן, ענגלאַנד" — זאָל גאָט אייך געבן כח (טאַלאַנט האָט ער אייך שוין געגעבן) ווייטער צו זיין דער זאָגער און זינגער פונ'ם אידישן געוויסן.

אייער,

**ש. מאַרגאָשעס**

נויאָרק, 17טן נאָוועמבער, 1938

ליבער קאָלעגע חיים ליבערמאַן:

בעת איך האָב געליִיענט אייער „אין טאָל פון טויט" איז אין מיר מאָמענטנוויִיז געוואַקסן יענע צורודערונג, אין וועמעס תהום מען געפינט זיך נאָך אַ טיפער איבערלעבעניש.

ניט נאָר די ווערטער פון אייער צעוואונדיגט געמיט האָבן דאָס גורם געווען, נאָר הויפּטזעכלאך דער פּאָעטישער עלעמענט פון דער זאַך.

איך ווייס ניט צי איך וועל זיין אָריגינעל, אָבער כ'מוז אייך זאָגן, אַז גאַנצע זאַצן און פּאַראַגראַפן לייענען זיך ווי אמת'ער פּיוט, און דאָס האַלט איך פאַר אַ גרויסער מדרגה.

איך פלעג אייך שטענדיג באַטראַכטן פאַר איינעם פון די גאָר פּאַרנעמע עסייאיסטן, און אייער חשיבות אלס עסייאיסט פלעגט ניט געמינערט ווערן אין מיינע אויגן, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס איך האָב געהאַלטן, אַז קריטיק דאַרף זיין אַ ריין אינטעלעקטועלע טעטיקייט אָן שום לירישן צומיש. און פּונקט ווי איך האָב געוויסע שטריכן אין מיין שרייבן, וואָס מיט זיי זייט איר ניט מסכים, מוז איך אָבער אונטערשטרייכן, אַז יעדער איינער פון אונז טראָגט די שטעמפּלען פון זיין צייט. אייך רעכן איך צו צו דער אימפּרעסיאָניסטישער שול אין דער קריטיק. און דאַן זייט איר אין פולן איינקלאַנג מיט אייער עפּאָכע.

אויף מיר האָט מיין צייט אַן אַנדער השפּעה געהאַט. ביי מיר האָט מאָדערניזם געמיינט: נייע קלאַסישקייט, נייע געצאַמטע סד־הכלען אין נייעם ליכט.

פּאָעזיע האָב איך געוואָלט — פּאָעטישע; קריטיק — קריטישע.

אַזוי ווי מיר געהערן ניט צו אַ געזעלשאַפט פאַר „געגנזייטיגער לויב" איז גאַנץ אינטערעסאַנט צו זען אין אונז די שטעמפּלען און באַווירקונגען פון צוויי פאַרשידנאַרטיגע צייט־אַפּשניטן.

לעצטנס אָבער בין איך ניט זיכער מיט מיינע קרעדאָס, הגם איך בין, פּונקט ווי איר זייט, א פּראָדוקט פון אַן עפּאָכע.

לעצטנס טראַכט איך, אַז יעדע פּעריאָדע, יעדע עפּאָכע, יעדע ריכטונג האָט אירע מוזן, אירע שיינקייטן און אירע באַרעכטיקונגען.

און אייער לירישקייט אין דער עסיי נעם איך אָן פאַר ליב, הגם איך אליין וויך דערפון. אָבער אייער לירישקייט האָט דוקא יאָ געפונען תיקון. און דוקא אין א פּאָעטיש ווערק. ווי דאָס איז אייער „אין טאָל פון טויט". דאָ איז אייער פּאָעטישער עלעמענט טיף און טיף־באַווירקנדיג. איז מעגלאך, אז איך בין פּאָרט גערעכט וועגן דעם, אַז דער אימפּרעסיאָניזם האָט געשטעלט די לירישקייט ניט אין דעם ריכטיגן אָרט?

ווי די זאַך זאָל ניט זיין, בעט איך אייך, נעמט אָן מיינע קאָלעגיאַלע ווערטער ווי צייכנס פון פאַרערונג.

אייער,

מיט די בעסטן גרוסן,

**נ. ק. מינקאָוו**

87

נויאָרק, 9טן יאַנואַר, 1939

מיין ליבער חיים ליבערמאַן:

איך האָב היינט געהאַט אַ בריוו פון דעם ביכער־לאַגער אין ליטע, „ליבהאָבער פון וויסן", און צווישן אַנדערס בעטן זיי מיך, איך זאָל זיך באַמיען זיי צושיקן אייער ביכל „אין טאָל פון טויט". בעט איך אייך צושיקן זיי א ביכל. איך האָב אייער ביכל געלייענט; און כאָטש איך האָלט ניט מיט א סך ארויסגעזאָגטע געדאַנקען, האָט ער אויף מיר אָבער גאַר אַ שטאַרקן איינדרוק געמאַכט. ער ציט אריין דעם לייענער אין אייער געדאַנקען־גאַנג, איר האָלט מיט אייער שיין און רייך שרייבן, און מען מוז באַגייסטערט ווערן פון אייער סטיל. די פאָרם איבעראַשט דיך מיט איר שיינקייט און אָריגינאַליטעט. מען וואָלט דאָס ביכל געדאַרפט איבערזעצן אין ענגליש און ווידמען איר אונזער אידישער יוגנט.

מיט גרוס,

**נח מישקאָווסקי**

88

קיידאַן, ליטע

זייער געערטער אומבאַקאַנטער פריינט ה' ליבערמאַן:

נויאָרק, אמעריקע

איך האָב באַקומען דריי ביכער דורך אייך פאַרפאַסט, צוגעשיקט דורך אונזער לאַנדסמאַן אין אמעריקע דעם חשוב'ן ה' פיליפּ סגל,

פון קיידאן, בעמלאך: „אין טאָל פון טויט", „שדים" און די קריטישע אָפּהאַנדלונגען וועגן דר. זשיטלאָווסקי'ן א. א.

מיין אויפריכטיגן דאַנק פאַר זיי. אונזער אידישע ליטעראַטור אין ליטעלאַנד פאַרמאָגט ניט קיין ענלאכעס סיי אין העברעאיש סיי אין אידיש.

נביאישע ווערטער, פלאַמיגע, ברויזנדע.

דאָס אידישע פאָלק דאַרף הערן אזוינס. אין אונזער פינסטערער צייט דאַרף דאָס אידישע פאָלק הערן טרייסטווערטער, גלייכצייטיג ווערטער וואָס צייגן אים זיין ראָל...

מען האָט די בראָשור „אין טאָל פון טויט" פאָרגעלעזן אין יוגנט־לאַכע קלובן. דער רושם איז געווען אומבאשרייבלאך. ווען מען איך האָב געגעבן לייענען איז מען ענטציקט פון נביאישן טאָן.

די יוגנטלאכע אין זייער טרייסטלאָזער לאַגע האָבן דערמוטיגונג געפונען.

איך דאַנק האַרציג אין מיין נאָמען און אין נאָמען פון קיידאנער (ליטע) יוגנטלאכע, און ווינשן אייך געזונט און לאַנגע יאָרן און דעם פאַרדינטן דערפאָלג אויפ'ן ליטעראַרישן געביט.

מיט גרויס אַכטונג,

**אהרן מער,**

תלמיד סמינריון למורים עברים בטעלז, ליטע

89

לאָס אנדזשעלעס, קאַליפ., אָקט. 17, 1938

זייער חשוב'ער פריינט חיים ליבערמאן:

טויזנט דאַנקען פאַר אייער נייעם ביכל „אין טאָל פון טויט". איין גרויסן דאַנק פאַר האָבן מיך אין זינען, און 999 דאַנקען פאַר דעם שיינעם אינהאַלט, געהויבענע געדאַנקען, וואָס איר האָט דאָרט ארויס־געזאָגט, און פאַר דער שעה געהויבענע שטימונגען וואָס אייער ווערק האָט מיר פאַרשאַפט.

אום צו ברייגנען מיינע דאַנקען מכוח אל הפועל האָב איך אָנגעשריבן אן אָפּשאַצונג פון אייער לעצט ווערק, וועלכע וועט געדרוקט ווערן אין דער „קאַליפאָרניער שטימע".

אונטער'ן איינדרוק פון די געהויבענע שטימונגען, וואָס אייער ווערק האָט מיר פאַרשאַפט, האָב איך גלייך עס אָנגעשריבן, בחפזון,

און האָב זיך ניט באַנוצט מיט די גאָר בעסטע אויסצוגן פון אייערע געדאַנקען. מעגלאך אַז איך וועט עס ניט זיין צום הארצן, ווייל אין „טאָל פון טויט" זיינען געוויס דאָ שטאַרקערע פסוקים, וואָס האָבן געדאַרפט גענוצט ווערן לשם אילוסטראַציע. דאָס איז אָבער אייער שולד מער ווי מיינע — איר האָט דאַרטן אַ צו גרויסע שפע פון רייכע פסוקים און פאַראַגראַפן, און מרוב טובה איז שווער ארויסצוכאַפן דאָס בעסטע.

איך האָב דעריבער געכאַפּט די ערשטע בעסטע פסוקים, וואָס זיינען מיר געקומען צום האנט, און מיט זיי זיך באַנוצט אין די ראַמען פון אַ קורצן צייטונגס אַרטיקל.

משל למה הדבר דומה — ס'איז געגליכן צו אַן אָרימאַן, וועלכער ווערט פּלוצלינג נתעשר און אים פאלט אריין אַ זעקל מיט גאָלדענע מטבעות פון פאַרשיידענע גרויסן און פאַרשיידענע ווערטן. ס'פאַר־שטייט זיך, אלע מטבעות זיינען פאַר אים אַ געווינס.[1]

האָפנדיג, אַז מיין אָפּשאַצונג וועט אייך ברייגען נוצן, בלייב איך,

מיט דרך ארץ,

אייער,

י. ש. נאַומאַוו

90

באלטימאָר, י"ט כסלו, תרצ"ט

למר חיים ליבערמאַן:

אדון יקר:

בתודה רבה הנני מאַשר את קבלת מחברותיו, ובמעטפה מיוחדה הנני שולח לו אחד מספרי (האחרים אינם ת"י) ומדפסות אחדות, לאות הכרה והוקרה.

את מחברתו רבת הערך „בגיא צלמות" קראתי ואמצא בה את החם של „בעיר ההרגה" לביאַליק ואת הסגוי והסגב אשר בקינותיו של רבי יהודה הלוי ודוגמתו. מי יתן ותתרגמה לעברית איש אשר רוח השיר מלבשתו וניצוצות נתזים מעטו...

„בגיא צלמות" הנה מצבה נפלאה על „קבר־האחים" הגדול, שבו באו לקבורה הישרנות העולמית, האחוה והשותפות שבין הקב"ה ואנשיו הנבזים והשפלים כל כך עד כי מפיסתופל הנהו נגדם כלבלב בן יומו.

בכבוד רב,

ח. ש. נייהויזען

---

1) דאָס ארטיקל איז געדרוקט אויף זייט 281.

נויאָרק, 18טן אָקטאָבער, 1938

ליבער פריינט ליבערמאַן:

אייער געזאַנג „אין טאָל פון טויט" איז אַזאַ לעבעדיג געזאַנג אַז עס איז אַ פאַרגעניגן צו לייענען. עס קוואַלט פון דעם סאַמע תוך פון דער מענשלאכער נאַטור, וואָס איז אזוי וואונדערלאך סובלימירט אין דעם געזאַנג פון משה, און וואָס האָט זיך אזוי דיכטעריש־נביאיש איבערגעגאָסן אין אייער געזאַנג.

ווי אין דעם געזאַנג פון יעדן דיכטער, און ספעציעל אידישן דיכ־טער, פילט זיך אין אייער „טאָל פון טויט" די גרויסע לעבעדיגע מענש־אידייע, וואָס אָטעמט מיט אייביגער יונגשאפט פון יעדער שורה פון אייער געזאַנג. און וואָס איז עכטע דיכטונג אויב ניט באשטעטיגונג פון אייביגן לעבן; וואָס נעמט דעם טויט און פאַרוואַנדלט עס אין לעבן?

אייער „אין טאָל פון טויט" איז אזוי מענשלאך, אזוי וועלט־לאַך, אזוי אוניווערסאַל, אַז עס ווערט דורכאויס אידיש. ליידער האָט מען ביי אונז אידן (און איבערהויפט אין אונזער אידישער אידי־שיסטישער ליטעראַטור) פארגעסן וואָס אידיש באַדייט. ביי אָט דעם קליינעם (אידישיסטישן) שבט'ל מיינט אידיש—געטאָ טונעיאדעווקע. זיי ווייסן ניט (און פון וואַנען זאָלן זיי דאָס וויסן?) אַז דער סאָרט אידיש איז אַ גרימאַסע פון דער געשיכטע. ס'איז מערקווירדיג ווי א דור וואָס האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אויף תורת משה, אויף די נביאים, זאָל אַזוי פולשטענדיג ניט פאַרשטיין דאָס וואָס ער האָט געלערנט און אזוי גיך פארגעסן דאָס געלערנטע. ס'איז מערקווירדיג אז א דור אידישע אינטעלעקטואַלן זאָל אזוי ווייניג פאַרשטיין דעם גאַנג פון געשיכטע.

פאַר מיר, מיין ליבער ליבערמאַן, איז אידיש (כ'מיין אין תוך, ניט שפראַכלאַך) משה, ישעיה, ישו [1] קעפלער, מאַרקס און איינשטיין וואָס דריקט זיך אויס בלויז אין איין וואונדערלאך וואָרט — מענש. דאָס וואָרט וואָס זוכט זיין זיווג — גאָט. אייער „טאָל פון טויט" איז

1) איר אויך, חבר ניסענזאָן? געדענקט: די השכלה האָט אָנגעהויבן מיט דער בת־השמים און האָט געענדיגט מיט דער יעווסעקציע; דר. זשיטלאָווסקי האָט אָנגעהויבן מיט'ן בן־השמים און האָט געענדיגט מיט היטלער'ן.
און דאָרט האָט ער טאַקע געטראָפן די יעווסעקציע אויך...

לויטערער געזאַנג פון גלויבן אין אַט דעם זיווג, און דערפאַר איז עס אַזוי נאָענט צו מיין געמיט. א דאַנק פאַר די עטלאַכע שעה אמת׳ע הנאה פון לעבן וואָס אייער „טאָל פון טויט״ האָט מיר פאַרשאַפן.

אייער,

**א. ניסענזאָן**

92

חשוב׳ער חיים ליבערמאַן!

איך האָב נאָר וואָס איבערגעלייענט אייער ביכל „אין טאָל פון טויט״, און ווען איך וויים ניט אז דאָס האָט איר געשריבן, וואָלט איך געמיינט אז איך לייען א קאַפּיטל עמוס אדער ישעיה.

נאָר איר, דער מחבר פון „שדים אין מאָסקווע״, קען אָנשרייבן אזעלכע אמת׳ן ווי „אין טאָל פון טויט״.

מיט דאנק און אכטונג,

**הערי ל. מאַר**

ווילקעס־באַר, פּאַ.

93

נויאָרק, נאָוועמבער 23, 1938

מיין ליבער חיים ליבערמאַן:

א דאַנק פאַר דער בראָשורע „אין טאָל פון טויט״. א נויטיגער טרייסט־וואָרט אין איצטיגער צייט. איך האָב דאָס געגעבן עטלאכע אידן לייענען. ביי אַלעמען האָט זי אויסגענומען. איין איד האָט דערנאָך געקויפט אַ האַלבן טוצן צוטיילן צווישן זיינע פריינט. דער איד האָט נאָך געוואָלט איך זאָל פאר אים איבערזעצן שטיקער אין ענגליש.

מיט גרוס,

**שלמה סיימאַן**

94

נויאָרק, דעם 9טן אָקטאָבער, 1938

טייערער פריינט ליבערמאַן:

אַט נאָר וואָס פאַרענדיגט לייענען אייער „אין טאָל פון טויט״ און איך שרייב אייך די פאַר ווערטער אונטער דעם געוואלדיגן איינ־

דרוק פון אַט דעם וואונדערלאכן אויסגוס פון צער און צאָרן און בלענדענדיגער אינטואיציע און טיפן פאַרשטענדעניש פאר געשיכט־לאכע פראַצעסן מיט וועלכע אייער זעלטענע בראָשורע איז אָנגעפילט.

יישר כח און א האַרציגן דאַנק.

אייער,

**ה. סעקלער**

95

מילוואָקי, דעם 18טן אָקטאָבער, 1938

טייערער ח. ליבערמאַן:

אייער „אין טאָל פון טויט" האָב איך דערהאַלטן. געלייענט האָב איך עס אפשר 5־4 מאָל מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק אין „וואַכנבלאַט". איך האָב דעמאָלט געוואָלט צו אייך שרייבן, קיינמאָל אָבער האָב איך ניט אַזאַ ערנפאַרכטיגן געפיל פאַר ווערטער ווי נאָכדעם ווען איך לייען איבער אייערע א זאַך; עס איז א מורא אַ ריר צו טאָן א וואָרט... אַ געבענשטע פען איז אייערע, ליבערמאַן.

ניט אין א בראָשור נאָר אין א פאַרמעט וואָלט מען געדאַרפט פאַראייביגן אַ־די עסיי אייערע. אין אַלע שפּראַכן וואָלט מען זי געדאַרפט איבערזעצן. ניט נאָר אידן זאָלן זי לייענען.

שיינע געפילן, אַכטונג צו אייך ווילט זיך מיר אויסדריקן, און זעט וואָס איך טו — איך לויב אייך בלויז.

פאַר שיקן מיר די בראָשור — ווי דאַנק איך אייך.

**אלטער עסעלין**

96

מילוואָקי, דעם 4טן דעצעמבער, 1938

געשעצטער ח. ליבערמאַן:

אַ מאָדנע דערפאַרונג: כ'האָב געמיינט, אַז איך בין אַ האָפּנונגס־לאָזער כבד פּה, מיט א פּאָר שעה צוריק האָב איך דוקא ניט שלעכט „זיך אָפּגערעדט" (פאר אַ פאַרזאַמלונג) וועגן אייער ביכעלע „אין טאָל פון טויט". אַ ציטערנאַ בין איך, אָט וואָס.

עס איז 2.30 און ס'ווילט זיך ניט שלאָפן — ס'דאַרף זיך ניט וועלן איצט... ווי קלאָר. נאָך בין איך פול מיט דער שטימונג פון די מענטשן פאַר וועלכע איך האָב גערעדט. ס'אַראַ ליכט אין די אויגן

פון די אומעטיגע אידן עס פלעגט זיך צינדן נאָך יעדן ציטירטן פּאַראַגראַף פון אייער עסיי. זיי, מיינע צוהערער, האָבן א וויל געלערנט תורה און איך — די פרייד פון ליכט־צינדונג.

עטלאכע צוהערער האָבן זיך נאָכגעפרעגט: וואו קען מען באַקומען אייער ביכעלע? איין קאָפּיע האָב איך אָן אָלט געוואָרענע. זי האָט שוין גענוג געוואַנדערט מיט ראַנד־באַמערקונגען אויף יעדן זייטל. בעט איך אייך, שיקט מיר א טוצן עקזעמפּלארן, אזוי גיך ווי איך וועל זיי פאַרקויפן וועל איך אייך צושיקן דאָס קליינגעלט.

אין אייער בריוו שרייבט איר: „הלואי וואָלט מען אזוינע ביכער ניט געדאַרפט שרייבן". מסכים, פונדעסטוועגן — העלף מיר גאָט צו קענען אויסשלייפן דעם דימענט פון געדאַנק אזוי ביבליש קלאָר ווי ליבערמאַן, זאָג איך צו — ניט אלץ פאַרעפנטלאכן — און אויף אַלע אַנדערע געבעטן מיינע וועל איך ניט מאָנען קיין באלדיגע באַוויליגונג.

**א. עסעלין**

97

צו חיים ליבערמאַן.

זינט איך האָב צום ערשטן מאָל געלייענט די ברענענדיגע ווערטער אייערע אין אייער ביכל „אויב איך וועל דיר פאַרגעסן, ענגלאַנד", זיינען א סך וואַסערן פאַרלאָפן. דאָס וואָס האָט דאַן געצונדן אונזער אַלעמענס בלוט, איז איצט בלאָס געוואָרן. אָט אין אַזאַ שרעקלאכער צייט לעבן מיר איצט. דאַן, ווען דער „ווייסער פּאַפּיר" איז נאָך געווען פריש, האָט זיך געדאכט, אז קיין ערגערס, בייזערס און שענדלאכערס, איז אויף דער וועלט ניטאָ.

נאָר איך קען שוין מער ניט שילטן ענגלאַנד. איך בין איר גרייט א סך צו פאַרגעבן, אויב זי זאָל ווידער נאָר ניט ארייגפאַלן אין דעם זומפּ פון פאַרראַט און שווינדל. איצט איז דאָך ענגלאַנד צווישן די איינציגע וואָס שטייען געגן דאָס ערגסטע, געגן דאָס ברוטאַלסטע וואָס די וועלט פארמאָגט. עס קען דאָך זיין, אז דער ווילן פון די דעמאָקראַטיעס זאָל צודריקן די בייזע שלאַנג אונטער די פיס, אז זיי זאָל זיך איינגעבן צו פאַרניכטן דאָס בייזע, דאָס רציחה'שע, וואָס די וועלט האָט נאָך אזוינס ניט געזען. איז ווי קען מען איצט שילטן, זיך בייזערן און דונערן געגן ענגלאַנד?

און דאָך קאָן איך זיך ניט באַפרייען פון דעם איינדרוק וואָס די צוויי דינע ביכלאָך אייערע האָבן אויף מיר געמאַכט. איך האָב, דאכט

זיך, נאָך קיינמאָל אזא האַס, אַזאַ שטורעם, ניט געפילט פון ווערטער זיך ארויסרייסן, ווי דאן ווען איך האָב אין דער שטילער נאַכט פאר זיך אליין געלייענט: „נאָר אויב די נאָדל פון אונזער קרעכץ האָט ניט איינגעשטאָכן זייער האַרץ, וועלן מיר מיט די נעגל פון צאָרנדיגער גערעכטיקייט צופליקן זייער רשעות״.

נאָר ווען א מענש איז אויפריכטיג און צוטרייסלט אויף אן אמת, קאָן ער מאכן, אז די ווערטער זאָלן קלינגען ווי גלאָקן, זאָלן אייער בלוט אויפזידן.

אָט דאָס איז דאָס וויכטיגסטע אין אייער שאַפן, חיים ליבערמאַן. איר זייט אויפריכטיג כמעט אלעמאָל. ניט תמיד גערעכט, אמאָל באַהערשט פון שנאת־חינם, אָבער פאַרט אויפריכטיג. און דערפאַר קאָן איך אפילו ווען איר זייט אומגערעכט, ניט זיין אין כעס אויף אייך. ווען איך האָב געלייענט אין דער טיפער שטילער נאַכט די ווערטער אין די צוויי דינע ביכלאך אייערע, האָב איך געפילט, מער ווי אימער, דעם כח אייערן, דעם שטורמישן כח וואָס קאָן אָנצינדן הערצער. צו איר באווייגט דעם בראָך פון די עסטרייכישע אידן, צו איר פלאָקערט אויף געגן דעם וואָס „פון נאַרן־שטוב נומער 10 האָט אַ נאַר ארייגעוואָרפן א שטיין אין גאָט׳ס גאָרטן״, עס הילכט מיר אין די אויערן א ווייי־געשריי פון טיפער אויפריכטיקייט, און עס פילט זיך ווי די בלוט אין די אָדערן הויבט אָן קאָכן. אָט דאָס איז דער גרויסער כח אייערער, וואָס באהערשט אייך. דאָס איז דער כח פון דעם אמת, וואָס שרייט הויך און מעכטיג אין דער וועלט אריין.

**אַלטער עפשטיין**

98

נויאָרק, 29טן יוני, 1939

ליבער פריינט חיים ליבערמאַן:

אַ האַרציגן דאַנק אייך פאר די צוויי ביכלאך. אָבער נאָך איידער איר האָט זיי מיר צוגעשיקט האָב איך זיי געקראָגן פון ערגעץ אַנדערש און זיי דורכגעלייענט עטלאכע מאָל. שוין לאנג, אַז איך האָב אזוי פיל הנאה געהאט פון אַ בוך, ווי איך האָב פון זיי הנאה געהאָט. אָן אַ גוזמא — זייט ביאַליק׳ס „שחיטה שטאָט״ איז אזוינס נאָך אויף אידיש ניט דערשינען.

עס איז זייער מעגלאך אז גאָר אינגיכן וועל איך וועלן פאַראינ־טערעסירן אייך, אַז די צוויי ביכלאך זאָלן ארויסגעגעבן ווערן אויף ענגליש פאַר פּראָפּאגאנדע צוועקן צווישן גוים. פאַרשטענדלאך, אז דאַן וועלן פון דאָרט מוזן אויסגעלאָזט ווערן אייניגע שאַרפע שטעלן. אָבער וועגן דעם וועלן מיר ריידן ערשט דאַן ווען מיינע פּלענער וועגן ענגלישער פאַרלעגעריי וועלן מקויים ווערן.

מיט הארציגע גרוסן און איבערגעגעבענסטער פריינטשאַפט,

**א. פּאָזי**

99

נויאָרק, 14טן אָקטאָבער, 1939

ליבער חבר ליבערמאַן:

אַ דאַנק פאַר דער צוגעשיקטער בראָשורע.

איך האָב זי זיך פאַר צוויי וואָכן געקויפט, איבערגעלייענט פאַר זיך און דערנאָך פאַר מיין פרוי און טאָכטער, באַקענט זיי מיט א זייער לעגיטימן פּראָטעסט געגן אַלע די ברוטאַלע באַליידיגונגען, וועלכע מיר אידן מוזן זיך אויסשטיין. אין דעם אויסגעשריי פון איינעם, וואָס ווערט פאַרצוקט פון אַ ווילדער חיה, ווער האָט א רעכט אַנצוואוויינען אויף פאַלשע טענער?

מיט בעסטן גרוס,

**דוד פּינסקי**

100

ברוקלין, דעם 11טן סעפּטעמבער, 1938

מיין ליבער חיים ליבערמאַן:

געלייענט אייער משפט איבער די פעלקער „אין טאָל פון טויט”: איר האָט אויפגערירט מיט אייער עסיי מיין אידישן ווייט דורות׳דיגן פייער. מיר דוכט, אז דאָס וועט בלייבן א היסטאָרישער דאָקומענט פאַר אַלע צווייטע און דאָך פאַראייניגטע פון דער אידישער אומה. עס וואָלט ניט געשאַדט ווען מען זעצט דאָס איבער אין ענגליש.

צום סוף וויל איך זאָגן ס׳האָט מיך איבערראַשט דער פייער און גערעכטיקייט וואָס עס שרייען ארויס פון אייערע ווערטער, און זאָלן דערפאַר געשטאַרקט ווערן אייערע הענט.

אייער,

**חיים פּעט**

101

נויאָרק, דעם 11טן נאָוו., 1938

ליבער חבר ליבערמאַן:

מיט דעם בריוול וויל איך אייך פאַרשאַפן אַביסל נחת רוח. זאָל דאָס זיין אַ טיילוויזע באַלוינונג פאַר איינער פון די בעסטע עסייען אין דער אידישער שפּראַך.

מיינע טיילוויז פאַרענגלישטע פריינט האָבן געפּרואווט לייענען אייער בראָשור „אין טאָל פון טויט”, האָבן זיי זיך נעבאַך ספּאָטיקעט איבער דער שווערער עברי — איך מיין מיט דעם די העברעאישע ווערטער און די ציטירטע פסוקים. האָבען זיי אַראַנזשירט א ספּעציעלן מאָלצייט און האָבן איינגעלאַדן א גרופּע אידיש־אמעריקאַנישע אינטע־ליגענטן, און מיך אויך בתוכם. און איך האָב פאַרגעלייענט די עסיי און פאַרטייטשט און דערקלערט די שווערע ערטער. עס האָט זיך נאָכדעם אנטוויקלט אַ דיסקוסיע איבערן אינהאלט פון דער בראָשורע; און איך מוז אייך זאָגן, אז איך האָב שוין לאַנג אַזאַ עונג רוחני נית געהאַט.

וואָס דאָס דערוויזט, אז ניט אַלעמאָל איז דאָס קול פון אידישן שרייבער אַ קול קורא במדבר.

**א. ד. פלעשלער**

102

קאָלאָמייע, דעם 3/14, 1939

זייער געערטער ה׳ ליבערמאַן:

אַ גרויסן דאַנק איך פאַר אייער ספר׳ל. איך גלויב עס איז דאָס שענסטע און אָריגינאלסטע ספר׳ל פון יאָר תרצ״ח. איך לייען עס כסדר, פאר מיר, פאר ווייב און קינדער, פאר באַקאַנטע.

און איצט ערלויב איך מיר אייך צו מאַכן אַ פאָרשלאַג: לויט מיין מיינונג קומט פאַר צווישן אידן, בפרט צווישן דער אידישער אינטעליגענץ, א נשמה־איבערבורך לטובת אמונה און יהדות. א חודש זשורנאל אלס טריבונע מיט אזא ריכטונג איז א גרויסע נויט־ווענדיקייט. עס קען ברענגען א רעוואָלוציע פון גאולת הנפש והעם. איך אליין בין גרייט, ווען ער ווערט ארויסגעגעבן, אַזאַ זשורנאַל צו אונטערשטיצן ברוח ובחומר. דאָ אין קאָלאָמיי זיינען די דרוק־קאָסטן

זייער ביליג. איך ברויך נאָר א קליינע תמיכה פון אמעריקע, מיט־ארבעטער ווי, למשל, איר, און איין מענש אָדער עטלאכע מענשן, וואָס זאָלן קענען און וועלן אויך מאַטעריעל די זאך שטיצן. נישקשה, מען מעג צוליב דער וויכטיקייט פון אזא ליטעראַרישער אונטערנעמונג אויך צולייגן אביסל געלט. איך פון מיין צד בין גרייט, ווי געזאָגט, דאָס צו טאָן.

עס האַנדלט זיך בלויז וועגן שאַפן פון דער ערשטער און אייג־ציגער טריבונע פאר גלוביגע פילאָזאָפיע, פובליציסטיק, ליטעראַטור און קונסט מיט נאָר אידישלאכן אינהאלט און מיט געשמאַק און טאַלאַנט.

והי׳ ראשיתו מצער ואחריתו — מי ישורנו...

נאָכאַמאָל מיין בעסטן דאַנק פאר׳ן נחת רוח וואָס איר האָט מיר פאַרשאַפט מיט׳ן ביכל. אפשר קענט איר מיר שיקן נאָך עטלאכע זאַכן פון אייך?

מיט גרויס כבוד,

**דר. בן־ציון פעסלער**

## 103

נויארק, 7־9, 1939.

ידיד נעורי היקר ח. ליברמן, שלום וכל טוב, סלה.

אשריך שזכית לחדור לתוך תוכה של הפרובלימה „הכבשה בין שבעים זאבים" ולתת לה בטוי שירי עז ונמרץ, ביחוד במחברתך הנפלאָה „אין טאָל פון טויט". מפליאָה היא המחברת, לא רק בראיה הצלולה, בסגנון המבריק ובמיצוי הענין עד תמצית, אלא גם — בהעזה, כיצד נועזת לעשות מעשה כזה בדור שפל־ברך ונמוך־קובה, החושב חצאי־מחשבות ומדבר חצאי־מלים, דור פוסח על שתי הסעיפים, ולשונו מלומדת להלוך בין הטפין? כמה פירושים עשו על שירו של גלטשטיין. על מחברתך אי אפשר לעשות פירושים. מבינים או לא מבינים. והם לא יבינו. והראיה — הרי הם רחוקים ת"ק פרסה מכתיבה כזו. דומברוביץ [1] תוכיח. שרשך החסידות — הגילוי הגדול של היהדות בדורות האחרונים.

---

1) דאָמבראָוויץ, וואָלין, מיין געבורט־שטעטל.

המחברת היתה צריכה להתרגם בשביל הנוער — עברית ואנגלית. חושבני, שאתה בעצמך היית המתרגם הכי טוב.

תרשני להעיר בדבר השם. הרי נתכוונת לפסוק „גם כי אלך בגיא צלמות לא אירא רע". זהו כוחה של הלשון העברית, שיש לה בטויים — תמונות. אילו כתבת עברית — „גיא צלמות", היה הקורא מבין אותך מיד. באידית נשאר רק „אין טאָל פון טויט", מה שלא רצית להגיד. ברור היה יותר: „אין שאָטן פון טויט".

חן חן לך שזכרתני לכבדני במחבורותיך. קיימתי תיכף ומיד מצוה ומסרתי אותן לקריאָה לבני, וגם דעתו כדעתי.

שלך בברכה ובהערצה,

**י. ז. פרישבערג**

104

וואַרשע, דעם 27טן פעברואַר, 1939

זייער געערטער פריינט ליבערמאַן!

אַן אַלטער, אַלטער משל, דאָך אָבער קיין בעסערן פון אים האָב איך ניט — „כענבים במדבר".

אַ צווייטער משל, אויך גענוג אַלט, און אויך אים מוז איך באַנוצן: „ווי איינער גייט אין דער מדבר, בלאָנדזשעט און בלאָנדזשעט דאָרט אַ לאַנגע צייט און מיט אמאָל — דערהערט ער דאָרט אַ שטים פון אַ מענשן און ביסלאכוויז, ביסלאכוויז שיילט זיך ארויס פאַר אים די פיגור פון א בעסטן פריינט".

אין דעם וויסטן מדבר פונ'ם איצטיגן אידישן לעבן, באַזונדערס אין דעם וויסטן מדבר פון אלערליי לינקיזמען און ראַדיקאַליזמען, פוסטקייטן, גאַרנישטקייטן, געלט־בהלה און הירזשעריי פון אלערליי אַלרייטניקעס, אין אָט דעם מדבר האָב איך דערהערט אייער קול, דעם קול וואָס רופט צו אמת'ער און ריינער תורה, סיי אלס לייטערין פון דער אידישער געשיכטע, סיי אלס לייטערין פון אַלע וועלט־באַוועגונגען אויף וויפיל זיי אַנטהאַלטן אין זיך די פרינציפּן פון ריינעם אמת, „צדק ומשפט ומישרים".

אַ מערקווירדיגע זאַך! אין דער גאַנצער בירגערלאכער פרעסע האָב איך ניט געפונען קיין ריכטיגע פאַרשטענדעניש פאַר דעם, וואָס איך פרעדיג שוין איבער דרייסיג יאָר, און ביי אייך, אַ מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס" האָב איך עס יאָ געפונען...

אַט דאָס הייסט ביי מיר „ענבים במדבר" און אַט דאָס הייסט ביי מיר: „דערזען פאַר זיך פּלוצלונג א בעסטן פריינט, ארומבלאָנ־דזשענדיג אינ׳ם מדבר".

עס האָט מיך באַזונדער געפרייט אייער בריוו צו מיר וועלכער האָט מיך איבערצייגט, אז „תורה" איז ביי אייך ניט קיין מאָדע זאַך און ניט קיין ליטעראַריש־דיכטערישע זאַך, נאָר טאַקע אַ לעבן זאַך בפועל ממש.

דען איך מוז אייך זאָגן דעם אמת, אַז הגם איך האָב וועגן אייער לעצט ווערק געשריבן גרויסע, פולשטענדיג פאַרדינטע שבחים, איז ביי מיר דאָך, ערגעץ וואו אין אַ ווינקל פון מיין האַרצן, געבליבן א רושם (ניט מער ווי א רושם) פון א ספק: צי איז עס דאָך ניט אמאָל — ליטעראַטור. אמת זעלטן שיינע ליטעראַטור, רייכקייט פון בילד, שפע פון פאַרבן, קראַפט פון וואָרט, וואָס האָט כמעט צו זיך קיין גלייכן ניט אין אונזער פּובליציסטיק, דאָך אָבער, אפשר — אויפבּרויז פון טעמפּעראַמענט, שטרעבונג צו אָריגינאַליטעט, קאָמפּסלוסטיקייט וכדומה, אָבער ניט קיין שטיק אייגן לעבן, ניט קיין וויי־געשריי פון די עמקי־המעמקים פון דער נשמה. אייער בריוו האָט מיך אָבער איבערצייגט אין דעם, אַז איר פילט טאַקע אין דער תורה דעם אמת׳ן מאור שבה און איר גלויבט טאַקע, באמת ובתמים, אַז נאָר דער אור תורה מוז באַ־לייכטן דעם וועג פון פעלקער און לענדער און אויך — דעם וועג פון יעדן יחיד. באזונדערס האָבן מיך איבערצייגט דערין פאָלגנדע שורות אייערע: „שוין בלויז שרייבן מיט די אותיות מיט וועלכע די תורה איז געשריבן און מיט וועלכע אונזערע חכמים און גאונים האָבן געשריבן איז אַ גרויסע זאַך"...

איצטער וועגן דעם פאָרשלאָג פון אייער „נסתר".[1] איך בין אים זייער דאַנקבאַר פאַר דעם און איך וועל אלץ טאָן אום זיין גוטער וואונש זאָל דערפילט ווערן. אויסער דער אָרגאַניזאַציע „יבנה" (ביים „מזרחי") זע איך ניט ווער עס זאָל וועלן און קענען רעאַליזירן זיין וואונש. די פאָרשטייער פון „יבנה" ווילן זיך נעמען ענערגיש פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון אייער ווערק לויט׳ן וואונש פון אייער „נסתר"; זיי שטעלן אָבער געוויסע באַדינגונגען, וועגן וועלכע זיי וועלן אייך זיכער שרייבן.

---

1) אַ נויאָרקער איד וואָס האָט געוואָלט פינאַנסירן אַ ספּעציעלע אויפלאַגע פונ׳ם „אין טאָל פון טויט" צו פאַרשפּרייטן צווישן די אידן אין פוילן.

איך וואָלט זייער געוואָלט צו שטיין מיט אייך אין א גייסטיגן קאָנטאַקט. צוליב דעם וויל איך אייך שיקן אייניגע פון מיינע ווערק, וואָס איך האָב ביי זיך (מיינע בעסערע ווערק זיינען, ליידער צוזייט און צושפּרייט איבער שבעה ימים און איך האָב זיי ביי מיר ניט). מחמת איך ווייס אָבער ניט וואָסערע פון זיי איר וואָלט פאַרלאַנגט, גיב איך אייך דאָ א קורצע רשימה פון זיי: „דבר לעמים" (פאַראויס־זאָגונגען וועגן גורל פון פעלקער און לענדער, געשריבן אין יאָר תרפ"ג, געדרוקט געוואָרן — תרפ"ח און איבערגעדרוקט תרפ"ט). „ספרן של יחידים" (גאולה־בענקשאַפט, קבלה, חסידות); „די רייד פון ישעיהו בן אמוץ" (די נבואות פון ישעיהו צו אונזער צייט צוגעפּאַסט); „געזאָגנגען צום אין־סוף" רעליגיעזע פּאָעזיע); „וואָס איך האָב צו זאָגן דעם אידישן פאָלק" (נאָך די שחיטות אין ארץ ישראל אין יאָר תרפ"ט); „וואָס דאַרף ישראל טאָן אין איצטיגער צייט פון חבלי־משיח?" (תרצ"ד); „דממה וקול" (קורצער און זייער שאַרפער סך הכל פון מיין פערציג יאָריגן קאַמף אויף דער אידישער גאַס — העברעאיש — תרצ"ו); „אורו של משיח בתורת הברסלבי", „טיש־שמועסן וועגן חב"ד", „תורה־ליכט" (אויף די פרשיות בראשית, נח, לך לך) — אין די לעצטע יאָרן. פאַר אייך וואָלט געווען אויך זייער וויכטיג זיין צו באַקענען זיך (אויב איר קענט זיי ניט) מיט מיינע אויסגאַבן: „הלל צייטלינס בלעטלאַך" (די ערשטע העפט איז ניטאָ), „די תבה", „סנה", „איין וואָרט" (איינ׳ם עליה־יאָר תרפ"ה), דער „אלף" (דריי חוברות). שרייבט מיר וואָסערע ווערק פון די אויבנדערמאָנטע וואָלט איר באַדאַרפט — וועל איך זיי אייך גלייך צושיקן.

וד׳ נותן התורה יהי בעזרך כחפץ מוקירך

**אוהבך הלל צייטלין**

נ. ב. אייער ביכל „שדים אין מאָסקווע" און דעם בריוו־ווּעקסל וועגן זשיט־לאָווסקי־ניגער געלייענט. וועגן ניגערן האָט איר מגזם געווען. בכלל דאַרף מען זיין זייער איינגעהאַלטן ווען מען רעדט וועגן א אידישן מענטשן. זעט איר, וועגן די אַלגינס איז עפּעס אנדערש!...

105

שווידער, 1/15, שנת 1939.

שלום רב להסופר הנעלה מר חיים ליבערמאַן:

מכותלי ספרך ניכר, שיודע אתה עברית ולפיכך כותב אני לך מכתבי זה בעברית, כדי לקמץ במקום ובזמן. בתודה רבה קבלתי ספרך

„אין טאָל פון טויט״ הקטן בכמותו וגדול מאוד באיכותו, מועט המחזיק את המרובה. אחת עשרה פרשיות שלו מזהירים ככוכבים „אחד עשר כוכביא״ ול״ו עמודיו כל״ו צדיקי הדור והנני בזה להגיד לך בפה מלא „יישר כוחך״ על מפעלך זה. זה שנתים ימים שלא קראתי שום ספר, כי חליתי יותר משנה וחצי במחלת הדיפריסיה וספרך משכני אליו בעבותות האהבה עד שמוכרח הייתי לגמרו. מרוב התפעלות הראיתיו להרבה ממכרי שגם הם גמרו עליו את ההלל. לפני זמן קצר שלחתי לך שני ספרי „אין שווערע מינוטן״ ו„מגילת אסתר מצירת״ והריני בזה רק להעירך, שהרבה משירי כתבתי ברוסיה בזמן שיד הצאריזם היתה רוממה ואָסור היה לדבר מלה חפשית: על השירים האלה רשמתי קו אדום למען תדע כי הם נאמרו בדרך משל.

במתותא ממך לשלוח תיכף את ספרך הנ״ל למר א. פרידמאן, סטאבו יעלאַ 55, ריגא (לאַטוויא), המאסף ספרים ביהודית ומצגם מזמן לזמן בתערוכה, בודאי תמלא בקשתי זאת.

בכבוד גמור,

**יוסף קאַפּלאַן**

106

פאריז, דעם 4טן יאנואר, 1939

זייער חשוב׳ער און טייערער פריינט חיים ליבערמאַן!

א האַרציגן דאנק אייך פאר אייער בריוול. ס׳איז געווען דאָס ערשטע בריוול וואָס איך האָב דערהאַלטן דאָס נייע יאָר, דערצו אָנגעקומען דעם ערשטן יאנואר פרי, און דערצו נאָך פון אַזאַ ליבן מענשן ווי איר זייט מיר.

ס׳האָט מיך געפרייט צו לייענען וועגן אייער וואָרעם געפיל צו מיר, ווייל כאָטש איך וואוין אין אַזאַ גרויסן אידישן צענטער, פילט מען זיך דאָ אזוי פאַראיינזאַמט. די גאַנצע ליטעראַריש-געזעלשאַפט־ליכע אַטמאָספערע איז דאָ אזוי טרייסטלויז, בלאָזט, בלאָזט פון זיך מיט אזוי פיל קליינלאַכקייט, ניט־פאַרגינען און ציניזם, אז ס׳איז א ווייטאָג אויפ׳ן האַרצן. די אמת גוטע, אמת קלוגע און אמת אינטעליגענטע מענשן ציען זיך צוריק פון דעם געמויזעכטס, און די גאַס, די צייטונגען דאָ, די אידישע געזעלשאַפטלאכקייט ווערט אויסגעפילט דורך דע־מאַגאָגן און קליינלאַכע מענשן. אייער בריוו איז געווען פאַר מיר אַ שטראָם פריש־קוועלענדיג וואַסער וואָס דערקוויקט און פרישט אויף,

כ׳האָב מיך מערערע מאָל געפרעגט ביי מיר אליין: „צו האָט איר דערהאַלטן מיינע ביכער? געלייענט זיי? געדענקט איר וועגן מיר?״ א. וו. כ׳פאַרשטיי, אז דאָס לעבן אייערס איז ניט פול מיט יום־טוב, שטערונגען און ווייטאָגן אודאי אויף טריט און שריט און כ׳האָב ניט געוואָלט זיך אָנוואַרפן אויף אייך, געדולדיג געוואַרט, און זיך גוט דערוואַרט, נאָכאַמאָל א האַרציגן דאַנק אייך.

מיין לעבן שווימט זייער שווער, איך שטרענג מיך אָן ס׳זאָל ניט פאַרשווענדט ווערן אויף די גאַנצע 100 פּראָצענט, ניט צו אלע ביכער מיינע בינד איך צו פיל וואָג, נאָר דאָס זיינען ארבעטן פון לאַנג־געשריבענע (די „פּרויען״ דערציילונגען) וואָס איך האָב פאַרעפנטלאכט אום כ׳זאָל „ליקווידירן״ מיינע יוגנד זינד. הייַנט קען איך שוין ניט שרייבן אזעלכע דערציילונגען. ס׳האַלטן מיך געשפּאַנט פיל וויכטיגע ארבעטן, און איך האָף איינגיכן, דעם זומער נאָך, ארויסצוגעבן דעם צווייטן באַנד פון מיין „אַלט פּאַריז״, א פיל ריינערן און רייפערן ווי דער ערשטער, מיט גאַנץ נייע מאַטעריאַלן וואָס וועלן צום ערשטן מאָל זיך באַווייזן אין אידיש, און אנדערע ארבעטן מאַטערן שוין פון לאַנג און מאָנען צו ווערן רעאַליזירט.

אייער בוך „שדים אין מאָסקווע״ געלייענט און געהאַט גאָר א גרויס פאַרגעניגן, כ׳באַזיץ דאָך איי‎ניגע שפּראַכן, נאָר אין קיין איינע פון זיי האָב איך ניט באַגעגנט אזעלכע פּרעכטיגע עטיש־הויכע און מיט אזוי פיל חכמה געשריבענע ארטיקלען, ווי די „16״ און די „17״. אזוי אויך א גרויסע הנאה געהאַט פון גאַנצן בוך. אייער באַהאַנדלען די צוויי אידישע שרייבער דר. זשיטלאָווסקי און ש. ניגער איז פּרעכטיג. און איך שרייב דאָס אייך אָן וועלכע ס׳איז באַהאַלטענע כונות. און ווייל איך האָב אזוי ליב אייער שרייבן און אייער אַנאַליטישן כוח, דערפאַר האָב איך, ווי נאָר ס׳איז מעגלאָך געווען, און ביי יעדער געלעגנהייט, פּאָפּולאַריזירט אייער בוך (ווי איך טו עס, איבריגנס, מיט אלע אייערע שאַפונגען.) איין בוך אייערס געגעבן דער לאָנדאָנער שרייבערין אסתר קרייטמאַן (זינגער׳ס שוועסטער), צוויי ביכער געשיקט קיין בעלפאַר, פריינט פון דאָרט האָבן געבעטן, די איבעריגע אלץ די גוטע, זייער גוטע לייענער. דאָס בוך וואָס כ׳האָב מיר געלאָזן וואַנדערט פון האַנט אין האַנט, איצטער האָב איך עס אויך ניט אין שטוב און איי‎ניגע פריינט וואַרטן דערויף אין דער ריי.

זאָלן די פאָר ווערטער זיין פאַר אייך א באַלוינונג פאַר אייער האַרץ, אַז איר פירט אויס אין אונזער לעבן א גרויסע מענשלאָכע

(איר ווערט זאָגן: „אידישע מיסיע"). ס'באַרואיגט דער באַוואוסטזיין, אַז מען העלפט דעם זוכנדיגן און בלאָנדזשענדיגן מענשן זיך פּאַנאַנדערצוקלייבן אין דער גאַנצער ניט ערלאכקייט וואָס שפּילט זיך איצט אָפּ ארום אונז.

און נעכטן האָב איך דערהאַלטן אייער בראָשורע „אין טאָל פון טויט". איך האָב וועגן דער בראָשור געלייענט אין די צייטונגען און געהאָפט זי ערגעץ וואו צו באַקומען. איז ווידער אַ דאַנק אייך פאַר דעם וואָס איר האָט אין מיר ניט פאַרגעסן. כ'האָב זי נעכטן דורכגעלייענט צוויי מאָל און היינט אַ דריט מאָל. ס'איז דאָ וועגן איר פיל, פיל צו ריידן. אָבער מיר איז שווער זיך צו שטעלן אויף אייער שטאַנדפּונקט כאָטש איך געפין מיך זייער נאָענט צו אייך. ראַציאָנאַליסטיש קען מען אייער שטאַנדפּונקט ניט אָננעמען, ריכטיגער — טאָר מען ניט אָננעמען.

דערמאָנט אייך, טייערער פריינט, די אָפּהאַנדלונג וואָס איר האָט געשריבען אין אייער בוך „דיכטער און וועלטן" וועגן דר. זשיטלאָווסקי'ן פאר זיין שרייבן „אידישער מאָרד" א. וו.[1]) איר האָט דאָן פּאָלעמיזירט מיט אים און ארגומענטירט אזוי פּרעכטיג, זוכנדיג צו שטיין אויף אַ ריין וויסנשאפטלאכן באָדן. און פּלוצלונג האָט איר פאַרוואָרפן די וויסנשאַפט און צוגעגאַנגען צום אידישן לעבן מיט אַ בליק פון אַ ספּעציעלער מיסיע וואָס דאָס אידנטום פירט אויס, אַ מיסיע וואָס לאָזט זיך וויסנשאפטלאך ניט אָננעמען.[2]) דער וועג איז אַ געפערלאכער, דערפאר וואָס דאָס אידישע לעבן איז ווירקלאך אַ מערווירדיגס, און ס'האָט ווירקלאך אויסגעפירט אזא ראָל ווי איר ווייזט עס אונז אָן. מיר זיינען טאקע אַ משיח פאָלק, אָבער דאָס איז דאָך

1) איך בין נאָך היינט אויך פונקט אזוי שטאַרק ווי דעמאָלט געווען געגן „מאָרד" און „בלוט".. זשיטלאָווסקי'ס מארד און בלוט־טעאָריע איז געווען היטלעריזם פאַר היטלער'ן.. אידישקייט איז אידייע, גייסט. א גוי קען ווערן אַ איד ווען ער איז זיך מגייר און נעמט אָן די אידישע אמונה, די טרעגערין פון דער אידישער אידייע וואָס איז די משיח־אידייע פאר דער מענשהייט.

2) פון וועלכער וויסנשאפט רעדט איר: פון פיזיקע, כעמיע? די פראַגע פון דער אידישער ראָלע אין דער וועלט געהער ניט אַהער. זי געהער צו די סאָציאַלע וויסנשאַפטן, און סאָציאָלאָגיש איז די „אידישע מיסיע", ווי איר רופט עס אָן, פונקט אזוי וויסנשאפטלאך ווי דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם, למשל, און לאָזט זיך דערווייזן פונקט אזוי ווי ער און אויפ'ן זעלבן אופן. אַ דערשיינונג וואָס ציט זיך שוין באַלד פיר טויזנט יאָר אין דער געשיכטע איז אין דער סאָציאָלאָגיע אַ וויסנשאפטלאכער פאַקט.

אויך צוליב געוויסע סיבות, וואָס וואָלטן אויך געקענט זיין קאַפּויר. די רעליגיע האָט נאָך געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָל אין מיטלאַלטער זיינען אידן געגאַנגען אויף קידוש השם.[3]) אָבער פון 18טן י. ה. אָן האָבן אידן זיך געוואָרפן מיט ביידע אָרעמס אין דער אַסימילאַציע, געוואָלט זי פון פולן הארצן, און אויב זי איז ניט געשען פולשטענדיג איז עס ווייל זיי האָבן ניט דערלאָזט.[4]) כ'וויל דערמיט ניט זאָגן, אַז מיט אַסימילאַציע וואָלט זיך עס געענדיגט. סוף כל סוף זייט איר אליין ניט געגן אַסימילאַציע, נאָר איר ווילט זי, די אַסימילאַציע, אין א הויכער אידעאישער פאָרם. איר זאָגט דאָך: „דעמאָלט וועלן מיר זיין אלע און אַלע וועלן זיין מיר".[5])

אונזער טראגעדיע איז אזוי גרויס, אז ס'איז פאַרשטענדלאך ווען מען גיט אַ שפּיי אין דער וועלט און מען זאָגט זיך פון איר אָפּ.[6]) נאָר פון א ריינעם, גוטן מענשן ווי איר זייט האָט געקענט אָנגעשריבן ווערן אַזאַ בראָשור וואָס איז א פּערל, יעדעס זייטל אָטעמט מיט אזוי פיל אידישער חכמה און ווייטאָג, אַז ס'איז שווער, זייער שווער זיך אַנטקעגנצושטעלן דער ניט לאָגישער לאָגיק, וואָס טראָגט זיך פון דאָרט.

אין חודש יאנואר וועל איך ניט זיין אין פּאריז. איך פאָר אין צוויי טעג ארום ארויס אויף א טורנעי מיט פאָרלעזונגען און מיינע ביכער פּארקויף אויף דער פראנצויזישער פּראָווינץ. אין די ערשטע טעג פון פעברואר וועל איך שוין זיין צוריק, כ'וועל דאן איינלאָדן א גרעסערן קרייז אינטעליגענטע מענשן, פאַרלייענען זיי די אָפּהאנדלונג און עפענען דערנאָך א דיסקוסיע, ריכטיגער א שמועס, א מיינונגס־

---

3) אידן גייען נאָך היינט אויך אויף קידוש השם.

4) אין 18טן יאָרהונדערט איז ערשט אויפגעשטאַנען דער חסידיזם; איז דאָס געווען א סימן פון שטרעבן צו אַסימילאַציע? און פון דעמאָלט אָן זיינען אויפגעבויט געוואָרן הונדערטער צענטערן פון תורה, סאיז געקומען דער ציוניזם א. א. וו. ווי קענט איר זאָגן אז „אידן" האָבן געוואָלט די אסימילאציע און נאָך „מיט'ן פולן האַרצן"?

5)איך וויל טאַקע אַסימילאַציע, נאָר אזוי ווי ר' תנחום. עס האָט געזאָגט קיסר צום תנא ר' תנחום: קומט לאָמיר ווערן איין פאָלק. האָט ר' תנחום זיך אָפּגערופן: כ'לעבן אַ גוטער געדאַנק. נאָר מיר זיינען גע'מלט, איר ניט. ביי אונז קען שוין ניט אָפּוואַקסן צוריק, אָבער איר זיך מל'ן קענט (סנהדרין ל"ט ע"א).

6) מיר ווילן זיך ניט אָפּזאָגן פון דער וועלט. פאַרקערט, מיר ווילן די גאַנצע וועלט, אז „ומלאה הארץ דעה את השם כמים לים מכסים". וואָס מיר ווילן זיך אָפּזאָגן איז פון די פאַלשע תורה'ס אירע און ניט פארבייטן די אמת'ע תורה אויף זיי.

אויסטויש צווישן דעם עולם. כ׳וועל זען ס׳זאָל באקומען וואָס מער רעזאָנאנס, אזעלכע ארבעטן ווי אייערע און ספּעציעל „אין טאָל פון טויט" וואָס איז געשריבן מיט בלוט, פאַרדינען אַזאַ באַציאונג. כ׳שלאָג מיך מיט דער דעה צו פּרואוון שרייבן וועגן דעם אן ארטיקל אין דער „פרייע ארבייטער שטימע", ס׳האַלט מיך אָפּ דאָס וואָס איך פיל ניט גענוג שטארק דערצו. כ׳וועל עס מסתמא די טעג באַשליסן, נאַטירלאַך אויב עמיץ אנדערש וועט מיר ניט פאַרלויפן דעם וועג.

צום שלוס האַרציגע גרוסן אייך, איך ווינש אייך הונדערט און צוואַנציג יאָר פּרוכטבאַרע טעטיקייט, געלויבט זאָל זיין יעדע מינוט ווען איר נעמט די פעדער אין האַנט אריין, צוליב אזעלכע מענשן ווי איר זייט, איז ווערט צו זיין א איד. דאָס באַוואוסטזיין, אז איך האָב אייך פאַר מיינעם א פריינט פרייט מיך ביז גאָר און איך וועל טאָן אלץ וואָס ס׳וועט נאָר נויטיג זיין אייער פריינטשאַפט ווערט צו זיין.

אייער איבערגעגעבענער,

**יחזקאל קאָרנהענדלער**

107

נויאָרק, דעם 30טן אָקטאָבער, 1939

טייערער חבר ליבערמאַן:

אַ דאַנק אייך פאַר׳ן ביכל „אין טאָל פון טויט".

דאָס איז א שרעקלאך ביכל; עס איז א סימפּטאָם פון אונזער שרעקלאכער צייט. אַזוי זיך מיאש צו זיין אין דעם אלמענשלאכן פּראָגרעס, קולטור, ציוויליזאציע און אלץ פאַר וועלכן מיר אידן האָבן אליין אזוי מיזאם געארבעט, געבויט, געקעמפט דורך די יאָרטויזנטער — אַזאַ נעגאַציע איז פאַר אונז אן ערגערע שטראָף ווי אַלע אנטי־סעמיטיזמען צוזאַמענגענומען. איז אייך, חבר ליבערמאַן, ניט קלאָר, אַז אויב די אייראָפּייאישע ציוויליזאציע איז באמת באַנקראָט, זיינען מיר אליין די גרעסטע באַנקראָטשיקעס? [1]

אויך וועט אונז ניט העלפן דער רוף „צוריק צו דער תורה". די תורה, דאָס הייסט, די טראַדיציאָנעלע אידישקייט, איז אַזאַ זאַך,

1) פאַרקערט, דער באַנקראָט פון דער אייראָפּייאישער ציוויליזאציע איז ערשט אַ באַווייז אויף אידישקייט. אידישקייט האָט שטענדיג געלערנט אַז אַזעלכע ציוויליזאציעס ווי די אייראָפּייאישע, געבויט אויף מלחמה, אונטערדריקונג און אומגלייכהייט, מוזן באַנקראָטירן.

וואָס אויב מען גייט איינמאָל אוועק פון איר קען מען זיך צו איר שוין מער ניט אומקערן.[2]) עס איז ניט קיין פּאַרטיי אָדער אָרגאַניזאַציע פון וועלכער מען קען לויט'ן חשק אוועקגיין און זיך צוריק אָנשליסן. נתן בירנבוים האָט דאָס פּרובירט, זאַנגוויל האָט בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה אויסגעדריקט ענלאכע שטימונגען צו אייערע (אין זיין בוך „דאָס נייע ירושלים") אָבער מער ווי שטימונגען זיינען דאָס ניט פאַרבליבן. און כאָטש בירנבוים האָט אויפריכטיג פּראַקטיצירט פרומע אידישקייט, האָט ער אָבער דערפאַר באַצאָלט מיט'ן שרעקלאכן פּרייז, וואָס זיין גרויסער טאַלאַנט איז אויסגעטריקנט געוואָרן. אנשטאָט אים פונסניי באפרוכפּערן (ווי ער האָט געהאָפּט) האָט אים די „תורה" אינגאַנצן גייסטיג סטעריליזירט.[3])

אזעלכע שטימונגען ווי אין אייער ביכל לעבן א סך פון אונז מאָמענטנווייז איבער. אָבער מער ניט, און ווייטער ניט. קיין וועג־ווייזער טאָר עס ניט ווערן.

זייט מוחל, אייער

**ר. קענדזשערסקי**

---

2) אויב מ'קען פון גלויבן אריבערגיין צו אפּיקורסות, פאַרוואָס קען ניט זיין פאַרקערט אויך? אָט דער דור וואָס האָט געזאָגט אז ער קען ניט גלויבן אין גאָט האָט פונדעסטוועגן געפונען פאַר מעגלאך צו גלויבן אין סטאַלינ'ען און היטלער'ן ווי אין געטער...

3) אויב אפילו מ'זאָל מסכים זיין אז בירנבוים'ס טאַלאַנט איז טאַקע סטערי־ליזירט געוואָרן, און אַז שולדיג געווען איז די אידישקייט, איז **אידישקייט** טייערער ווי טאַלאַנט. אידישקייט גופא איז דער פּראָדוקט פון העכסטן מענשלאכן טאַלאַנט, און לעבן אין האַרמאָניע מיט אידישקייט הייסט לעבן אין האַרמאָניע מיט'ן העכסטן מענשלאכן גייסט. דוקא ווען אידן זאָגן זיך אָפּ פון אידישקייט ווערן זיי סטעריל און שאַפן גאָרניט אָריגינעלס. דער גאַנצער ראַדיקאַליזם אויף דער אידישער גאַס האָט נאָר איבערגעקייט פון פרעמדע ביכלאך.

היינע האָט צוליב זיין טאַלאַנט זיך אָפּגעזאָגט פון אידישקייט, האָט ער א גאַנץ לעבן זיך אליין געשפּיגן אין פּנים אריין. די דייטשישע אידן האָבן פאַרוואָרפן זייער אידישקייט צוליב די רעכט פון זייער טאַלאַנט, זיינען זיי געבליבן אָן רעכט, אָן נוצן פאַר זייער טאַלאַנט און אָן אידישקייט.

און בכלל, וואָס איז עס טאַלאַנט פאַר אַזאַ געטשקע וואָס מ'דאַרף צו אים דינען „פּער סע"? עס ווענדט זיך וואָס איינער טוט מיט טאַלאַנט. פאַראַן א סך טאַלאַנטפולע אנטיסעמיטן און טאַלאַנטפולע באַנדיטן אויך. וואָס קומט ארויס פון דעם גאַנצן דייטשישן טאַלאַנט ווען ער ווערט פאַרווענדט פאַר די צוועקן פון א היטלער? ניט טאַלאַנט איז דער עיקר, אידייע איז דער עיקר. אידישקייט איז די סומע פון די העכסטע מענשלאכע אידייען און ס'איז דעריבער ניטאָ קיין בעסערע זאַך אין דער וועלט אויף וועלכער צו פאַרווענדן טאַלאַנט ווי אין דינסט פון אידישקייט.

נויאָרק, 8טן סעפּטעמבער, 1938

ליבער חשוב׳ער פריינט חיים ליבערמאַן:

איך האָב איבערגעלייענט אייער אַרטיקל „אין טאָל פון טויט" אין דעם „נויאָרקער וואָכנבלאַט", און דערלויבט מיר אויסצודריקן מיין מיינונג, בעסער—מיין איינדרוק.

איך האָב דעם אַרטיקל צוויי מאָל געלייענט. מאַנכע פּאַראַגראַפן דריי און פיר מאָל. און איך האָב לאַנג געטראַכט. געוואָלט געפינען א פאַרגלייך אין דער גאַנצער אידישער ליטעראַטור צו אייער אַרטיקל, און ניט געפונען. איך האָב ניט געקאָנט דערמאָנען זיך ווען און ווער ס׳האָט עפּעס ענלאכעס אָנגעשריבן. ביאַליק האָט אָנגעשריבן זיין „שחיטה שטאָט" איז עס געווען אַן אויסגעשריי פון איינעם וועל־כער קריגט פלוצלונג א שטאָך מיט אַ מעסער אין האַרצן; אייער געשריי איז פון איינעם וועמען מען רייסט די גלידער איינציגווייז. דערפאַר ווירקט עס שאַרפער, טיפער. ביאַליק׳ס „שחיטה שטאָט" האָט דערשראָקן מיט דעם מוראדיגן גרויל, אייער „אין טאָל פון טויט" ביילט צונויף די הענט אין ווייטיג און צינדט אָן דעם מח. וואָלט ביאַליק אָנגעשריבן „אין טאָל פון טויט" וואָלט דאָס אַן צווייפל זיין זיין שוואַנען ליד. איז באמת א שאַד וואָס „אין טאָל פון טויט" ווע׳ט בלייבן א סוד ביי די עטלאכע צענדליג ליטעראַרישע לייענער אויף אונזער גאַס. דאָס אַרטיקל האָבן געדאַרפט לייענען אַלע אידן, ניין — אַלע גוים פון דער גאַנצער וועלט.

איר האָט דאָרטן שטעלן, פּאַראַגראַפן, וועלכע זיינען מער ווי פּערל, ווייל צו דעם כישוף׳דיגן רייץ פון פּערל איז צוגעקומען די חכמה פון דענקער און דער טיפער ווייטאָג פון מענטש אין וועמען עס קאָכט אויף א ווולקאַן פון צאָרן אין אָנגעזיכט פון שווידערלאכע אומגערעכ־טיקייטן. אָט דער ווייטאָג און שאַרפזין שפיגלען זיך אין לייכטן דורך דער קלאָרקייט פון די פּערל. איר זאָגט: „אונטער טרערן ווערן אותיות גרעסער". לאָזט מיך צוגעבן: „אין ווייטאָג ווערן ווערטער פלאַמענדיגער, שענער" — מיין איינדרוק לייענענדיג „אין טאָל פון טויט".

איך ווייס און איר ווייסט, אז גאָר א סך מענטשן, ספּעציעל פון דעם אַלטן סאָציאַליסטיש־קאָסמאָפּאָליטישן חדר, וועלן היבש אויסזעצן געגן אייער טאָן, דער טענדענץ פון דעם אַרטיקל. איך אָבער אורטייל

ווי איך פאַרשטיי אייך אין דעם איצטיגן מאָמענט. איך לעב זיך אריין אין דער נשמה פון איינעם וואָס שרייבט אַזאַ ארטיקל און איך וויל זען ווי ער פילט ווען ער שרייבט עס, און איך פארשטיי: איר גלאַריפיצירט ניט „גאָט" אין דעם זין ווי מיין טאַטע האָט עס געטאָן,[1] נאָר איר באַנוצט דעם טערמין, דעם באַגריף, צו אילוסטרירן דאָס שענערע און מאָראַלישערע אין אונזער לעבן, דאָס ריין מענשלאכע. די תורה איז ביי אייך ניט די דאָגמע צוליב וועלכע מענשן האָבן זיך אויסגעקוילעט אין די מיליאָנען. ס'איז ניט דער עוואנגעליום צוליב וועלכן קריסטן האָבן זיך ממש געבאָדן אין דעם בלוט פון די אַנדערש גלויביגע; נאָר די תורה איז ביי אייך דער קאָדעקס אָן וועלכן דער מענש דאַרף זיך האַלטן, צו זיין ווערט דעם נאָמען מענש! וואָלט אונזער פאָלק ניט זיין אָט דער ווילד געיאָגטער, דער אכזריות'דיג געפייניגטער פון די אנדערע פעלקער, וואָלט איר געזען, און איך בין זיכער אז איר זעט, און איר וואָלט ניט פאַרשוויגן די חסרונות פון איד, פונקט ווי זיינע מעלות, די חסרונות וועלכע דער איד האָט, און איז באַרעכטיגט צו האָבן, ווי יעדער אנדער מענש אין דער וועלט. אָבער איצט, ווען דער גרעסטער חסרון ביים איד ווערט נול געגן זיינע ליידן און דערנידעריגונגען, איצט ווען דער ערגסטער איד קאָן קומען צו דער וועלט און פרעגן: פארוואָס? פארוועו? — דערפאר אייער אולטראַ־נאַציאָנאַליסטישער טאָן. האָב איך אייך ריכטיג פאַרשטאַנען?[2]

---

1) דוקא יע. קיין מאַטעריאַליסט בין איך קיינמאָל ניט געווען. איך האָב אלעמאָל געגלויבט אין א „פילאָזאָפישן" גאָט. ס'איז גרינגער צו באַווייזן אַז ס'איז דאָ א גאָט ווי אז ס'איז ניטאָ. נאָר אז איך בין קליגער געוואָרן האָב איך איינגעזען אז ניט נאָר איז דאָ א גאָט, נאָר אז ער איז אַ אידישער גאָט.

2) ניין, ניט אינגאנצן. איך בין ניט מסכים מיט אייער זאץ: „די חסרונות וועלכע דער איד האָט, און איז באַרעכטיגט צו האָבן, ווי יעדער אַנדער מענש אין דער וועלט." ניט יעדער אַנדער מענש און ניט דער איד זיינען באַרעכטיגט צו האָבן חסרונות. ווארום אויב דער מענש האָט אַ **רעכט** צו האָבן חסרונות, טאָ צו וואָס אַלע אונזערע אידעאַלן, געזעלשאפטלאכע פראָגראַמען? און וואו וועט איר אַוועקשטעלן די גרעניץ פאַר די באַרעכטיגטע חסרונות? עס קען קומען דער קאַפיטאַליסט און זאָגן: די קאַפיטאַליסטישע סיסטעם האָט טאַקע חסרונות, נאָר דאָס זיינען די חסרונות פון דער מענשלאכער נאַטור וואָס מ'קען ניט ענדערן. (און אזוי זאָגן זיי טאַקע) וואָס קענט איר דערויף ענטפערן?

ווייטער. אייער מאָנען חסרונות־רעכט פאר אידן גלייך מיט אנדערע מענשן איז נאָר אַ מאָדערנער נוסח פון דעם אַלטן „נהיה ככל הגוים", געגן וועלכן די תורה

איר האָט אין אייער ארטיקל אויסדרוקן, ווערטער, וועלכע האָבן מיך אביסל שאָקירט. ס'איז מיין שולד, ווייל איך בין פרעמד צו די ווערטער אפילו אין פריוואַטן שמועס, און זיי קלינגען מיר ווי א דיסאָנאנס. ווי, למשל, ביי מישא עלמאַן וואָלט פלוצלונג געפּלאַצט א סטרונע ווען ער שפּילט אויף זיין פידל; און דער בויגן וואָלט זיך פאַרטשעפּעט... איך שטעל מיר פאָר, אַז ווען אַ איד שטייט א געבוי־גענער איינגעוויקלט אין טלית און תפילין און וויינט פאַר גאָט, ווען ער באַנוצען בלויז יענע רייד וואָס מען מוז דערביי טראָגן א היטל. און ניט באַנוצן ווערטער וועלכע זיינען אים פרעמד אין לעבן און האַרמאָנירן ניט מיט דער נשמה. און קענענדיג אייך כאָטש דעם אימ־פּולסיוון, און שטארק באגייסטערטן, דאָך דעם איראָפּיאיִש זייער ראַ־פינירטן, האָבן מאַנכע אויסדרוקן דערפאר מיר געקלונגען פרעמד. ווייל אייער אין „טאָל פון טויט” איז דאָך א תפילה. נאָר אנשטאָט צו בעטן, קלאָגט איר אָן.[3]

איך וואָלט געוואָלט ציטירן יענע שטעלן וועלכע האָבן מיך באַ־גייסטערט, ניט נאָר מיט'ן אמת, נאָר אויך מיט דער שיינקייט פון סטיל און בליצנדיקייט פון געדאנק, מיט דעם פיינלאכן ברען פון א צעווייטיגט הארץ, אָבער דאַן וואָלט איך באַדאַרפט ציטירן כמעט דעם גאַנצן ארטיקל...

איך האָב אָט דאָס בריוול אָנגעהויבן שרייבן גלייך ווי איך האָב איבערגעלייענט אייער ארטיקל. נאָר איר ווייסט ווי איך לעב, און אין דער לאַגע שרייבט זיך ניט... טראַכט זיך ניט. אָבער איך מוז דאָס אייך צושיקן מיט מיין דאַנק פאר דער הנאה. איך האָב קיינמאָל

האָט געוואָרנט. אויב זיי ווילן זיך ניט אויסגלייכן מיט אונז אין גוטס זאָלן מיר זיך אויסגלייכן מיט זיי אין שלעכטס?

דער מענש האָט חסרונות, אָבער קיין רעכט אויף זיי האָט ער ניט. פאַר־קערט, ער האָט אַ פליכט זיך צו באַפרייען פון די חסרונות — ווייל ער איז א מענש. די תורה און די גאַנצע אידישקייט איז איין גרויסע מאָנונג פון דערדאָזיגער פליכט. דעריבער האָט אידישקייט אייביג געקעמפט געגן זינד און רשעות, אין דער ערשטער ריי — ביי אידן אליין. דערפאר זיינען מיר די ערשטע וואָס דאַרפן ניט האָבן קיין רעכט אויף חסרונות, ניט כדי יוצא צו זיין פאַר די אומות העולם, נאָר פאר גאָט, דעם מקור פון פאָלקאָמענקייט.

3) איך ווייס ניט וועלכע אויסדרוקן אין מיין ביכל האָבן אייך שאָקירט, אָבער אין יחזקאל (ד' י"ב) שטייט ווי גאָט האָט געזאָגט: ועגת שערים תאכלנה והיא בגללי צאת האדם תעגנה לעיניהם...

און ווי לאַנג נאָך וועט מעןריידן פון „איראָפּייאישער ראַפינירטקייט”? ווי ראַפינירט איז דאָס וואָס היטלער האָט געטאָן אין פוילן? וכו' וכו'?

פריער ניט געשריבן צו אַ שרייבער, כאָטש איך האָב אַ סך מאָל געוואָלט שרייבן צו אייך, צו יעקב גלאַטשטיין, און נאָך וועמען ווער ס'האָט מיך באַגייסטערט מיט אַן אמת'ן און קלוגן וואָרט. איך ווייס ס'איז אַן עולה פון מיר און טויזנטער אַנדערע וועלכע ווילן אָנשרייבן אַ דאַנק בריוול. פאַר'ן שרייבער איז דאָס דאָך דער בעסטער באַצאָלטס ווייסנדיג, אַז זיין וואָרט האָט ערגעץ אָפּגעקלונגען.

אָבער דער לייענער איז ווי אַ שוואָם. ער זאַפּט אַלץ אַריין, און מען מוז אים דריקן ער זאָל געבן עפּעס צוריק.

איך האָף איר וועט מיר פאַרגעבן פאַר מיין אָפּנהאַרציקייט. איך ווייס ווער איך בין, און דאָך דערלויב איך זיך צו זאָגן אייך מבינות. פאַרקוקט אָט דאָס, און גיט מיר די געלעגנהייט צו שרייבן צו אייך נאָכאַמאָל. מיט גרעסטן דרך ארץ,

ד. קריוויצקי

## 109

אין צייכן פון אנערקענונג און דאנק, דעם אויטאָר פון דער בראָשור „אין טאָל פון טויט“ די שורות גע־ווידמעט.[1])

אויסערלאך שיין געהילט, טריי געשניצט צום ציל פון ביכל. עפעקטפול און מיט געשמאַק ווערט דער אלטער איד געמאָלן. אָט דער אַלטער מאַרטירער, דער גרייז־גרויער אַפּאָסטאָל פון פרידן און קדושה. לויטערע קדושה געהילט אין מענשן־ליבע; דער לייט־מאָטיוו פון ביכל. דער גרויער איד, דער סימבאָל פון אָט דער אנשויאונג, קאָנסערוואַטיוו, טראַדיציע־טריי, מיט'ן זעלבן לבוש: די באָרד און פיאות. שאַרפע אויגן נביאיש ברענען, זאָגן פיל צו דער היינטיגער צייט און צו דעם שיקזאַל פון אידן אין איר; „אין טאָל פון טויט“ — אויסגעקריצט איז עס אויפ'ן שטערן, געפריידיגט נביאיש צו דער „עמק הבכא“ פון אונזער דור.

שטייט אָט דער אייביגער איד מיט שמערץ, יסורים,ליידן פון אַ וועלט און וויינט אויפ'ן גורל, זוכט, נישטערט דעם ברעג, די ענדע פון תהום פון טיפן, ברודיגן, פון דער נאַרישער בריאה און געפינט ניט, ניין — אוממעגלאך צו געפינען. וואָלט כאָטש די חכמה אויך קיין ברעג געהאַט! וואָלט דער געוויסן פון דער וועלט זיך פאַרמאָסטן

1) זע „ב. נ.“ צום בריוו פון משה בניאַש, זייט 60.

צום קאַמף מיט'ן שונא, די רשעה און אומוויסן, אפשר וואָלט א טרייסט מעגלאך געווען צו געפינען? אָבער די חכמה פארמעסט זיך ניט, דער געוויסן האָט זיין טאַרמאָז, אָפּגעבראָכן האָבן זיך די שטאַפּלען פון הימל לייטער, צושמאָלצן זיינען געוואָרן די פייערן פון אמת ביים פראָסט פון צביעות און שקר. קלאַפּט דער פּולס צו האַסטיג פּלאַצט די האָרץ, רייסט זיך ארויס א שדים־קרעכץ פון א געראנגל פון גוטס און שלעכטס, דערשרעקט זיך די וועלט און שטיל ווערט עס, א בית־הקברות שטילקייט, נאָר דער קלינגען פון קברן גלעקל הערט זיך. „ניט מיר אליין לעבן דעם האָזן־וועג, עס לעבן אזוי די צדקות און שלום. די צדקות קען ניט זיין אזוי חוצפה'דיג ווי די רשעות, דער פרידן ניט אזוי העז'דיג ווי דער קריג און דער גוטער געוויסן גייט שטיל בשעת דער בייזער פאָרט מיט גלעקער".

אפשר א סיסטעם אַזאַ „חכי מעט עד יעבור זעם", וואָרט־צו אַביסעלע, די רשעה וועט זיך אויפעסן, דער שקר וועט פּלאַצן, דער פראָסט וועט פאַלן, און זונען־שטראַלן וועלן אויפשטייגן, שטערן וועלן פון זייער באַהעלטעניש ארויס. ליכטיג וועט ווערן אויף גאָט'ס וועלט אן אייביגע ליכט, אַן אבסאָלוטע, אַ הימלישע, פון כסא הכבוד וועט עס ארויסשטראַלן, מיט ספּיר־פאַרבן וועט בלאַנקען, מיט זויבערער ווייסקייט ווי נביאים האָבן עס געזען... געווען צייטן מיר האָבן אויך אַ טעות געהאַט. מיר האָבן געמיינט דער פרימאָרגן שטערן האָט אויפגעשיינט דער עמוד השחר געווען, און מען האָט שוין דערוואַרט דעם נס, די זון אין איר גאַנצער פּראַכט. יאָ, פינסטער איז פריער געווען, א שטאַק פינסטערניש, מעגלאך שוין געווען צו דערוואַרטן דעם מאָרגן־שטערן, נאָר ניין! דאָך צו־פרי, אַ שפּליטער איז אראָפּגעפאַלן פון אָט דעם שטערן, א ברעקעלע זיך אָפּגעבראָכן, א שטויבעלע, און אביסל ליכטיג איז געוואָרן, אָבער ניט דאָס איז די אידעאַלע אמת'ע ליכט. „הומאַניזם איז א פּסוק אין דער תורה", דאָס א פּרשה און יענעס א פּירוש, אָבער ניט די געטלאַכע תורה פון סיני געגעבן.

לײדער פאַטאַל האָט זיך אָפּגערופן דער טעות, גרויס שאָדן געמאַכט, פאַרבלענדט שוואַכע, פאַרטושט לייכט־גלויביגע, שווער געווען צוריק ביי דאָס אלטע בלייבן, ארויס און דעם וועג צוריק ניט געפונען. געבלאָנדזשעט ווי דער שפּליטער פון שטערן, געיאָגט נאָך אים, אָבער מיט א פּלאַנעטן געשווינטקייט איז ער פאַרביי און געלאָזן זיינע נאָכלויפער אין ברענענדן מדבר אָן שוץ און מוט, אַרום אַ געברומערײ פון חיות, א רויש פון צפון־ווינטן און אַ היץ פון אַ גיהנום, אָן אָטעם.

אַן לפּט, און אַן שפּיז, פֿאַרלאָזן אַנו איינזאַם. דער געוויסן באַהאַלט זיך, דער האַז דערשרעקט זיך, ווען דער תּליון גייט. אפשר אויך אַ סיסטעם, אַ שיטה אַזאַ...

אָבער אין די אייגענע ד׳ אמות ציכטיג מוז זיין. אין ספּערע פֿון געוויסן ליכטיג מוז ווערן. אין די צימערן פֿון פֿאַרשטאָפּטן באַהאַל־טענעם אמת מוז וואַרהייט הערשן, ריינע וואַרהייט. אַרומפּאַנצערן צוריק דעם געטאָ מיט איידל־שטיינער, פֿאַרזייען די שמאָלע שטעגלאַך מיט הומאַניזם־בוימלאַך, באַלייכטן די פֿינסטערע געסלאַך מיט תּורה ליכטלאַך, דאַן באַרעכטיגט איז דער האָזן־שרעק, דאַן מיט רעכט דאָס וואַרטן...

אַ טעות געהאַט, לערנען וואָס דערפֿון, אַ פֿעלער באַגאַנגען, דער מוסר השכל: ניט די ווענט פֿון געטאָ וועלן פֿאַלן, ניט די שטערנדלאַך פֿון קאַרצער וועלן אויסגיין, ניט די בלימעלאַך פֿון הויז־גערטלאַך וועלן וועלקן. נאָר ברייטער וועלן ווערן די געטאָ ווענט, אויסשפּרייטן זיך ביז אַ ברעג: די וועלט אַרומקלאַמערן, דעם אוניווערז באַשיצן, אַלעמען אונטער די שוץ פֿליגלען אַרונטערנעמען. דער אַלטער ייִד מיט׳ן גרויען באָרד וועט ביים טויער די וואַך האַלטן, דער סימבאָל פֿון דער דערוואַכטער וועלט.

**אליעזר קטין,**

טעלז, ליטע

110

June 27, 1939.

Dear Mr. Lieberman:

It was good to receive personal regards as well as copies of your pamphlets through Mr. Pickar. I happened to read the material of the larger booklet in the Argentine Shpigl, and decided then that it was a model essay written in a trenchant and prophetic style. Rarely does a Germanism occur to jar on my sensitive Yiddish ears; e. g., on page 18 „פּירכטערליכע" might well be written „מאוים׳דיגע".

Sincerely,

**A. A. Roback.**

111

נויאָרק, דעם 11טן סעפּטעמבער, 1938

חשוב׳ער חיים ליבערמאַן!

אייער וואונדערבאַרע עסיי „אין טאָל פון טויט" מוז ווערן דער רוף פאַר אונזער צווייטער, צופּייניגטער אומה, אויפבויען איר גייסטיגן קעניגרייך וואָס זאָל ווערן אומבאַזיגבאַר. דער גאַנצער טאָן איז פון א יחזקאל, נאָר דער רוף און דאָס בילד געמאָלן אויף א נייעם אופן.

איר פאַרדינט זיכער די גרעסטע לויב, אָבער איר אליין, טייערער חבר, האָט שוין דאָרט אַלע ווערטער, פלאַמיגע און האַרציגע, וואָס קומען, ווי איר זאָגט פון בלוט. נו איז וואו קען איך נעמען לויב־ווערטער? דורך אייך רעדט אונזער אלעמענס הארץ און איר מאָנט יושר אפילו פאַר אונזערע פייניגער...

אָבער איך האָב מיט דער גרויסער לויב פאַר אייך, אויך א געדעכטע טענה: ווארום לאָזט איר אייער גאָלדענע פען ראָסטען, אייער מעכטיגע, הערלאָכע שטים שווייגן?

זייט געגריסט און געשטאַרקט.

מיט אכטונג, אייער

ל. ראָזאָף

112

נויאָרק, אָקטאָבער דעם 28, 1938

זייער געערטער און ליבער פריינט ר׳ חיים ליבערמאַן!

איך האָב דורכגעלייענט אייער „עמק המות". עס איז נביאיש! עס איז א „מגילת ווין", נייז, שטארקער, עס איז א „מגילת עולם" מיט שטיקער ישעיה, ירמיה!

ווען מען זאָל אין אונזער צייט קאַנאָניזירן א ביבל וואָלט עס בלי ספק אריין!

געבענשט דאָס הארץ וואָס קען אזוי מעכטיג פילן! געבענשט דער מוח וואָס קען דאָס אזוי קלאָר, אזוי אמת׳דיג ארויסברענגען.

מיט הארציגן גרוס,

ובכבוד גמור,

אהרן ראָזמאַרין

מיין ליבער ליבערמאַן!

איך האָב שטענדיג ליב געהאַט דאָס וואָרט: דאָס ערנסטע און דאָס קאָמישע, דאָס מיט'ן זילבער גלעקעלע, דאָס גלעטנדיגע, טרייסטנ־דיגע און דאָס האַרטלאכע, דאָס שטראָפנדיגע. אָבער ערשט לעצטנס בין איך געוואָר געוואָרן, וואָס אונזערע חכמים האָבן געקלערט וועגן דעם וואָרט. און איך האָב זיך דערפרייט, ווי מיט א גרויס געפינס.

דער זוהר זאָגט:

„האָט רבי שמעון אָנגעהויבן און געזאָגט: ווי וואויל דאַרף א מענש זיך מיען אין דער תורה בייטאָג און ביינאַכט. וואָרם קב"ה האָרכט זיך איין אין דער שטימע פון די, וואָס מיען זיך אין דער תורה. און יעדע זאַך וואָס ווערט באַנייט דורך די וואָס מיען זיך אין דער תורה, שאפט א הימל. מיר האָבן געלערנט: אין דער שעה, וואָס אַ זאַך ווערט באַנייט אין דער תורה דורך א מענשנס מויל גייט די זאַך ארויף און שטעלט זיך פאַר קב"ה און קב"ה נעמט די זאַך און קושט זי און באַקרוינט זי מיט זיבעציג קרוינען, באַמאָלטע און גע־שניצטע"...

און ווייטער זאָגט דער זוהר:

„אין יענער שעה דערשפירט דער „עתיק יומין" דעם גערוך פון יענער זאַך און קוויקט זיך מיט איר מער ווי מיט אלע. און ער נעמט די זאַך און באַקרוינט זי מיט דריי הונדערט און זיבעציג טויזנט קרוינען. און אָט די זאַך שוועבט ארום, גייט אויף און נידערט אַראָפּ און ווערט א הימל... און אזוי איז מיט יעדער דבר חכמה. און אָט די הימלען בלייבן אין פולער גאַנצקייט פארן „עתיק יומין".

אנטקעגן וואָס זאָג איך דאָס? אנטקעגן אייער „טאָל פון טויט". גאָט האָט אייך געבענשט. ער האָט געפירט מיט אייער האַנט. איר האָט מחדש געווען א דבר חכמה. איצט שטייט שוין די באַנייטע זאַך פארן „עתיק יומין" באקרוינט מיט אזוי פיל קרוינען. און די זאַך דינט זיך אויס אין א העל־בלויען הימל, איבער א נייער לעבנס־ערד.

מיר האָבן געזיגט, טייערער ליבערמאַן! מיר האָבן איצט א פרישן ריינעם הימל און א באַנייטע ערד! ניט היטלער און ניט קיינער קאָן אונז דאָרט דערגרייכן! דאָס איז אונזער אייגענער הימל, אונזער ערד! מיר וועלן זיך נאָך פרייען!

זייט מיר געזונט און שטארק,

אייער, הערש ראָזענפעלד

114

נויאָרק, 2טן יוני, 1939

ליבער פריינט און חבר חיים ליבערמאַן:

אַ האַרציגן דאַנק איך פאַר אייער גאָלדענער בראָשורע „אויב איך וועל עס דיר פארגעסן, ענגלאנד!".

אייערע עסייען פון דעם מין, פריער „אין טאָל פון טויט" און איצט וועגן דעם „ווייסן פאַפּיר", זיינען מאָנומענטאַל, און איך ווינש מיט'ן גאַנצן האַרצן, אז ארויסגייענדיג פון א שיינער און טיף־פילנדער אידישער נשמה, זאָלן זיי אָנצינדן א הייליגן חלוצים־פייער, א לייכ־טענדן און באַלייכטענדן נר־תמיד אין א סך יונגע אידישע הערצער.

דאָס וועט, אגב, מסתמא אויך זיין אייער איינציגע באַלוינונג.

אייער אמת'ער פריינט,

**פּ. מ. ראַסקין**

115

נויאָרק, ערב ראש השנה תרצ"ט

מיין ליבער ליבערמאַן:

איך האָב נאָרוואָס איבערגעלייענט אייער „אין טאָל פון טויט", און איך בין באַגייסטערט.

אין די לעצטע צען יאָר האָב איך ניט געלייענט קיין בעסער ווערק אויף אידיש. איך האַלט, אז איר זיינט איינער פון די שענסטע גייסטער אין דער אידישער ליטעראַטור.

אויפריכטיג אייערער,

**צ. ה. רובינשטיין**

116

לאָס אנדזשעלעס, פעברואר דעם 6טן, 1940

מיין ליבער חיים ליבערמאן:

א שיינעם דאַנק איך פאר אייערע פּרעכטיגע 36 בלעטלאך פון „אין טאָל פון טויט". איך האָב דאָס בוך (האָב פיינט דאָס לאסקאטלנע ווערטל „ביכל") ממש איינגעשלונגען. שטעלן פון בוך האָב איך באַלד איבערגעגעבן מיין ווייב און טאָכטער. געזוכט זיך טיילן מיט אייער געמיט. יאָ, מיין ליבער ליבערמאן: „אונטער טרערן ווערן אותיות

גרעסער״. און דאָס איז „דער סוד פון אונזער פאָלק״. אַ שאָד וואָס איר האָט אייער אינהאלט געגעבן אזא בוך־פאָרמאַט. געווען באַדאַרפט אייערע ווערטער איינשליסן אין אַ מין תהלים׳ל פאָרמאַט, אַזוי אז איינער זאָל דאָס קענען ארומטראָגן ביי זיך אין בוזים־קעשענע און פון צייט צו צייט כאַפּן אַ קוק אין דעם. מיר נויטיגן זיך איצט אין וואָרט פון טרייסט, קרעפטיגונג, דערמוטיגונג. אמת זיינען אייערע ווערטער, וואָס גיבן דעם גאנצן יסוד פון אונזער זיין אויף דער וועלט: דער העלענער האָט געזאָגט: „וואָס שיין איז גוט, דער איד האָט געזאָגט: וואָס גוט איז שיין״. אָט די ווערטער אייערע דארפן ניט קיין בעסערן אויסטייטש. און מיר טוט שטארק הנאה, וואָס איך הער זיי פון אייך... ווען אפילו אייערע ווערטער זיינען ביטערלאך אָדער בעסער געזאָגט — טערפּקע, קוועלן זיי אָבער ארויס פון אַ קוואַל, וואָס שלאָגט מיט ווילן צו גוטסקייט.

אין איינינגע וואָכן שפּעטער וועל איך אייך קענען אָפּשיקן אַ מתנה (איך וויל האָפן, אַז איר וועט עס קענען באַטראַכטן ווי אַ מתנה), אַ בוך לידער. אַ בוך פאר און וועגן קינדער. דאָס בוך ווערט פאַרטיג אינ׳ם פארלאג „צענטראל שולן פון נאַציאָנאלן ארבעטער פאַרבאַנד״. דאָס דאָזיגע בוך איז מיט צייכנונגען פון ש. ראַסקין. אזוי איז דאָס: מיר שיקן זיך איינס דאָס אנדערע שלח־מנות. איר מיר אַ בוך, איך אייך אַ בוך. און אזוי ווי ביי אונז קען יעדער אינטעליגענט און האלב אינטעליגענט זיך נעמען פאַר דער פעדער... קענען מיר האָפן אז גאָר אין גיכן וועלן מיר האָבן די מעגלאכקייט צו פאַרשפּרייטן אַ בוך אין די טויזנטער עקזעקמפּלארן. נו, דארפן מיר זיך זאָרגן וועגן אַ לייען־קרייז?

שרייבט איר וועגן ליטעראַטור? צי איר באַשטייט טאַקע אויף אייער נדר, וואָס איר האָט אויף זיך גענומען מיט עטלאכע יאָר צוריק?[1] האָט איר בדעה קירצלאך אָפּצודרוקן אַ בוך?

האָפנדיג, אז מיין בריוו וועט אייך טרעפן אין אַ גרינגערן געמיט, געזונט און שטארק. פאַרבלייב איך,

אייער,

**ה. רויזענבלאַט**

---

1) אַ נדר צו גאָט קען נאָר גאָט מוחל זיין, און אַ נדר צו מענשן דאַרפן מענשן מתיר זיין, און איך האָב מורא אז מיין נדר ניט צו שרייבן קיין קריטיק וועלן שרייבער מיר ניט וועלן מתיר מאַכן...

117

נויארק, ט׳ כסלו, צ״ט

זייער חשוב׳ער קאָלעגע חיים ליבערמאַן:

נעכטן דערהאַלטן אייער „אין טאָל פון טויט״, אָבער געלייענט האָב איך דאָס נאָך איידער איר האָט דאָס מיר צוגעשיקט. ניט נאָר אליין געלייענט, נאָר אויך געמאַכט לייענען אנדערע אין מיין קרייז — א סימן אויף דעם רושם וואָס דאָס האָט געמאַכט אויף מיר.

איבערהויפּט קען איך ניט פאַרגעסן די שטעלן וואו איר רעדט וועגן „קדוש האדם״, ווי די אידן האָבן געמאַכט פון שאַנד — כבוד און אומווירדיקייט — קדושה.

אַ וואָרט אין צייט, אַ מוטיג וואָרט וואָס איר זאָגט כלפּי פּנים אנטקעגן די וואָס האָבן אויסגעביטן אונזער תורה אויף פרעמדע תורות...

מיר לעבן אין אַ צייט, וואָס מיר מוזן שטאַרקן און טרייסטן אונזער פאָלק, אונטערהאַלטן די „ברכיים כושלות״ און איך דענק, אַז אייער בראָשורע וואָלט געווען כדאי, אז מען זאָל איבערזעצן אויף ענגליש פאר די גוים און פאַר׳גוי׳שע אידן צוגלייך.

**יצחק ריווקינד**

118

זבאנשין, דעם 15 פעברואר, 1939

זייער חשוב׳ער הער ליבערמאַן:

אין אונזער טרויעריג לעבן דאָ אין זבאנשין האָט איר זיך, מר. ליבערמאַן, אלס אונזער מלאך הגואל באַוויזן. איך גלויב אז ס׳איז איבעריג נאָכאַמאָל אונזערע גרויסע ליידן צו שילדערן, דען אייער ביכעלע זאָגט עדות, אַז אונזערע ליידן זיינען אויך אייערע ליידן.

איך וועל אייך אין קורצן שילדערן ווי אזוי דער עולם פאַר־שטייט אייער ביכעלע: א איד, א פשוטער איד וועלכער האָט ביז היינט אחוץ דעם „געפּעכט״ פון די בית שמאי מיט די בית הלל עפּעס אנדערש ניט געלערנט, אָט דער איד זאָגט צו מיר; „צו זענט איר כאָטש א מבין אויפ׳ן טייערן ביכעלע? דאָס ביכעלע רעדט דאָך איינעם צום האַרצן״... און דער זעלבער איד זאָגט צו מיר: „אז איך לייען דאָס ביכעלע „אין טאָל פון טויט״ דאכט זיך מיר: אז כביכול אליין רעדט דאָס צו אונז דורך די ווערטער. צו אונז רעדט ער מיט רחמים

און בעט זיך אַז מיר זאָלן אים מוחל זיין פאַר דער גרויסער עולה און געמיינהייטן וואָס מען טוט געגן אונז, און צו זיי שטעהט ער מיט'ן מידת הדין און רעכנט זיי אויס זייערע נידערטרעכטיגע מעשים.״

און א צווייטער איד שרייט: „צו זענט איר כאָטש מבינים אויף דעם גרויסן מייסטער פון דעם דאָזיגן ביכעלע? איך בעט אייך, בעט זיך דער איד ביי מיר: „שרייבט אונזער טייערן ר׳ חיים ליבערמאַן, אַז מיר האָבן זיין ביכעלע פאַרשטאַנען.״ אלזא טו איך דעם אידן צוליב און דריק אויס אין נאָמען פון הונדערטער לעזער אַ האַרציגן דאַנק.

חשוב'ער הער ליבערמאַן, פון אייער שרייבן זעט מען, ווי זייער איר אינטערעסירט זיך מיט אונזער גורל בכלל, און די לעזעהאַלע בפרט. מען האָט דאָ איינגעריכטעט א לעזעהאַלע, וועלכע ווערט באַזוכט פון קרוב טויזנט מענשן. מען שטייט שעה'ן לאַנג ביז מען האָט די זכיה עפּעס לעזן צו קאָנען, און דער עולם איז פשוט גליקלאַך. מיר קריגן יעדן טאָג מערערע נומערן „נייע פאָלקס־צייטונג״, „מאָמענט״ און „היינט״. ס'איז אויך דאָ א 1000 ביכער, און דער עולם וואָלט אייך זייער דאַנקבאַר געווען, ווען איר שיקט אַהער דעם „פאָרווערטס״. איך האָב אייך נאָך געוואָלט שילדערן דאָס לעבן פון די אומגליקלאכע פּליטים, נאָר איך מוז ליידער אונטערברעכן, דען מיר האָבן גראַדע זייער שלעכטע נאָכריכט פון בערלין; די אומגליקלאכע פרויען און קינדער זיינען אויסגעוויזן. די פּאָליציי פאָדערט זיי אויף, אז זיי זאָלן זאָפאָרט בערלין פאַרלאָזן, און אזוי ווי דער קאָנסולאַט וויל זיי קיין שטעמפּל ניט געבן, קאָנען זיי דאָך קיין זבאנשין (זבאנשין וואָלט שוין פאַר די אומגליקלאכע א גן־עדן געווען) ניט קומען. אלזאָ איז זייער וועג אין קאָנצענטראַציאָנס לאַגער אריין.

איך צייכן זיך מיט דרך ארץ,

**מאיר רינדע,**
זבאָנשינער לאַגער

119

נויאָרק, 30טן אָקטאָבער, 1939

מיין חשוב'ער און טייערער חיים ליבערמאַן:

מיינע ווערטער זיינען צו אָרים אויסצודריקן דאָס פאַרגעניגן וואָס אייערע ביכער האָבן מיר פאַרשאַפט.

מיט אייער בוך „אין טאָל פון טויט״ איז צוגעקומען א מאָנומענט פון אונזער צייט. איר האָט צוגעגעבן צו אונזער לאַנגער געשיכטע

גול מיט ליידן אַ מוטיגן פּראָטעסט, וואָס אונזער צייט דאַרף אויס־דריקן. אומשטערבלאך איז אייער בוך ווי דער אמת.

זאָלן אייערע הענט געשטארקט ווערן צו דער ליטעראַרישער ארבעט. און אויב אויפריכטיגע אמת׳ע ווערטער קענען אייך דער־מוטיגן און שטארקן אין אייער ארבעט, טאָ וויל איך האָפן, אז אויך מיינע ווערטער וועלן אייך צוגעבן כח און מוט.

געליינט און איבערגעליינט און וועל אויסלערנען אויסצוגן פון דעם קורצן און אזוי איינדרוקספולן בוך. איך מוז אייך זאָגן, אז איך בין גליקלאך, וואָס איר זייט געווען מיין לערער און איך קען אייך פאַרשטיין.

מיט גרויס דרך ארץ,

**חנה רעכטשאפּער**

120

ריאָ דע זשאנערא, בראַזיל, 38־11־26

חשוב׳ער פריינט חיים ליבערמאַן,

דערלויבט מיר אַן אומבאַקאַנטער לעזערין אייך אויסצודריקן א פּאָר ווערטער פון באגייסטערונג צו אייער פּרעכטיגן דאָקומענט פון אונזער היינטיג בלוטיג לעבן, אייער „אין טאָל פון טויט״.

אין אייער גייסטרייך ספר׳ל גליט א נר־תמיד פון פלאַמיגע ווער־טער. ס׳איז ווי א סימבאָלישער מאָנומענט פון אונזערע שווערסטע ליידן. ניט לעזן — נאָר לערנען, איינ׳חזר׳ן מיט אונזערע קינדער ביים אויפשטיין און פאר׳ן שלאָפן גיין, דאַרף מען אייערע נביא׳שע ווערטער, וועלכע זיינען די שפּראַך פון הארץ צו הארץ.

באַזונדערס דאָס קאַפּיטל י״א (יוד אלף),—ווי אַ הייליג ספר איז אן אומ׳כבוד, בעת א הפסקה, צו לאָזן אָפן דאָס ווערק סתם, וועלכעס ביים לעזן ווילט זיך אָפּט גלעטן די בלעטער, וואָס טראָגן זייער גוטן קוואַליטעט וואָלטן געדאַרפט זיין פון פּאַרמעט.

אייער ספר׳ל „אין טאָל פון טויט״ איז דער פאַקל פאר אונזער צוקונפטיגן דור, דאָס סידור׳ל צום דאַוונען, דער שפּיגל פון אונזער חורבן, דאָס בלוט און געוויין פונ׳ם היינטיגן איד, הינטער דער שטאָלץ געביילטער פויסט. ס׳איז דער טרערן־אינזל פון אונזער דאָ־זיין, וועלכער נאָר מיט טרערן האָט געמוזט באַשאַפן ווערן, ווייל מיט טרערן ווערן ניט איינמאָל אונזערע אויגן פול בעת׳ן לעזן דאָס ווערק.

און לסוף, ניט סתם אוועקלייגן, נאָר ווי אונזערע עלטערן האָבן אונז געלערנט אומגיין מיט הייליגע ספרים: א קוש טאָן דאַרף מען אייער אומשטערבלאך ווערק.

נעמט צו, חשוב׳ער פריינט, דעם הייסעסטן אויסדרוק פון דאַנק און פאַרערונג פון א פשוט׳ער לעזערין.

אייער

**ראָזא שאפראַן,**

**ריאָ דע זשאַנעראָ**

121

פיטסבורג, פא.

ב״ה יום א׳ לסדר וביום פקד ופקדתי עליהם חטאתם,
ט׳ אדר א׳ התכרי״ע.

זייער חשוב׳ער חיים ליבערמאן:—

נעמט אָן מיין טיפסטן דאַנק פאַר אייער זעלטענער מתנה „אין טאָל פון טויט״, וואָס איר האָט מיר צוגעשיקט. איך וויס ווירקלאך ניט פאַרוואָס איך האָב דאָס פאַרדינט. עס קומט מיר ניט קיין דאַנק פאַר זיין א הייסער איד, ווייל יעדער אָטעם פון מיין קערפער און גייסט איז פול מיט ליבע פאר מיין פאָלק און זיין תורה, פונקט ווי איך בין איבערצייגט פון אייער שרייבן, אז איר זייט דאָס אויך.

איך לייען אַלץ וואָס קומט מיר אונטערן האַנט אין אידיש, העברע־איש און ענגליש און איך פאַרזיכער איך, אז קיין זאַך וואָס איך האָב געלייענט האָט ניט איבערגעלאָזן אַזאַ טיפן איינדרוק אויף מיר ווי אייער בראָשורע. דאָס נעמט ארום אונזער גאַנצע פאַרגאַנגענהייט און אונזער צוקונפט. אָבער זיך פאַרטיפענדיג אין אייער שריפט פרעג איך זיך אליין: וואָס פאַר אַ נוצן קען דאָס ברענגען אונזער אומגליק־ליכען פאָלק? אייער בראָשורע האָט געדאַרפט איבערזעצט ווערן אויף ענגליש און פאַרשפרייט ווערן אין הונדערטער טויזנטער עקזעמפּלאַרן צווישן קריסטן, זאָלן דאָס קריסטן לייענען. מיר האָבן זיך מיט דעם ניט צו שעמען, ווי איר אליין זאָגט, די שאַנדע איז זייערע, זאָלן זיי זיך אליין זען אין א שפּיגל, זאָלן זיי זען ווער זייערע טאַטעלאך, די קאַגלינס און די פעליס און נאָך אזעלכע פאַרפירער זיינען. אפשר וועלן זיי זיך פאַרשעמען.

נאָר ווי די זאַך איז, איז דאָס א טרייסט אין אונזער פאַרצווייפלונג וואָס מיר באַזיצן ניט נאָר די פאַרעטער, וועלכע זוכן פאַר אונז עצות

מיר זאָלן זיך אביסעלע אונטער׳שמד׳ן און וועלכע שפּרינגען אליין קדוש פאר אותו האיש, אָדער ווי דער פאַרעטער זשיטלאָווסקי, נאָר מענשן ווי איר און אייער גלייכן. איר מעגט זיין זיכער, אז דאָס פאָלק זעט און אורטיילט, און איר און אייער גלייכן ווערן אריינגענומען אין דעם אידישן פאָלקס־הארצן מיט ליבע און אכטונג, בשעת אונזערע פאַרעטער קריגן פאַרכאַטונג ביי זייער לעבן און קבורת המור נאָכ׳ן טויט.

נאָכאַמאָל איך דאנקענדיג, פארבלייב איך

מיט גרויס אכטונג,

**יהושע זלמן שוואַרץ**

122

נויאָרק, 23 אָקטאָבער, 1938

ליבער פריינט ליבערמאַן:

כ׳האָב געלייענט אייער ביכל מיט גרויס אינטערעס און אָפּט געשפּירט, אז איר זיינט צווישן די געציילטע וואָס האָבן געפונען דעם ריכטיגן טאָן אויסצושרייען דעם אידישן ווייטאָג פון אונזער צייט, פון דעם טאָג־טעגלאכן איכה־קלאָג, וואָס צולייגט זיך אין אלע צייטונגען.

אייערע רייד וועגן דעם חורבן פון די אידן אין דייטשלאַנד און באַזונדער אין וויען האָבן מיך טיף גערירט. איך פיל אויך ציימנוויז, אַז כדי איבערצוגעבן דעם בראָך מוז מען אראָפּוואַרפן אַלע פליטערלאך פון מאָדערנעם סטיל, פון צייטונג שפּראַך און ליטעראַטור, און מען מוז גיין צוריק צו דער אלטער מגילה, צו דער קינה און בכלל צו די פאַרצייטיגע מקוננים, וועלכע האָבן געוואוסט דעם סוד ווי צו דער־גיין דירעקט צום האַרצן, ניט פארלירנדיג קיין סך צייט אויף די זייטיגע וועגעלאך.

איר זייט ניט געגאַנגען צוריק — נאָר גענומען דעם טאָן פון דער איצטיגער לופט אין וועלכער ס׳האָבן זיך דערטראָגן די אָפּקלאַנגען פון יענער צייט.

איר האָט געפונען דעם טאָן, ווי איך האָב געזאָגט, פאַר אונזער בראָך.

איך גיי זיך אָבער מיט אייך שטאַרק פאַנאַנדער אין די געדאנק־לאכע שלוסן וואָס איר ציט און דאָס וויל איך אייך דאָ ארויסזאָגן

אויך אזוי קלאָר ווי מעגלאך. אָט דערפאר טאַקע האָב איך אייך אזוי „דראַסטיש" אָפּגעשטעלט און א פרייטאָג צונאַכטס אויף 14טער סטריט. דער ענין באַאומרואיגט מיך.

ווען איר וואָלט זיך באנוגנט מיט דעם אויסגעשריי און מיט דער שילדערונג און מיט דעם טיפן ווײ — גלויב איך אז ס'איז ניטאָ קיין אויפריכטיגער מענש וואָס זאָל צו אייך ניט זאָגן: ליבערמאַן, איר האָט אונז מוציא געווען.

ווען אָבער איר לאָזט זיך אוועק אין די דרכים פון תשובה און איר שטעלט אוועק „אונז" אנטקעגן „זיי" — ווערט מיר דער ענין קשה.

איך וועל עס מאכן קורץ:

לויט מיין מיינונג איז דאָס גרעסטע פּראָבלעם פון אונזער צייט, און אפשר פון אלע צייטן, ניט וואָס אזוינס איז גוט, נאָר ווי אַזוי פירט מען דורך דאָס וואָס איז גוט. די עטיק איז ביי אלעמען געווען די־זעלביגע. פון קאָנפוציוס'ן ביז'ן סאַמע לעצטן שטעטל־פריידיגער, האָבן אלע גערעדט, אין גרונט גענומען, איין עטיק. די פראַגע איז: ווי מאַכט מען פון איר א סאָציאַלע פּראָגראַם וואָס מ'זאָל קענען פאַרווירקלאַכן.

ס'איז ניט גענוג צו זאָגן ווי דער אלטער תנא „מה דעלך סני — לחברך לא תעביד ואידך זיל גמור", ווייל די פראַגע איז ניט גמור נאָר „עשה", ווי טוט מען? אַלע ווייסן פון די עשרת הדברות שוין אַ שיינע פאָר טויזנט יאָר, נאָר ביי אלעמען זיינען זיי געבליבן לוחות — אויך ביי אידן.[1]

און אַז אונזער תורה איז שענער — איז וואָס? ס'האַנדלט זיך דען וועגן שענערע תורות צי וועגן א שענערער וועלט? אַ מיליאָן תורות האָבן ניט אָפּגעהאַלטן דאָס וואָס קומט איצט פאָר.

---

1) ניט אמת. אין די אידישע שטעט און שטעטלאך איז די תורה ארומגעגאנגען א לעבעדיגע אין די גאַסן. דאָס גאנצע לעבן איז געווען כשר. און קיין מלחמות האָבן מיר ניט געפירט, קיין גזילה ניט פּראַקטיצירט. און זאָגט ניט: מיר האָבן ניט געקענט פירן קיין מלחמות. אמת, קיין מיליטער האָבן מיר ניט געקענט זיין, אָבער גזלנים האָבן מיר דאָך געקענט זיין גלייך מיט אלעמען? מעסערס אין די קעשענעס און קינזשאלן אין די כאַליעוועס האָבן מיר דאָך געקענט האָבן גראדע ווי אונזערע שכנים?! מיר האָבן באַוויזן מיט אונזער געשיכטע, באַוויזן פּראַקטיש, אַז אַ פאָלק קען בלייבן אַ פאָלק אָן ארמייען, אָן וואפן, אָן מלחמות איבער גרעניצן, נאָר מיט'ן בלויזן כח פון גייסט. ווייסט איר פון אַ בעסערער „סאָציאַלער פּראָגראַם"? און מיר האָבן זי פארווירקליכט.

**דאָס איז איינס אוועק.**

**צווייטנס, ווי נאָר איר זאָגט „אין כתורתנו" מוז איך אייך פרעגן: רופט איר צוריק אין שול אריין? [2]) אויב יאָ ליגט אויף אייך א חוב דאָס קלאָר צו מאַכן, ווייל דאָס מיינט גאָר נייע התחייבות'ן. אויב איר מיינט דאָס — פאַרלירן מיר זיך גאָר, ווייל איר ווייסט, אז אפילו ווען אַלע אידן זאָלן זיך אוועקשטעלן דאַווענען, וועט אויך קיין בעסערע וועלט ניט ווערן, בפרט אַז עס דאַווענט זיך ניט. [3])**

---

2) וואָס שרעקט איר זיך אזוי פאַר דער שול? איר האָט בעסערע פּלעצער וואוהין צו גיין? מיינט איר טאַקע באמת אז גיין אין טעאַטער און אין די מואוויס איז א בעסערער תכלית? **דאָרט** ליגט די ישועה? אָדער אין די „אויפקלערערישע" מיטינגען און לעקציעס? זיי האָבן בעסערע תורות אויפצוקלערן ווי די שול?

אז מ'דאַרף ווערט טעאַטער און קינאָ די שטיצע פון דיקטאַטור און רשעות; די שול איז עס קיינמאָל ניט געוואָרן.. איך האָב געזען מיטינגען און לעקציעס וואו מ'האָט „אויפגעקלערט" און באַגריסט די מאָסקווער משפּטים, דעם סטאַלין־היטלער אָפּמאַך, דעם סטאַלין־אָנפאַל אויף פּוילן און פינלאַנד, בשעת אין די שולן האָט מען מתפּלל געווען אז „ותעבור ממשלת זדון מן הארץ". פון דער גאַנצער פריידענקעריי האָט זיך אויסגעלאָזט אז אין סאָוועט־רוסלאַנד הייסט מען די קינדער נאָכ'ן עסן זיך שטעלן אויף די קני און מאַכן אַ ברכה: געלויבט און געבענטשט איז סטאַלינ'ס נאָמען וואָס דורך אים האָב איך איצט געהאַט צו עסן — איז דאָס שענער ווי אונזער ברכת המזון?

איך גיי אַרויס שבת אינדערפרי אין אַ אידישער געגנט אין נויאָרק.. נאָך איידער די מואוויס עפענען זיך עלף אזייגער שטייען שוין לאַנגע שורות אידישע קינדערלאַך מיט די צען־סענטיגע אין די הענט, אומגעדולדיג אריינצוגיין. וואָס שפּילט מען? מעי וועסט.

אַמאָל פלעגן די אידישע קינדערלאַך שבת אינדערפרי נאָכטראָגן דעם טאַטן דעם טלית און סידור אין שול אריין. וואָס דענקט איר איז בעסער פאַר די קליינע אידישע קינדער: זיי זאָלן זאָגן נאָכ'ן חזן אַ „ברוך הוא וברוך שמו אמן", אָדער נאָך מעי וועסט: „קאַם אפּ ענד סי מי סאַמטאַימז"?

אָדער אפשר זאָלן מיר אינגאַנצן אין ערגעץ ניט גיין, נאָר גאָר זיצן אין דער־היים און — כאַפּן אַ קערטל? און דאָס טוען דאָך היינט גאָר אַ סך פון יענע וואָס האָבן אַמאָל געשטורמט די „פעסטונג פון רעאַקציע", די שול. איך האָב געזען ליבעראַלן ביי היטלערן, ראַדיקאַלן ביי היטלערן, קאָמוניסטן ביי היטלערן, קינסטלער מכל המינים ביי היטלערן, נאָר קיין רב און קיין שול־אידן האָב איך דאָרט ניט געזען.

3) ווען אלע אידן זאָלן זיך אוועקשטעלן דאַווענען וועט קיין בעסערע וועלט אפשר טאַקע ניט ווערן, אָבער אַ בעסערע אידישע וועלט וועט ווערן. זי וועט קריגן אַ שווערגעוויכט און אַ דערהויבנדיגן זין.

עס דאַווענט זיך ניט, זאָגט איר: נאָט אייך אַ שאַג פאַר'ן **ניט־**דאַווענען פון די מערסטע פון אונזערע מישטיינס־געזאָגט אויפגעקלערטע. וואָס ווייסן זיי דען אין תוך וועגן דעם ענין יע דאָ אַ גאָט אדער ניט דאָ אַ גאָט? די תוכ'יגע ביכער

## פשוט גערעדט: אייערע שלוסן פירן אַוועק אין אַ צוטומלעניש,

ווענן דעם ענין האָבן זיי דאָך קיינמאָל ניט געזען. ערגעץ געכאַפּט אַ נאָש פון אַ גראָשנדיגער בראָשורקע, און מער ניט. ס׳איז באמת: „מיין פעטער האָט געזען ווי דער פריץ האָט געגעסן און געזאָגט אַז ס׳איז געשמאַק״. די ערגסטע צרות נעמען זיך שטענדיג פון די ניט־דערבאַקענע אינטעליגענטלאַך. די גמרא האָט אַ קלוג וואָרט וועגן דעם. אַמאָל, זאָגט די גמרא אין סנהדרין, זיינען ניט געווען קיין מחלוקות ביי אידן, נאָר אַז עס זיינען אויפגעשטאַנען תלמידים פון שמאי און הלל „שלא שמשו די צרכן״ (וואָס האָבן ניט גענוג געלערנט, די האַלבע אינטע־ליגענטלאַך, הייסט עס) „איז פון דער תורה געוואָרן צוויי תורות״. ס׳איז דער־זעלבער געדאַנק וואָס ביי פראַנסיס בעיקאָן, אַז „אַביסל פילאָזאָפיע ברענגט צו אַטעאיזם, אַ סך פילאָזאָפיע ברענגט צו אמונה״.

ווען האָבן אונזערע אינטעליגענטן אויפגעהערט דאַוונען? ווען עס האָט זיך דערטראָגן צו זיי דער אָפּקלאַנג פון די אפּיקורסישע ביכלאַך וואָס זיינען געשריבן געוואָרן דאָרט, צווישן די גוים. איצט ווערן שוין דאָרט געשריבן אַנדערע ביכלאַך, פון פילאָזאָפן וואָס גלויבן אין גאָט און פון וויסנשאַפטסלייט וואָס גייען אין קלויסטער. ווען דידאָזיגע ביכלאַך וועלן דערגיין צו דער אידישער גאַס וועט מען זיך דאָ אויך שטעלן דאַוונען. איר ווייסט דאָך, ווי עס קריסטלט זיך אַזוי אידלט זיך.

עס דאַוונט זיך ניט, זאָגט איר. אָבער וואָס איז מכח **לערנען**, „אריינקוקן אין אַ אידישן ספר״? האַלט איר אויך אַז אַ קאַפּיטל אריסטאָטל אָדער העגל זיינען טאַקע אינטערעסאַנטער ווי א בלאַט גמרא, אָדער אַ פּלאַטאָנישער דיאַלאָג איז שאַרפ־זיניגער ווי א תלמודישע סוגיא? גלויבט איר אויך אַז טאָלסטאָי׳ס אַ ראָמאַן איז וויכטיגער ווי אַ פּרשה חומש מיט רש״י, אָדער פּושקינ׳ס לידער זיינען שענער ווי תהלים און טשעכאָוו׳ס מעשה׳לאַך פּיקאַנטער ווי די מדרשים? ניטאָ ווער זאָל לאַכן! פאַרוואָס זאָל אַן אינטעליגענטער איד, שוין פון אַ ריין־אינטעליגענטישן שטאַנדפּונקט, לייענען אַלץ אין דער וועלט נאָר הלוי׳ס „כוזרי״ אָדער דעם רמב״מ׳ס „מורה נבוכים״ ניט?

זאָג איך ניט אַז אַריסטאָטעל׳ן, העגעל׳ן, פּלאַטאָנ׳ען, טאָלסטאָי׳ען, פּושקינ׳ען און טשעכאָוו׳ן דאַרף מען ניט. אָבער זיי זאָגן דאָך אַז חומש, גמרא, זוהר, הלוי און רמב״ם דאַרף מען ניט! זאָלן נאָר אידן זיך אַוועקזעצן צוריק איבער **זייערע** ספרים און איר וועט זען וואָס ס׳וועט אַרויסקומען דערפון. עס וועט זיך באַלד אַרויסווייזן איין גרויסער חילוק: די אַריסטאָטלס און פּלאַטאָס און טשעכאָווס זיינען צום לייענען און אַוועקלייגן, די תורה און גמרא און רמב״ם זיינען צום **לערנען** און **לעבן**. אָט אַזאַ כח ליגט אין זיי! נאָר די „אויפגעקלערטע״ אידן האָבן אויפגעהערט לערנען תורה און גמרא, סיי אליין סיי מיט זייערע קינדער. דאָס הייסט, פון דייערטוועגן מעג עס אַלץ פאַרגעסן ווערן... איז דאָס אַ תכלית? נאָר וויסן זאָלט איר אַז אידן וועלן בלייבן בלויז יענע וואָס וועלן טראָגן די תורה. די אַנדערע וועלן נאָר וואַלגערן אין „קיינעמס לאַנד״ צווישן איד און גוי.

איר באַגעגנט היינט ראַדיקאַלן, אַ סך אָפטער ווי פריער, וואָס וועלן אייך זאָגן אַז זיי גלויבן אין אַ געטלאַכער מיסטעריע, פונדעסטוועגן טוען זיי גאָרניט איינצו־

**און מיט רעליגיע שפילט מען זיך ניט. „אל ה׳ נוקם ונוטר״ — ער וויל אַלץ.**[*]

**אָט דאָס זיינען מיינע טענות.**

**אַלנפאַלס איז אייער ביכל אָנרעגנד און ער מוז אייך אליין אָנרעגן**

---

שטעלן אַ האַרמאָניע צווישן זייער לעבן און דערדאָזיגער געטלאכער מיסטריע. אויב, ווי זיי זיינען אליין מודה, ס׳איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט איז דאָך עס די גרעסטע זאַך אין דער וועלט. און דאָך לאָזן זיי דידאָזיגע גרעסטע זאַך ליגן פאַרשטעקט ערגעץ אין אַ וועסטל־קעשענע פון זייער געדאַנק און מאכן דערפון גאָרניט.. צו וואָס איז דאָס געגליכן? צו יענע קמצנים וואָס פאַרמאָגן אוצרות און לסוף געפינט מען זיי געשטאָרבן פון הונגער.

ווען מיר אַלע זאָלן זיך אָפּגעבן אַן אמת׳ן חשבון־הנפש וואָלטן מיר באַגריפן אַז די **געשיכטע** רופט אונז צוריק צו דער תורה. עס איז אנגעשטאַנען אַ נייע צייט פון געצנדינסט וואָס דראָט ארונטערצושלעפן די גאַנצע מענשהייט צוריק צו גייסטיגער און פיזישער קנעכטשאַפט אזוי ווי אין די גאָר אַלטע צייטן, אַרונטערצודריקן צוריק דעם מענשן צו דער מדרגה פון דער בהמה. ווען די דייטשן קענען זאָגן אַז „דינען היטלער׳ן איז דינען דייטשלאַנד און דינען דייטשלאנד איז דינען גאָט״ איז עס אַ נייע דריי־איינינקייט; און ווען אַ מענש ווי אַלעקסיי טאָלסטאָי קען שרייבן אַז סטאַלין איז גרעסער ווי די זון, ווייל די זון גיט דער וועלט ליכט און לעבן ניט ווינדיג עס און סטאַלין גיט דער וועלט ליכט און לעבן באוואוסטזיניגערהייט, זיינען מיר צוריק אין די צייטן פון מענשן־געטער און אלילים. איז געקומען די צייט, אַז אַזוי ווי אונזערע אבות אמאָל, זאָלן מיר היינט פאַנאַנדערלאָזן די תורה, די אויפהויבן הויך איבער אונזערע קעפּ און פּראָקלאַמירן אויף דאָס ניי: ה׳ אלקינו ה׳ אחד!

דאָס איז אונזער חוב צו דער **מענשהייט**. דאָס איז אויך אונזער חוב צום אידישן פאָלק. ווען אונזערע אויפגעקלערטע זאָלן אפילו ניט קענען צוריקגיין צו אַלטער אידישקייט פון פּרינציפּ איז זייער חוב דאָס צו טאָן צוליב נאַציאָנאַלער דיסציפּלין: די נאַציע איז אין סכנה! בשעת סכנה נעמט אפילו דער פאַציפיסט די ביקס אין האַנט. אידישקייט לערנט אז סכנת נפשות איז דוחה דעם דין. און אזוי דאַרף די סכנה פון דער נאַציע דוחה זיין די אפּיקורסישע פּרינציפּן, בפרט אַז דידאָזיגע פּרינציפּן האָבן סיי ווי פאַרלאָרן זייער אמאָליגע האַפטיגקייט.

ווען ניט וועט דאָס פאָלק **אויסשפּייען** די אָפּטריניגע, דאָס אידישע פאָלק וועט זיך ניט לאָזן פאַנאַנדערטראָגן אויף שפּענדלאַך דורך אונזערע אלערלייאיגע „איזמען״. עס וועט מוזן קומען צו אַ בירגער־קריג אין אונזער לעבן, אַ ביטערן גייסטיגן בירגער־קריג, אזוי ווי אמאָל מיט די העלעניסטן און די שומרונים. וואָס איז עס פאַר אזא „נאָבעלער צוועק״ וואָס אידישע ארבייטער האָבן זיך געשטעלט — אונטערצוברענגען דאָס אידישע פאָלק?

[*]) אָט אין דעם גייט עס טאַקע וואָס גאָט וויל אַלץ. נאָר די פראַגע איז: וועלכער גאָט? דאָ נעמט און פאַרגלייכט וואָס עס וויל „אונזער״ גאָט און וואָס עס ווילן „זייערע״ געטער און עס וועט אייך מער ניט קשה זיין וואָס איך שטעל אוועק „אונז״ אנטקעגן „זיי״ (זע דעם ספר: „קעמפער און היטער״ פון הרב אברהם ביק).

צו גיין ווייטער און נאָכדענקען וועגן די פּראָבלעמען וואָס איר האָט אויפגעשטעלט.

אין אונזער וועלטל איז יעדעס וואָרט וואָס שמעקט מיט אַ געדאַנק אַ גוואַלדיגער אויפטו, ווייל מיר טרינקען זיך פּשוט אין בעלעטריסטיק, וואָס איז אָפט טאַקע מער ניט ווי — פיקציע, אין איינפאַכן זינען פון וואָרט. צופיל פיקציע!

זייט באַגריסט,

אייער,

**זכריה שוסטער**

123

תל־אביב, דעם 5/18, 1939

זייער חשוב'ער פריינט ה. ליבערמאַן!

איך דאַנק אייך זייער פאַר די ביכער, זיי האָבן מיך דערפרייט!

אייער בוך „אין טאָל פון טויט" איז ווי אַ „ממעקים קראתי ה'" אן אמת'ער „דע פראָפונדיס". ווער עס האָט מיטגעלעבט די כולי־גאנטסטווע פון די היטלעריסטן אין וויען און די גאַנצע — אפשר כמעט די גאַנצע וועלט האָט געשוויגן, ווייל מען האָט געוואוסט אונזער הילפלאָזיקייט, פאַר דעם איז דאָס לייענען פון אייער עפּאָס אַ „געזאַנג צו שטילן יעדן שמערץ, צו פאַרטרייבן דעם טויט!" — ווי איר דריקט זיך אויס.

מיר אידן האָבן ביז היינט גענוג גובר געווען און איר ווייסט וואָס עס וואַרט אונז נאָך היינט? ווער עס האָט געזען וויען אין די צייטן פון בלי פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און ווי אַזוי גאָר די „גענאָסן" זיינען געוואָרן פּ. ג. (פּאַרטיי־גענאָסן, באַצייכנונג פון די חברים אין דער נאַצי־פּאַרטיי) און אַ המון־רב פון רויבער און מערדער, דער קאָן מיטפילן דאָס ווייַ און קלאַג, אַז דאָס לעבן פון אידן איז אַ הייליגע מיסיע פון ספרים און קברים. מיר פאַרמאָגן ניט קיין מאָנומענטן וכדומה בילדעווידיגע אויסערלאַכע סימבאָלן נאָר די דערהאַלטונג פון אונז איז די אידישע נשמה.

ניט אומזיסט טראָגן די ס. ס., די געשוואוירענע גאַרדע, שוואַרצע מונדירן מיט הענטשקעס — מע טאָר ניט זען די בלוטיגע הענט.

זייערע באַיאָנעטן זיינען געשניצט און באַפּוצט — אַ שפּילצייג צום טויטן און ווען מע טראָגט דאָס זאָל מען מיינען, מיט דעם כלי־זין קאָן מען ניט שטעכן, הרג׳נען הילפלאָזע מענשן! און טאקע ניט אומזיסט רופט מען זיי אויך: טויט־באַטאַליאָנען און די העכסטע אויס־צייכנונג ביי די היידאַמאַקעס איז דער „בלוט־אָרדן״!!!

היינט אין דער צייט מוזן מיר אלע זיך שטארקן און האָפן, אז „אין טאָל פון טויט״ טאָרן מיר ניט פאַרבלייבן, נאָר דערגרייכן די הויך פון לעבן.

די אַרטיקל סעריע „שדים אין מסאָקווע״ איז אַ שווערער אָנקלאָג פאַר דער אידייע וואָס מענשן חנפ׳ענען זיך מיט קאָניוקטור און גלויבן אַז ווען מע האָט אמאָל זיך פּארדינט געמאכט, מעג מען פאַרלירן דאָס פאַרטרויען. דער פּרט וואָס די „קאַפּיסטן״ [1] האָבן פאַרבראָכן אָן דעם ישוב פון ארץ ישראל, וואו מיר קענען זיך ביז היינט ניט דערלייזן פון די קרבנות, איז דער גרעסטער פאַרברעך אָן אונזערע בעסטע כוחות.

איבער דאָס בוך פון אבא גאָרדין האָב איך אַ סך געהערט, נאָר ביז היינט ניט געלייענט. די עטישע באַשרייבונגען זיינען ביי אונז ניט אַלט, נאָר אָן דאָגמעס אין אָרטאָדאָקסיע. איך ווייס ניט צי עס איז אייך באקאנט דער אידיש־דייטשער פילאָזאָף, קאָנסטאנטין ברונער, וואָס האָט געהאט אַ גרויסן איינפלוס און די שפּינאָזיסטישע תורה פאַר־שפּרייט אין דער היינטיגער שפּראַך. ער איז איינער פון אלע דענקער־אידן פון פריערדיגן דייטשלאנד וואָס האָט זיך בעפאַסט מיט דער אידן־שנאה אין זיינע ביכער „דער יודן האַס אונד די יודן״, „ממשלת־זדון״ און „דאָס לעצטע וואָרט צום יודנהאַס״, דער האָט באַלד געמוזט דערקענען ווי טיף די שנאה איז איינגעגעסן ביים דייטשן פאָלק. דער אַנאַליז ביי ברונער איז דער איינציג ריכטיגער, אָבער זיינע פאָלגע־רונגען זיינען פאַלשע, אסימילאַטאָרישע און פאַר אונז אידן סאָציאַ־ליסטן־ציוניסטן מוז היינט זיין צו לעבן אלס פאָלק און ניט שטאַטס־בירגער פון משה׳ס אמונה. עס וואָלט מיך זייער אינטערעסירט אייער מיינונג וועגן דעם אידישן דענקער קאָנסטאנטין ברונער. זיין הויפּט־

---

1) פּאַלעסטינער קאָמוניסטן.

ווערק איז דאָס פילאָזאָפיש בוך: „די לערע פאָם גייסטיגן אונד פאָם פאָלקע".

איך ווייס ניט ווען איך האָב צו פאַרדאַנקען מיין אדרעס און די סיבה פאַר וואָס איר האָט מיר צוגעשיקט די ביכער — נאָר איך מוז אייך נאָכאמאָל דאַנקען.

איך וואָלט אייך געגרן מיינע ביכלאך (געמויזאכץ) צוגעשיקט, נאָר אַלע מיינע זאַכן זיינען פאַרפאַלן אין היטלער־ווען און איך האָב אלעס פארלוירן.

איך דאַנק אייך נאָכאמאָל פאַר די גוטע ביכער, גריס איך אייך הארציג אין פריינטשאַפט

און דרך ארץ,

אייער,

משה שיינבערג

---

עטלאַכע פארשפעטיגטע בריוו זיינען געדרוקט אויף זייט 313.

# שטימען פון דער פרעסע

„אויפן שיידוועג" (זאַמלבוך, פּאַריז)

## דער אידישער גייסטיגער קריזיס אין שיין פון דער פרעסע[1]

פון

א. טשעריקאָווער

אין מערץ 1938 איז קלאָר געוואָרן, אז די אייראָפּעאישע פּאָליטיק האָט א קער געטאָן אויף א נייעם וועג: נאַצי־דייטשלאַנד האָט פאַרכאַפּט עסטרייך אָן אַ שום ווידערשטאַנד און אפילו פּראָטעסט מצד די דעמאָקראַטישע מלוכות. די דאָזיגע ערשטע קאַפּיטולאַציע פון דער אייראָפּעאישער דעמאָקראַטיע האָט אין דער פּראָגרעסיווער און נאַצי־פיינטלאכער וועלט ארויסגערופן א שטימונג פון טיפן פעסימיזם — בנוגע דעם גורל פון אייראָפּע און א באַזונדערס טיפן פעסימיזם אין דער אידישער וועלט. די געשעעניש איז דאָ אויפגענומען געוואָרן, ווי אַ פאַטאַלער פעלער און אויך ווי א פאַרראַט מצד די דעמאָקראַטישע מלוכות, מיט א געפיל פון ביטערער אנטוישונג און פארשפּילטן שפּיל. שוין דעמאָלט באַווייזן זיך אין די אידישע קרייזן די ערשטע סימנים פון א אידישער רעוויזיע און פון רעזיגנאַציע. דערווייליע זיינען דאָס נאָך אומקלאָרע שטימונגען, אָן א קאָנקרעטן לבוש. געקומען זיינען זיי פון אמעריקע, פון דער אמעריקאנער אידישער זשורנאַליסטיק, וואָס פאַרבלייבט אויך ווייטער דער שטאָם־אָרט פון דער נייער רע־וויזיע־שטימונג און דער קאַמף־פּלאַץ צווישן אירע אָנהענגער און קעגנער. אין דער מזרח־אייראָפּעאישער אידישער פרעסע איז דער אָפּקלאַנג פון דעם וויכוח ניט דער ערך א שוואַכערער. אין דער העברעאישער פרעסע אין ארץ ישראל ווערט די טעמע באַרירט נאָר בדרך אגב.

די דאָזיגע טעמע נעמט ארום א גאַנצן קאָמפּלעקס פראַגן וועגן געפינען א נייע באַזע פאַרן אידישן קיום אין אַ וועלט, וואו די דעמאָ־

---

1) איינגע אויסצוג.

קראַטישע פּרינציפּן פאַרלירן זייער אַלטע שליטה, פראגן וועגן ענדערן די מעטאָדן פון דער אידישער פּאָליטיק, וועגן דערוווייטערן זיך פון׳ם אנטייל אין דער אַלגעמיינער פּאָליטיק און איזאָלירן זיך פון דער וועלט, וועגן דעם אומקער צוריק צו רעליגיע און אַלטן „אתה בחרתנו״, קורץ אויסגעדריקט אין דעם פאַרשפּיצטן טעזיס פון „צוריק אין געטאָ אריין!״

פאַרמעל האָט דער ערשטער אויסגעדריקט די דאָזיגע נייע שטי־מונגען דער באַקאַנטער דיכטער יעקב גלאַטשטיין אין א ליד, אָפּגע־דרוקט אין די העפטן „אינזיך״ אַפּריל 1938, וואָס דערשיינען אין אמעריקע: „א גוטע נאַכט, ברייטע וועלט... — מיט דעם שטאָלצן טראָט, אויף מיין אייגענעם געבאָט — גיי איך צוריק אין געטאָ״...

צווישן די פאַרטיידיגער פון אידישער איזאָלאַציע האָט אייגנטלאך נאָר איינער קלאָר און ביז׳ן סוף קאָנסעקווענט געגעבן א פאָרמולירונג, וואָס מיינט ער קאָנקרעט מיט׳ן „צוריק אין געטאָ״. דאָס איז דר. שמואל פייגין — גאָר ניט קיין פּובליציסט, נאָר אַ וויסנשאַפטלער, וועלכער האָט אָפּגעדרוקט אויף דער טעמע א לענגערן ארטיקל אינ׳ם אָפיציעלן ציוניסטישן אָרגאַן „העולם״ אין ירושלים (נומער 1־2, פון 6טן אָקטאָבער 1938). עס איז כאַראַקטעריסטיש דערביי, אז דער מחבר אליין, דר. פייגין, לעבט אין אמעריקע, און אזוי־ארום בלייבט ריכטיג די הנחה וועגן דעם אמעריקאנער אָפּשטאַם פון אָט די רעוויזיע־שטי־מונגען.

דר. פייגין רופט אָן זיין ארטיקל אָפּן: „לאָמיר זיין גרייט צום מיטלאַלטער. מיר דאַרפן זיך גרייטן — שרייבט ער — צו שווערע פינסטערע טעג, די וועלט־ציוויליזאַציע האַלט ביים אונטערגיין, ווידער רוקט זיך אויף אונז אָן דער מיטלעלטער, „אָבער איצט זיינען מיר ניט אזוי געפעסטיגט ווי דעמאָלט״. וואָס־זשע דאַרף מען טאָן? ראשית: „מיר דאַרפן ניט פאַרלירן קיין כוחות אויף קאַמף, וואָס וועט ניט געראָטן. אומזיסט איז אונזער ענערגיע... קיין שום לאַנד מיט מאַכט וועט ניט וועלן גיין מלחמה האַלטן פאַר אונז, און מיר אליין קענען קיין מלחמות ניט פירן. דאַרף מען זיך אומקערן צו די מעטאָדן פון מיטלעלטער — צו שתדלנות.״ שנית: „מיר דאַרפן זיך אומקערן צוריק אין געטאָ אריין מיט׳ן גוטן ווילן... בעסער איז, אז מיר זאָלן זיך אליין פאַרקלייבן אין געטאָ, איידער מען זאָל אַהין פאַריאָגן.״

מיר האָבן אזוי אויספירלאך איבערגעגעבן דר. פייגינ׳ס געדאַנקען, מחמת אין קיין שום אנדער ארטיקל פון דער ריכטונג ווערט ניט

אַזוי אומברחמנות׳דיג אָפן און קלאָר ווי דאָ פאַרמולירט די אידעאָ־לאָגיע פון קאַפּיטולאַציע און אין קיין שום אַנדער ארטיקל האָט זיך ניט אָפּגעשפּיגלט אַזוי בולט די שטימונג פון אומבאַגרעניצטער רע־זיגנאַציע און הכנעה. דר. פייגין׳ס ארטיקל איז אפשר דער בולטס׳טער דאָקומענט אין אונזער פּרעסע פון דער יאוש־שטימונג, וואָס האָט ארומגענומען א טייל פון אונזער אינטעליגענץ... אויפ׳ן זעלבן שטח פון אומבאגרעניצטן יאוש און רעזיגנאציע ליגט א צווייטער ליטעראַ־רישער דאָקומענט, הגם ער איז געשריבן אין א גאָר א היפּוכ׳דיגן גייסט — ניט אין שטימונג פון הכנעה, נאָר פאַרקערט — פון אויפ־רעגונג און שארפער באַשולדיגונג געגן דער וועלט. מיר מיינען דאָ די קליינע שריפט פונ׳ם באַקאַנטן אידיש־אמעריקאנישן קריטיקער און פובליציסט חיים ליבערמאַן: „אין טאָל פון טויט״, גערדאַנקען וועגן אונזער צייט און אידישן שיקזאַל אין איר״ (נויארק תשרי, תרצ״ט). געשריבן אין זייער אַ ליידנשאפטלאכן, אויפרייסנדיגן טאָן, ווי אַ מין מאַניפעסט, אַנטהאַלט ניט די שריפט קיין שום קאָנקרעטע ענטפערס אויף דער פראַגע, וואָס דאַרפן אידן טאָן און ווי פאַרהאַלטן זיך אין דער איצטיגער צייט. דאָס איז מער א פּאַטעטישער אויס־געשריי, וואו שטארקע עמאָציעס זיינען איבערגעמישט מיט הויך־קלינגענדיגער מליצה, א דיפיראַמב אידן און אידישקייט און אַן אָפענע שנאה צו דער גאַנצער „קריסטלאַכער וועלט״ פאַר אירע גאָרע עוולות געגן אידן. איבערגעבן דעם אינהאַלט פון דער שריפט איז זייער שווער. מיר וועלן אַרויסנעמען פון איר נאָר אייניגע, מער כאַראַק־טעריסטישע ציטאַטעס.

„וואָס מיר האָבן געוואוסט שוין ביים באַגינען פון דער געשיכטע, ווייסן זיי נאָך ניט אין איר דריטער נאַכט... מיר ווילן פאַר אַלעמען, זיי ווילן פאַר זיך... זיי האָבן זיך גענומען די ערד, און מיר האָבן גענומען דעם הימל.״ „אין א שטיבעלע פון קאָרטן איז געזעסן די איראָפּעאישע קולטור, איר וויסן, איר שיינקייט, איר קריסטלאַכקייט. דער ערשטער בלאָז פון א רעכטן ווינט האָט זי צוטרייסלט... ביכער, ביכער, צייטונגען, אוניווערזיטעטן, קלויסטערס, גלחים, גע־לערטע — נאָר אלץ איז ווי עפּעס נאָר א ספּעקטאַקל, א טעאַטער־שפּיל אַזאַ, וואו פאַר׳ן געוויסן איז אפילו קיין שטיי־פּלאַץ ניטאָ.״ „וואָס איז דען זייער גאַנץ לעבן? אַ שלעכטע אידישע איבערזעצונג. מיר האָבן געבראַכט א ספר פון סאָוועריינער גרויסקייט... און וואָס האָבן זיי דערפון געמאַכט?... פאַרמאַכט די ביבל, און עס ווערט פינס־

טער אין זייערע הייזער: נעמט אראָפּ די קלויסטערס — און וואָס בלייבט זיי? די בירזשעס און די בתי־זונות, די קאַזאַרמעס און די תפיסות... צוואַנציג הונדערט יאָר, אַז זיי לערנען ביי אונז וואָס גאָט איז, און עס איז געבליבן פאַר זיי אַ קיינמאָל ניט פאַרשטאַנען וואָרט... אַלע וועלטן פאַרכאַפּן זיי. זיי שניידן אַלע פעלדער, האַקן אַלע וועלדער, זויגן אַלע אייזן און אַלע בלוטן. וואו אַ מויל, וועלן זיי אַרויסרייסן דעם ביסן.״ „אומזיסט וויל דאָס קריסטנטום זיך אָפּ־וואַרפן פון פאַשיזם: ס׳איז זיין כשר קינד. דאָס קריסטנטום האָט געפירט קריג, געבענשט קריג, דערצויגן קריג —איז אויפגעוואַקסן דורך קריג.״

„וועלן מיר זיך צוריק אַריינציען אין דער נאָרע פון אונזער נשמה און וואַרטן אויף טאָג. אין דער נאָרע פון אונזער נשמה איז ניט ענג: ס׳איז אַ גרויס קיניגרייך. ס׳איז ניט פינסטער: דאָרט לייכט די צוקונפט... מיר וועלן קיינמאָל ניט זיין אין געטאָ, אַזוי ווי מיר זיינען קיינמאָל ניט געווען: אין געטאָ איז געווען די גאַנצע וועלט: דרויסן האָבן געוואוינט די וועלף״...

„ניט קיין וועג פון פחד איז אונזער וועג, ס׳איז דער וועג פון גייסט. ס׳איז די סטראַטעגיע פון אייביגן צוריקטריט, פון טראַגישן אויס־דויער. אונזער לאַנד וועלן זיי ניט פאַרנעמען: דעם הימל קען קיינער ניט גנב׳ענען. אונזער פאָלק וועלן זיי ניט פאַרניכטן: וויפיל דאַרפן מיר דען כדי אַ פאָלק צו זיין? צען אידן זיינען אַ מנין, און וואו ס׳איז דאָ אַ מנין דאָרט איז דאָס אידישע פאָלק״. „מיט דער וועלט האָבן מיר אָנגעהויבן און נאָר מיט דער וועלט וועלן מיר זיך ענדיגן... מיר זיינען אומשטערבלאַך, ווי די צוקונפט.״

מיט די דאָזיגע ווערטער פאַרענדיגט חיים ליבערמאַן זיין מליצה־דיג שריפט. חיים ליבערמאַנ׳ס נאַציאָנאַליסטישע השתפכות־הנפש איז אין דער גרויסער אידישער פרעסע ניט גענומען געוואָרן ערנסט.

„אויסטראַלישע אידישע נייעס״ (סידנעי)

## „אין טאָל פון טויט״ — אַ שטורמישע אָנקלאַגע

**אַ** געוואַלטיגן פּראָטעסט, אַ שטורמישע אָנקלאַגע האָט דער חשוב׳ער שרייבער אין אַמעריקע חיים ליבערמאַן, אָנגעשריבן געגן די אידישע שונאים, געגן די אידישע אונטערדריקער, געגן דער גאַנ־צער קריסטלאַכער וועלט, ווייל די לעצטע זעען, הערן און שווייגן.

דער פּאַרפֿאָסער האָט אויסגענוצט זיין שאַרפֿן און לאָגישן שכל, דעם אַנאַליז פֿון פֿאַקטן, דעם גאַנג פֿון דער היסטאָריע, און דאָך קאָן מען זאָגן, דאָס נאָר אויף דעם באָדן פֿון דער גרעסטער און שטאַרקסטער און ליבעראַלסטער אַמעריקע האָט אַזאַ ווערק געקאָנט דערשיינען. וואו עס איז ניטאָ קיין ליכט, זעט מען ניט קיין שאָטנס. עס בעט זיך דאָס גאַנצע ווערק פֿון אָנפֿאַנג ביז ענדע געבן דעם לייענער וויל מען געפֿינט זיך אונטער דער גרויסער ווירקונג פֿון שרייבער.

„אונזער לעבן" (ביאַליסטאָק)

# אַ מאָדערנער יון-מצולה

פֿון

חנן

חיים ליבערמאַן איז ניט אַבי אַ שרייבער. ער האָט שוין איינמאָל צובראָכן זיין פֿעדער, געוואָרפֿן דער אידישער ליטעראַטור דעם גט אין פּנים, א נדר געטאָן, מער קיינמאָל שוין ניט שרייבן.[1]

און ניט צוליב א וועלכער ס'איז פּערזענלאכער אַמביציע, אָדער צוליב אָפּגעקילטקייט צום דאָזיגן פֿאַך; נאָר, אדרבה, צוליב גרויס היציגקייט און שטורמישן טעמפּעראַמענט, ווייל ער האָט זיך ארומגעזען, אַז דער גאַנצער מין שרייבעריי איז הבל הבלים, מ'טוט גאָרניט אויף, מ'היילט ניט קיין וואונד, מ'קייט בלויז איבערגעקייטע שטרוי און מ'דרעשט איבערגעדראָשענע פּלעווע. היינט צו וואָס זיך מיטטאָפּטשען אין דער ליטערארישער בלאָטע, צוזאַמען מיט די אלע טאַלאַנטלאָזיגקייטן?

אָבער לאַנג האָט ער, ליבערמאַן, דעם חרם ניט אויסגעהאלטן. ס'איז געקומען א מאָמענט פֿון א נויטיגן „קידוש השם", דהיינו: דר. חיים זשיטלאָווסקי און ש. ניגער האָבן פֿאַרוואָרפֿן א גוט וואָרט פֿאַר ראַטנפֿאַרבאַנד גראָד אין מאָמענט פֿון די דאָרטיגע גרויל-פּראָצעסן, וואָס האָבן ארויסגערופֿן א שוידער אין דער גאַנצער וועלט.

---

1) מער קיינמאָל שוין ניט שרייבן קיין ליטעראַרישע קריטיק און דינען די שרייבער וואָס האָבן זיך ארויסגעוויזן אזוי גרייט צו דינען די דיקטאַטאָרס און באַזינגען זייערע בלוטיגע מעשים.

האָט חיים ליבערמאַן דעמאָלט געבראָכן זיין נדר און איז ארויס־געטראָטן אין אַ באַזונדער בראָשור ניט בלויז מיט אַ „זש׳אַקיוז״ געגן ראַטנפאַרבאַנד, וואָס וואָלט קיינעם ניט איבערראַשט, נאָר דער עיקר מיט אַ מורא׳דיגער אַטאַקע געגן די צוויי דערמאָנטע אידישע שריפט־שטעלערס, האָט זיי געמאכט מיט דער בלאָטע צוגלייך, האָט מיט׳ן כח פון זיין פענאָמענאַלער בקיאות און חריפות און מיט דער שאַרפ־קייט און דרייסטקייט, וואָס כאַראַקטעריזירן זיין שרייבן בכלל, אויפגע־וויזן ממש מיט מאַטעמאַטישער פינקטלאכקייט, אז בסך הכל זיינען די צוויי אידן פוסטע עמי־הארצים, וואָס האָבן קיינמאָל גאָרניט מחדש געווען און פלוידערן סתם ווי משוגעים.

דאָס איז חיים ליבערמאַן.

ער איז אַ שרייבער פון אַ גרויסן פאַרנעם, מיט אַ סך אידישער און וועלטלאכער ערודיציע, מיט אַ וואולקאַן פון ברויזנדיגע אָריגינעלע געדאַנקען, מיט אַ שטירמישן טעמפּעראַמענט און מיט גרויסער מאָס ווירדע־געפיל. ער נעמט זיך צו דער פעדער נאָר דעמאָלט, ווען אים דוכט זיך, אַז די וועלט האָט זיך עפּעס ווי ארויסגערוקט פון אירע לייסטנס, אז כדי אויפצושטעלן צוריק אַ געוויסע גייסטיגע גלייכגעוויכט, מוז מען ארויסטרעטן מיט גאָר אַ שאַרפן אייגנאַרטיגן וואָרט אויפ׳ן נביאישן שטייגער. קומט ער דעמאָלט מיט זיין וואָרט און באַמיט זיך טאַקע אָנצושלאָגן אַ נביא׳שן טאָן.

***

אַזוי איז אויך זיין אָקאָרשט דערשינענער העפט א. ב. „אין טאָל פון טויט״, געווידמעט דעם ברוטאַלן אָנגריף פונ׳ם נאַציזם אויפ׳ן אידנטום. באַזונדערס איז ליבערמאַן געוואָרן אויפגעטרייסלט פון די געשעענישן אין וויען, בעת׳ן אַנשלוס, וואו מ׳האָט אַלטע בכבוד׳יגע אידישע מענער און פרויען געצוואונגען מיט זייערע הענט ראַמען די ברוקן, מיסקאַסטנטס און קלאָזעטן.

די בראָשור איז אינגאַנצן געשריבן אין אַ העכערן סטיל, אינגאַנצן אויסגעפּלאַסטערט מיט דיכטערישע מעטאַפאָרן. ניטאָ ממש קיין איינ־ציג פּראָזאַיש וואָרט, נאָר אַלץ אין בילדער און אומשרייבונגען, און ביים לייענען שפּירט איר טאַקע כסדר דעם ישעיה־טאָן, ווי „התקוששו וקושו הגוי לא נכסף!״... אָדער: „ישׂשׂום מדבר וציה!...

יעטווידער פראַזע איז אַ סנאָפּ פייער, אַ שפּריץ לאַווע, גלייך דעם שונא אין פּנים אריין. און ניט קיין קינה איז עס, וואָס „דער־באַרימדיגע ווייבער האָבן געקאָכט זייערע קינדער״, אָדער, וואָס

„פירשטן זיינען אויפגעהאַנגען געוואָרן פאַר זייערע הענט", נאָר א פּראָטעסט, וואָס שניידט, ווי א חלף, א צושמעטערנדיגע קללה, א געשריי אין הימל אריין, וואָס דאַרף אויפטרייסלען אלע ש"י וועלטן...

אָט אַ מוסטער:

אין אַ שטיבעלע פון קאָרטן איז געזעסן די אייראָפּעאישע קולטור, איר וויסן, איר שיינקייט, איר קריסטלאכקייט. דער ערשטער בלאָז פון אַ רעכטן ווינט האָט זי צוטרייסלט. דער דאַך אראָפּגעריסן און עס האָט זיך באַוויזן אַ פּאַרך. דער פונדאַמענט צוטרייסלט און עס האָט זיך דערזען א מיסטהויפן. ניט פון די נשמה־קוואַלן איז די געפלאָסן. ס'איז אלץ געווען נאָר אַביסל גייסט, לויז באַזעצט אין ליים. דאָס ליים האָט זיך צושפּאָלטן און דער גייסט איז אַנטלאָפן. ווערק אָנגעפילט מיט ווינט איז געווען זייער קולטור, אַ מאָדע־זאַך זייער מאָראַל. ביכער, ביכער, ציטונגען, אוניווערסיטעטן, קלויסטערס, גלחים, געלערנטע — נאָר אַלץ איז ווי עפּעס נאָר א ספּעקטאַקל, אַ טעאַטער־שפּיל אַזאַ, וואו פאַר'ן געוויסן איז אפילו קיין שטיי־פּלאַץ ניטאָ. און דאָס איז נאָך צו שווער פאַר זיי! „ווען איך דערהער דאָס וואָרט קולטור כאַפּ איך זיך צו מיין רעוואָלווער", האָט געזאָגט א נאַצי־פירער".

אפילו די שריפט אינ'ם דאָזיגן העפט איז אַנדערש ווי געוויינלאַך: גרויסע שוואַרצע אותיות; גרויס און שוואַרץ ווי דער אידישער בראָך, און די בלעטער זעען אויס ווי יריעות פון אַן אַלטן ספר, אַ פּאַרוואַלגערטע רעליקוויע פון אַמאָליגע צייטן, אַ מין מאָדערנער יון־מצולה, וואָס וועט מוזן, ווי יענער ספר'ל, איבערבלייבן אויף דור דורות.

*****

און דאָך מעג מען מחולק זיין מיט'ן מחבר אין א גרויסן טייל פון זיינע אויספירן.

דערהויפּט האָט א בייגעשמאַק זיין „אתה־בחרתנו"־ניגון, וואָס איז שטענדיג אַ רעזולטאַט פון אינפעריאָרי־קאָמפּלעקס. הגם דער באַגריף פון אידישער אויסדערוויילטקייט געפינט זיך נאָך אין תורה, פונדעסטוועגן האָבן מיר אָנגעהויבן חזר'ן דעם „אתה בחרתנו" צוזאַמען מיט'ן „ומפני חטאינו",[2] ווען מיר זיינען שוין געווען פאַריאָגט און פאַרפּלאָגט, דערנידעריגט געגן אַלע אנדערע פעלקער. מיר זעען אויך מיט אונזערע אויגן, ווי דער שאָוויניסטישער געפיל ביי אנדערע פעלקער אנטוויקלט זיך נאָך געליטענע קלעפּ און שפלות'דיגקייט.[3]

**דערמיט האָט ליבערמאַן בלויז באַנאַליזירט דעם שרעקלאַכן אידישן ווייטאָג, וואָס האָט באמת קיין גלייכן ניט.**

**די צווייטע אומגערעכטיגקייט זיינע איז דער אָנפאַל אויפ'ן קריסטנ־טום, פארוואָס האָבן די נביאים קיינמאָל ניט באשולדיגט דעם אידנטום, ווען די אידן זיינען אראָפּ פון גלייכן וועג און פאַרדאָרבן זייערע מעשים ?** [4])

**אלנפאלס אָבער וועט די בראָשור פאַרבלייבן אין דער געשיכטע פון דער ליטעראַטור, ווי א דאָקומענט פון דער היינטיגער פינצטערער צייט.**

---

2) אונזער „אתה בחרתנו" איז ניט געקומען פון דעם „ומפני חטאינו", נאָר פאַרקערט.. דאָס באַוואוסטזיין פון זינד איז א צייכן פון געלייטערטקייט.

אַנדערע פעלקער וואָס האָבן פאַרלאָרן מלחמות אָדער זייערע לענדער האָבן עס דערקלערט דערמיט וואָס זיי זיינען געווען שוואַכער פון זייערע שונאים. אָבער די אידן, סיי אין דער תנ"ך צייט סיי שפּעטער, האָבן שטענדיג דערקלערט זייערע מפּלות אלס רעזולטאַט פון זייערע חטאים, וואָס זיי האָבן פאַרלאָזט גאָט: ומפני חטאינו גלינו מארצנו. די גוים האָבן געשטעלט אלץ אויף פיזישער מאכט, די אידן אויף מאָראַלישער.

3) דער שאָוויניסטישער געפיל ביי די אנדערע פעלקער וואָס אַנטוויקלט זיך נאָך געליטענע קלעפּ און שפלות'דיגקייט איז דאָס רוב אַ געפיל פון באַנג פאַרוואָס זיי האָבן געכאַפּט די קלעפּ און ניט געגעבן די קלעפּ, און פאַרוואָס זיי אליין זיינען דערנידעריגט געוואָרן און האָבן ניט דערנידעריגט אַנדערע. דאָס איז דער יסוד פון דעם שאָוויניזם פון דעם נאַציזם, למשל. דער אידישער אתה בחרתנו ווייס ניט פון אַזעלכע געפילן.

4) ווען די קריסטן וואָלטן אַראָפּ פון דעם וועג פון קריסטנטום וואָלט שוין אפשר געווען אַ האַלבע צרה.. די צרה איז וואָס זיי זיינען נאָך קיינמאָל אויף אים ניט אַרויף. אויב עס לאָזט זיך נאָך אָפּפרעגן צי דאָס קריסטנטום איז דירעקט חייב פאַר'ן פאַשיזם איז אָבער קיין ספק ניט אַז ער איז דירעקט חייב פאַר'ן אנטיסע־מיטיזם, דעם אלגעמיינעם און דעם פאַשיסטישן.. לאָמיר דאָ הערן דאָס וואָרט פון אַ פּאָר ערלאַכע קריסטן אליין :

א) דר. קאָנאַרד הענרי מאָעלמאַן, פּראָפעסאָר פון דער געשיכטע פון קריסטנטום אין דער קאָלגעיט אוניווערזיטעט אין אמעריקע, אין זיין בוך „די קריסטלאַך־אידישע טראַגעדיע (1935), שרייבט :

„מען גיט אָן אלערליי אורזאַכן, וואָס רופן ארויס דעם אנטיסעמטיזם: עקאָ־נאָמישע, פּאָליטישע און ראַסן־אונטערשיידונג. די דאָזיגע אַלע אָנגעגעבענע אורזאַכן זיינען אָבער פון קלענער באַדייטונג. דער עיקר פון אַלע עיקרים איז די רעליגיעזע אונטערשיידונג, איבערהויפּט וואָס די אידן ווערן באַטראַכט אלס די מערדער פון יעזוס'ן, דאָס איז דער גרונט־וואָרצל פון אנטיסעמיטיזם אין די קריסטלאַכע לענדער. **דער היטלעריזם מיט זיין ראַסן־טעאָריע וואָלט זיך ניט געקענט פאַרשפּרייטן מיט אַזאַ שנעליגקייט אין דייטשלאַנד,** ווען דער באָדן וואָלט ניט געווען צוגעגרייט דורך

„אונזער עקספרעס" (ווארשע)

# אַ פּאָר ווערטער וועגן חיים ליבערמאַנ׳ס שריפט

פון

## אהרן צייטלין

סך־הכל צוויי דרוק־בויגן, אָבער איך קאָן ביי זיך ניט פּועל׳ן, עס אָנצורופן ביכל. כ׳וועל עס אָנרופן אַלט־העברעאיש: מגילת־ספר. די

---

די קריסטלאַכע רעליגיעזע לערן. דער רעליגיעזער עלעמענט איז דער שטאַרקסטער אויב ניט דער איינציגער."

ב) א דייטשישער גלח, קארל מ. כוואַראַווסקי, פון ניובורג, נויארק, שרייבט:

„איך האָב שוין גאַנץ לאַנג איינגעזען אז דער דייטש, סיי אויף יענער זייט ים סיי דאָ אין אמעריקע, איז, לויט זיין כאַראַקטער און טעמפּעראַמענט, אַן אַנטיסעמיט. דאָס איז ספּעציעל אמת וועגן דער דייטשישער קירכע. ווארום קיין זאַך איז ניט אזוי קלאָר פון דער געשיכטע פון דער אייראָפּייאישער ציוויליזאציע ווי דער פאקט, אַז די קריסטלאכע קירכע, און ספּעציעל אין דייטשלאנד, האָט אין משך פון די אלע יאָרהונדערטן באַנוצט דעם אַנטיסעמיטיזם אלס כלי־זין, און אין כמעט אלע פאַלן פון נאַציאָנאלע ליידן און נויטן האָט זי געמאכט דעם אידן פאַר׳ן שעיר לעזאזל. און דאָס איז אמת סיי וועגן די קאַטאָליקן סיי וועגן די פּראָטעסטאַנטן. ווער האָט באַשאַפן די אידישע געטאָ? די קירכע. ווער האָט אויפגעהעצט אָדער גוטגעהייסן די שרעקלאכע אידן רדיפות אָדער פּאָגראָמען פון דעם מיטלאלטער און פון דער היינטיגער צייט? די קירכע. און ווער האָט אין פארלויף פון יאָרהונדערטן פאַר׳סמ׳ט דאָס האַרץ און געוויסן פון דעם אייראָפּייאישן קריסטנטום מיט אַנטי־אידישער טעאָלאָגיע, מיט אנטיסעמיטישן רעליגיאָנס־אונטעריכט און מיט אידן־האָס? די קירכע.. און לאָמיר ניט פאַרגעסן, אז עס איז געווען אַ פּראָטעסטאַנטישער הויף־גלח, דאָקטאָר אַדאָלף שטעקער אין דייטשלאַנד, וועלכער האָט דעם אנטיסעמיטיזם געגעבן אַקאַדעמישעווירדע און די קריסטלאַכע ברכה...

אָפטמאָל שטייגט אין מיר אויף אַ וואונש (אמת, ניט קיין שיינער וואונש) אַז אין דייטשלאנד זאָלן עטלאכע הונדערט אָדער טויזנט קאַטוילישע און פּראָטעסטאַנטישע גלחים אריינגעוואָרפן ווערן אין זעלבן קאָנצענטראַציע־לאַגער מיט זייערע אידישע מיטבירגער; אפשר וואָלט אַזאַ בשותפות׳ע דערפאַרונג פון אָט די „קריסטלאַכע" לייט זיי געוויזן וואָס אייגנטלאך עס באַדייט די קריסטלאַכע ליבע און ברידערלעכקייט, פון וועלכע זיי האָבן געהאלטן אזעלכע שיינע דרשות".

דער גלח כוואַראָווסקי איז א דייטשישער גלח נאָענט צו 30 יאָר. ער איז פון פּוילישער אָפּשטאַמונג, אָבער איז אויפגעצויגן געוואָרן אין דייטשלאַנד. די געבראַכטע ציטאַטע איז פון אַ בריוו וואָס דער גלח האָט געשיקט צו דער דייטשישער „נויארקער שטאַאַטס־צייטונג", אָבער ויסנדיג פאָראויס אז די צייטונג וועט דעם בריוו ניט דרוקן האָט ער געשיקט א קאָפּיע צום „פאָרווערטס" וואו ער איז געדרוקט געווען דעם 26טן נאָוועמבער, 1938. — זע אויך די הערות צום בריוו פון הרב ר׳ חיים פּאָרילע.

ווערטער זיינען אין גרויס וואָרט, און דאָס וואָרט, געשריבן אין ניו־יאָרק, האָט אַ יחוס פון דריי טויזנט יאָר. עס קומט פון אלטע פעלזן־היילן, וואו בני־נביאים האָבן אָפּגעוואָרט די אנטפּלעקונג.

שוין א פּאָר וואָכן ווי איך קלייב מיך צו שרייבן וועגן אָט דער פּאָעמע פון א דיכטער, וואָס שרייבט ניט קיין לידער; א פּאָעמע, וואָס איר ריטם האָט מיך פאַרכאַפּט — און איך קאָן ביי זיך ניט פּועל'ן צו שרייבן. איך בין אין א פאַרלעגנהייט. אין וואָס פאַר א פאָרם זאָל איך שרייבן וועגן אזא פּובליציסטישער פּראָזע, וואָס איז ערטער־ווייס פּאָעטישער ווי פּאָעזיע, וואָס פאַר א פּנים האָט עס אָנצושרייבן אַן אזוי־געררופענע רעצענזיע וועגן אַזאַ מין שריפט וואו יעקב פאַדערט־אַרויס עשו'ן אויף א דועל?

עס האָט קיין זין ניט צו ווען איבערגעבן דעם אינהאַלט פון דער שריפט. מען קאָן ניט איבערדערציילן א געשריי, וואָס איז נאָך דערצו אזוי קאָמפּליצירט, אז ער ווערט צום סוף פאַרוואַנדלט אין א געזאַנג.

איז עס א רוף צוריק צום געטאָ? אזוי זאָגט מען. אָבער דאָס איז פאַלש. לאָמיר לאָזן הערן דעם אויטאָר: „מיר וועלן קיינמאָל ניט זיין אין קיין געטאָ, אזוי ווי מיר זיינען קיינמאָל ניט געווען. אין געטאָ איז געווען די גאַנצע וועלט; דרויסן האָבן געוואוינט די וועלף"...

צי איז אמת, וואָס ער זאָגט? עס האָבן זיך אָפּגערופן שטימען, וואָס טענה'ן, און מען זאָגט: עס איז „אתה בחרתנו" — און „אתה בחרתנו" איז טריף. „אתה בחרתנו" איז ראַסיזם, איז נאַציזם, און מען דאַרף ניט ענטפערן מיט „צוריק שייגעץ".

ווייס איך ניט פאַרוואָס. ווען עס זאָל אפילו יאָ זיין אזוי — פאַרשטיי איך ניט פאַרוואָס זאָל זיך דער פּראָטעסט פון א היינטיגן איד ניט טאָרן אויסדריקן אין ארויסשטעלן אונזער אָריגינעלן „אתה בחרתנו" געגן דעם נאָכגעמאַכטן.

איך האָב געלייענט די מגילת־ספר פון חיים ליבערמאַן און האָב געטראַכט, אז ווען שיילאָק וואָלט ניט געווען די פאַנטאַזיע פון א גרויסן גוי, נאָר דער אמת פון א פשוט'ן איד, — וואָלט ער געדאַרפט ריידן ניט אַנדערש ווי עס רעדט אין זיין שטאָלצער פּאָעטישער פּראָזע חיים ליבערמאַן.

דאָס וואָס שיילאָק זאָגט אין דער באַרימטער טיראַדע, איז דאָך נאָר א וועקסל אויף אזוי־גערופענער אידן־עמאַנציפּאַציע, מיט שעקס־פּיר'ס פּאָעטישער זשירע. איך בין געגליכן צו א מענש, והא ראיה: איך קאָן פילן ווייטאָג...

דער מענטש בין איך, — רופט שיילאָק דורך חיים ליבערמאַן. — די בעסטע און די בעסערע צווישן אייך זיינען געגליכן צו מיר. און ווייסט איר ווער איך בין? איך בין דער אָריגינאַל, וועלכן איר, פּלאַ־גיאַטאָרן האָט כסדר באַגנב׳עט, ביז איר האָט זיך אין איין ברוינעם טאָג געכאַפּט, אַז איר מוזט צוריק ווערן אָריגינעל. און דאַן — דאַן זענט איר אויף אַלע פיר אוועק אין וואַלד צו די חיות.

אָט דאָס איז דער זין און תוך פון דער שריפט.

ניט קיין פּובליציסטיק האָט אָנגעשריבן חיים ליבערמאַן. צו פּאָלעמיזירן מיט אים אויף דער פלאַך פון פּובליציסטיק איז אבסורד. פּונקט ווי מען פרעגט ניט קיין קשיא אויף א מעשה, אַזוי פּאָלעמיזירט מען ניט מיט אַן איבערלעבונג.

ליבערמאַנ׳ס „אין טאָל פון טויט” איז אַן איבערלעבונג — און אַלע רייד ווערן במילא בטל אין אָנבליק פון אָט דעם פאַקט.

און דאָס איז אַן איבערלעבונג וואָס איז אָנגעטאָן אין אַזא שיינער און קראַפטפולער פאָרם אַז עס וואָלט מיך זייער געוואונדערט, ווען נאָך דער דאָזיגער שריפט וואָלט מען ניט פאַרעכנט ליבערמאַנ׳ען צו די פּאָעטן.

„אונזער פריינט”, (מאָנטעווידעאָ, אורוגוואַי)

## מענטשן וואָס זעען בלויז דעם שוים

פון

י. צודיקער

מענטשן וואָס האָבן א באַגרעניצטן בליק זעען ניט ווייטער ווי די אייגענע נאָז, אדער זעען בכלל גאָרניט און אַז עס קומט אויס אַזעלכע צו שטיין ביי די ברעגן פון א צוכוואַליעטן און צושטורעמטן ים זעען זיי ניט מער ווי דעם שוים.

אונטן ווייט אָפּגעטראָטן פון ברעג קומט פאָר א קאַמף צווישן די נאַטור כוחות און נאַטור סטיכיע, כוואַליעס ווערן געטריבן און צושמעטערט אויף זייער וועג, שטעלן זיך אליין אָפּ און ווערן פאַר־ניכטעט אדער רייסן אָפּטמאָל מיט אנדערע — זיי אבער, די מענטשן מיט די באַגרעניצטע בליקן זעען דאָס אַלץ ניט, אינטערעסירן זיך ניט מיט דעם אַלעמען, זיי זעען בלויז דעם שוים.

און פון אַזאַ שוימיגן בליק קומט מען דעריבער צו שוימיגע און שעדלאַכע אויספירן.

נאָך ערגער ווי אין דער נאַטור, זיינען אזעלכע בליקן און אויספירן שעדלאך, ווען מען פּרוּווט זיי אָנווענדן אין דער מענשלאַכער געזעל־שאַפט.

עס איז שוין געוואָרן כמעט א שאַבלאָן — כאָטש דאָס קאָן פאר קיין פאַל ניט מינדערן די ערנסטקייט פון דער זאַך, — דער אויסדרוק, אַז מיר לעבן היינט אין איינער פון די טראַגישסטע און גרעסטע מאָ־מענטן אין דער מענשלאכער געשיכטע, אין א מאָמענט ווען פעלקער ווערן איבערגעפאלן, לענדער ווערן פאַרניכטעט, מיט דער לייכטקייט און שנעלקייט פון די „האלד־אַפּ" געשיכטעס אין די האָליוואודער פילמס.[1] אין א מאָמענט ווען 500 קילאָדיגע באָמבעס צושמעטערן די שארבנס פון דריי יעריגע קינדער אויף די גאסן פון שפּאַנישע און כינעזישע שטעט;[2] אין א מאָמענט ווען די מאָדערנע הונען פון דער היינטיגער צייט — דער פאַשיזם פאַרמעסט זיך אויף דער גאַנצער מענשלאכער קולטור,[3] ווען אויף די גאַסן פון בערלין און אנדערע שטעט פון „דייטשן רייך" ווערן אויפגעשטעלט שייטערס פאר דאָס בעסטע פון מענשלאכן גייסט, ווען עס ווערט באטראכט ווי א געזעץ די דערקלערונג פון יענעם נאַצי סאַטראַפּ, אז „ווען איך דערהער דאָס וואָרט קולטור כאַפּ איך זיך צו מיין רעוואָלווער". אדער די צווייטע דערקלערונג פון א „טויט דער אינטעליגענץ". אין א מאָמענט ווען אַ הייפל סאַטראַפּן ווילן זיך פארמעסטן אָפּצושטעלן דעם גאַנג פון דער זון אויפ׳ן הימל פון דער מענשלאכער געשיכטע.

בעת דער גרויסער פראנצויזישער רעוואָלוציע, ווערט דער־ציילט, האָט דער גרויסער דייטשער דיכטער געטע צוגערופן זיינע שילער און אָנווייזנדיג זיי אויף דער פראנצויזישער גרענעץ געזאָגט: „אָט דאָ ווערט געשאפן מענשלאכע געשיכטע". א וואָרט וואָס וואָלט היינט געדאַרפט געענדערט ווערן אין א פאַרקערטער ריכטונג, אָנווייזנ־דיג אויף דייטשלאנד און אנדערע פאַשיסטישע לענדער צוגעבנדיג, אז דאָ ווערט פארניכטעט און צושטערט די מענשלאכע געשיכטע.

אויב דער גורל פון די פעלקער אַלס גאנצע איז גרויזאם און פּאָליטיש קאָמפּליצירט, איז זי נאָך מער טראַגיש און קאָסמיש דער־

1) ווי למשל סטאַלינ׳ס אָנפאַל אויף פינלאַנד.

2) און פינישע. און קאָמוניסטישע באָמבעס ווען זיי עקספּלאָדירן מאַכן אויך ניט קיין חילוק צווישן אַלטע לייט און דריי יעריגע קינדער, און צווישן קאַפּיטאַ־ליסטן און ארבייטער. .......

3) און דער קאָמוניזם האָט געמאכט מיט אים יד אחת.

שיטערדיג ביי די אידישע מאַסן, הויפּטזעכלאך פון די אידישע מאסן וועמען עס קומט אויס צו לעבן אין די פאַשיסטישע לענדער וואו דער פאַשיזם האָט אַן איינפלוס, אין דער רעגירונג אָדער אין דער געזעלשאפט.

מיר גלויבן, וואָס אַן אמת ווייניג אין קאָנען געגנשטעלן דער פאַשיסטישער גרויזאַמקייט און בעסטיאַליטעט די שטארקייט פון אַ שיין אָנגעשריבן וואָרט, אדער דיכטעריש ווערק — דעם פאַשיזם מוז מען אנטקעגנשטעלן זיין אייגן געווער (כאָטש פאר קיין פאַל ניט איבערנעמען די חיה׳שע ברוטאלע פאָרמען זיינע). עס וואָלט אָבער אַן צווייפל געווען א גרויסע זאַך, וואָס וואָלט אפשר מעגלאך אויך פאַרלייכטערט אונזער מוט און גלויבן אין אנאנדערע און בעסערע צייט, ווען עס וואָלט זיך געפינען דער גרויסער דיכטער אדער נביא,[4] וואָס זאָל טאָקע איצט, אין דער גרויזאַמער און טראַגישער צייט, אויסזינגען דאָס ליד פון אונזער טיפן צער און צאָרן, וואָס זאָל אויפמישן פאר אונז — אויף א דיכטערישן אופן — די טויזנט יעריגע בלעטער פון דער מענשלאכער און אידישער געשיכטע און אונז וויזן די אייביגע כחות פון מענשלאכן פּראָגרעס; די אומשעצבארע יסודות פון דער מענשלאכער קולטור אין קאַמף פאר פרייהייט; וואָס זאָל אונז וויזן די בלוטיגע פעדים, מיט וועלכע דער גורל פון אידישן פאָלק איז שטענדיג געווען געבונדן מיט׳ן גורל פון די פאַרויסגייער, צוקונפט שטרעבער, קעמפער און צושטערער פון די אוועקגייענדיגע און אונ־טערגייענדיגע תקופות; וואָס זאָל פאר אונז אָנצייכענען די פערס־פעקטיוון און שטרעבן פון א ליכטיגער צוקונפט, פון פולשטענדיגער נאַציאָנאלער און סאָציאַלער באפרייאונג.

אַזאַ דיכטער איז אָבער דערווייל נאָך ניט געקומען, אזעלכער וואָס זאָל באווייזן ארומצונעמען דעם טיפן ווי פון דער איצטיגער צייט, האָט זיך נאָך דערווייל ניט באַוויזן — אנשטאָט דעם זיינען געקומען אזעלכע וואָס זעען בלויז דעם שוים פון צושפּריצטע כוואַליעס און מער ניט.

מיר וועלן זיך נאָך ביי א געלעגנהייט אָפּשטעלן ברייטער אויף די אלע וואָס פּרואוון זיך (און אויף אַ שעדלאכן אופן) אויפכאַפּן דעם „ווי פון אונזער צייט״ און כאַפּן מער ניט אויף ווי די אייגענע אומ־באהאָלפנקייט, היינט וועלן מיר דאָס טאָן מיט דעם ביכל אָדער

---

4) צו וואָס טויגן אייך נייע נביאים, די אַלטע האָט איר שוין אויסגעפּאַלגט ?

בראָשור פון חיים ליבערמאַן, אַ ביכל מיט א סך פּרעטענזיעס צו דער גאַנצער וועלט, הויפּטזעכלאך צו „זיי״, צו די גוים, און א סך אויסגערעכנטע מעלות און פאַרדינסטן וואָס „מיר״ אידן, דאָס פאָלק פון גייסט, וואָס לעבט ווי „א רויז צווישן דערנער״ האָט אריינגעטראָגן צו דער וועלט — כאָטש זי, די וועלט הייסט דאָס, האָט דאָס ניט געדאַרפט און הויפּטזעכלאך די וועלט האָט זיך דאָס ניט פאַרדינט.

מיר האָבן וואָס אַן אמת קיינמאָל ניט צופיל דערוואַרט פון חיים ליבערמאַן. נאָך זיינע ערשטע מער־וועניגער געלונגענע אָפּהאַנדלונגען און עסייען איבער ערנסט טאָלער, יודזשין אָניעל א. א. איז זיין פּובליציסטישע ארבעט געווען אַן אָנגעצייכנטע: א דורכשניטלאכער „פאָרווערטס״־זשורנאַליסט מיט א גרויסער נייגונג צו סקאַנדאַלן. דאָס האָט ער דאָ מיט אַ יאָר צוריק פארשריגן דעם חשוב׳ן וועטעראַן פון דער אידישער געזעלשאַפטלאכקייט, דעם דאָקטאָר חיים זשיטלאָווסקי אלס פאַשיסט און אלס... אַגענט פון מאָסקווע. (ביי חיים ליבערמאַנ׳ען פאָרן זיך אַזעלכע זאַכן גאָר לייכט [5]). דאָס האָט ער דאָס ארויסגעלאָזט אַ פאַמפלעט געגן די „שדים פון מאָסקווע״ [6]) (ערגעצוואו אנדערש זעט ליבערמאַן קיין שדים ניט). דאָס האָט ער צו אַזוינס געקאָנט דער אונטערגאַנג פון אידיש א. א. וו.

אָבער צו דעם וואָס ער דערטראַכט זיך און צושרייבט זיך אין דער דאָזיגער בראָשור, איז ער נאָך ביז איצט ניט דערגאַנגען און ביז איצט ניט געוואגט — בלויז אין אַזאַ שעדלאכע און דעמאָראַליזירנדיגע צייט ווי אין דער איצטיגער האָט ער צו אַזוינס געקאָנט דערגיין.

מיר ווילן דעם „אינהאַלט״ און די ארויסגעזאָגטע געדאַנקען פון דאָזיגן ביכל באַטראַכטן גענויער.

דאָס דאָזיגע ביכל, געהילט אין שוואַרצע טאָוולען, טראָגט דעם נאָמען „אין טאָל פון טויט״ מיט׳ן אביסל דייטשמערישן הינטערקעפּל „געדאנקען וועגן אונזער צייט און אידישן שיקזאַל אין איר״ (אין דער צייט הייסט דאָס) און איז געשריבן אין א ביבלישער שפּראַך און פאַרמאָגט עלף קאַפּיטלאך.

---

5) ביי מיר פאָרן זיך אזעלכע זאַכן שוין גאָרניט לייכט, נאָר ביי די קאָמוניסטן פאָרן זיי זיך לייכט זינט סטאַלין איז געוואָרן דער אַגענט פון בערלין און היטלער דער אַגענט פון מאָסקווע, און דר. זשיטלאָווסקי דער אונטער־אַגענט פון זייביידן (זע זיינע „באַרימטע״ ארטיקלען „דער דריטער צד״).

6) א שאַד, געדאַרפט עס טאַקע אָנרופן „ווערים אין מאָסקווע״.

די געדאנקען וואָס ווערן ארויסגעזאָגט אין דאָזיגן טויטן און יאָמער־טאָל זיינען כלל ניט קיין נייע און פאר קיין פאַל ניט קיין אָריגינעלע, זיי זיינען שוין ארויסגעזאָגט פון אזעלכע חיים ליבערמאַנ׳ס מיט טויזנטער יאָרן צוריק, אזוי ארום אז דאָס פרעגט שוין במילא אַפּ דעם ווערט פון די „געדאַנקען פון אונזער צייט״. זיי ווערן אויך ארויסגעזאָגט דורך די חיים ליבערמאַנ׳ס פון אנדערע פעלקער במילא קאָנען זיי אויך ניט אייגעצוימט ווערן דוקא צום „אידישן שיקזאַל אין איר״ — עס איז די אַלטע קלאַסישע און שוין פארעלטערטע פאָרמול פון איינטיילן אויף „מיר״ און „זיי״, מיר אידן זיינען אלע אָן אויסנאם גוטע, אויסדערוויילטע פאַרשטייער פון גייסט א. א. וו. אָט זיי, די גוים, זיינען אלע אָן אויסנאם שלעכטע, פול מיט שנאה, פארכאפער א. א. וו.

„מיר — זאָגט זיך דאָרטן — זיינען די ערשטע וועלט־מענשן״. „וואָס מיר האָבן געוואוסט שוין ביים באַגינען פון דער געשיכטע ווייסן זיי נאָך ניט אין איר דריטער נאַכט״. „ביי אונז זיינען אלע אייגענע, ביי זיי זיינען אלע פרעמדע, מיר עפענען האָריזאָנטן, זיי פאַרצאָמען גרענעצן״, „זיי האָבן זיך גענומען די ערד און מיר האָבן גענומען דעם הימל״ א. א. וו., א. א. וו.

מיר וואָלטן געקאָנט די טיראדע פון אזעלכע אויסצוגן נאָך ציען און ציען, דאָס גאנצע עטלאכע און דרייסיג זייטיג ביכעלע איז אָנגע־פילט מיט זיי, ווי די דרשות פון די אמאָליגע מגידים. עס פעלט בלויז דאָרטן דער באַקאַנטער משל, אז אידן זיינען געגליכן צו אָן עפּעלע... מיר וועלן בלויז אויסזוכן אייניגע די אממערסטן כאַראַקטעריסטישע.

„מיר״ זיינען א פאָלק פון לויטער „נביאים״, „מיר זיינען דער געשאַף פון א אידעע״, אז ער (גאָט) האָט א שליחות שיקט ער זיי דורך אונז. ער רעדט מיט אונז ווי א גלייכער מיט גלייכע... „ישראל ואורייתא חד הוא״. „זיי״ זיינען שלעכטע איבערזעצער און שלעכטע נאָכמאכער, מיר האָבן געזאָגט „גאָט״, „און זיי האָבן געהערט קלינגען און ווייסן ניט ווי נאָכצוזינגען. צוואַנציג הונדערט יאָר אָז זיי לערנען ביי אונז וואָס גאָט איז, און עס איז געבליבן פאר זיי א קיינמאָל ניט פאַרשטאַנען וואָרט, און זיי מיינען זיי דינען גאָט און לעסטערן אים אלע טאָג״. „ווען האָבן די קריסטן שוין אמאָל פארגעבן אָדער געגעבן?״ „אלע וועלטן פאַרכאַפּן זיי, זיי שניידן אלע פעלדער, האַקן אלע וועלדער, זויגן אלע אוילן און אלע בלוטן. וואו א מויל וועלן זיי ארויסרייסן דעם ביסן, וואו א גוף וועלן זיי אראָפּפליקן די

לעצטע „שמאַטע", „צוויי פּנים'דיגע באַשעפּענישן זיינען זיי" — געגנוג שוין מיט אַט די אלע לעכערלאכע און איבערדריסיגע ציטאַטן.

און דאָס שרייבט מען היינט, ווען טויזנטער „זייערע" דייטשן שמאַכטן אין די קאָנצענטראַציע לאַגערן פּונקט אזוי גוט ווי מיר,[7] ווען טויזנטער דייטשן פאַריאָגטע און פאַרטריבענע אין אויסלאנד הערן ניט אויף צו דערנעענטערן זיך צו אלע פארטריבענע און פארפאָלגטע בתוכם אויך צו אידן. ווען אפילו אין דייטשלאנד גופא הערט ניט אויף די דייטשע באַפעלקערונג ארויסצואווייזן איר סימפּאַטיע צו אידן — ניט געקוקט אויף אלע פאַרפאָלגונגען און דראָונגען; ווען אין פּוילן הערט זיך יעדן טאָג די שטים פון אויטענטישן פּוילישן פאָלק לטובת די אידישע מאַסן; ווען דאָס שפּאַנישע פאָלק ליידט און קומט אום פון אויסלענדישע און אינלענדישע פאַררעטער, ניט ערגער ווי „מיר" אידן. און פון דער צווייטער זייט האָבן מיר פארברעכער און פאַשיסטן ווי אנדערע. פארמאָגן מיר דען ניט קיין קאַרעסקיס, פאָן ווייזלס און טאַקע ליבערמאנס ווי אנדערע פעלקער?

און אז ליבערמאן צורעדט זיך און פאַלט אָן אויף די יעניגע וועלכע האָבן געשיקט די אידן צו ראַמען רינשטאָקן און בית־הכסא'ס אין ווין מיט די בלויזע הענט, פארגעסט ער אויך ניט פאר איינוועגס אָנצופאַלן אויף איינעם וואָס האָט גראָד ניט קיין שייכות צו אזעלכע וואַנדאַלישע אַקטן געגן וועלכע חיים ליבערמאן גיסט אויס זיין גרימ־צאָרן. פארגעסט ניט צו דערמאָנען „אז אלע תורות זיינען פאראומ־ווירדיגט געוואָרן אין אונזער צייט, וועלכע מיט בלאָטע און וועלכע מיט בלוט. איינע ביי די רינשטאָקן פון וויען, אנאנדערע ביים ווענטל אין דער „לוביאנקא" (???—י. צ.) „סטאַלין[8]) הימלען האָבן ניט די הויך מיט דיר זיך צו פאַרגלייכן". — ווייזט אויס אַז ביי ליבערמאנ'ען

7) די בעסטע מאָס פון די דייטשן דאַרף מען אפשר זוכן ניט אין די טויזנטער זייערע וואָס שמאַכטן אין די קאָנצענטראַציע לאַגערן, אין דייטשלאַנד, נאָר אין די מיליאָנען זייערע וואָס גייען ארום פראַנק און פריי אין די פאראייניגטע שטאַטן און אַנדערע אמעריקאנישע לענדער און וואָס האָבן ניט געפונען פאָר נויטיג אַ פּיפּס צו געבען געגן די היטלער־מעשים אין דייטשלאַנד.. פאַרקערט, זיי האָבן נאָך געגרינדעט „בונדן" אויפ'ן היטלער־מוסטער פון דייטשלאנד.. אין די קאָנ־צענטראציע־לאַגערן זיינען אַוועק נאָר אזעלכע דייטשן וואָס האָבן אויסגעשפּיגן די דייטשישע קולטור פון טאָר און וואָטאַן און האָבן זיך אָנגעזויגן מיט'ן אידישן גייסט פון תנ"ך.

8) איז עס טאַקע געווען אזוי פאַלש מיחס צו זיין סטאַלינ'ען צו „אזעלכע וואַנ־דאַלישע אקטן"? געדענק דעם סטאַלין־היטלער בונד!

זיינען נאָך פאַרבליבן א פּאָר פּסוקים פון זיינע „שדים אין מאָסקווע" און ער האָט פאַר זיי ניט געפונען קיין אַנדער פּלאַץ וואו אריינצו־שטעלן נאָר אין זיין „שוואַרצן טויטן טאָל".

ליבערמאַן בויט ווייטער אויס א „פילאָזאָפיע" וועגן האַז און לייבן און קומט צו דעם אויספיר אז דער אופן פון דעם לייב און דער אופן פון דעם האַז, זיינען ביידע גלייך שיין אין אירע אויגן. לויט דעם אידישן באַגריף איז דער האַז א גרעסערער גיבור"...

ער פאַרגעסט אויך ניט אין זיין נידעריקייט פון טאָל אויך דעם סאָציאַליזם — ווי קאָן ליבערמאַן פאַרגעסן אין אזעלכע זאכן? און ער ווידמעט דעם סאָציאַליזם א גאַנצן קאַפּיטל, א קאַפּיטל פון גאַנצע צוויי שורות... און עס זאָגט זיך אַזוי: „און וואָס זיי האָבן גע־מאַכט פון קריסטנטום, דאָס האָבן זיי אויך געמאכט פון סאָציאַליזם". דאָס איז אַלץ וואָס ער געפינט אויס און ווייסט וועגן סאָציאַליזם.[9]

ליבערמאַן איז אָבער אויך גרויסמוטיג, ער איז גרייט מוחל צו זיין די וועלט און „זיי" אויך בתוכם. ער פרעגט דאָרטן „האָבן מיר געדענקט שפּאַניע אונזער ווייטיג אין שעה פון איר נויט?" „אזוי וועלן מיר אויך ניט געדענקען דייטשלאנד, עס וועט קומען א צייט ווען זי וועט שרייען רחמנות און קיינער וועט איר ניט ענטפערן פריער ווי מיר" — דער דאָזיגער זשעסט דערמאָנט אביסל אין דעם חבר פּיניע אין „מאָטל דעם חזנ'ס" ווען יענער נעמט אראָפּ זיין שליאָפּקעלע און געזעגנט זיך מיט „פּאַניע חזיר" ווע‏מען ער זאָגט אָבער אין דער לעצטער מינוט צו מוחל צו זיין...

און וואו איז דער אויסוועג? ליבערמאַן ווייסט ניט פון אזעלכן. מענטשן וואָס ליגן „אין טאָל פון טויט", טאָל־מענטשן, ווייסן ניט פון קיין אויסוועגן, כאָטש גאָר מיט אמאָל קומט ביי אים אויף א געדאַנק אַז מיר וועלן זיך צוריק אריינציען אין דער נאָרע פון אונזער נשמה און וואַרטן אויף טאָג".

ווי אזוי, פון וואנען וועט קומען דער טאָג? ווער וועט אַזאַ טאָג ברענגען? אפשר טאָקע אויב מיר וועלן ליגן אין דער נאָרע וועלן מיר מיטהעלפן אז אַזאַ טאָג זאָל קומען? אָדער וועט דאָס אפשר קומען פון די „בית־הכסא'ס" פון „זייערע הערצער"?

---

9) מער אין „שדים אין מאָסקווע". פון דעם סאָציאַליזם האָבן זיי („זיי", ניט „מיר") געמאַכט דעם קאָמוניזם, און פון דעם קאָמוניזם דעם פאַשיזם: אַזאַ תכלית ווי די קריסטן האָבן געמאַכט פון קריסטנטום.

דאָס גאַנצע ביכעלע איז שעדלאַך און ניט וועניגער שעדלאַך איז דער געדאַנק פון „פּאַרקריכן אין דער נאָרע״, אַ געדאַנק וואָס איז דורך אַנדערע אויפגעכאַפּט געוואָרן פון צוריקגיין צו די אַלטע צייטן, צום עבר, „צוריק אין געטאָ״.

און אין רעזולטאַט איז דאָס דאָזיגע ביכעלע אַ שעדלאַכער סימפּ־טאָם פון דער שעדלאַכער און דעמאָראַליזירנדיגער צייט אין וועלכער עס קומט אונז אויס היינט צו לעבן.

„אונזער שטימע״ (סאָציאַליסטישע וואָכן־צייטונג, פּאַריז)

# צוריק אין געטאָ

פון

## ש. מענדעלסאָן

אין אַמעריקע און מערב־אייראָפּע האָט זיך ביי אַ טייל פון דער אידישער אינטעליגענץ אויפגעהויבן אַ דיסקוסיע אַ. ד. ט. „צוריק אין געטאָ״, ניט מיט אַ פראַגע־צייכן, ניט מיט אַ כעס־אויסרוף, נאָר פּשוט, הכנעה׳דיג. רעזיגנירט — זאָל די אידישע מאַסע זיך צוריק איינשליסן אין די אייגענע ד׳ אמות. אַרומפּאַנצערן זיך. אַנטלויפן פון דער בייזער, שלעכטער וועלט.[1]

דאָרט — אין יענע מקומות (אַמעריקע, מערב־אייראָפּע) האָט מען אָפן אוועקגעשטעלט די פראַגע. ביי אונז אין פּוילן האָבן זיך בלויז געהערט פון מאָל צו מאָל ניט דרייסטע שטימען. די ווערטער זיינען געוועז איינגעהילט אין וואַטע, זיי זאָלן צו הויך ניט אָפּקלינגען, צופיל ניט רייצן.

לאָמיר פאַרצייכענען אַ פּאָר פאַקטן פון דעם מין.

---

1) דאָס איז אַ ניט־ערלאַכע, וואולגאַרע, פּאַרטייאישע „בונדישע״ דעפיניציע פון דער דיסקוסיע און דעם פּראָבלעם.. קיינער האָט ניט געמיינט אָפּצוטרעטן פּרייוויליג איין שפּאַן פון דער וועלט עקאָנאָמיש, פּאָליטיש און אפילו קולטורעל. דער זין איז נאָר געווען אָן איבערקערן פון די יוצרות: אַז פאַר אידן איז די ערשטע און העכערע קולטור זייער אייגענע און ניט פאַרקערט, און אין דער אידישער קולטור איז דער עיקר די תורה־קולטור און ניט דאָס נייסטע אידישע ביכל אליין. אַנדערש דעפינירט: אידן דאַרפן האָבן אַ אידישן צוגאַנג צו דער גויעשער וועלט, און ניט אַ גויעשן צוגאַנג צו דער אידישער וועלט.

מיט קנאַפּע צוויי יאָר צוריק, ווען עס איז צום ערשטן מאָל געמאַכט געוואָרן דער פּרואוו איינצופירן געטאָ־בענק אין אוניווערסיטעט, האָבן אייניגע פּובליציסטן פון „היינט" געפּרעדיגט — קאַפּיטולאַציע. דערביי דעקלאַמירט וועגן דעם, אַז „מיט שטאָלץ וועלן מיר טראָגן די געלע לאַטע"; „מיר וועלן מיטנעמען אין די געטאָ־בענק אַ גליענדיגן האַס צו די פאַרפאָלגער".[2])

מיט אַ קורצער צייט שפּעטער האָט זיך אין דער אמעריקאנער פּרעסע אָנגעהויבן אַ דיסקוסיע וועגן אויפלעבן אידישע יום־טובים. אויבנאויף קען זיך אויסדוכטן, אַז דאָס זיינען פּראָגן גאָר פון אַן אַנדער כאַראַקטער, אַז דאָס פּראָבלעם ליגט ניט אויף דער געטאָ־ליניע. אָבער — עס איז ניט אַזוי. אונטער די אַלע פאַרשלאָגן ליגט אַ בענקשאַפט „צוריק אהיים". רעסטאַוורירן אלטע פאָרמען לכל־הפחות, אויב עס איז ניט מעגלאך דעם אמאָליגן אינהאלט אויפצולעבן.[3])

דער אידיש־אמעריקאנער דיכטער גלאַטשטיין האָט פאַרעפנטלאַכט אַ ליד: „אַ גוטע נאכט דער וועלט", אין וועלכן ער רופט צו בריחה, צו אנטלויפן, אָפּזאָגן זיך פון דער ארומיגער שלעכטער וועלט.[4])

ווען מען האָט אין דייטשלאַנד געוואָלט איינפירן דעם געטאָ — איז דער דאָזיגער שענדלאכער פּלאַן באַגריסט געוואָרן דורך דעם אָרטאָדאָקסישן „טאָגעבלאַט".[5])

דער אַמעריקאנער עסייאיסט און קריטיקער חיים ליבערמאַן, האָט ארויסגעגעבן אַ ביכל וואָס אָטעמט מיט שנאה צו דער „גוישער" וועלט, וועלכע איז אַזוי אחזריות'דיג לגבי אונז. ער וויל דעריבער צוריק זיך באַהאַלטן אונטער די פליגל פון אלטן אידישן רבונו של עולם.[6])

---

2) וואָס דען, זיך שעמען מיט דער געלער לאַטע, אָדער טראָגן אַ גליענדיגע ליבע צו די פאַרפאָלגער? און ווען עס איז געווען אַ פראַגע פון קאַפּיטולאַציע אדער קאַמף ווען היטלער האָט אַטאַקירט פּוילן, האָבן די פרומע אידן ווייניגער געקעמפט ווי די בונדיסטן? אָדער האָבן די בונדיסטן צום סוף ווייניגער קאַפּיטולירט ווי די פרומע אידן?

3) ווי געפעלט אייך דער פאַרברעכן? אַז די ראַדיקאַלע אידן האָבן זיך איינגעלעבט מיט די גויעשע ימים־טובים, קריסטמעס (ווייגאכטן) אריינגערעכנט, איז מענדעלסאָנ'ס האַרצן אַ סך ליבער.

4) פאַר אַ פּאַרטיי־מענשן איז אלץ אַ „פּראָגראַם", אפילו אַ דיכטערישער אויסגוס פון ווייטאָג און פּראָטעסט.

5) דער „באַגריסט" האָט דאָ זיבן בונדישע חנ'ען.

6) אין אמת'ן שטייט אין ביכל אַזוי: „וואָלטן מיר באַדאַרפט זיצן ביי אלע וועגן און שעלטן די פאַרבייגייער. נאָר דאָס איז די געהיימניס פון אונזער וועזן:

דער צענטראל אָרגאַן פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע אין לאָנדאָן, „העולם", רעדט אָפענער. אָן באַהעלטעניש, אָן צוהיצטקייט. און אזוי צו זאָגן — ניכטער, אויף קאַלט — לייגט ער פאָר צוריק אויפלעבן די אָפגעשלאָסענע גאַסן, דאָס אמאָליגע אינערלאכע געטאָ־לעבן, אפילו אומקערן זיך צו די אמאָליגע פרנסות. קיינער דאַרף אונז ניט. אלע האָבן אונז פיינט. קיינער וועט אונז ניט העלפן, קיינעם רירן ניט אָן אונזערע מורא'דיגעליידן. דעריבער — צוריק צו זיך![7]

אין פאַריז, בעת א דיסקוסיע א. ד. ט. „צוריק אין געטאָ", האָט דער היסטאָריקער א. טשעריקאָווער געפּרוּווט „אָביעקטיוו", אָן ליידנ־שאַפט באַטראַכטן דעם לאָזונג און געוואָלט באַווייזן, אז היסטאָריש־גענומען איז געטאָ ניט געווען קיין גזרה. פאַרקערט, געווען א צייט, ווען דאָס איז געווען גאָר א פּריווילעגיע. ער האָט, אמת, ניט געפּרע־דיגט צוריקצוגיין אויך איצט אין געטאָ, אָבער ער האָט געוואָלט אָפּקילן די היץ, לעשן די געמיטער מיט זאַכלאַך־היסטאָרישער באַ־לייכטונג.

אין דער ערשטער ריי באַטייט דער דאָזיגער לאָזונג — צוריק צו דער אַלטער אידישער קולטור. די באַהעפטונג מיט דער וועלט האָט אונז גאָרניט געגעבן, פאַרקערט, זי האָט אונז אָפּגענאַרט, פאַר־פּירט.[8]

---

מיר האָבן קיינעם ניט פיינט און אזוי פיל'ן ליב. מיר ווילן אויף קיין פאָלק ניט קיין שלעכטס..." מיינט עס „שנאה צו דער גויעשער וועלט"?

און דערדאָזיגער פּאַראַגראַף ענדיגט זיך מיט די ווערטער: „מיר ווילן ניט געדענקען קיין שלעכטס אויף מענשן. ווען מיר זאָלן ווען אלץ געדענקען! וואָלט געווען כאַטש נעם און הענג אויף א שלאָס אויף דער וועלט און פאַרוואָרף דעם שליסל". מיינט עס אַז מיר ווילן אַנטלויפן פון דער וועלט?

7) און **זייער** געשריי איז: וואָס ווייטער **פון** זיך... אָט אין דעם באַשטייט די גאַנצע פראַגע: צוריק צו זיך אָדער וואָס ווייטער פון זיך? אויב ניט צוריק צו זיך וועט עס גיין וואָס ווייטער אלץ **ווייטער פון זיך**.

און אז דער „העולם", טאַקע ווי דער אָרגאַן פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע וואָס שטרעבט צו אַ נאָרמאַלן אידישן שטאַט, האָט ניט געקענט פאָרלייגן „צוריק אויפלעבן די אָפגעשלאָסענע גאַסן" און „אמאָליגע פרנסות" פאַרשטייט זיך פון זיך אליין. וואָס אין „העולם" איז געווען איז דר. י. פייגינ'ס ארטיקל (זע זייט 140) געגן וועלכן עס זיינען, טאַקע אין „העולם", געדרוקט געווען אנדערע ארטיקלען. אַ, נאָבעלע בונדישע ערלאכקייט!

8) און וואָס דער „בונד" האָט דערוואָרט פון דער באַהעפטונג מיט דער וועלט איז אלץ מקוים געוואָרן...

אַלטע אידישע קולטור איז פֿאַראַן בלויז איינע — די רעליגיעזע.[9] איז טאַקע קיין וואונדער ניט, וואָס יעקב לעשטשינסקי זאָגט: „איך מוז אויסזאָגן דעם סוד, אז דוקא דער בעסערער און העכערער טייל פון דער אידישער אינטעליגענץ איז אין הארצן דאנקבאר דער „אגודה", וואָס זי האַלט אויף די געטאָ־ווענט... אַ שרעק פֿאַלט אָן ביים געדאַנק, וואָס וועט ווערן פון אונז, אויב די דאָזיגע פארלאָזטע און פֿאַרמיאוסטע פון אונז קוואַלן וועלן אויסגעשעפּט ווערן און די רעזערוון וועלן אויס־גיין". (על פרשת דרכים).

***

רעוויזיע אויפ'ן גאנצן פראָנט. הן פּאָליטיש, הן קולטורעל, ווייל צוריק אין געטאָ איז דאָך ניט קיין אויסערלאכער לאָזונג. עס גייט דאָך ניט אין אויסבויען א טויער ביי דער ירדן־גאַס. בעיקר איז דאָס געבונדן מיט פאַרמען פון אויסלעבן זיך און מיט פּאָליטישער איינ־שטעלונג. דער רוף באַטייט — אוועק פון פּאָליטישן קאמף און צוריק צו שתדלנות, אוועק פון גרויסע וועלט־אידייען און צוריק צו משיח־דערוואַרטונג.[10] אנשטאָט מלחמה — זאָל קומען תפילה, תשובה און צדקה;[11] אנשטאָט קולטור מיט א וועלט־אָטעם — צוריק עפּענען די פאַרשטויבטע ספרים־שאַפעס.[12] אינערלאָך צונויפגיסן צוריק די אידישע מאַסע אין איין פאַרמלאָז באַשעפעניש.[13] אָפּזאָגן זיך פון דעם דערלייטערנדיגן דיפערענצירונג־פּראָצעס, וואָס קומט פאָר אין אידישן לעבן אין משך פון העכער 50 יאָר.[14]

9) נאָכ'ן נאַציישן חורבן־פוילן האָט וויינגעסטנס איין בונדיש האַרץ זיך אליין פאַרבענקט נאָך דער אלטער אידישער קולטור, דער רעליגיעזער (זע יעקב פּאַט, „צוקונפט", דעצעמבער 1939).

10) די משיח־דערוואַרטונג איז דאָך די גרעסטע וועלט־אידייע.

11) הלואי וואָלט די גאַנצע וועלט אויסגעביטן מלחמה אויף תשובה, תפילה וצדקה. און מענדעלסאָן אליין איז גראָד אין „בונד" א ספעץ אויף קלייבן צדקה.

12) דער אַלטער השכלה־געשריי פון דער „בת השמים"! אין די אידישע „פאַרשטויבטע ספרים־שאַפעס" ליגט די אמת'ע קולטור מיט'ן „וועלט־אָטעם". דער שטויב איז גאָלד־שטויב.

13) ניטאָ קיין מער פאַרמלאָזע באַשעפעניש ווי דער אידישער לינקיזם. ניטאָ קיין מער אויסגעפּאַרמירטע מאַסע, און קיין שענערע, ווי די **אמת אידישע** מאַסע, וואָס איר בילדלאכקייט איז די סאַמע עסענץ פון דער אידשער ליטעראַטור — מענדעלסאָנ'ס גאנצער „קולטור־וועזן".

14) דער „דערלייטערנדיגער" פּראָצעס פון די לעצטע 50 יאָר האָט אונז געגעבן, פונדרויסן, בלויז צוויי וועלט־מלחמות, א צוויי טוץ „לאָקאלע" מלחמות און הונ־דערטער פּאָגראָמען און חורבנות; און אינווייניג, דעם גייסטיגן אונטערגאנג פונ'ם רוסישן אידנטום און א אידישע וועלט־יוגנט וואָס קען אפילו ניט קיין צורת אלף.

אוועקשטעלן א טויבע, גרויסע וואַנט, וואָס זאָל אָפּטיילן — „מיר״ און „זיי״ — מיר — די אידן און זיי די גוים.

איין וואָרט בלויז וועגן דער געאָגראַפיע פון דעם דאָזיגן לאָזונג. די ליידנדיגע אידן, וויפיל עס רעדט זיך וועגן קאָמפּאַקטע מאַסן — זיינען נאָך מיר דאָ. און פּאָרט האָבן אין פוילן בלויז א פּאָר מענשן ניט דרייסט אויסגעריטשעט די „אידייען״, דאָרט אָבער, וואו אידישע אינטעליגענץ איז ניט פאַרבונדן מיט׳ן מאַסן־לעבן, דאָרט, וואו זי ווערט ניט געגערט מיט מאַסן־קאַמף און מאַסן־אימפּעט — דאָרט איז דער ענין געוואָרן „וויכטיג״, דאָרט „דיסקוטירט״ מען דאָס פּראָבלעם. אין א פּאַריזער קאָפע זוכט מען עצות פאר דעם ליידנדיגן אידישן פאָלק.[15] וויל איינער שיקן אין א קאָלאָניע, אן אנדערער אין געטאָ. עס ליגט אויף דעם אַלעם א חותם פון קראַנקער אינטעליגענ־טישער אפּיטרופּסות איבער א לעבעדיגן, קאמף־פעאיגן און קאַמף־גרייטן אָרגאַניזם.

ווען מיר זאָלן וועלן די דאָזיגע דערשיינונגען אָפּשאַצן אינדיווידועל, דאַן איז זי טראַגיש. רופט ארויס מיטלייד.

זיכער זיינען די געטאָ־נביאים שטארק צעוויטיגט פון דעם פּיין, וואָס פילט אָן דאָס אידישע לעבן. זיי זעען, אז דער בעכער איז נאָך ניט אויסגעטרונקען ביז׳ן דנאָ. יעדער טאָג, ברענגט נייע ביטערניש. אָ ווירבל־ווינט בלאָזט אָן אויפהער. עס וואַקלען זיך געביידעס, עס וואַנדערן איבער דער וועלט מענשן ווי משוגענע הינט, געטריבענע און געיאָגטע.

דער צובונטעווועטער כאָם הערשט. ער איז גראָב, בלוטדורשטיג. ווי פון אוראַלטע היילן האָבן אָנגעהויבן ארויסקריכן ברואים — האַלב מענש, האַלב חיה. מיט לאַנגע נעגל, פּארוואָקסענע גלידער און מיט זייער לאַפּע צוקוועטשן זיי קולטור־דערגרייכונגען פון יאָרהונדערטער.[16] אויף פּאַרבלוטיגטע וועגן בלאָנדזשעט ארום איינזאַם דאָס שענסטע און היילינסטע, וואָס די מענשהייט פּאַרמאָגט — די פרייהייט. און די פרייהייט וועקט און רופט צו ווידערשטאַנד, צו שלאַכט!

איז זי — אָ טייל פון דער אינטעליגענץ — פּארלאָרן געוואָרן. זי קען זיך ניט געפינען. דער אָנהאַלט און אָנשפּאַר־צענטר איז פּאַר־

15) אין דער פּאַריזער קאָפע זיצן דאָך פּוילישע אידן. און מענדעלסאָן אליין איז דאָרט געווען אן אָפטער גאַסט.

16) און ווילן די בונדיסטן אליין ניט צעקוועטשן די „קולטור־דערגרייכונגען פון יאָרהונדערטער״ וואָס ליגן אין די „פּארשטויבטע ספרים־שאַפעס ?״

שוואונדן. א שוידער נעמט דורך אונזער לייב, ווען מיר קוקן אריין אין די עלנט־אויגן פון איר פארלאָרנקייט.

אלעמאָל — אין צייטן פון רעאַקציע — דערשרעקט זיך די אינטעליגענץ. זי האָט דאָך זעלטן געגלויבט אין אייגענע כחות, זי שטעלט שטענדיק אויף דעם כוח און קראַפט פון יענעם — פון פראָלעטאַריאַט[17]) — אין מאָמענטן פון אויפגעשטורעמטער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע. אָבער — ווען עס פאַלט אָפּ די כוואַליע, ווען די צוברויזטע וואַסערן ווערן פאַרשטומט, דעמאָלסט קומט אויף פּחד אין זייערע הערצער.

דערצו נאָך אין אזעלכע בהלה־טעג. דערצו נאָך, ווען דער מבול פון פאַשיזם איז אזוי אומגעריכט געקומען און מיט אזא קראַפט אויסגעבראָכן אלע טיר־ און טויערן.

די דאָזיגע פארלאָרנקייט איז פאַרשטענדליך, ווען מיר ווען די דערשיינונג באטראכטן בלויז פון דעם פּערזענלאכן שטאנדפּונקט. וואָס איז מיט די מענשן געשען? ווי אזוי זיינען זיי צו דעם געקומען?

אָבער — די פראגע האָט א גרויסע געזעלשאפטלאכע באדייטונג. דער לאָזונג איז ניט איצט געבאָרן געוואָרן. ער איז איצט רייף געוואָרן, אָבער ער איז א קינד פון א באַשטימטן אופן זען און פארשטיין אונזער לעבן. און ער טראָגט אין זיך גרויסע געפארן.

די געטאָ־פריידיגער באַמיען זיך איצט צו רעווידירן די געשיכטע. זיי ווילן אויסגעפינען די פּאָזיטיווע זייטן פון דער דאָזיגער דערשיינונג אין אידישן לעבן. אויף אַ שטח פון יאָרהונדערטער האָט דאָך דאָס אידישע פאָלק זייַנע ווערטן געשאַפן אין דער אטמאָספער פון אינערלאַכער אָפּגעשלאָסנקייט און זיך דערמיט געדעקט ווי א פּאַנצער געגן אונטערגאנג. היינט, ווען עס וואָיען אזעלכע צושמעטערנדיגע ווינטן איז דאָך באַזונדערס נויטיג ארומצוצוימען זיך מיט פעסטע מויערן. און אויף אַזאַ אופן אָפּהיטן די „נאַציאָנאלע אייגנאַרט" פון חורבן.

די פארלאָרנקייט פון דער גרופּע אינטעליגענץ, וואָס זוכט דעם וועג צוריק, דיקטירט איר בפירושע פעלשונג פון דער געשיכטע.

דער געטאָ בכלל גענומען איז געווען פרוכטלאָז אין אידישן לעבן.[18])
ער האָט געשאַפן א קריפּל — פון אויסלעבן זיך אין דער טיף. אויף א

17) ווען ניט די אינטעליגענץ וואָס זאָל אים אויפקלערן וואָלט דער פּראָלעטאַריאט גאָרניט געוואוסט אז ער האָט כח.

18) דאָרט איז „בלויז" פאַרטיפט געוואָרן די תורה, געשאפן געוואָרן רש"י און תוספות, דער תלמוד איז פאַרפעסטיגט געוואָרן אין פאָלק, גרויסע תורה־צענטערס

ניט נאָרמאַלן, געקינסטלטן אופן. עס האָט געפעלט לופט, עס איז געווען וועניג שטח. אַלץ ארום איז געווען פאַרשטעלט מיט דראָט־פאַרצוימונג. א פאָר טריט און שוין איז געשטאַנען דאָס געטאָ־טויער, א טרויעריגער, שוידערלאכער סימבאָל. און פונקט, ווי מען האָט ניט געקאָנט אויסבויען די הייזער און בתי־תפילות אין דער הויך און זיך איינגעגראָבן אונטער דער ערד — אזוי איז דאָס גאַנצע פּאָליטישע און קולטור־לעבן געווען באַגרענעצט, פאַרענגט. אָן אָטעם, שטיקעניש, ארום האָט געברויזט א וועלט,[19] צו דער אידן־גאַס זיינען דערגאַנגגען ווייטע אָפּקלאַנגגען,[20] קוים באַמערקבאַרע שאָרכן.[21] ווי אין א תפיסה. יחידים האָבן זיך צובונטעוועט ניט געקענט מער אויסהאַלטן און זיינען אַנטלאָפן. דעזערציע? — אפשר. אָבער פאַרשטענדלאכער בונט.

דער געטאָ האָט געבוירן טרוימער, אָבער זייער וועניג מענשן פון טאַט. א חלום פון אַן אַנדער וועלט, אָבער אָן כוח דעם טרוים צו רעאַליזירן.

אין דעם איז געלעגן די טראַגעדיע פון דעם געזעלשאַפטלאַך־פּאָליטישן לעבן פאַר א פאָר הונדערט יאָר נאַכאַנאַנד. פון דאָגען אַזעלכע פאַרשפּעטיגטע פּראָצעסן אין אידישן לעבן.[22] צייטן פון אויפבלי אין דער אידישער געשיכטע זיינען שטענדיג געבונדן מיט דערנענטערונג מיט אַנדערע פעלקער, מיט אַנדערע קולטורן. אויסגע־ברייטערטער רוים איז דער סימן מובהק פון לעבנס־אויפשטייג.

עס איז אויך א ליגן, אז די אזוי־גערופענע אידישע קולטור האָט זיך אַנטוויקלט אונטער די געטאָ־מויערן. פונקט פאַרקערט. די דאָזיגע שוואַרצע עפּאָכע ברענגט קולטור־דעגענעראַציע, אינערלאכן פונאַנ־

---

האָבן עקזיסטירט, דער חתם סופר, דער מהר״ל, דער ווילנער גאון זיינען אויפּ־געשטאַנען, דער חסידיזם איז געבאָרן געוואָרן, און נאָך אַזעלכע נאַרישקייטן...

19) אודאי, מלחמות, קרייצצוגן, אינקוויזיציעס...

20) בלויז דער בריאָזג פון די טויערן און קייטן ווען מען פלעגט פאַרשליסן די געטאָס פאַרנאַכט, אין גויעשע חגא׳ס, בשעת רעליגיעזע פּראָצעסיעס.

21) ווען מען פלעגט אונטערוואַרפן אַ געקוילעט קריסטלאַך קינד פאַר א בלוט־בלבול, ווען מען פלעגט אריינוואַרפן די שמוץ פון די קריסטלאכע הייזער און גאַסן, ווען מען פלעגט קומען אוועקנעמען אידישע פאַרמעגנס... אַביסל רוישיגער איז געווען ווען מען פלעגט קומען אין געטאָ מאַכן פּאָגראָמען, אויסקוילענען גאַנצע אידישע קהילות.

22) די פאַרשפּעטיגטע פּראָצעסן זיינען געווען אין דעם גויעשן לעבן, ווי למשל, אַלגעמיינע בילדונג פאַר די מאַסן וואָס איז ביי אידן לאַנג געווען אַ חק ולא יעבר...

דערפאַל. די קולטור־שאַפונג פון 16טן ביז'ן סוף פון 18טן יאָרהונ־דערט אויפ'ן רעליגיעזן געביט איז אין תוך אַן עקלעקטישע, האָט ניט קיין שוואונג, קיין שמץ פון אָריגינאַליטעט, חוץ די באַוועגונגען, וועלכע האָבן געטראָגן רעבעליע, אויפשטאַנד. זאָל זיין אין די ראַמען פון דער אַלטער קולטור, אָבער זיי האָבן פאַרמאָגט זוימען פון נייע געוויקסן, וואָס וועלן שפּעטער אויסוואַקסן.

ערשט, ווען די וועלט־ווינטן רייסן זיך אַריין אין אידישן לעבן[23]) — הויבט אָן שלאָגן דער שטראָם פון שעפערישקייט. אַן עמאַנציפּאַציע־פּעריאָד אָן השכלה איז ניט דענקבאַר — די מאָדערנע אידישע קולטור. אָבער אַלע האָבן איין יסוד — צוזעצן די וואַנט. באַהעפטן זיך מיט א וועלט־אידעע. לכתחילה אומבאַהאָלפן, פרימיטיוו און מעכאַניש (די השכלה) שפּעטער — קומט דער סינטעז — דאָס נייע אידישע קולטור־וועזן.

דערצו זיינען נויטיג געווען ברייטערע האָריזאָנטן, ווייטערע אויס־בליקן. ווען די איינגעקאָרטשעטע חיה, וואָס האָט געפּויזעט אויף אַלע פיר און געזען פאַר זיך דאָס קליינטשיקע שטיקל ערד, וואו מען קען אויסגראָבן אביסל שפּייז — האָט זיך א שטעל־געטאָן אויף צוויי פיס און דערזען פאַר זיך א גרויסע וועלט און באַפרייט די הענט אויף אַרומנעמען, באַהערשן די וועלט — ערשט דאַן איז געבוירן געוואָרן

23) די וועלט־ווינטן זיינען גאָר געגאַנגען פאַרקערט, פון דעם אידישן לעבן צום גויעשן. אָט וואָס עס איז געווען דער אמת'ער זין פון דער געטאָ: ס'איז געווען אַ מלחמה צווישן איד און גוי און הונדערטער יאָרן זיינען די אידן געווען באלאגערט אין דער געטאָ ווי אין אַ פעסטונג און האָבן זיך ניט געוואָלט אונטערגעבן. פאַרוואָס האָבן די אידן געקעמפט? פאַרן רעכט פון דער מינאָריטעט צו גלויבן ווי זי פאַר־שטייט און צו לעבן ווי זי וויל. ארום און ארום האָט געשאַלטעוועט די קריסטלאַכע קירכע, צענדליגער פעלקער האָבן איינס נאָכ'ן אַנדערן זיך געבויגן פאַר איר, אוועק־געוואָרפן זייערע געטער און זיך גע'שמד'ט. בלויז די אידן האָבן זיך ניט געוואָלט אונטערגעבן — די איינציגע גרופּע מענשן אין גאַנץ אייראָפּא, אין דער וועלט. אַזוי לאַנג ביז די גוים האָבן איינגעזען אַז אידן האָבן טאַקע רעכט, עס איז אָנער־קענט געוואָרן דער דעמאָקראַטישער פּרינציפּ פון רעליגיעזער פרייהייט און פון מינאָריטעטן־רעכט. ווען דערדאָזיגער געדאַנק איז געוואָרן שטאַרק גענוג איז געקו־מען די פראַנצויזישע רעוואָלוציע און האָט פאַרענדיגט דעם פּראָצעס.

פון וואַנען אַלזא האָבן געטריבן די וועלט־ווינטן, פון דער וועלט צו דער געטאָ, אָדער פון דער געטאָ צו דער וועלט?

מיט'ן קומען פונ'ם פאַשיזם האָט זיך דער אַלטער קאַמף אָנגעהויבן אויף דאָס ניי.

**די גרויסע אַמביציע, וואָס הייסט סאָציאַליזם.[24]) אויף דער ערד האָבן געקענט וואַקסן נייע, שמעקעדיגע פרישע קולטור־פּירות.**

**צווי דערשיינונגען, וואָס איינע קען אָן דער אנדערער ניט קומען — וועלט־אַנוגג און דיפערענצירונג. ערשט, ווען אין אידישן לעבן איז געקומען דער באַוואוסטזיין פון קלאַסן־דיפערענצירונג האָט געקענט דערוואַכן דאָס באַפרייענדיגע וועלט־געפּיל.[25])**

**און אין דער נייער מלחמה פון אפילמיאַניגער ארמיי מיר די אידן און זיי די גוים. נאָר מיר —ארבעט־פאָלק און זיי — די אויסנוצער.**

**און אין דער נייער מלחמה פון א פילמיאַניגע ארמיי געגן מאכט־האָבער איז אַנטיסעמיטיזם — אַן עטאַפּ. א פּיינפולער פאַר אונז, א בלוטיגער, אָבער — אַ פאַרגענגלאַכער, א דורכגייענדיגער.[26])**

---

24) די אידן האָבן שוין געפּריידיגט די יסודות פון סאָציאַליזם (אין תנ״ך) און פּראַקטיצירט אַ סאָציאַליזם (די אסיים) ווען די אייראָפּייאישע מענשהייט האָט נאָך „געפּויזעט אויף אַלע פיר״.

25) היטלער מיט זיין „באַפרייענדיגן וועלט־געפיל״ ווייס ניט פון קיין קלאַסן־דיפערענצירונג ביי אידן: ביי אים איז דער אידישער קאַפּיטאַליסט און דער אידישער ארבעטער אַלץ איין שוואַרץ־יאָר. און סטאַלין מיט זיין באַפרייענדיגן וועלט־געפיל פאַרגעסט אויך די קלאַסנדיפערענצירונג ווען ער פייניגט סאָציאַליסטן, בונדיסטן אריינגערעכנט.

און וועגן דעם גויעשן סאָציאַליסט: ווען ער זעט ווי א פאַשיסטישער ארבעטער פייניגט א אידישן קאַפּיטאַליסט — מיט וועמען סימפּאַטיזירט ער: מיט׳ן ארבעטער אָדער מיט׳ן קאַפּיטאַליסט? מיט וועמען דאַרף ער סימפּאַטיזירן, פריינט מענדעלסאָן? מיט וועמען סימפּאַטיזירט איר?

26) אַנטיסעמיטיזם אַן עטאַפּ אין דער געשיכטע פון קאַפּיטאַליזם — און פון וואַנען איז געקומען דער אנטיסעמיטיזם פאַר די צייטן פון קאַפּיטאַליזם?

אַלע טעאָריעס פון אנטיסעמיטיזם ווייזן אונזערע ראַדיקאַלן, נאָר ניט די אידישע. דער מדרש פרעגט: מפּני מה נקרא שמו סיני — פאַרוואָס איז דער באַרג אַנגערופן געוואָרן „סיני״? און ער ענטפערט: מפּני שממנו ירדה שנאה לישראל — ווייל פון דאָרט שוין איז אראָפּ די שנאה צו די אידן! צוליב דער תורה האָט מען אונז פיינט, ווייל די תורה שטראָפט, מאָנט, רופט צו אַן אנדער וועלט צו וועלכער די גוים איז שווער געווען צו גיין.

דערזעלבער מדרש פרעגט: מפּני מה נקרא שמו חורב — פאַרוואָס רופט זיך דער באַרג סיני אויך חורב? און ער ענטפערט: מפּני שממנו ירד חורבן על העמים — ווייל פון אים איז אראָפּ אַ חורבן אויף די פעלקער — די תורה וואָס איז געקומען חרוב צו מאַכן די געצן, די רשעים און רשעות, די זינד, די הערשאַפט פון מענשן איבער׳ן מענשן.

דער קאַמף האָט נאָך ניט אויפגעהערט און אַזוי לאַנג ווי די תורה וועט ניט באַזיגן די גאַנצע וועלט וועט ניט אויפהערן דער אַנטיסעמיטיזם.

שטייט דעריבער די פראגע צוריק אין געטאָ אין אַן אַנדער פלאַך. פעסימיזם. פארלאָרענע האָפנונג. אויסגעליידיגטע הימלען, בריחה פון לעבן. אויסבויען זיך א האַרטע שילדקרעט־הויט, אָדער — קאַמף פאר נייע וועלטן, פאר נייע ווערטן, פאר א נייעם מענשן, און דאן — צונויפבינדן זיך מיט גרויסע, דערהויבענע אידעאַלן, וואָס טראָגן אין זיך געבורט פון עטישע ווערטן און יושר׳דיגער אָרדנונג.[27]

די אידישע מאַסן אין פוילן האָבן אין זיך דאָס גלויבן געפונען, אַ טייל פון דער אידישער אינטעליגענץ, וועלכע האָט אַלעמאָל פּאַראַזיטירט אויף דער מאַסע און נאָכגעלאָפן איר — האָט זיך איצט פחדנות׳דיג צוריקגעצויגן![28]

„אידישע וועלט״ (פילאַדעלפיא)

# אין פּאַטאָס פון אייביקייט

## פון

## הרב אברהם ביק

שוין עטלאכע מאָנאַטן, ווי די אָפיציעלע אידישע קריטיק, ספּעציעל די פון יענער זייט ים, רעדט מיט באגייסטערונג וועגן א קליין ביכעלע, פון דריי און דרייסיג זייטן. דאָס ביכל הייסט „אין טאָל פון טויט״, (געדאַנקען וועגן אונזער צייט און אידישן שיקזאַל אין איר תשרי תרצ״ט).

דער מחבר, א אידישער שריפטשטעלער, וואָס האָט א סך געשריבן איבער קונסט און ליטעראַטור, האָט דערזען ווי אומווירדיג קונסט קען זיין, אויב זי איז ניט באַאיינפלוסט פון א געטלאַכן מאָראַלישן אימפּעראַטיוו, אויב זי האָט ניט קיין אָנהאַלט אין דעם אין־סוף. יאָרן האָט חיים ליבערמאַן געשריבן וועגן קונסט און געטראַכט וועגן דעם אַלטן וכוח פון „איד מיט׳ן העלענער וואָס איז אָנגעגאַנגען יאָרטויזנטן״, „דער העלענער האָט געזאָגט וויסן איז דער יסוד, דער איד האָט געזאָגט

27) דאָס אַלץ געפינט זיך אין אונזערע „פאַרשטויבטע ספרים־שאַפעס״. און אַלץ וואָס עס געפינט זיך וועגן דעם ענין אין די ביכלאַך פון די גוטע גוים איז נאָר אָראָפּגעשריבן פון יענע פאַרשטויבטע ספרים.

28) ווי חבר מענדלסאָן נעמט עס די אידישע מאַסן אין פוילן אין זיין אָרענדע! און דער „צוריקגעצויגן״ איז נאָר א ריקצונג צו אונזער אייביגער פעסטונג צו וועלכער קיין קויל קען ניט צושטיין.

טוגענט איז יסוד". דער איד האָט געזאָגט „וואָס גוט איז שיין", דער העלענער האָט געזאָגט „וואָס שיין איז גוט", און „אויף די גאַסן פון בערלין און ביי די רינשטאָקן פון וויען", האַלט ער „איז געצויגן געוואָרן דער סך הכל פון קולטורן". דאָרט האָבן אַלע דערזען אַז „שיינקייט אָן טוגנט", קונסט אָן מאָראַל איז גאָרניט. דאָרט האָט מען דערקענט ווי מיאוס „תפארת", איז ווען עס איז ניט באַגלייט פון „חסד" און „רחמים" און ריידנדיק וועגן דער אייראָפּעאישער שיינקייט, קומט ער צום באַשלוס אַז דאָס פּאַטאַלע פון דער גאַנצער אייראָפּעאישער קולטור „איר וויסן, איר שיינקייט, איר קריסטלאַכקייט", איז געווען אויסגעליידיגטקייט פון מאָראַלישער אחריות. זיי, די קריסטן, „זייער גאַנץ לעבן איז נאָר אַ שלעכטע אידישע איבערזעצונג", און דער מחבר שיל־דערט אויף אייניגע זייטלאַך דעם פּרצוף פּנים פון דער היינטיגער קריסטליכער וועלט, און לייענענדיק די שורות שאַפּט זיך דער איינדרוק אַז דער ספר׳ל, ווען איבערזעצט אויף ענגליש אדער וועלכע אנדערע ניט אידישע שפּראַך, וואָלט געווען אַ שאַרף שליידער־שטיינדל פון אַ דוד׳ל געגן גוי׳ישן קאָלעקטיוון גלות.

ליבערמאַן ווייזט ווי פון דער אַזוי־גערופענער עמאַנציפּאַציע האָט זיך גאָרניט אויסגעלאָזן. זיי, די גוים, וואָס האָבן אַזויפיל זשאָנגלירט מיט׳ן ראַדיקאַלן הומאַניזם, אוועקשטעלנדיג אין צענטער פון וועלט געשעען די חשיבות פון מענשן זיינען „דאָס פאָלק וואָס האָט גערעדט פון דעם איבערמענשן איז געוואָרן אונטערמענשלאַך", איר זעט אין ביכל קלאָר די חרפּה׳דיג צובראָכענע לוחות פון דער עמאַנציפּאַציע.

דעם סטיל פון ספר׳ל איז צו באַוואונדערן, דאָס איז אַ שרייבן באַפליגלט פון נביאישער שירה, אַ מאָדערנער „נחמו נחמו עמי". מען דערפילט דאָרט טיפקייט פון מחשבה אָבער נאָך שטאַרקער דעם געפיל. פון מח שטראָמט אַ קאַלט ליכט, פון הארץ אַ גליענדיג פייער. די וועלכע וועלן לייענען ליבערמאַנ׳ס קליין אינהאַלטסרייך ווערק, וועלן פילן דאָס וואָרט וואָס איז אַ סינטעז פון מח און האַרץ. תמיד האָט זיין האַרץ פיבערנדיג געזוכט דאָס מעכטיגע וואָרט, אבער דאָס וואָרט איז ביי אים געבליבן פּאָטענציעל. אין „טאָל פון טויט" האָט ער דאָס שטאַרקע וואָרט ארויסגעזאָגט און מיט׳ן וואָרט זיך געשאָפן אַ הימל.

וואָס איז דער ספר׳ל מחדש? כמעט גאָרניט. אַ איד ווי חיים ליבערמאַן וואָס שפּאַנט אויפ׳ן דרך התשובה מיט אייזערנער אַנט־שלאָסנקייט, אַ ראַדיקאַל וואָס וואַגט צו שרייבן „אַז אַלע קאַנאָנען פון דער וועלט, וועלן ניט אראָפּשיסן קיין איינציג שטויבל פון די לוחות

און אלע ימ׳ען רויטן און שווארצן טינט וועלן ניט פארשמירן קיין איינציג פינטל פון וזאת התורה! ניטאָ קיין תורה ווי די תורה!״ אזא איד ווייסט אז ס׳איז ניטאָ קיין נייקייט נאָכ׳ן אראָפּדונערן פון אנכי אליקיך. אייביג זיינען די אמת׳ן פון גאָט, נאָר זינדיג איז דער מענש. ניט די תורה דאַרף באנייט ווערן פאר׳ן מענש, נאָר דער מענש פאר דער תורה. „גאָט האַלט מיט׳ן מענשען ווען דער מענש וואָלט נאָר געהאלטן מיט׳ן מענשן!״... יאָ, גאָט איז מחיה די וועלט, קומט דער מענש און איז זי פוגם, אָבער „דער מענש קען ניט דערנידעריגט ווערן״, אזוי האָבן אידן פּראָקלאַמירט.

די צווייטע האלב פון ספר׳ל, פון קאַפּיטל ז׳ און ווייטער, באַשטייט אינגאנצן פון טרייסט־רייד. דאָרט רעדט ער, אָדער בעסער געזאָגט זינגט ער שירה צום אייביגן פאָלק. ער ווייזט אָן די מיסטעריעז־דערהויבענע טראַגיק פון אידישן פאָלק, און „אז מיר זיינען אומשטערבלאך ווי די צוקונפט״.

מיט די ווערטער פארענדיגט ער די 36 ליכטיגע בלעטלאך פון „טאָל פון טויט״. און מען דערפילט נאָכ׳ן לייענען ווי דער אידישער נצוץ צופלאמט זיך אביסל, עס ווערט העלער, שיינענדיגער, ליכטיגער אויף דער צעוויטאָגטער נשמה.

חיים ליבערמאַן האָט א טיפע בלאָנדזשענדיגע נשמה וואָס האָט אפשר אַמאָל געוואָנדערט, אָבער „אין טאָל פון טויט״ האָט ער געפונען זיין גאָט.

„אידישער קעמפער״

# נאָטיצן אַרום אַ טעמע אָן אַ סוף

פון

## שלמה גראָדזענסקי

די טראָציגע „גוטע נאָכט״, וואָס יעקב גלאַטשטיין האָט דער ערשטער אָ שליידער געטאָן אין האַלב־באַלויכטענעם, פאַרדעכטיגן סאַלאָן פון דער „גרויסער, שטיקענדיגער וועלט״, האָט אָ שיינע עטלאכע אנדערע געסט, וועלכע האָבן זיך שוין, ווי עס ווייזט אויס, לאַנג גערוּנגלט מיט זייער אומגעדולד, געגעבן דעם לעצטן שטויס זיך אויפצוהויבן פון די ווייכע, אָבער הינקענדיגע און אָפּגערייבענע פּלושענע שטולן. חיים ליבערמאַן האָט נאָכגעפאָלגט און אין א לאַנגן,

גייסטרייכן, האמלעט׳ישן זיי־געזונט, אין וועלכן ער האָט אויף א האָר ניט געשווינט זייער איידלקייט אדער געקריוודעט אונזער שטאָלץ, אויסגעליידיגט דעם גאַנצן צאָרן, אַלע פאַרבאָרגענע מחשבות און אַלע וואונש־טרוימען וואָס האָבן זיך אין די לעצטע יאָרן אָנגעקליבן אויפ׳ן האַרצן — מסתמא ניט נאָר ביי אים אליין. און אָט האָט א. אלמי זיך אויך ארויסגעשלייכט מיט אַ... פסוק. דוקא מיט „שלא עשני גוי״.

מען דערציילט, אז וועגן י. גלאַטשטיינ׳ס ליד זיינען געשריבן געוואָרן ניט ווייניגער ווי דריי טוץ השגות־ארטיקלען. ארום זיין פראָזע־אדיע צו די „וועלט־באַריקאַדן פאַר דעם אבסטראקטן יושר פאַר דער טעאָרעטישער גערעכטיקייט״ האָב איך אליין געלייענט א האַלבן טוץ ארטיקלען. אונזער לינק־וועלטלאכע וועלט־גאַליאָרקע האָט דעם ענין אויפגענומען אויף איר שטייגער — ווי איינע פון יענע פעריאָדישע סענסאַציעס וואָס דינען איר פון צייט צו צייט ווי א סגולה געגן לאַנגווייל.

קורץ, אַפּלאָדירן — אָדער טופען מיט די פיס?

אָרעמער יעקב גלאַטשטיין! ער האָט בלויז געשריבן אַ ליד. און א ליד, א געלונגען דאָס הייסט אן עכט ליד מוז קודם כל זיין הונ־דערט פראָצענט „אמת״ — אינערלאכער פערזענלאכער אמת. וואָס איז אַ ליד, אויב ניט אַ פאַרזוך אויסצושעפּן די גאַנצע דינאַמיק פון אַ רגע אין מענשלאכן לעבן, א רגע מיט אלע אירע ווידערשפּרוכן, מיט איר צערטלענדן ליבע־וואָרט און גרימאַסע־פאַרקרימטער קללה? אָן די רוי־פאַלקסטימלאכע עפּיטעטן אויפ׳ן חשבון פון „חזר׳שן דאַטש״ און „עיפוש׳דיגן ליאַד״, אָן דעם „עמלק גנב, לאַנד פון זויפן און פון פרעסן״, אַרויסגעמורמלט דורך פאַרביסענע ציין, וואָלט ניט געקלונגען אַזוי עכט, אזוי אומפאַרמיידלאך, און אזוי מאָצאַרט׳יש־באַגליקנד די ספערן־מוזיק פון „חלב׳נעם שאָטן, אייביגן אָקטאָבער, דריבנע שטערן״ און אַזוי דערלייזנד די וויינענדיגע פרייד פון שפּאַנען „צוריק צו דלת־אמות, פון וואַגנער׳ס געץ־מוזיק צו ניגון, ברומען״.

אַ ליד, א רגע ווען אַלע ווידערשפּרוכן שאַלן אויס אין איין לעצטן אָרגעל־אַקאָרד. זאָלן מיר וועגן דעם אויך פירן דיסקוסיעס?

גלאַטשטיין האָט אָבער ניט געוואוסט, אז פון סאָסנאָוויץ (טוביה בוים, א בריוו פון סאָנאָוויץ, אין אָקטאָבער־העפט „אינזיך״) וועט מען אים אונטערטראָגן די גרויסע נחמה: „אַ ליד, פון פויסטן־גרוסן אויסגעשמידט, וואו רויטע פאָנען האָבן זיך צובליט״ (אין סאָסנאָוויץ!)

ווען ער וויס דאָס — איידער ער האָט געשריבן דאָס ליד...

מיט אַ ליד אַרגומענטירט מען ניט. מען אַרגומענטירט אויך ניט מיט אַזאַ אַרטיקל ווי גלאַטשטיינ׳ס „אידישע באַריקאַדן" („אינ־זיך", אויגוסט, 1938). איך, יעדנפאַלס, מוז זיך מודה זיין, אַז איך האָב שוין אויף אידיש לאַנג ניט געלייענט אַזאַ מין פּובליציסטיק ווי די וואָס גלאַטשטיין שרייבט פון צייט צו צייט זינט זיין „אידינטערן געגן קאָמינטערן". עס איז ניט קיין פראַגע פון מיינונגען. ניט שטענדיג דאַרף מען מיט אים מסכים זיין. ניי און דערפרישנד אין די דאָזיגע אַרטיקלען איז דער מעגלאַך־דירעקטער קוק אינווייניג און אויפ׳ן אַרום און די זויבערע קאָנסעקווענטישקייט פון אַן אומעטיגן מענטשן. ווען אַ אידישער שריפטשטעלער, דאָס הייסט אַ מענש וואָס איז אויפגעוואַקסן אין אַ סביבה, וואו דער בעסטער קאָפּ איז דער אומרעאַל־אויסגעהאַלטנסטער, איז פייאיג זיך אָפן מודה צו זיין, אַז ער איז גרייט שלום צו מאַכן מיט אַ רעזשים, וועלכן ער מוז אָרגאַניש פיינט האָבן, „בלויז" דערפאַר וואָס ער דערלאָזט ניט צו קיין פּאָגראָ־מען אויפ׳ן אידן, דאַרפן מיר וויסן, אַז מיר האָבן צו טאָן מיט אַ יקר־המציאות — מיט אַ אידישן שריפטשטעלער וואָס האָט אָפענע אויגן, אַ סענסיטיוון געהער און אַביסל חשבון־הנפש, אַנשטאָט אַן אידעאָ־לאָגיע מיט נומערירטע טעזיסן.

***

איך האָף, אַז איך וועל קיינעם ניט באַליידיגן ווען איך וועל זאָגן, אַז דאָס דערקוויקנדיגע אין גלאַטשטיינ׳ען איז דאָס וואָס ער איז, אייגנטלאַך, אַ אידישער שריפטשטעלער אין דער העברעאישער טראַדיציע. די נייע העברעאישע ליטעראַטור איז קיינמאָל ניט אוועק־געגאַנגען פון דעם „אידישן שטאַנדפּונקט". זי האָט אויף דער וועלט שטענדיג געקוקט פון איר נאַטירלאַכער באַזע — פון אידישן ווינקל. העברעאישע פּובליציסטיק איז, ביי אירע רעפּרעזענטאַטיווע מענשן, שטענדיג געווען אַן ענין פון „חשבוננו עם עצמנו" — פון מאַכן דעם אייגענעם חשבון. זי האָט דעם אייגענעם ספר־החשבונות ניט אוועק־געוואָרפן אפילו אין די ברויזענדיגע טעג פון 1905 און אָקטאָבער 1917. זי איז דערפאַר געווען ווייניגער וועלט־אומאַרעמדיג — אָבער דערפאַר האָט זי אומאַרמט ווייניגער שאָטנס און פאַנטאָמען. זי איז דערפאַר ווייניגער רעטאָריש (איך רייד ניט וועגן סטיל, נאָר וועגן אינהאַלט), ניכטערער, אומעטיגער. עס איז משונה׳דיג: דער מאָדער־נער העברעאישער שריפטשטעלער דאַרף זיך נאָך, ווי באַקאַנט, אפילו היינט שפּראַכלאַך ראַנגלען מיט דער מליצה, אָבער פונדעסטוועגן גע־

פינט מען ביי אים וועניגער מגידות וויביים דורכשניטלאכן אידישן שריפטשטעלער. ווער עס האָט די געדולד צו לייענען אפילו פּרץ סמאָלענסקי׳ן, וועט ביי אים געפינען אַ דירעקטע ניכטערקייט, וואָס האָט אים אין דער השכלה־עפּאָכע דערמעגלאכט צו באַמערקן זאַכן וואָס מיר הויבן ערשט אָן צו זען אין אונזערע טעג. פון מאָדערנע העברעאישע שריפטשטעלער איז שוין אָפּגערעדט: ווי אויפגעבלאָזן־פוסט זעען אויס אלע שפּינוועבס־אידעאָלאָגיעס פון דער לינקער אידישער אינטעליגענץ און איר ליטעראַטור, אנטקעגן דער אומפאַר־פירבארער זעעוודיקייט פון א י. ח. ברענער. כדי צו זען אין זיין גאַנצער בולט׳קייט דעם אונטערשיד צווישן דעם דעקלאַמירטן און דעם ערנסטן, פאַראַנטוואָרטלאכן וואָרט, דאַרף מען פאַרגלייכן אַן ארטיקל איבער דער איצטיגער פּאָליטישער וועלט־לאַגע פון איינעם פון אונ־זערע באַדנלאָז־לינקע פּובליציסטן, מיט אַן ארטיקל, וואָס איז ארויס־גערופן געוואָרן דורך די זעלביגע געשעענישן פון דעם ארץ ישראל׳דיג העברעאישן שריפטשטעלער יעקב ראַבינאָוויטש. דער היגער שריפט־שטעלער מאָנט ביי די וועלט־הערשער אויסגעהאלטנקייט, יושר און אפילו... פּאַטריאָטיזם. פאַר דעם העברעאישן שריפטשטעלער, וועל־כער לעבט אין אַ לאַנד, וואָס וועט זיך אין פאַל פון אַ מלחמה כמעט זיכער געפינען אין סאַמע מיטן פייער, זיינען די „שאלות הרגע״ (פראַגן פון מאָמענט) אַזעלכע פראַגן ווי פארגרעסערן דעם פארזיי־שטח פון גרינס און תבואות, כדי דאָס לאַנד זאָל ניט הונגערן, און די מעטאָדן פון פאַרבאַהאַלטן די וואַסער־טורמעס, וועלכע קענען ווערן ציל־פּונקטן פאַר פיינטלאכע עראָפּלאַנען. צו די וועלט־הערשער האָט ער קיין טענות ניט; דערפאַר פארשטייט ער זיי אפשר בעסער און גרינטלאַכער ווען ער וואַרפט אויף זיי זיין בליק.

עס איז גוט וואָס עס געפינען זיך אידישע שריפטשטעלער, און דוקא פון אינגערן דור, וועלכע הויבן אָן צו לערנען ווי אַזוי צו פירן אונזער אייגענעם חשבון. דאָס איז, גלויב איך, אויך די בעסטע צו־גרייטונגס־שול צום בעסערן פאַרשטיין פון גרעסערן וועלט־חשבון.

**
*

חיים ליבערמאַן איז, אַן צוויפל, איינער פון די גלענצנדסטע אידישע פּובליציסטן פון דעמדאָזיגן מין. ער איז דער צאַרנדיגסטער און בייזסטער קריטיקער פון די דרשנים און מגידים פון דער וועלטלאַך־אידישער גאַס. ער האָט אַ שוואַכקייט פאַר אַלץ וואָס טראָגט אויף זיך דעם שטעמפּל פון אַן אידייע. ער איז איינער פון די וועניגע אידישע

פובליציסטן פון דער ראַדיקאַלער סביבה, וועלכער האָט באמת אַ זין פאַר עיקר און תפל, און אַ חוש פאַר דעם אונטערשייד צווישן פיליסטערישן שפּיל (אפילו מיט „גרויסע אידייען” און קאָמבינאַטאָרישער גייסטיקייט) און בלוטיקן ערנסט. און ער איז איינער פון די ווייניגע אידישע שריפטשטעלער וואָס וויסן אַז אין קאָן שטייט איצטער אויף דער וועלט עפּעס מער ווי אונזער שטעלונג צום „איקאַר”, אָדער אפילו צו דעם פאַראייניגטן פראָנט געגן פאַשיזם.

חיים ליבערמאַנ׳ס שוואַכקייט איז רעטאָריק. און דאָס פאַרפירט צייטנווייז דערצו, אז ער זאָל אין אַ טריוויאַלער שטיקל צייטונגס־נייס ארייַנלייגן אַ וועלט־היסטאָרישן מיין, וואָס עס קען בשום אופן ניט אַנטהאַלטן, און פון אַזעלכע צופעליקייטן בויען גאַנצע מעטאַפיזישע בנינים.

אין חיים ליבערמאַנ׳ס אַקאַרשט־דערשינענער, פּרעכטיג־געשריבענער עסעי „אין טאָל פון טויט” שפּירט מען באַזונדערס שאַרף דידאָזיגע שוואַכקייטן.

ווען חיים ליבערמאַן דערציילט ווי אַזוי די ווינער אידן „האָבן זייער באַצווינגער אָפּגעטאָן אַ שפּיצל” און זייַנען אַרויס רייניגן בית־הכסאַ׳ס אין שבת׳דיגע בגדים, אין טלית און תפילין, און זעט אין דעם עפּעס אַ זינפולן סימבאָלישן אמת — איז עס רעטאָריק, און שלעכטע רעטאָריק. חיים ליבערמאַן קען ווינער אידן, ער ווייס וואָס פאַר אַ שייכות זיי האָבן מיט טלית ותפילין, ער האָט מסתמא אויך געהערט וועגן די אידן וואָס שמד׳ן זיך דאָרט נאָך אפילו איצט, אונטער היטלער׳ן. צו וואָס ארייַנשלעפּן דעם טלית ותפילין? די ווינער אידן, וועלכע ווערן געמאַטערט פאַר זייער שייכות מיט אַ אידנטום, וואָס איז די מערסטע פון זיי פרעמד און ניט־ליב, וואָס די מערסטע פון זיי האָבן פאַר היטלער׳ן באַטראַכט בלויז ווי אַן אומגליק, זייַנען געװנוג טראַגיש אָן דער אויסגעטראַכטער מעלאָדראַמע פון די שבת׳דיגע קליידער און די טליתים און תפילין.[1]

חיים ליבערמאַנ׳ס פיין־אויסגעשריי אין אָנגעזיכט פון דעם טאָל פון טויט דורך וועלכן מיר ווערן איצט ווידער געצוואונגען צו גיין, זיין אויפשוידערן פאַר דעם פּנים פון דער קריסטלאַכער וועלט, ווי עס אַנטפּלעקט זיך איצט אין זיין גאַנצער נאַקעטקייט איז זייער, זייער

1) ווער פון די ווינער אידן ס׳האָט אָנגעטאָן טלית און תפילין, און ווער דעם גענעראַלסקן מונדיר.

פאַרשטענדלאך. פאַרוואָס זאָלן מיר עס לייקענען? דאָס וואָרט „גוי״ וואָס האָט שוין פאַר דעם עמאַנציפּירטן אידן א סך, א סך, צענדליגער יאָרן (און פאַר קליינע ברוכטיילן פון אידישן פאָלק — הונדערטער יאָרן) פאַרלאָרן יעדער זין, שווימט ווידער אויף אין אונזער באַוואוסט־זיין ווי אַ שרעקלאכע וואָר. עס זיינען צווישן אונז אודאי פאַראַן ניט ווייניג וואָס לייגן יעדן פרימאָרגן אוועק די מאָרגן־צייטונג מיט דער ביטערער מחשבה: א גוי׳אישע וועלט. מיר, וואָס זיינען אזוי ווייט אוועק פון די קאָנקרעטע געבאָטן פון אידנטום, הויבן אָן צו פילן, אַז אין דער קולטור אין וועלכער מיר האָבן זיך געפילט אזוי היימיש, לעבן פאַרשידענע סתירה־דיגע עלעמענטן. און מיר ווייסן: דאָס „גוי׳שע״, דאָס עשו׳דיגע עלעמענט איז איצט ארויפגעשוואוּמען אויף דער אויבערפלאך. די אייראָפּעאישע קולטור לייזט זיך אויף אין אירע פאַרשידענע סתירה׳דיגע עלעמענטן. און עס איז ניט קיין לאָגישער פּראָצעס וואו דער יחיד האָט די מעגלאכקייט אויס־צוקלייבן און צוזאַמענצוזעצן עלעמענטן לויט זיין געשמאַק און קאַפּריז. עס איז אַ היסטאָרישער פּראָצעס. די גייסטיגע עלעמענטן, וועלכע האָבן אַמאָל צוזאַמענגעשטעלט די אייראָפּעאישע קולטור האָבן זיך אזוי גרינגלאך אָפּגעטיילט, אז מען איז געצוואונגען זיי צו באַמערקן אין זייער בולט׳ער סתירה׳דיגקייט.

אָבער, האָבן מיר אַ רעכט צו זאָגן (ווי עס טוט עס חיים ליבער־מאַן): ישראל ואוריתא חד הוא? קענען מיר מיט אַ גרינג הארץ ריידן וועגן „מיר״ און „זיי״ אויף דעם אופן ווי ליבערמאַן טוט עס? מיר — וואָס „זיינען נביאיש געבאָרן״, די „ערשטע וועלט מענשן״; און זיי — די „צווייט פּנים׳דיגע באַשעפענישן״, וואָס זייער וועלט איז בלויז „בירזשעס, בתי־זונות, קאַזאַרמעס און תפיסות״?

אפילו אונזערע עלטערן, וועלכע האָבן געלעבט בעת דער בונד צווישן ישראל און אוריתא איז נאָך טאַקע געווען אַ ווירקלאכקייט האָבן קיינמאָל אזוי ברוטאַל־שאַרף ניט געצויגן די ליניע צווישן „זיי״ און „אונז״. אויף וויפיל אידנטום איז אַן אידייע, די לעצטע עסענץ פון אַ גרויסן לעבנס־געפיל, איז עס אַ וועלט־אידייע. און אירע טרע־גער געפינען זיך ניט נאָר צווישן מענשן פון אונזער שטאַם און אפילו ניט פון אונזער רעליגיע. דער גרענעץ צווישן „אידנטום״ און „גוי׳טום״ איז ניט קיין גרענעץ צווישן אידן און ניט־אידן. אין יעדן מענשלאַכן געוויסן, אין אלע קריסטלאַכע קירכן, אין דער נשמה פון אלע אייראָפּעאיש־קריסטלאַכע פעלקער ראַנגלט זיך איצטער דער

„אידישער" עלעמענט געגן די אויפגעלעבטע „גוי׳שע" אינסטינקטן. און מיר דאַרפן זיין ערלאַך און גרויסמוטיק גענוג צוצוגעבן: זיי שטייען פאַר אַ גרעסערן נסיון ווי מיר. די ברירה ליגט אין זייערע הענט; מיר האָבן ניט קיין ברירה. און די יעניגע צווישן זיי, וואָס האָבן אין זיך טאַקע בייגעקומען דעם עשו׳דיגן יצר־הרע האָבן דערמיט בייגעקומען א נסיון פאַר וועלכן מיר ווערן אפילו ניט געשטעלט.[2]

***

אודאי לעבט איצט די וועלט דורך אַ גייסטיגן, ניט נאָר אַ פּאָליטישן קריזיס. און מיר לעבן דעמדאָזיגן קריזיס איבער אין אונזער ווינקל. ארום אונז שטייען רעליגיעס און קירכן, ליטעראַ־טורן און גייסטיגע ריכטונגען — דער סך־הכל פון דעם וואָס טראָגט דעם נאָמען די מערב־קולטור אָדער די אייראָפּעאישע טראַדיציע. און אָט אין דער וועלט לעבן מיר, אָטעמען מיר, פון איר לערנען מיר שוין לאַנגע יאָרהונדערטער. עס האָט זיך אונז געדוכט (בלויז געדוכט? — דאָ הויבן זיך אָן די פּיינלאַכע ספקות) אַז מיר זיינען אַן אינטעגראַלער טייל פון איר, אַז מיר גייען מיט איר צוזאַמען אַנטקעגן א בשותפות׳דיגן ציל.

און אָט די דאָזיגע וועלט ברעכט צוזאַמען — ממש פאַר אונ־זערע אויגן — ניט נאָר דער בנין, נאָר אויך דער יסוד. מען דאַרף זיך אפשר ניט וואונדערן וואָס די דעמאָקראַטישע רעגירונגס־פאָרם און די ליבעראַלע רעכטס־אָרדנונג איז אַזוי ווידערשטאַנדלאָז אָפּגע־ווישט געוואָרן פון אַ גרויסן טייל פון אייראָפּעאישן קאָנטינענט. איב־ גיכן וועט אונז מסתמא אויפהערן שאָקירן די גלייכגילטיגקייט וואָס די רעגירער און די רעגירטע אין די דעמאָקראַטישע לענדער וויַזן

---

2) מיר, די וואָס, ווי איר זאָגט, „זיינען אזוי ווייט אָוועק פון די קאָנקרעטע געבאָטן פון אידנטום" און „זיך געפילט אזוי היימיש" (?!) אין דער אייראָפּייאישער קולטור, שטייען אויך פאַר דערזעלביגער ברירה און זעלביגן נסיון. די אייראָפּיי־אישע קולטור, זאָגט איר אליין, לייגט זיך פאַנאַנדער אויף אירע סתירה׳דיגע עלע־מענטן. איר רופט אָן בלויז איין עלעמענט, דעם עשו׳דיגן; פאַרוואָס רופט איר ניט אָן דעם אַנדערן? שעמט זיך ניט און זאָגט אויס: דער אַנדערער איז דער יעקב׳דיגער. צווישן די צוויי האָט היינט אויסצוקלייבן די וועלט, און מיר אויך. און ווי וועט זיין די פון אונז וואָס וועלן, אונטער דער לאָזונג פון „אידיש־וועלטלאכער קולטור", ווידער אויסקלייבן דעם עשו׳דיגן עלעמענט; און וואויל וועט זיין די פון אונז וואָס וועלן גיין צוריק צו „די קאָנקרעטע געבאָטן פון אידנטום". דער שידוך איד און וועלט איז ניט עולה יפה געווען: די „וועלט" האָט ארויסגעטריבן דעם „איד" פון זיין אייגן הויז.

אַרויס צו דער סכנה פון זייער אייגענעם אונטערגאַנג. דערשרעקנד איז אָבער די דערקענטעניש: צווישן דער דעמאָקראַטיע און דעם נייעם סאָלדאַטישן שטאַט שטייט אין ערגעץ ניט קיין דיקע, שיצנדע וואַנט פון מאַסן־ווידערשטאַנד, נאָר בלויז אַ דינע, שטאַרק־דורכגע־לעכערטע מחיצה פון שוואַכע יחידישע ווילנס. אַפילו צווישן דער טשעכאָסלאָוואַקישער דעמאָקראַטיע און דעם נאַציזם גייסט איז ניט געשטאַנען קיין פאָלק, נאָר דער שאָטן פון אַ גרויסן טויטן. און לאָמיר ערלאַך אַ קוק טאָן אויפ׳ן לאַנד אין וועלכן מיר לעבן, אין וועלכן מיר, אפילו די אומפּאַטריאָטישע צווישן אונז, האָבן אין די לעצטע יאָרן געלערנט ליב צו האָבן מיט אַ גלות, וואָס איז זעלטן אפילו ביי זיינע אַלט־איינגעזעסענע זין. זיינען מיר דאָ זיכער, אַז אויב אויך דאָ זאָל, די שעה זאָל ניט קומען, אָנהויבן אריינדרינגען דער בייזער גייסט פון מעבר לים, וועט עס באַגעגנט ווערן מיט דעם ווידערשטאַנד פון אַ פאָלק?

מיר ווייסן אַז ביים רודער פון דעמדאָזיגן ריזיגן רעזערוו־לאַנד פון דער אונטערגייענדיגער דעמאָקראַטישער וועלט שטייען מענער, וועלכע זיינען דורכגעדרונגען מיט די איידלסטע טראַדיציעס פון דער פּיאָנערישער אַמעריקע. אָבער וואָס פאַרבינדט זיי מיט׳ן פאָלק? לעבן די דאָזיגע טראַדיציעס אויך אין דורכשניטס־אַמעריקאַנער? ווער פון אונז, וואָס האָט טאַקע קאָנטאַקטן מיט׳ן לעבעדיגן מענשן אין געשעפטס־לעבן און אויף דער גאַס, וועט דאָס וואָגן צו באַ־שטעטיגן? עס איז זיכער, אַז ווען עס האַנדלט זיך וועגן פאַרזעצן די „דאַבליו־פּי־איי״ און אַנדערע סאָציאַל־פּראָגרעסיווע עקאָנאָמישע אינסטיטוציעס, פאַרטרעט די איצטיגע ליבעראַלע רעגירונג דעם ווילן פון פאָלק. אָבער עס איז פאַראַן מער ווי א גרונט צו גלויבן, אַז אין אירע וואַרימע סימפּאַטיעס פאַר די קרבנות פון דער יורד׳יגער אייראָפּע און איר זאָרג פאַר דעם גורל פון פרייהייט אויף דער וועלט פאַרטרעט זי בלויז אַ קליינע שיכט פון „מענשן פון גוטן ווילן״.

און אָט די מורא׳דיגע ווירקלאַכקייט צווינגט דעם גייסטיג־לעבעדיגן מענשן צו פרעגן נאָך די טיפערע, און דאָס הייסט, ניט־פּאָליטישע סיבות. און מיר, וועלכע שטייען אין מיטן פון דעם וועלט־קריזיס, וואָס דער דאָזיגער קריזיס שניידט, אזוי צו זאָגן, דורך אונזער עקזיסטענץ, זיינען אודאי געצוואונגען צו זוכן דעם ענטפער.

דעם ענטפער דאַרפן מיר זוכן וואו ער לאָזט זיך געפינען. מען קען זיין זיכער אז זייער אַנגענעם קען דער דאָזיגער ענטפער ניט זיין. יעדן טאָג פלאַצן איצט אילוזיעס וועגן מענשן, פעלקער, אידייען. אָבער לכתחילה באַשליסן, אז מיר זיינען פון דעם אינגאַנצן אויסגעשלאָסן, איז בלויז אַ מאָמענטאַל־באַפרידיגנדיגע קאָמפּענסאַציע פאַר אונזערע אַנטוישונגען — און גאָר ניט קיין דערהויבנדיגע קאָמפּענסאַציע. קוקנדיג אויף דער איצטיגער איראָפּע גלויבן פילע פון אונז, אז ווען דער אורשפּרינגלאַך־אידישער, נביאישער גייסט וואָלט דאָרטן שטאַרקער געווען, וואָלט ניט געקומען צו דער גרויסער ירידה. אָבער פאַר דעמדאָזיגן גייסט קומט אונז, היינטצייטיגע אידן, קיין דאַנק ניט.[3]

די וועלט טרייבט אונז אין אַ ווינקל. מיר מעגן אין דעמדאָזיגן ווינקל טראַכטן וואָס מיר ווילן וועגן דער דאָזיגער וועלט. אָבער אויב מיר וועלן אויך פאַרלירן דעם גלויבן אין צלם אלהים, דעם גלויבן אַז יעדער מענש איז דער מאַטעריאַל, פון וועלכן עס קען דורך פיין און נסיון אויסגעפורעמט ווערן גאָט׳ס שפּיגל־בילד, וועלן מיר ניט נאָר זיין מורא׳דיג אומגליקלעך צו יענע ניט־אידן וועלכע היטן עס איצט אָפּ פאַר אַזאַ שווערן פּרייז, נאָר אויך פאַרלירן דאָס רעכט צו ריידן וועגן דעם „פאַראַט“ פון די אַנדערע.

## אַ באַמערקונג צו אַן אַרטיקל

אַ לייענער מאַכט מיר אויפמערקזאם אויף אַ פראַזע וואָס האָט זיך אריינגעכאַפּט אין מיין אַרטיקל „נאָטיצן אַרום אַ טעמע אָן אַ סוף“ („אידישער קעמפער“ פון 28טן אָקטאָבער 1938).. שרייבנדיג וועגן חיים ליבערמאַנ׳ס עסעי „אין טאָל פון טויט“, האָב איך זיך אויסגעדריקט, אַז די שילדערונג פון די ווינער אידן, וועלכע זיינען אין טלית ותפילין געגאַנגען ראַמען בית־הכסא׳ס, איז „אַן אויסגעטראַכטע מעלאָדראַמע“. מיין קאָרעספּאָנדענט מאַכט מיר אויפמערקזאם, אַז די פראַזע לאָזט זיך אויסטייטשן, אַזוי ווי ח. ליבערמאַן וואָלט די זאַך אויסגעטראַכט, בעת ער אליין האָט וועגן דעם געלייענט אין דעפּעשעס פון וויען אין „מאָרגן־זשורנאַל“ און אין דער ענגלישער פּרעסע.

אויב די אויבנגעבראַכטע פראַזע האָט אַנדערע לייענער געגעבן דעם זעלבן איינדרוק, וויל איך עס קאָרעגירן. איך האָב, פאַרשטייט זיך, בשום אופן ניט

---

3) ווען דער אורשפּרינגליכער נביאישער גייסט וואָלט לפחות אין אונז אליין שטאַרק געווען וואָלט אונזער אייגענע ירידה ניט אַזוי גרויס געווען. דאַרף דעריבער אונזער רוף איצט ווערן: צוריק צו אונזער אורשפּרונג !

געמיינט אָפּצופּרעגן די ריכטיגקייט פון פּאַקט, וועגן וועלכן ח. ליבערמאַן האָט דערציילט (איך האָב עס אַליין געלייענט אין די צייטונגען), נאָר די וויכטיגקייט וואָס ער האָט עס צוגעשריבן. איך האָב מיט דעם געמיינט צו זאָגן, אַז לויט מיין געפיל, זיינען די דאָזיגע פאַלן ניט גענוג אַלגעמיין און כאַראַקטעריסטיש, אַז מען זאָל זיי קענען באַטראַכטן, אפילו סימבאָליש, ווי אַן אויסדרוק פון אַ קידוש־השם שטימונג אין נאַצי־דייטשלאַנד.

איך האָף, אַז ח. ליבערמאַן וועט מיר אַנטשולדיגן דעמדאָזיגן נאָכלעסיגן אויסדרוק. עס טוט מיר באַזונדער לייד וואָס דאָס האָט זיך אריינגעכאַפּט אין אַ באַמערקונג וועגן אַזאַ טיפן און רירנדן אויסדרוק פון אונזער פאָלקס־צער אין דער איצטיגער צייט, ווי עס איז זיין „אין טאָל פון טויט״.

**שלמה גראָדזענסקי**

„אידישער קעמפּער״ (נויאָרק)

# סאָנעט

(צו חיים ליבערמאַן)

פון

## מ. טקאַטש

**צי האָט דיך אָנגעשטעקט דער צייט־שגעון,**
**ווען דיין מאַרטירער־פאָלק האָסטו געגרויסט?**
**ניין, ס'איז די בייל דיר ליבער פון דער פויסט,**
**פון האַקנקרייץ — די לאַטע פון בזיון.**
**און צווישן בלוטדורשטיגע וועלף, וואָס וואָיען,**
**פאַרוואָר, אַ קדוש איז דער לאָם, דער איד;**
**ס'איז הייליג דאָס פאַרגאָסן בלוט, וואָס זידט**
**און יאָמערט „שפוך חמתך״ אין נסיון.**

**פאַרוואָר, דער איד איז אויסדערוויילט דורך לייטער.**
**ניט בלויז פאַר זיך, פאַר אַלע פעלקער ליידט ער —**
**ס'כפרה־הינדל און דער וועטער־האָן.**
**אַז וואויל דעם זון פון פאָלק, וואָס וויסט זיין יחוס**
**און לויפט, ווי יונה, ניט פון זיין שליחות**
**און נעמט דעם דערנער־קראַנץ מיט ליבע אָן!**

„אידישער קעמפער"

# מענשן און אייביקייט

פון

## יואל ענטין

חבר חיים ליבערמאן איז אַ סך אַ טיפערער מענש ווי די מייסטע זשורנאַליסטן אונזערע. זיך ארויסזאָגנדיג (אין „פאָרווערטס") וועגן טאָג־געשעענישן אין לייט־אַרטיקלען און אַרטיקלען, בלייבט אים נאָך פיל איבער ניט ארויסגעזאָגטעס. און גאָר אָפט פיל שענערעס און טיפערעס, וואָס ער מוז ארויסזאָגן דורך אייגענע קאַנאַלן. און אָט האָבן די לעצטע געשעענישן אין דעם נייסטן „ארץ־הדמים" פון חיים ליבערמאַנען ארויסגעבראכט אַ טיף־בלוטנדיגע, מיט טראַגישן שיין לייכטנדיגע שריפט, מיט'ן פורכטבאַרן נאָמען (וואָס איז דער אמת'ער טיטל) „גם כי אלך בגיא צלמות".

ס'איז ניט קיין בראָשורע. ס'זאָגט ניט, וואָס מיר זאָלן טאָן געגן די דייטשע רוצחים. ס'ווייזט ניט אָן, ווי אַזוי מיר זאָלן ראַ־טעווען אונזערע ברידער, די עלנדע קרבנות פון מענשלאַך־דעמאָנישן אויסגאָס פון האָס און פייניגונג. חבר ליבערמאן האָט זיך אוועק־געשטעלט אין יענע היסטאָריש־הויכע רעגיאָנען, וואו עס גילט ניט די שפּראַך פון הילף און עצות האָבן ניט קיין האָפט.

ס'איז אויך ניט קיין יללה, כאָטש אין פלוג דאכט זיך, אז דאָס וואָלט אויפ'ן מאָמענט געווען אַמפּאַסיגסטן. ניין, בעסער אַ קרייז ארום און איבער דער בלוטיגער וואַקכאַלאַניע. די פערספּעקטיווע איז אַ פיינערער וועב־שטול פון געפיל־געדאַנקען. און פאַראַן קליינע פּערל־טרערן, וואָס שפּיגלען אָפּ אַ טיפערן צער איידער גאַנצע בעכן.

„אין טאָל פון טויט" איז אַן עסיי און איר לייט־מאָטיוו איז — ניין, ניט אתה בחרתנו — דאָס האָט אַ שמץ פון וואולגאַריטעט — נאָר, לאָמיך, ניט האָבנדיג אויפ'ן מאָמענט קיין בעסער וואָרט, עס אָנרופן — התרוממות האומה, מיט אַן אונטער, אַ סוב־ראָזאַ טאָן פון שפוך חמתך.

און, ס'איז גענוג. די זאַך האָט זיך אַליין אויסגעקויפט.

אַראָפּגערעדט זיך פון האַרצן, שטיל, שטיל זיך אָפּגעשלוכצט, געפונען טרייט אין די טיפסטע האַרץ־קעמערלאַך פון פאָלקס אָנגע־

זאַמלטן נצחון, מיט׳ן פאָלקס בטחון די טריט אָנגעשטעלט און זיך אוועקגעלאָזט ווייטער אין אייביגן וועג אריין.

דער סטיל אַ פּאַסיג־שטאָלצער: תנ״ך אונטערגעשלאָגן מיט „כה אמר זאַראַטוסטראַ״.

לויטערקייט פון געדאַנק, באַזוימט מיט קומער, איינגעהילט אין א גאָלד־פיליגרין פון געהאַמערטער רעטאָריקע, און א שפע פון עפּי־גראַמען, וואָס ס׳וואָלט ניט שאַטן צו געדענקען, ווי:

„זעכצן מיליאָן זיינען מיר... אַ נעץ מיט זעכצן מיליאָן אויגן און קיין איינע ניט אָן אַ טרער״.

„מיר אידן עפענען האָריזאָנטן, זיי פאַרצאַמען גרענעצן!״.

„מיר זיינען אָן אידייע, וואָס האָט אַ פאָלק״.

„אין אונזערע אויערן זינגט אַ געזאַנג צו שטילן יעדן שמערץ, מיר טראָגן אַ זון אין קאָפּ אויף אייביג אָפּצושאָפן די נאַכט״. א. א. וו.

אפריקאַנער אידישע צייטונג (יאָהאַנעסבורג)

# „אין טאָל פון טויט״

פון

## י. באַטניצקי

חיים ליבערמאַנ׳ס ליטעראַרישע פעדער איז געמאַכט פון שטאָל געטונקט אין פייער און זיין סטיל איז פון פלאַם. לייענט מען זיינע ארטיקלען אָדער ביכער וואָס ער האָט לעצטנס אָנגעשריבן דוכט זיך אויס אז מ׳איז דורכגעגאנגען דורך ברענענדע פלאַמען. מ׳קען ניט בלייבן גלייכגילטיג צו דאָס וואָס חיים ליבערמאַן זאָגט און שרייבט אויף זיין אייגנאַרטיגן אופן און אין זיין פלאַמענדיגן סטיל. זיינע גע־דאַנקען און מיינונגען אויסגעפורמט אין די סאַמע שאַרפסטע ווערקצייג פון שפּראַך לאָזן אייך ניט צורו און מאַכן אָן אַ צורודערונג און איבערקערעניש אין אייער מח און האַרץ.

חיים ליבערמאַן איז א זעלטענער אידישער זשורנאַליסט און שרייבער. ער איז א פובליציסטישער „עוקר הרים״. זיינס א בוך קומט ווי אַ באָמבע אין דער אידישער קולטור וועלט. מ׳קען עס ניט איגנאָרירן. זיינע אַרויסגעזאָגטע מיינונגען קריצן זיך טיף איין אין מח מיט זייער שטאָלענער שאַרפקייט. איר קענט זיך פון זיי ניט באַ־פרייען און איר מוזט כסדר וועגן זיי טראַכטן און איבערקלערן.

זיין לעצטער ביכל „אין טאָל פון טויט" האָט שוין טאַקע ארויס־גערופן א גרויסן אָפּקלאַנג ביי אַלע אידישע קולטור־טוער און דענקער. „אין טאָל פון טויט" איז אַ זאַמלונג „געדאַנקען וועגן אונזער צייט און אידישן שיקזאַל אין איר". די גאַנצע וועלט זעט איצט אויס ווי א טאָל פון טויט אין וואָס די מענשן האָבן איר פאַרוואַנדלט. „אויף יעדן גרעזל אן אומרעכט, אויף יעדן זעמדעלע א רציחה. וואו א שטיין אן עשאָפּאָט, וואו אַ צווייג אַ תליה. הערצער ווערן געטראָגן אויף שפּיזן. און זיי גראָבן איינער דעם אנדערנס קברים. טאָג און נאַכט גראָבן זיי", און מיר אידן וואוינען איבער'ן גאנצן טאָל פון טויט.

חיים ליבערמאַן דעקט אויף די רשעות פון דער קריסטלאכער וועלט און אונטער דער מאַסקע פון ציוויליזאַציע און קריסטענטום זעט זיך אַרויס דאָס בייזע געשטאַלט פון רויבערישע און מענשנפרעסערישע חיות. אָט זיינען א פּאָר אויסצוגן פון חיים ליבערמאַנ'ס ביכל:

„הער נאָר ווי זיי זיינען מתפלל: „פאַרגיב אונז היינטיגן טאָג אונזער זינד, אזוי ווי מיר פאַרגיבן די וואָס זינדיגן געגן אונז" אזוי ווי מיר — אַזוי דו! — גאָט זאָל זיך אָפּלערנען פון דעם מענשן! גאָט זאָל זיך א מוסר אראָפּנעמען פון קאַגלין און פראנקאָ!

„אזוי ווי מיר פאַרגיבן". ווענען האָבן די קריסטן שוין אמאָל פאַר־געבן אָדער געגעבן? זייריידן פון ליבע צו די שוואַכע און פייערן די זיגן פון די שטאַרקע. זיי דרשענען צדקה און טיילן טויט. זיי קומען קיין עוויאַן, די קעשענעס אָנגעשטאָפּט מיט לענדער, און וויינען, זיי האָבן ניט קיין טראָט פאר א מידן אידישן פוס.

„פּאָר אַנדערע האָבן זיי א דרשה: „שטעל אונטער די צווייטע באַק". יענער די באַק, זיי דעם פויסט... פיר גרויסע רעליגיעס האָט די וועלט אין פינף קאָנטינענטן. קריסטענטום איז דער גזלן צווישן די פיר ברי־דער. אייראָפּע די זונה צווישן די פינף שוועסטער. און גזלן און זונה האָבן זיך גענומען, א זיווג פון טייוול. און די פרוכט פון זייערע לענדן איז דער פאַשיסט".

חיים ליבערמאַן שליידערט דער וועלט אין פנים אירע צביעות און רשעות. ליבערמאַנ'ס „איך באשולדיק" געגן דער וועלט, איז אויס־געדריקט אין אַזאַ שניידענדער און דורכדרינגענדער שפּראַך וואָס דער־מאָנט דעם ערשטן קאַפּיטל פון ישעיה אָדער ביאַליק'ס „דאָס לעצטע וואָרט". חיים ליבערמאַן דריקט אויס דאָס וואָס פיל פון אונז טראַכטן און דענקען נאָר וואַגן און קענען עס ניט אויסדריקן.

חיים ליבערמאַן ווייזט אָן ווי „אַלע תורה׳ס זיינען פאַראומווירדיגט געוואָרן אין אונזער צייט וועלכע מיט בלאָטע און וועלכע מיט בלוט״ און דערקלערט אז „בלויז די אידישע תורה איז געבליבן שטיין ריין ווי פייער״ און חיים ליבערמאַן קומט צום אויספיר אז מיר דארפן זיך צוריקציען „אין אונזער נאָרע״. „מיר האָבן זיך א רגע אין אונזער געשיכטע טועה געווען״ זאָגט ליבערמאַן „מיר האָבן געמיינט עס האָט שוין אָנגעהויבן צו טאָגן. נאָר עס איז געווען א פאַלשער באַגינען. ווי א קרעט האָבן מיר ארויסגעשטעקט דעם קאָפּ, געמיינט דער פרילינג איז שוין דאָ, ערשט די אַלטע שטורמעס האָבן זיך אויף דאָס ניי צושפּילט. וועלן מיר זיך צוריק ארייַנציען אין דער נאָרע פון אונזער נשמה און וואַרטן אויף טאָג״. „און אין דער נאָרע פון אונזער נשמה איז ניט ענג״, זאָגט ליבערמאַן, „עס איז א גרויס קעניגרייך, ס׳איז דאָרט ניט פינסטער, דאָרט לויכט גאָר די צוקונפט״.

חיים ליבערמאַן דריקט דאָן אויס אָט דעם לאָזונג וואָס הערט זיך לעצטנס פון פיל זייטן „לאָמיר גיין צוריק צו זיך אליין״. חיים ליבערמאַן דריקט עס אָבער אויס אויף א מעכטיגן און טיף־ווירקנדן אופן. און פון זיין שאַרפער תוכחה צו דער וועלט קומט ער צו דער אומבאַצוואונגענקייט פון דעם אידישן פאָלק וואָס וועט איבערלעבן אַלץ, ווייל „מיט דער וועלט האָבן מיר אָנגעהויבן און נאָר מיט דער וועלט וועלן מיר זיך ענדיגן. און די וועלט וועט זיך קיינמאָל ניט ענדיגן. מיר זיינען אומשטערבלאך ווי די צוקונפט״.

לייענט איר איבער דאָס ביכל, מעגט איר יאָ מסכים זיין מיט געוויסע געדאַנקען פון מחבר אָדער ניט, איר שפּירט אָבער ווי איר זייט אויפגעמונטערט און געטרייסט געוואָרן.

„דאָס אידישע פאָלק״ (נויאָרק)

ליבערמאַנ׳ס בראָשורע, געדרוקט אין גרויסע אותיות ווי א מגילה פון אַמאָליגע צייטן, אָט ווי א שטייגער יון־מצולה, איז תחילת ערשינען ווי א לענגערער מאמר אין דעם „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט״ אין דעם הונדערטן נומער.

דער ארטיקל „אין טאָל פון טויט״, וואָס זיין טיטל איז אן איבערזעצונג פון דער פראַזע „בגיא צלמות״ האָט געמאַכט גרויס אָנזען צווישן אַלע סאָרטן לייענער, ווייל די אמת׳ן וואָס ווערן דאָרט ארויסגעזאָגט זיינען אזעלכע וועלכע צווינגען אייך איבער זיי זיך צו

פאַרטראַכטן. אין דער איצטיגער צייט ווען עס זעט אויס אז די ממשלת זדון ווערט פאַרשפרייט איבער דעם גאַנצן ערד קיילך און די פעטליע ארום דער אידישער האַלז ווערט ענגער און ענגער איז גוט צו לייענען אַזאַ ביטערע טרייסט ווי די פון ליבערמאַן. אמת, ניטאָ אין די שורות קיין איין דירעקטער טרייסט־וואָרט — דעריבער איז דאָך דאָס א באשרייבונג פון אונזער טאָל פון טויט — אָבער א שטראַל פון האָפנונג ציטערט דאָרט צווישן די שורות. „מיר זיינען אומ־שטערבלאך ווי די צוקונפט" איז דער סוף פסוק פון דער בראָשורע און די ווערטער זיינען „דאָס ליכט צו זיינע פיס".

די הויפט אידייע פון ביכעל איז, אז די תורה האָט אויפגעהאַלטן אונזער פאָלק אלעמאָל און זי וועט אונז אויף ווייטער אויך אויפהאלטן. אויף דעם פאָפירענעם בריק איז אונזער פאָלק אריבער אלע וואַסערן, און די פעלקער, הגם זיי גייען כביכול אויף אן אייזערנעם בריק, פאַלן דאָך אריין אין די טיפע אָפגרונטן.

דער גאַנצער טעזיס פון מאמר איז דער פסוק פון תהלים: „גם כי אלך בגיא צלמות לא אירא רע כי אתה עמדי"...

„דאָס וואָרט" (אָרטאָדאָקסישע וואָכנבלאַט, ווילנע)

## צוריק צום געטאָ!

אונטער דער דאָזיגער קעפל גיט אַ גרעסערע אָפהאַנדלונג אין ריגער „היינט" ה׳ י. אלימלך, איבער דער שוין דורך אונז דערמאָנטער נייער שטרעמונג אין דער אידישער פובליציסטיק: צוריק צום געטאָ — וועלכן מיר גיבן דאָ איבער מיט אייניגע קצורים, אלס בולט׳ן אויס־דרוק פון די איצטיגע כאַראַקטעריסטישע שטימונגען אין קרייזן פון דער אידישער אינטעליגענץ. ס׳בלייבט נאָר אָפצוואַרטן, אז די שטרעמונג וועט ניט בלייבן שטיין אויפ׳ן האַלבן וועג, נאָר וועט זיך אין ווייטערדיגער קאָנסעקווענץ באַקענען צו עכטער פולבלוטיגער תורה־אידישקייט, וואָס האָט געשאַפן און אויפגעהאַלטן דאָס אידישע פאָלק אין געטאָ, ווי אין אלע תקופות און צייטן פון זיין געשיכטע.

רעד.

### צוריק אין געטאָ!...

ניט בלויז איז עס א געשריי פון די נאַציס און א גזירה פון די אידן־שונאים.

אויך אַ אידיש קול צוטראָגט זיך איצט איבער דער וועלט — אַ שטים פון אמעריקע בלאָנקעט אַרום און רופט:

— אידן! צוריק אין געטאָ!

אידישע דיכטער און שרייבער האָבן זיך ארומגעזען, אז די וועלט איז טיף געזונקען אין רשעות און אז ס׳איז אין היינטיגע צייטן אַ קנאַפּער כבוד צו לעבן אין אַזאַ שלעכטער מיאוסער וועלט, וואָס איז פול מיט שנאה און ברוטאַליטעט און דריבער: — צוריק אין געטאָ!

דער דיכטער יעקב גלאַטשטיין, דער גלענצענדער פּובליציסט חיים ליבערמאַן, דער שריפטשטעלער דר. שמואל פייגין און דער באַ־וואוסטער פּעדאַגאָג קלמן וויטמאַן — יעדער איינער פון זיי לאָזט איצט הערן אויף זיין שטייגער א געזעגנונגס־וואָרט דער גרויסער ציוויליזירטער וועלט פון וועלכער דער איד מוז איצט אַנטלויפן אין געטאָ, — אין אן אייגן אויסגעבויטער וועלט, ווייט פון דער אַרומיגער ווירק־לאַכקייט.

דער דיכטער יעקב גלאַטשטיין אין זיין ליד „א גוטע נאַכט, וועלט" („איניזך" נומער 45) טוט עס גאַנץ פשוט. גלאַטשטיין מאַכט מיט דער וועלט גאָר קנאַפּע מחזקות—ער גיט א שליידער דער גרויסער מיאוסער וועלט זיין „גוט נאַכט" און פארשווינדט אין געטאָ. ער וואָרט ניט מען זאָל אים שטופּן אין געטאָ, נאָר פאַרקערט, ער אליין דרייט זיך אויס מיט׳ן רוקן צו דער וועלט, גיט אַ קלאַפּ אין טיר און אנטלויפט אין א געטאָ, וועלכע איז לגבי דער פינסטערער, טיף־געפאַלענער וועלט אַזוי שיין, ליכטיג און דערהויבן:

א גוטע נאַכט, ברייטע וועלט,
גרויסע שטיקענדיגע וועלט.
ניט דו, נאָר איך פאַרהאַק דעם טויער
מיט דעם לאַנגן כאַלאַט,
מיט דער פייערדיגער געלער לאַט,
מיט דעם שטאָלצן טראָט
אויף מיין אייגענעם געבאָט —
גיי איך צוריק אין געטאָ."

יעקב גלאַטשטיין איז אנטוישט אין דער „עלעקטריש צוחוצפה׳טער וועלט", ער איז פאַרביטערט געגן דער גרויסער ניט־אידישער וועלט און אירע „טרפה׳נע קולטורן" און ער רייסט זיך צוריק אין געטאָ:

„צוריק צו מיין קעראַסין, חלב׳נעם שאָטן
צו מיינע קרומע גאַסן, הויקערדיגע לאַמטערן,

מיינע שמות, מיין סוואַרבע,
מיינע גמרות, צו די האַרבע
סוגיות, צום ליכטיגן עברי־טייטש,
צום דין, צום טיפן מיין, צום חוב, צום גערעכט.
וועלט, איך שפּאַן מיט פרייד צו שטילן געטאָ־ליכט.״

ס׳הייסט, אז פּריוויליגער געטאָ איז ניט קיין טראַגעדיע און ניט קיין אומגליק — אידן איגנאָרירן די פאַלשע און ווילדע וועלט, וואָס האָט באַנקראָטירט און זיי גייען צו זיך אליין! ווען די וועלט איז גרויזאַם, ווי עס שילדערט איר חיים ליבערמאַן (אין זיין עסעי „אין טאָל פון טויט״), ווען „וואָטאַן רעדט דורך ראַדיאָ און טאָר פליט אויף עראָפּלאַנען״ מוזן מיר אידן אליין אויפשטעלן א מחיצה צווישן „אונז״ און „זיי״, אויסבויען אַ כינעזישען מויער צווישן „די״ וואָס זיינען נביאיש געבאָרן און וואָס פאַר זיי איז די העכערע וועלט און די, וואָס זייער וועלט באַשטייט בלויז פון בירזשעס, בתי־זונות, קאַזאַרמעס און תפיסות״.

דער איד מוז זאָגן אַדיע דער צעיושעטער וועלט, וואָס זייט חורבן און פארוויסטונג און אנטלויפן וואוהין די אויגן טראָגן. האָט דען דער רמב״ם ניט געזאָגט, אז ווען א שטאָט איז פול מיט רשעות, מוז מען פון דער שטאָט אוועק, און ווען דאָס לאַנד איז פארדאָרבן און פארברעכעריש, דארף מען דאָס לאנד פארלאָזן און ווען די וועלט איז חיה׳ש און ברוטאַל, מוז מען כאָטש אין אַ וואַלד אַוועק ?...

„צוריק צו געטאָ״ הייסט זיך אָפּזונדערן פון דער שלעכטער וועלט און שאַפן אַן אייגענע וועלט. געבויט אויף צדק און יושר, אויף מאָראַל און מענשלאכקייט.

דידאָזיגע געדאַנקען און שטימונגען ווערן ארויסגעזאָגט אין נייעם בוך פון קלמן וויטמאַן („איד און וועלט״, ניו־יאָרק) און אין ארטיקל פון דר. שמואל פייגין („נכון לימי הבינים״ אין העולם זייט 2־1), וואו עס ווערט אויך באהאנדלט דער פּראָבלעם פון צוריקקער צום געטאָ.

„מיר מוזן זיך גרייטן — שרייבט דר. פייגין — צו שלעכטע צייטן, צו פינסטערע טעג. די פינסטערע כמאַרעס איבער אונז ווערן אלץ געדיכטער ניט פון יאָר צו יאָר, נאָר פון טאָג צו טאָג. יעדער טאָג ברענגט אונז נייע צרות. מיט יעדער שעה ווערן אונזערע פּיין און ליידן אלץ גרעסער און עס דערנענטערט זיך די שעה, ווען די גאַנצע מענשלאכע קולטור האלט ביים אונטערגיין. אלץ וואָס מיר אידן האָבן

דערוואָרבן פאַר די לעצטע 150 יאָר, וועט פאַרלאָרן ווערן. מיר דאַרפן זיין גרייט צום שלעכטן טאָג".

ס'איז שלעכט און ביטער, וואָס זאָל מען טאָן? ווי אַזוי זאָל מען זיך גרייטן צום פינסטערן טאָג, וואָס קען נאָך זיין חושכ'דיגער פאַר די איצטיגע טעג, וואָס דאָס אידיש פאָלק לעבט איבער?

מיר מוזן פרייוויליג זיך צוריקקערן אין געטאָ! ס'איז א פאַקט אז מ'וויל אונז ניט לײדן און אז מ'האָט אונז פיינט, אז מיר שטופּן זיך אהין, וואו מען האַלט אונז פאַר איבעריג און ניט אָנגעלייגט. איז גלייכער, אז מיר אליין זאָלן מיט'ן ווילן אוועק אין געטאָ און ניט וואַרטן ביז מען וועט אונז אהין פאַרטרייבן און פאַריאָגן. ווען מיר וועלן זיין קאָנצענטרירט און צונויפגעבונדן צווישן זיך, וועלן מיר קענען האָבן א קיום. וועלן מיר זיך געגנשטעלן דער געטאָ און קריכן אהין וואו מען וויל אונז ניט האָבן, זיינען מיר ניט זיכער, ווען עס וועט שלאָגן די שעה צו וועלכער אונזערע שונאים רייסן זיך...

דאָס איז אומגעפער די עצה־טובה פון דר. פייגין, וועלכער האַלט, אַז דאָס אידישע פאָלק איז באַגאַנגען א גרויס אומרעכט דערמיט, וואָס ער האָט אויפגעהויבן אַזאַ גרויסן טומל ארום די געטאָ־בענק אין די פּוילישע אוניווערסיטעטן. דאָס ווייזט בלויז — האַלט ער — אַז עס פעלט ביי אונז זעלבסטווירדע און אַכטונג צו זיך אליין. אידן האָבן די דאָזיגע גזרה געדארפט אָנעמען מיט ביטול און ווייזן, אז ס'איז פאַר אידישע סטודענטן קיין כבוד ניט צו זיצן מיט די גוים.

מיר דאַרפן, לויט דער מיינונג פון דר. פייגין און אויך פון ק. ווייט־מאַן, אויפגעבן יעטווידן קאמף געגן דער ווילדקייט פון דער מענש־הייט און זיך ניט איינריידן, אז מען קען מיט וועלכע ניט איז מיטלען באַקעמפן דעם אַנטיסעמיטיזם און מאַכן א סוף צו דער כוואַליע פון שנאה און אכזריות געגן דאָס פאָלק ישראל.

אידישע אויפקלערונג אין באַצוג צו אנטיסעמיטיזם האָט זיך ארויס־געוויזן פאַר פולשטענדיג באַנקראָטירט. האָבן דען אין מיטלאלטער געהאָלפן אונזערע טענות, אז מיר האָבן ברונימער ניט פאַר'סמ'ט און זייער „הייליג ברויט" ניט מחלל געווען? און ווען מען האָט בלוט־בלבולים אויף אידן פאַרשפּרייט האָט דען געהאַט א פעולה אונזער אויפקלערונג, אז אידן קוילענען ניט קיין קריסטליכע קינדער און אז די גאַנצע מעשה איז ניט מער ווי אן עלילת־דם?

און אָט האַלטן מיר דאָך שוין קרוב צו 150 יאָר זינט מיר זיינען געוואָרן „וועלטלאך", אין איין אויפקלערן די גוים, אז דער אַנטיסע־

מיטיזם איז מיאוס, ניט לאָגיש און ניט יושר'דיג — ווייסן מיר דאָך וואָסערע קלאָגעדיגע רעזולטאַטן דידאַזיגע אויפקלערונגס־ארבעט האָט געבראַכט. אויב אין געוויסע לענדער איז אנטיסעמיטיזם ניט בנמצא אָדער איז אומבאַמערקבאר, איז דאָס ניט צוליב דער אידישער אויפ־קלערונג, נאָר צוליב די עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און פּסיכאָלאָגישע סיבות.

ניט קיין אויפקלערונג און ניט קיין גוואַלד און פּראָטעסטן — האַלט ק. וויטמאַן — קענען לינדערן דעם אנטיסעמיטיזם, אלא וואָס דען? אידן דארפן וויזן דער וועלט א קאָנקרעטן לעבעדיגןביישפּיל פון אן אינדיווידועלן און סאָציאַלן לעבן, וואָס אנטהאַלט אין זיך דעם מאַקסימום פון שיינקייט, נחת און גליק. וואָס־זשע וועט דעמאָלט זיין? דעמאָלט — מיינט דער מחבר פון „איד און וועלט" — ווען מיר וועלן דערגרייכן די העכסטע מדרגה פון גייסטיקייט און שיינקייט, וועלן מיר ציען די טיפסטע אויפמערקזאמקייט פון יענע פעלקער, וואָס זיינען מסוגל אָפּצושאַצן גייסטיקייט און מיר וועלן קענען דורכדעם פאַרשטאַרקן צו אונז די פריינטשאפט און אַכטונג פון יענע, וואָס מיר באַטראַכטן אַלס אונזערע פריינט.

די אידייע איז צו שאַפן אַזאַ אידישע וועלט, פון וועלכער די גוים זאָלן זיך לערנען ווי אזוי איינצושטעלן זייער סאָציאַלן און אינ־דיווידועלן לעבן — דאָס אידיש פאָלק זאָל זיך דערהויבן צו אַזאַ מדרגה, אז ער זאָל ווערן דער „אור לגוים". דאָס אידיש פאָלק, וואָס האָט דורכגעפירט א גייסטיגע איבערקערעניש אין דער אמאָליגער וועלט, איז אויך מוכשר דאָס דורכפירן אין דער מאָדערנער וועלט.

פאַר די לעצטע 150 יאָר איז א טייל פון אידישן פאָלק פאַרכאַפּט געוואָרן פון גייסט פון אסימילאַציע, פון דעם דראַנג „להיות ככל הגויים בית ישראל", — איז איצט געקומען די צייט — מיינט ק. וויטמאַן — אַז דאָס אידישע פאָלק זאָל אויפגעלעבט ווערן פון געדאנק: „להיות כבית ישראל כל הגויים" און אַנשטאָט „וועלטלאכע אידישקייט" זאָל זיין דער אידעאַל פון אידשען פאָלק — „אידישע וועלטלאכקייט". דער אויפבוי פון א וועלט, וואָס זאָל זיין דורכגעדרונגען אין איר לעבן און קולטור מיט אידישקייט.

לייענט מען די „פּראַקטישע" אויספירונגען פון ק. וויטמאַן דוכט זיך, ווי מען וואָלט געלייענט דעם פאַנטאַזיע־בוך פון טאָמאַס מור וועגן אן אינזל „אוטאָפּיא", וואו עס זאָלן הערשן נאָר די אידעאַלן

פון יושר און צדק, גלייכקייט און צופרידנקייט, ליבשאפט און גליק. אזוי אוטאָפּיסטיש קלינגט עס.

רעאַליסטיש איז אָבער וויטמאַן אין דעם עצם ענין, פאָדערנדיג פונ'ם אידן אומצוקערן זיך צו זיין אייגענער אַלטער היימישער וועלט, זאָל זי הייסן אפילו געטאָ. און סיי וויטמאַן און סיי דר. פייגין און אויך אַנדערע אַמעריקאַנער שרייבער און דיכטער האַלטן, אַז אידן מוזן איצט, אוועקגייענדיג אין געטאָ, פארשטאַרקן דעם אייגענעם באַ־וואוסטזיין, דעם געדאַנק, אַז מען איז אן „אתה בחרתנו״־פאָלק, אן עם סגולה.

„די פּאָסט״ (קראָקע)

# אַ בריון

פון

## י. צ. שאַרגעל

(פּתח־תקוה)

...**אַ**ין מיין ערשטן „בריוו״, וואָס איז געווען א מין ספּאָנטאַנער אָפּרוף נאָך דעם נחת־רוח — פון איין זייט, און פון דער אַנדערער — דער אויסדרוק פון אנטוישונג איבער געוויסע דעפעקטן און בלויזן, וועלכע האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן אריין, שיער־שיער ווי א דאָמינירנדיגער עלעמענט, כביכול, אין דער שיין־ארויסגעגעבענער און גוט־געמיינטער „פּאָסט״, — האָב איך אָנגעוואָרפן געוויסע גזירה־שוהס און פּאַראַלעלן פון דעם גורל פון אזעלכע אויסגאבעס אין ערטער, וואו עס קומט אויס מיט אומגעהויערן כח און מיט אויסערגעוויינלאכן מוט און ענערגיע — ארמגערינגלט מיט שנאה און אומצוטרוי — זי ארויסצוגעבן. אן מער נאָך האָב איך צוגעזאָגט די דאָזיגע פּארגלייכונגען, ווי איך זע זיי, ארויפצוברענגען אויף די שפּאַלטן פון אייער חשוב'ן זשורנאַל. אין דער צייט זיינען פאָרגעקומען אויפטרייסלענדיגע געשעענישן, וועלכע האָבן געלאָזט בלוטיגע, יאָטרענדיגע שפּורן אויף אונזערע גאַסן און —

געוויסע אידישע שרייבער האָבן, אין גרויס פאַרלאָרנקייט, זיך אַ לאָז געטאָן מיט שוואַרצע ליכט און מיט שופרות אין די הענט און אויסגערופן: „אין געטאָ אריין!״...

אויף די קעפּ פון אידישע קולטור־אָרגאַניזאציעס און זייערע שולן

אין אמעריקע האָט זיך צעפּגעלאָזט א האָגל פון „תשובה״: — יעמוד, אידישע יום־טובים! קומט אונז ראַטעווען, אידישע מנהגים! לייז אונז אויס, אידישע רעליגיע!...

דער נאַציאָנאַל־ראַט (ועד הלאומי) פון אידישן ישוב אין ארץ ישראל, מיט׳ן סאָציאַליסט י. בן־צבי אַן דער שפּיץ, האָט ארויסגעלאָזט אַ רוף צו די ברידער „זין פון עם־הספר״ זיי זאָלן אָנהייבן לייענען דעם תנ״ך טאָגטעגלאַך. יעדן טאָג אַ קאַפּיטל. צום סוף פראַווען אַ סיום. ובזכות זה וועט מען געראַטעוועט ווערן פון טשעמבערליינ׳ס גזירות...

„ביי די שווערע ערטער, — זאָגט דער אויפרוף — פאַרהאַלט אייך ניט, לאָזט עס איבער פאַר די קענערס, פאַר די געלערנטע, און איר זאָלט טאָן לייענען אות באות און זיך טאָן באַהעפטן מיט דער מאָראַל א. א. וו.[1])

דער ייוואָ — זיינע אָנפירער, יעדנפאַלס — פאַרלאַנגט איינצופירן וואָס מער העברעאיש אין אונזער זינדיגער שפּראַך!...

דער „פאָרווערטס״־איד, חיים ליבערמאַן אין זיין בראָשור „אין טאָל פון טויט״ דערציילט פון „זעכצן מיליאָן אידן מיט זעכצן מיליאָן אויגן״ (יעדער איד פאַרמאָגט נאָר איין אויג!...), וואָס זיינען אַלע, אַלע פול מיט טרערן![2])...

איז מיך באַפאַלן אַן אימה: — אין אַזאַ צייט גייסטו זיך פאַרנעמען מיט אַזעלכע זינדיגע זאַכן, ווי זשורנאַלן פון יונגע מענשן, וואָס די עלטערע, די גוט־סיטוירטע ווילן ניט לאָזן אויפוואַקסן?[3]) איצט אַ?!—

יאָ!— איז מיין ענטפער אין דער איצטיגער צייט. יאָ, איצט איז די צייט אויפמערקזאַם צו מאַכן אַלע די עלעמענטן, וועלכע האָבן זיך נאָך ניט פאַרלאָרן אָדער, ריכטיגער: — וועלכע האָבן נאָך ניט פאַרקויפט זייער פעדער צום שונדיסטישן מעלאָדראַמאַטישן כליפּען, כדי דער געפּלאָגטער פאָלקס־מענש זאָל דאָס לייענען און זיך באַ־לעקן...

---

1) דאָס צוקרימטע פּנים פון א געוויסן טיפּ „מאָדערנע אידן״ שטעלט זיך אין ערגעץ ניט ארויס קלערער ווי אין דידאָזיגע פאַראַגראַפן: פון ארץ ישראל אַרויס, פון פּתח־תקוה קומט דידאָזיגע שטים וואָס חוזק׳ט פון תנ״ך לערנען, פון אידישע ימים טובים, פון אידישע מנהגים, פון אידישער רעליגיע! ווען ניט די אידישע רעליגיע וואָס האָט אויפגעהיט ד לבשאפט צו ארץ שראל — וואו וואָלט ער גענומען די פּתח־תקוה, דאָרט צו זיין און פון דאָרט צו פאַרשפּרייטן דעם מיאוס׳ן ריח?

2) דער איד שאַרגעל, האָב איך מורא, האָט קיין איין אויג אויך ניט און קען אינגאנצן ניט וויינען, רחמנא לצלן. (זע באמערקונג 2, זייט 222).

3) אזעלכע ווי אָט דער שרייבער? קאַרליקעס קענען ניט אויפוואַקסן.

איצט, אין טעג בלוטיגע און שריפה׳דיגע, איז די צייט צו רופן די אלע ערלאכע טוער, שאַפער און געניסער פון דער אידישער קול־טור[4]) און זיי זאָגן: זייט והאָד! זייט געאייניגט! ניט כליפען, ניט יאוש, ניט דאָס „אָפּדאַנקען" דער וועלט און צוריקגיין „צו זיך" איז אונזער אויפגאבע אין די דאָזיגע טעג און ניט דערמיט, — מיט געטאָ זאַבאַבאָנעס, מיט געטאָ־טראַדיציעס וועלן מיר זיך ראַטעווען פון ראַסן־שגעון. און ניט מיט קאפיטלאך תנ"ך וועט מען אָפּרופן טשעמבער־לעינ׳ס גזירות, טשעמבערלעינ׳ס ממשלה!...

„די פרעסע" (בוענאס איירעס)

# טרייסט ווערטער

פון

## יעקב באָטאָשאַנסקי

„לעכצן מיליאָן אידן זיינען מיר, צושפּרייט איבער דער גאַרער ערד אַ נעץ מיט זעכצן מיליאָן (פּאָר) אויגן און קיין איינע אָן א טרער".

דידאָזיגע ווערטער האָט אָנגעשריבן חיים ליבערמאַן אין זיין בראָשור „אין טאָל פון טויט", וואָס איז דערשינען אין שוואַרצע טאָוו־לען, וואָס סוגערירן טרויער און גיבן צו פילן דעם אָטעם פון טויט.

כאָטש די בראָשור הייסט „אין טאָל פון טויט" און דערשינען איז זי ווי א נעקראָלאָג, האָבן מיר דאָ ניט קיין קלאָגליד אויף אונזער לעבן און אפילו ניט קיין אימה־ליד וועגן טויט, וואָס קלאַפּט אין אונזער טיר. אדרבא: ליבערמאַן איז זיכער, אז מיר וועלן ניט שטארבן. ער שרייבט:

„אויב שטארבן, האָבן מיר געדארפט שטארבן נאָכ׳ן ערשטן חורבן, נאָכ׳ן צווייטן, נאָך די קרייצצוגן, נאָך די גזירות ת"ח ות"ט. איצט זיינען מיר שוין צו־אַלט צו שטאַרבן".

אָבער אויב ליבערמאַן קומט ניט צו קיין פולן פעסימיזם וועגן אונזער לעבן, קומט ער אָבער צו א פולן פעסימיזם וועגן „זייער" מאָראַל, וועגן דער מאָראַל פון די ניט־אידן. זיי קענען אונז ניט,

4) אז תנ"ך, אידישע יום־טובים, אידישע מנהגים, אידישע רעליגיע זיינען ניט קיין אידישע קולטור — וואָס־זשע איז עס אזוינס „די אידישע קולטור"? אָט דאָס אַרטקל פון פּתח־תקוה? וואָס־זשע איז שוין קולטורלאָזיגקייט?

קומט אויס לויט ליבערמאנ׳ס אויפפאַסונג, מוחל זיין, וואָס מיר האָבן געזאָגט „לא תרצח" און אויף וויפיל „זיי" זיינען די טרעגער פון דער ניט־מאָראַל, זיינען מיר די טרעגער פון דער אידייע און פון דער מאָראַל:

„מיר זיינען — שרייבט ליבערמאַן — די כלי, אין וועלכער גאָט׳ס פייער האָט זיך באזעצט אין דער וועלט און פון דעם הייליגן פייער זיינען מיר פאַרהאַרטעוועט געוואָרן".

דער געדאַנק, אז מיר זיינען פאַרהאַרטעוועט געוואָרן אין הייליגן פייער, איז א שיינער און אַן אמת׳ער. אין הייליגן פייער פון מאַר־טירערטום ווערט מען פאַרהאַרטעוועט. אָבער צו אָט דעם שיינעם און גרויסן אמת גיט ליבערמאַן צו אַזאַ „אתה בחרתנו־ניזם", וואָס שאָקירט. לויט ליבערמאַן קומט אויס, אַז מיר זיינען די איינציגע, וואָס ווערן פאַרהאַרטעוועט אין הייליגן פייער. „זיי האָבן זיך גענומען די ערד — שרייבט ח. ל. — „און מיר האָבן זיך גענומען דעם הימל". זיי זיינען, הייסט עס, הוילע ערד און מיר הוילע הימל. זיי זיינען הוילע ערדישע פריידן און מיר — הוילע הימלישע ליידן. אָט־דאָ שטעקט דאָס ניט שיינע, ניט ריכטיגע אין ליבערמאנ׳ס געדאַנקען־גאַנג.

וואָס איז אונזער מחבר אויסן מיט זיין פילאָזאָפישער פּאָעמע אין פּראָזע? איך האָב שוין געזאָגט, אז ניט קיין קלאָגליד האָט ליבערמאַן געזונגען, אדרבא: ער האָט געזונגען א טרייסט־ליד, ער וויל אונז קודם כל איבערצייגן, אז ס׳איז ניטאָ קיין געפאר, אז מיר וועלן אומ־קומען, ווייל מיר זיינען שוין פארהאַרטעוועט געוואָרן אין הייליגן פייער און ער וויל אונז אויך טרייסטן, אז מען פּלאָגט אונז ניט פאר אונזער שלעכטקייט, נאָר פאר אונזער גוטסקייט און גרויסקייט.

וואָלט דאָס דאָזיגע געווען זייער גוט, ווען עס קומט ניט צו דער „אתה בחרתה׳ניזם" דערצו, אז מיר זיינען די איינציגע טרעגער פון דער גרויסער מענשלאכער אידייע. אַזאַ באַהויפּטונג קען זיין שעדלאך פאר אונז. זי קען זיין שעדלאך, ווייל די ערגסטע פון אונז, די אידישע עקספּלואַטאַטאָרס, וועלכע זיינען לחלוט׳ן ניט בעסער, ווי די אַרישע עקספּלואַטאַטאָרס, וועלן זיך נעמען איינריידן, אז זיי זיינען די זאלץ פון דער ערד [1]) און איבערהויפּט ווייל מ׳קען טאַקע אָנהויבן פאַרלאַנגען

1) די ערגסטע פון אונז און די אידישע עקספּלואַטאַטאָרס קענען ניט האָפן זיך צו באַהאַלטן אונטער אונזער „אתה בחרתנו", ווייל אידישקייט האָט אזעלכע אייביג געטריבן פון זיך.

ביי אונז, אז מיר זאָלן זיין סאַמע מלאכים און אידייען־טרעגער.[2]) נחום סאָקאָלאָוו האָט געזאָגט: „מיר ווילן רעכט ניט נאָר פאַר אונזערע נתן החכמ׳ס, נאָר אויך פאַר אונזערע שיילאָקס.[3]) מיר טאָרן ניט פאַר־שפּרייטן די פאַלשע מיינונג, אז מיר זיינען הוילע גרויסקייט, ווייל ווען מ׳וועט נעמען מאַכן א רעוויזיע אין די ביכער, וועט דער חשבון ניט שטימען.[4])

און מיר באַגייען אַן עולה לגבי א סך אנדערע פעלקער — ס׳הייסט לגבי פאַרשיידענע טיילן זייערע — ווען מיר פאַרשרייען זיך אלס די איינציגע פאַרהאַרטעוועטע אין קאַמף. און וואָס וועט חיים ליבערמאַן זאָגן וועגן שפּאַנישן פאָלק?[5]) ווערט דאָס פאָלק, וואָס זיינע ערגסטע פאַרשטייער האָבן אונז אמאָל געמאכט די שוידערלאכע אינקוויזיציע, ווערט דאָס דאָזיגע פאָלק ניט פארהאַרטעוועט פאַר אונזערע אויגן אין הייליגן פייער? איז דען אין שפּאַניע אין איצטיגן מאָמענט ניט קיין איינס פון די מיליאָנען אויגן אָן טרערן?[6])

אברהם ליעסין האָט א וואונדערלאך ציקל לידער א. נ. „יהודה המכבי״, דערציילט ער אין איינעם פון די לידער, אז ווען יהודה פאַלט, זעט ער א ווייטע וויזיע:

„ווי עס ווערט די אומה וויט אין צייט געבויט
און דערהויבן הויך פון שטויביגקייט,
פייערט ער דעם זיג פון לעבן מיט זיין טויט
ביז׳ן ווייטסטן דור און אייביגקייט״.

קען מען דאָס דאָזיגע ניט זאָגן וועגן יעדן פון די העלדישע לאָיאַלע שפּאַניער, וואָס פאַלן? פייערן זיי דען ניט דעם זיג פון לעבן מיט זייער טויט? וועט שוין דען שפּאַניע קענען בלייבן פאַרשקלאפט? וועט דען שפּאַניע ניט מוזן זיך אויפהויבן און דערהויבן ווערן?

2) פון אונז פאַרלאַנגט „מען״ עס סיי־ווי, נאָר פון זיך פאַרלאַנגט „מען״ עס ניט, אָבער מיר אליין דאַרפן עס טאַקע פון זיך פאַרלאַנגען. (זע באַמערקונג 2, זייט 118).

3) מיר קענען די שיילאָקס מוחל זיין „זיי״ במחילה גמורה.

4) שרעקט זיך ניט פאַר אַזאַ חשבון: עס וועט נאָך אונז ארויסקומען.

5) איך האָב געזאָגט, טאַקע אין דעם ביכל: „האָבן מיר געדענקט שפּאַניע אונ־דער ווייטאָג אין שעה פון איר נויט?״ נאָר פאַרוואָס פרעגט איר שוין ניט אין איין גאַנג: וואָס האָט שפּאַניע געטאָן פאַר אונז, ניט אין דער שעה נאָר אין די יאָרן פון **אונזער** נויט?

6) מיינט איר טאַקע אז די טרערן פון היינטיגן שפּאַניען האָבן גאָר קיין שייכות ניט מיט יענער „שוידערלאַכער אינקווידיציע״?

אין אַן אַנדער ליד פון דעם זעלבן ציקל זינגט ליעסין וועגן יהודה המכבי:

„קען ער מיט זיין לעבן שוין ניט מער
אויפהויבן דעם מוט דעם פאַלנדן,
וואַרפט ער אים זיין טויט אין פלאַמיגסטן באַגער,
א גבור־טויט א שטראַלנדיגן״.

קען מען דאָס דאָזיגע ניט זאָגן וועגן די לאָיאַלע שפּאַניער? דאָס גאַנצע שפּאַנישע פאָלק איז דאָך פאַר אונזערע אויגן געוואָרן א פאָלק פון מאַרטירער.[7]

חיים ליבערמאַנ׳ס פאַלשער אויספיר נעמט זיך פון זיין פאַלשן צוגאַנג. ביי אים קומט אויס, אַז ניט דער מענש שאפט די אידייע, נאָר אַז פאַרקערט — די אידייע שאַפט דעם מענשן. אין דער פאָעמע „אין טאָל פון טויט״ איז פאַראַן אַזאַ שטעל:

„מיר זיינען דער געשאַף פון אַן אידייע. אַן אידייע האָט אונז אַנגענומען פאַר די האַר און שליידערט אונז פון יאָרטויזנט אין יאָרטויזנט אריין. מיר לעבן פאַר׳כישופ׳ט אין הארצן פון א וואונדער. דורך עפּעס א וואונדער האָבן אונזערע אבות אָנגע־צונדן אַ פייער אין אונז, וואָס קען ניט אויסגיין. משה׳ס „סנה״ איז געבליבן אַן אייביגע גליאונג אין אונזער בלוט. ווי א פלאַם ברענען מיר צום הימל, וואָס רעגנס קענען ניט פאַרלעשן און ווינטן טוען נאָר צופאַכן״.

קאַרל מאַרקס האָט דערוויזן, אַז ניט דאָס באַוואוסטזיין באַשטימט דאָס זיין, נאָר אַז פאַרקערט: דאָס זיין שאפט דאָס באַוואוסטזיין,[8]

---

7) אונזערע נביאים און די גאַנצע שפּעטערדיגע אידישקייט האָבן כולל געווען אַלע אונטערדריקטע און פאַריאָכטע.

8) ער האָט עס ניט דערוויזן. שוין דערפאַר אליין וואָס דידאָזיגע טעאָריע דעקט ניט דאָס אידישע פאָלק און די עקזיסטענץ פון אידישן פאָלק איז די סותר. מאַרקס האָט אויך „דערוויזן״ אַז דער אידישער גאָט איז געלט, אַז דאָס אידישע פאָלק איז נאָר אַ קאַפּיטאַליסטישע פונקציע און מוז אונטערגיין מיט׳ן קאַפּיטאַליזם — נעמט איר דאָס אויך אָן?

דידאָזיגע טעאָריע מאַרקס׳עס אַז דאָס זיין איז אַלץ און דאָס באַוואוסטזיין גאָר־ניט, ד. ה. דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם, איז א טעות וואָס האָט געבראַכט און וועט ברענגען דער מענשהייט פונקט אזוי פיל שאָדן ווי די אריסטאָטעלישע דע־דוקטיווע לאָגיק, וואָס האָט געשטעלט דאָס דענקען אויף דער מעטאָדע פון כלל צום פרט, און ניט פאַרקערט. דאָס האָט געמיינט אַז דער מענש קען אַלץ דערגיין פון דעם אייגענעם שכל ארויס צו דער וועלט, און ניט פון דער וועלט צום שכל.

**ס׳הייסט, אז ניט פריער האָט דער מענש אַן אידייע און דערנאָך קריגט ער צוליב איר אינטערעסן און ער קעמפט פאַר דער אידייע, נאָר פריער האָט דער מענש אינטערעסן און דערנאָך שאַפט ער זיך לויט זיי אַן אידייע און ער קעמפט פאַר זיי. לויט חיים ליבערמאַן קומט אויס, אַז די אידייע שאַפט דעם מענשן און איז איבער אים א באַלעבאָס. „מיר זיינען דער געשאַף פון אַן אידייע". עס קומט אויס, אַז מיר**

---

דאָס האָט דערפירט צו דער סכאָלאַסטיק און דער איירעפּעאישער געדאַנק איז הונדערטער יאָרן דורכדעם געלעגן אַ פּאַראַליזירטער. ערשט ווען עס איז געשאַפן געוואָרן די אינדוקטיווע לאָגיק — פון פּרט צום כלל — איז דער איירעפּעאישער געדאַנק באַפרייט געוואָרן פון זיינע קייטן און עס איז מעגלאַך געוואָרן די גאַנצע וואונדערבאַרע מאָדערנע ווסנשאַפט.

קאַרל מארקס׳עס טעות איז ענלאַך צו אַריסטאָטעל׳ס. ער האָט אַוועקגעשטעלט אַ כלל — דאָס זיין שאַפט דאָס באַוואוסטזיין — און די אָנהענגער פון דער טעאָריע נעמען יעדער היסטאָרישע דערשיינונג און ברעכן און בויגן און קנעטן זי זי זאָל שטימען מיט דער טעאָריע. דאָס האָט שוין געבראַכט אין די סאָציאָלאָגישע דיסקוסיעס צו אַ נייער סכאָלאַסטיק וואָס פּאַראַליזירט אויף דאָס ניי דעם מענשלאכן געדאַנק אזוי ווי די סכאָלאַסטיק אין מיטלאַלטער.

געלערטע אין סאָוועט־רוסלאנד האָבן צוריקגעוויזן דעם פּרווידיאַניזם און דעם איינשטייניזם, און אפילו געוויסע טעאָריעס אין דער אסטראָנאָמיע, בלויז אויפ׳ן גרונד דערפון וואָס זיי שטימען ניט לויט זייער מיינונג מיט׳ן מארקסיזם. און ווי אויב זיי זיינען פּאָרט אמת? ווען עס זאָל קומען אַ נייער קאַרל מארקס און זאָל באַווייזן ווי צוויי מאָל צוויי איז פיר אַז דער היסטאָרישער מאַטעריאליזם איז פאַלש וועט מען אים אין סאָוועט־רוסלאנד שטעלן צום וועגטל פאַר זיין קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער אפיקורסות.

אַריסטאָטל האָט, פון ריינעם שכל ארויס, געדרונגען אז א שווערע זאַך פאַלט צו דער ערד מיט א גרעסערער שנעלקייט ווי א גרינגע זאַך. אויפ׳ן שכל לייגט זיך עס טאַקע. איז געקומען גאַליליי און האָט געמאכט זיין באַרימטן עקספּערימענט און באַוויזן אַז זיי פאַלן ביידע גלייך. און יענער איין עקספּערימענט האָט געבראָכן אריסטאָטל׳ס כשוף איבערן איירעפּייאישן דענקען און עס האָט זיך אָנגעהויבן א נייע קולטור־עפּאָכע אין דער וועלט.

אַזאַ איין עקספּערימענט איז דאָס אידישע פאָלק בנוגע מארקס׳עס טעאָריע פון היסטאָרישן מאַטעריאליזם.

נאָך פון דער צייט ווען איך בין געווען אַ קליין אינגל געדענק איך, ווי מיין טאַטע האָט אָפּגעשאַפט מארקס׳עס טעאָריע. ער האָט געוואוינט אין אַ דאָרף, אַ מטופל מיט פופצן קינדער. איז אָנגעקומען אַן אוקאַז אים ארויסצעוואַרפן פון דאָרף. איז ער אַוועק, צו אָרימקייט און נויט. אָבער ווען ער זאָל זיך געווען שמד׳ן האָט ער געקענט ווערן אַ גאַנצער פּריץ. נאָר זיין אידישער באַוואוסטזיין האָט באַשטימט זיין זיין, און אין איין גאַנג שוין אויך מיינעם.

און אַזוי זיינען געווען אַלע אידישע טאַטעס. און אזוי לעבט דאָס אידישע פאָלק.

קעמפן גאַרניט פאַר'ן לעבן, נאָר פאַר דער אידישער אידייע. מען מיינט דאָ: מיר אַלע! ראָטשילד אויך...[9]

אָבער — אויף וויפיל חיים ליבערמאַנ'ס צוגאַנג זאָל ניט זיין פאַלש און זיינע אויספירן זאָלן ניט זיין פאַלשע, מוזן מיר מודעה זיין, אז זיין ביכל איז געשריבן מיט הארץ און מיט נשמה און אז ס'זיינען פאַראַן שטעלן, וואָס רירן אונז מיט זייער עכטן פּאַטאָס און מיט זייער שיינקייט. חיים ליבערמאַן שרייבט:

„איך בין אין חדר אמאָל געזעסן לעבן א חבר, וואָס האָט געוויינט און א טרער איז אים אַראָפּגעפאַלן אויף רש"י און איך האָב דערזען אונטער טרערן ווערן אותיות גרעסער".

ס'איז פּאָעטיש און שיין און אמת. אונטער טרערן און אונטער בלוט אפילו ווערט קיין שום זאַך ניט קלענער, נאָר גרעסער!

„די פעדער" (נויאָרק)

# מוט און גלויבן

## פון

## אברהם רייזען

דער גרויסער וואָרט-קינסטלער און באַרימטער עסייאיסט און קריטיקער חיים ליבערמאַן, מוטיגט און טרייסט מיט זיין לעצטנס דער־שינענעם בוך, אָדער ריכטיגער, ספר „אין טאָל פון טויט", געדאַנקען וועגן אונזער צייט און אידישן שיקזאַל אין איר. חיים ליבערמאַן, א סאָציאַליסט, „שרעקט" זיך ניט צו אָנערקענען די גרויסקייט פון אידישן פאָלק — ווי א רעאַקציע געגן אונזערע דאַכטענישן, אז מיר זיינען זינדיג: דאָס ווערק איז פול מיט הויך־פּאָעטישע און פּאַטעטישע אפאָ־ריזמען: „דער אידישער כלל איז אָן זינד"... „מיר האָבן גאַרנישט געקראָגן אומזיסט און קיין זאַך ניט גענומען מיט גוואַלד אָדער שוחד". „מיר זיינען געגאַנגען דורך רשעות, ווי א קאַץ גייט אין נעץ און נעצט ניט איין די פיס"...

אין אדם נתפס על צערו. פאַר איניגע אויסדרוקן אין בוך, מיט וועלכע מיר קענען ניט מסכים זיין, פאַרגיבן מיר, וויסנדיג פון אונז אַליין,

---

9) ראָטשילד אויך — ווען ער איז געפּייניגט געוואָרן פון די נאַציס.

ווי גרויס דער צער איז פון אַזאַ טיף־פילנדיגער פערזענלאַכקייט, ווי חיים ליבערמאַן, וואָס איז דענקער און קינסטלער, פילאָזאָף און פּאָעט.

זיינע לויבגעזאַנגען צו אידן, ווי צו טרעגער פון דער וועלט־אידייע, פון דער וועלט־גערעכטיגקייט, קענען נאַטירלאַך ניט פּאַרמישט ווערן מיט סופּעראַריטעט, מיט אתה בחרתנו, צי חלילה, מיט בלוט און ראַסן־טעאָריע. דאָ רעדט זיך וועגן דער עטיק, וואָס זי איז די אלמענשלאַכע און ווי אונזער דענקער און געלערנטער דר. א. גינזבורג האָט שוין אונז פיל מאָל דערקלערט: אז צו ווערן א איד דאַרף מען נאָר אָנעמען אונזער לערע, אונזער עטיק: „ואהבת לרעך כמוך".

חיים ליבערמאַן קען פאַרטיידיגן (און זיין פאַרטיידיגן איז מער אויפוויזן ווי אפּאָלאָגעטישקייט...) ער קען אָבער אויך אָנקלאָגן.

...„עס איז געקומען א מינדערזיניגער מענש און האָט אָפּגעבונדן די טונקעלע געוואַלטן פון א פאָלק — א מענש איינער אליין א סדום ועמורה! פון דעם קעניגרייך פון שאָטנס איז ער ארויס". ...„דאָס פאָלק, וואָס האָט גערעדט פון איבערמענשן איז געוואָרן אונטערמענש־לאַך"...

חיים ליבערמאַן מיט זיין גרויס ליבשאַפט צום אידישן פאָלק איז אָבער פּראָפעטיש־אלמענשליך און האָט אין אמת'ן געשריבן זיין גרויס וויזיאָנערישן ספר — פאַר גאָר דער וועלט...

...„און פון דעם הימל וועט זיך ניט אָפּטאָן דער רעגנבויגן, דער רעגנבויגן פון פרידן נאָכ'ן שטורעם. און אַלע מדבריות וועלן פאַרגיין אין טראָגן און אַלע וויסטענישן וועלן זיין פול הויזלאַכקייט, דער מענש וועט אָטעמען א נייעם אָטעם און עס וועט זיין תחית המתים אין לעבן".

„דעמאָלט וועלן מיר זיין אַלע און אַלע וועלן זיין מיר"... און אַלע פעלקער וועלן זינגען אונזער נאָמען, ווייל מיר האָבן געזיגט אָן שנאה און אָן וואָפן"...

גאָלדענע ווערטער! עס ווילט זיך ציטירן און ציטירן. אָבער דעם מערקווירדיגן, הויך־פּאָעטישן ספר דאַרף מען לייענען אינגאנצן, און מיט דער אויסנאָם פון אייניגע אפּאָריזמען — וואָס קומען פון גרויס צער — איינאָטעמען זייער צוויבערלאַכן דופט, וואָס קרעפטיגט און גיט מוט צו לעבן היינט — מיט דעם פעסטן גלויבן אין ליכטיגן מאָרגן.

„די צוקונפט״ (נויאָרק) און „ווילנער טאָגבלאַט״.

# „אין טאָל פון טויט״
# און
# „אויב איך וועל עס דיר פאַרגעסן, ענגלאַנד!״

## פון
## י. באַשעוויס

„אין טאָל פון טויט״ און „אויב איך וועל עס דיר פאַרגעסן, ענגלאַנד״ זיינען געשריבן אין א תנ״כ׳ישן סטיל. תנ״כ׳יש איז דער זאַץ־געבוי, תנ״כ׳יש זיינען די מעטאפאָרעס, די פּאַטעטישע ווענדונגען. איניגע זאַצן זיינען פּאַראַפראַזן פון פסוקים אין ישעיה און משלי, צ. ב. ש. „וואָס נאָך האָבן מיר געדאַרפט טאָן און האָבן ניט געטאָן״ א. א. וו. „גיי און לערן פון דער אָרימער האָר, אָרימע ענגלאַנד״. „אין טאָל פון טויט״ טענה׳ט זיך אויס ליבערמאַן מיט די אומות־העולם און ספּעציעל מיט די נאַציס, די פּאַשיסטן. „אויב איך וועל עס דיר פאַר־געסן, ענגלאַנד״ איז געשריבן געוואָרן אונטער דעם איינפלוס פון אָפּ־שטעלן די אידישע אימיגראַציע קיין ארץ ישראל. ליבערמאַן זאָגט דאָרטן פאָראויס די צופאַלונג פון דער ענגלישער אימפּעריע.

> „אין יענע טעג וועלן אידישע קינדער זיך שפּילן אויף די ברעגן פון תל־אביב, פון יפו און פון חיפה, און די כוואַליעס וועלן ברענגען שטיקלאך זעגל, שפּענער, מאַסטן גאַנצע: און קינדער וועלן קלייבן און זיך חידוש׳ן און פרעגן: וואָס איז דאָס? און מיר וועלן זיי זאָגן: דאָס איז געווען די מאַכט פון ענגלאַנד.״

דער סטיל פון די נביאים איז געווען ענג צונויפגעבונדן מיט דעם אינהאַלט פון זייערע רייד און איז געווען אַ פּראָדוקט פון זייער פּאַטאָס און טיפן גלויבן אין דעם אמת פון די נביאות׳ן, וואָס זיינען געזאָגט געוואָרן אין נאָמען פון גאָט. אַזוי שטאַרק איז געווען דער גלויבן פון די נביאים, אז גאָט האָט גערעדט פון זייער מויל, אז טויזנטער יאָר שפּעטער גלויבן נאָך אַלץ מיליאָנען און צענדליגער מיליאָנען מענשן, אַז דער אַלמעכטיגער האָט זיך ווירקלאַך אַנטפּלעקט צו ישעיהו, ירמיהו, יחזקאל און די אנדערע נביאים. די ניט־גלויביגע מוזן באַוואונדערן די רעטאָריק פון די נביאים, זייער געפיל פון גערעכטיגקייט, זייער ברענענדיגן האָס צו אַלדאָס שלעכטע און אומגערעכטע. גאַנץ אַנדערש מוז מען אויפנעמען ווערק, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן לויט דעם סטיל

פון די נביאים, מיט טויזנטער יאָר שפּעטער נאָכדעם ווי די נביאים האָבן געלעבט.[1] ניט ליבערמאַן און ניט זיינע לעזער גלויבן, אז גאָט האָט צו אים גערעדט.[2] אויב ליבערמאַן זאָגט פאָרויס די פאַנאַנדערפאַלונג פון ענגלאַנד, איז עס סיי פאַר אים און סיי פאַר די לעזער ניט מער ווי א וואונש.[3] מען קאָן באַוואונדערן ווי פיין עס איז געלונגען ליבערמאַנ׳ען ארויסצוברענגען דעם טאָן פון תנ״ך, צוצוגעבן זיין אידיש אן ארכאַאישן קאָליר, צו באַנוצן אן אלטן אָריענטאַליש־געבלימעלטן סטיל ריידנדיג וועגן אזעלכע אולטראַ־מאָדערנע דערשיינונגען ווי נאַציזם, פאַשיזם, קאָמוניזם, באלפור־דעקלאַראַציע, ציוניזם. אָבער וועגן קיין אייגענעם אָריגינעלן סטיל קאָן דאָ ניט זיין קיין רייד. אויב פון נייעם טעסטאַמענט שמעקט שוין מיט נאָכאַמונג, איז עס געוויס אמת וועגן ביכער וואָס ווערן געשריבן אין א ביבלישער פאָרם אין דער היינטיגער צייט.

ווען אַ מאָדערנער שרייבער זאָגט פאָראויס די צופאַלונג פון דער ענגלישער אימפּעריע, קאָן ער דאָס ניט אָפּ׳פטר׳ן דערמיט וואָס ער באַנוצט דערביי יענעם הויכן סטיל און יענע דערהויבענע פאַרגלייכונגען וואָס דער נביא האָט באַנוצט אין זיינע זעאונגען אויף אשור, בבל, מצרים, ננווה.[4] ער מוז דערביי אָנגעבן דורך וואָס דאָס וועט געשען, ווען און ווי אזוי.[5] וועט דאָס זיין אַ רעזולטאַט דערפון וואָס די נאַצישע

1) פון אזעלכע דאַרף מען ניט אויפנעמען דאָס געפיל פון גערעכטיגקייט און דעם האַס צו אַלדאָס שלעכטע און אומגערעכטע ?

2) אויב איך מאַך קיין טעות ניט איז י. באשעוויס איינער פון די וואָס גלויבן ניט אַז גאָט האָט גערעדט אפילו צו ישעיה, ירמיה און יחזקאל; טאָ פאַרוואָס מאָנט ער גאָט׳ס אַנטפּלעקונג דוקא ביי חיים ליבערמאַנ׳ען ?

און וויבאַלד ער געפינט ניט גאָט ניט ביי די נביאים און ניט ביי די חיים ליבערמאנ׳ס, ווישט ער דאָך אָפּ דעם חילוק צווישן זיי און די ווערק געשריבן אין נביאיש׳ן סטיל (דער חילול הכבוד איז זיינער) טאָ פאַרוואָס זאָל ער זיך באַציען צו די שפּעטערדיגע „נביאים” אנדערש ווי צו די ערשטע ? תיקו.

3) דאָס איז לאו דוקא. הלואי ווערט די ענגלישע אימפּעריע א פרייער בונד פון אמת פרייע און גלייכע לענדער, מיט א אידישער ארץ ישראל צווישן זיי, וואָלטן אלע געקענט ווינשן זי זאָל עקזיסטירן לעולם ועד.

4) די זעאונגען פון די נביאים פאַר אשור, בבל, מצרים און נינוה זיינען אויך גילטיג פאַר די זינדיגע אימפּעריעס פון היינט, און אפילו פאַר די אימפּעריעס וואָס זיינען נאָך ניט געבאָרן געוואָרן.

5) אויב די אמת׳ע נביאים האָבן ניט געגעבן קיין גענויע פּראָגראַם ווען און ווי אזוי, נאָר דערהויבענע פאַרגלייכונגען און זעאונגען, טאָ ווי קען ער עס פאַרלאַנגען פון די פאַלשע נביאים׳לאַך ?

ערשפלאַגבען וועלן זיך אַרויסווייזן שטאַרקער ווי די ענגלישע קריגס־שיפן? אָדער ווייל די דאָמיניאַנס וועלן זיך אָפּרייסן? אָדער ווייל אין אינדיע און אין די אַנדערע קאָלאָניעס וועלן פּאַרקומען נאַציאָנאַלע, אָדער סאָציאַלע רעוואָלוציעס? אָדער ווייל עס וועט אויפקומען אַן אַנדער אימפּעריע, וואָס וועט ירש׳נען ענגלאַנד?... אויב דער שרייבער נעמט ניט אין באַטראַכט אַט־די אַלע און אַנדערע פּאָליטישע און סאָציאָלאָגישע מעגלאַכקייטן, קאָן זיין פּראָוויסזעאונג קיינעם ניט איבערצייגן. דער „נביא״ פון דער היינטיגער צייט קאָן זיך ניט באַנוגענען מיט הוילן פּאַטאָס. ווען אַ מאָדערנער שריפטשטעלער פּאָרזיכערט, אַז דער אידישער ישוב אין ארץ ישראל וועט וואַקסן און בליען, ווילן מיר וויסן אַ דאַנק וואָס דאָס וועט געשען.[6] וועט פּאַרקומען א גרינדלאַכע פּארשטענדיגונג צווישן אידן און אַראַבער? אָדער וועלן אידן ביס־לעכוויז באַזיגן די אַראַבישע שטערער? אָדער וועט אַנטשטיין אַן אמת׳ער פעלקער־בונד, וואָס וועט ווידער פּאַנאַנדערטיילן די ערד, און אָפּגעבן יעדן פאָלק די טעריטאָריע, וואָס איז פּאַר אים נויטיג און געוואונשן? אָדער וועט פּאַרקומען אַן עקאָנאָמישער אויפבלי אין נאָענטן אָריענט, וואָס וועט ארויסרופן א אידישע מאַסן־עמיגראַציע?[7] מען קאָן היינט־צו־טאָג, גלייך ווי אַמאָל, גלויבן אין דעם פּאַרבאָרגענעם שיקזאַל פון פעלקער און לענדער; אין געשיכטלאַכע פּראָוויסבאַשטימונגען; אין ווייט־גייענדיגע באַלוינונגען און שטראָפן אין באַצוג צו איינצעלנע און קאָלעקטיוון, אָבער אויך דער מיסטיציזם האָט זיינע ספּעציפישע אויסדרוק־פּאָרמען, זיין שפּראַך און טערמינאָלאָגיע.[8]

אין דעם בוך „אין טאָל פון טויט״ האָט ח. ליבערמאַן וועניגער זיך געהאַלטן שטרענג אין דער תנ״כ׳ישער סטיליזאַציע. אין זיינע ביטערע טענות צו די אומות העולם פּרוואווט ער אויפווייזן, אז ניט בלויז האָבן אידן געפּרעדיגט דאָס אידנטום און דאָס קריסטנטום, נאָר זיי זיינען אויך געווען די איינציגע וואָס האָבן געהאַלטן די לערעס,

נאָר אויב עס גייט באשעוויס׳ן טאַקע אזוי אין לעבן צו וויסן די אַלע זיבן זאַכן מיט אַלע פּרטים און דקדוקים, קען ער עס געפינען אין די ביבליאָטעקן. שוין פופציג יאָר אַז מ׳שרייבט וועגן דעם.

6) דאָס קען ער אויסגעפינען ביי חיים ווייצמאַנ׳ען און וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי׳ן.

7) כ׳לעבן, ער ווייס אליין א נישקשה׳דיג ביסל וועגן דעם און נויטיגט זיך גאָרניט אין קיין נביא.

8) דידאַזיגע אויסדרוק־פּאָרמען, שפּראַך און טערמינאָלאָגיע ליגן טאַקע אין דעם נביאיש׳ן סטיל.

וואָס זיי האָבן געגעבן דער מענשהייט. די ניט־אידן, די קריסטן, זיינען געווען און געבליבן געצנדינער, מערדער, און זיי האָבן ביי יעדער געלעגנהייט זיך נוקם געווען אין אידן פאַר די עטישע ווערטן, וואָס זיי האָבן געשאַפן. „אומזיסט, זאָגט ליבערמאַן, וויל דאָס קריסטנטום זיך אָפּוואַרפן פון פּאַשיזם: ס'איז זיין כשר קינד. דאָס קריסטנטום האָט געפירט קריג, געבענשט קריג, דערצויגן קריג, איז אויפגעוואַקסן דורך קריג". „דאָס קריסטנטום איז שולדיג אין בלוט. עס וואַרצלט אין בלוט און ציט צו בלוט. עס האָט ליב וואונדן. עס האָט ליב טויט. אויבנאָן אין יעדער קירכע הענגט א מאָרד". געגן די אומות־העולם און דעם קריסטנטום שטעלט ליבערמאַן אקעגן די אידן און די תורה. „א געהיימניס האָט אונז ארויסגערופן, א געהיימניס, וואָס לעכצט אנט־פּלעקט צו ווערן. א נס האָט אונז ארויסגעשיקט מיט א הייליגן אויפ־טראָג צו דער וועלט צו גריסן דאָס לעבן, צו פאַרטרייבן דעם טויט. אין אונזערע אויערן זינגט א געזאַנג צו שטילן יעדן שמערץ, מיר טראָגן אַ זון אין קאָפּ אויף אייביג אָפּצושאָפן די מענשלאכע נאַכט. — — — עס איז אַ באַטשאָפט פון גאָט. גאָט האָט אונז אהער געשיקט". אויף אַן אַנדער אָרט זאָגט ליבערמאַן: „אנטקעגן די אלע תורות שטייט די תורה. אַלע תורות זיינען פאַראומווירדיגט געוואָרן אין אונזער צייט, וועלכע מיט בלאָטע און וועלכע מיט בלוט. איינע ביי די רינשטאָקן פון וויען, אַן אַנדערע ביים ווענטל אין דער לוביאַנקא, א דריטע אין זשענעווע. בלויז די אידישע תורה איז געבליבן שטיין ריין ווי פייער, שוואַרצער פייער אויף ווייסן פייער".

דאָס קאַפּיטל ענדיגט זיך מיט די ווערטער: „נישטאָ קיין תורה ווי די תורה!"

חיים ליבערמאַן איז ניט דער ערשטער מאָדערנער אידישער שריפט־שטעלער, וואָס האָט זיך א קער געטאָן, אמווּניגסטענס טעאָרעטיש, צו פרומקייט. פאַר אים האָבן עס געטאָן דר. נתן בירנבוים און הלל צייטלין. צווישן קאַטאָליקן איז פאַראַן די לעצטע יאָרן א גרויסע נעאָ־קאַטוילישע באַוועגונג. צווישן די נאַציס און פאַשיסטן פּרוּאווט מען שאַפן א סאָרט נעאָ־פּאַגאַניזם, א נייע געצנדינערי, געבויט אויף דעם פּרינציפּ, אַז געטער זיינען מענשן, פריער. דענקנדע מענשן קאָנען אין יעדער ראַם, אין יעדן סיסטעם, ארייננפּאַסן אינטערעסאַנטע געדאַנקען, שאַרפזיניגע אפאָריזמען. וואָס עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אָט־די אַלע אויפגעפרישטע און באַנייטע איזמען, איז דאָס, וואָס זייערע פרעדי־גער אָפּערירן אויסשליסלאַך מיט האַלבע אמת'ן, מיט איין זייט פון דער

מטבע.[9]) געוויס איז אמת, אז אידן זיינען די לעצטע צוויי טויזנט יאָר באַגאַנגען ווייניגער מאָרדן, ווי עס זיינען באַגאַנגען פארהעלטניסמעסיג די קריסטן. דאָס אידישע פאָלק, ווי א פאָלק, איז פאַר די לעצטע צוויי טויזנט יאָר ריין פון בלוט.[10]) מ׳טאָר אָבער ניט פאַרגעסן, אז אידן האָבן אין אָט־דער צייט ניט געהאַט קיין אייגן לאַנד, קיין מאַכט, קיין מיליטער.[11]) ווען אידן וואָלטן געבליבן זיצן אין ארץ ישראל און געמוזט פארטיידיגן דאָס לאַנד געגן שונאים, וואָלטן זיי זיכער ניט געקאָנט בלייבן אַזוי פאַציפיסטיש, ווי זיי זיינען געבליבן.[12]) דער נייער אידישער ישוב אין פאַלעסטינע מוז שוין, צי ער וויל יאָ, אָדער ניט, קעמפן, זיך באַשיצן, שאַפן אַ געוויסן קולט פאַר העראָאיזם.[13]) געוויס איז אמת, אז אין דער תורה זיינען פאַראַן פסוקים, וואָס דריקן אויס די העכסטע מענשלאכע אידעאלן. אָבער מען קאָן פון דער תורה פאַר קיין פאַל ניט ארויסדרינגען די מעטאָדן ווי אזוי איינצופירן א געפלאַנטע ווירטשאפט,[14]) ווי אזוי צו פאַרשטאַרקן די דעמאָקראַטיע, ווי אזוי צו באַקעמפן פאַשיזם און דיקטאַטור, ווי אזוי אויסצומיידן, אז גרויסע מלוכות זאָלן ניט איינשלינגען קליינע; ווי אזוי צו לעזן דאָס פּראָבלעם פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, און נאָך צענדליגער און הונדערטער אנ־דערע פראַגן, וואָס קומען אויף מיט דער צייט און וואָס ווערן אַלץ מער און מער קאָמפּליצירט. דער אַמאָליגער נביא האָט געמוזט האָבן גלויבן, פאַטאָס, א געפיל פאַר גערעכטיגקייט.[15]) אָבער דער מאָדערנער „נביא" מוז אויסער די אויסגערעכנטע מעלות אויך האָבן וויסן, א גייסט,

---

9) אדרבא, זאָל טאַקע באַשעוויס צושטעלן די אַנדערע זייט ועט ווערן אַ גאַנצע מטבע. צו דער נבואה זאָל ער צושטעלן א פּראָגראַם. וואָרום אויב ער קיין פּראָגראַם האָט ניט און מיין נבואה טייג ניט, טאָ וואָס בלייבט שוין אונז צו טאָן? זיצן מיט פארלייגטע הענט? קען מען דען אין אזעלכע בלוטיגע זאַכן יוצא זיין מיט א „קליגיטשקער" רעצענזיע?

10) צוויי טויזנט יאָר איז ווייניג פאַר אַן עקזאַמען?

11) געווען אַ צייט ווען אידן האָבן געהאַט אַן אייגן לאַנד, האָבן געהאַט אַ מאַכט, האָבן געהאַט מיליטער, נאָר גיין איינגעמען אימפּעריעס ווי אשור, בבל, מצרים, גריכנלאַנד און רוים, זיינען זיי ניט געגאַנגען.

12) זיך פארטיידיגן געגן שונאים איז ניט אומפאַציפיסטיש: הבא להרגך השכם להרגו.

13) דאָס זעלבע.

14) די תורה האָט אָוועקגעלייגט די יסודות פאַר אַלע צייטן, די מעטאָדן זיינען אַ פראַגע פאַר יעדער תקופה באַזונדער.

15) וואָס עפּעס נאָר דער אַמאָליגער נביא? דער היינטיגער פשוט׳ער שרייבער אויך. אזוי האָבן טאַקע געזאָגט די אַמאָליגע נביאים.

וואָס נעמט ארום די וועלט און קאָן די פאַקטאָרן, וואָס ווירקן אין דער געזעלשאפט, אַ קראַפט פאָראויסצוזען געפארן, וואָס לאָקערן אויף לענדער און פעלקער, אויף קאָלעקטיוון און איינצלנע, און צו געפינען מיטלען ווי אזוי זיי אויסצומיידן. עס איז ניט גענוג, וואָס ליבערמאן פאַרזיכערט אונז:

> און מיר וועלן גוזר־זיין אויף אַלע טעכטער אין ציון פרו ורבו, מערט און פרוכפערט, און אויף גאָט וועלן מיר גוזר זיין צו בענשן זייער טראַכט, און אויף די פויגל, וואָס האָבן געטראָגן שפייז צו אליהו הנביא, וועלן מיר גוזר־זיין: טראָגט שפייז מכל תפוצות ישראל פון די קליינע קינדערס וועגן אין ציון. און עס וועלן וואַקסן קינדער אין די וויגן, קינדער אויף די בייטן, קינדער אויף די בוימער, קינדער, קינדער אומעטום, און קיין אָרט א שפיז צו שטעלן. ביז זיי וועלן אָנפילן דאָס לאַנד און ווערן צו א גרויס פאָלק.

געוויס ווילן מיר ווערן „צו אַ גרויס פאָלק”, אָבער די פויגל, וואָס האָבן געטראָגן שפייז צו אליהו הנביא, קאָנען אונז, ליידער, וועניג ארויסהעלפן.[16] א נביא פון דער היינטיגער צייט וואָלט אונז גיכער געדאַרפט לערנען, ווי אזוי זיך צו באַפרייען פון די ענגלישע אינטריגעס; ווי אזוי צו ליקווידירן די אַראַבישע טעראָריסטן און דעם מופטי׳ס העצעס; ווי אַזוי איבערצוצייגן די אַראַבישע שכנים אין עגיפטן, מעסאָפאַטאָמיע, סיריע, אַז אידישע קאָלאָניזאציע איז נוצלאך אויך פאַר זיי; ווי אזוי אויסצוהיטן, אַז אויב מוסאָליני וועט אריין אין קריג, זאָל דער נייער ישוב ניט אָפּגעווישט ווערן דורך פיינדלאכע עראָפּלאַנען און קריגס־שיפן, און ווי אזוי איבערצוצייגן די טערקן, אַז אנשטאָט צו העלפן רוסלאַנד און דייטשלאנד, זאָלן זיי דערווייל, איידער־וואָס־ווען, העלפן דעם ענגלישן אימפעריאַליזם. עס איז גאָרנישט קיין לייכטע אויפגאבע צו זיין א נביא אין אַזאַ שטורמישער צייט און ביי אזעלכע קאָמפּליצירטע אומשטענדן. אזא נביא וועט זיך ניט קאָנען באַנוגענען מיט סטיליזירן, אַרכאַאיזירן און פּאָעטיזירן. ער וועט דאַרפן זאָגן קאָנקרעט: וואָס מען זאָל טאָן![17]

16) יעדער איד אין חוץ לארץ וואָס העלפט בויען ארץ ישראל איז אַזאַ ״פויגל”.

17) נאָך א נס וואָס ער פאָדערט ניט איך זאָל אים ווייזן א וואונדער אויך: אָפּשטעלן די זון אין הימל כּאָטשבי...

און צוריק געשמועסט: זיינען עס טאָקע אַלע גוואַלדיג פּראַקטישע וויסנשאפט־לאַך באַרעכנטע פּראָגראַמען פארווירקלאכט געוואָרן? קארל מארקס׳עס פּראָגראַם פאַר דייטשלאַנד, למשל, אדער לענינ׳ס פּראָגראם פאַר רוסלאַנד? אָדער טראָצקי׳ס? אָדער סטאַלינ׳ס? אָדער דעם צאַר׳ס? אָדער דעם קאַיזער׳ס? קוקט מען אריין

„דער היינט“ (ווארשע)

# דער גאָט וואָס היט־אָפּ דאָס פאָלק ישראל

פון

## נ. שטערנבערג

דער איד, דער אמת רעליגיעזער און פרומער איד, וועלכער נעמט אויף די געשעעניש פון דער וועלט און לעבן דורך דער פריזמע פון זיין אמונה, וואָס זעט אין אַלץ און אין אַלעם די השגחה פון אויבן — וועט קיינמאָל ניט נתפעל ווערן אָדער אריינפאַלן אין יאוש, ווען ער דערזעט זיך מיט אַמאָל ארומגערינגלט מיט שונאים, ווי וועלף, וואָס ווילן אים פארצוקן.

ווי אַ וואַנדערער ביינאכט אין וועג, וואָס עס איז אים פאַרלאָשן געוואָרן דאָס ליכט און ער לענקט זיין ווייטערדיגן גאַנג לויטן שיין פון די שטערן — אזוי שפּאַנט ער, דער אייביגער איד, איבער זיין שווערן, בלוטיגן דערנער־וועג, באַלאָדן מיט דעם בטחון, אז „גם כי אלך בגיא צלמות לא אירא רע כי אתה עמדי“, און מיט דעם גלויבן,

---

אין דער געשיכטע זעט מען : די נבואות זיינען טאַקע מקוים געוואָרן, די פראַקטיקעס זיינען דורכגעפאלן.

נאָר אויב באַשעוויס איז טאַקע אזוי וויסנשאפטלאך מאָדערן, זאָל ער אין זיינע אייגענע שריפטן מער קיינמאָל ניט ריידן פון קיין הימל, ווייל וויסנשאפטלאך איז קיין הימל ניטאָ, און זאָל ער ניט מער שילדערן קיין ליבעס־שטימונגען ביי זיינע העלדן, נאָר באשרייבן דעם צושטאַנד פון זייערע דריזן.

ס'איז נאָר א רחמנות אויף באשעוויס'ן וואָס אַלע פופציג יאָר איז א נייע וויסנשאַפט. וויפיל מאָל האָט זיך שוין געביטן די וויסנשאפט זינט די טעג פון ישעיה ? אָבער זיין נבואה איז נאָך היינט אויך גילטיג און וועט אייביג גילטן.

שכל פארגייט, פּאַטאָס באַשטייט.

נאָר פון אונטער באשעוויס'עס הענט קען קיין זאַך ניט ארויס „גאַנץ“, ניט אַ זאַך פון שכל, ניט אַ זאַך פון פּאַטאָס. ווייל צו אַלץ טרעט ער צו מיט גאָרניט. ער איז ניט קיין ציוניסט און ניט קיין אנטי־ציוניסט, ניט קיין סאָציאליסט און ניט קיין קאָמוניסט, ניט קיין גלויביגער און ניט קיין אפיקורס, ניט קיין חסיד און ניט קיין מתנגד. ער איז אפילו ניט קיין ניהיליסט, ווייל ניהיליזם איז אויך א שיטה, ער איז א **ניהיליזירטער**. אין אים איז אלץ נול. און פון דער מאַטעמאַטיק האָבן מיר א קיימא לן, אז וועלכע סומע איר זאָלט ניט כפל'ען אויף נול באקומט זיך שטענדיג נול.

און **דאָס** איז וויסנשאפטלאך.

(זע אויך שכנא שטיין, זייט 237, און אלף, זייט 256).

אַז עפּעס העכערס, פאַרהוילענס און אייביגס איז פאַראַן אינ׳ם אידי־שען גורל אויף דער וועלט.

דעם קווינט־עסענץ פונ׳ם אידישען מהות, פון דער אידיש־עטי־שער אייביגקייטס־מיסיע אויף דער וועלט, זיין שטענדיגן געראַנגל מיט׳ן גורל און מיט זיינע אַנצאָליגע שונאים — ברענגט חיים ליבערמאַן צום אויסדרוק אין זיין ניי־דערשינענעם ביכל א. נ. „אין טאָל פון טויט״, א ביכל, וואָס זאָגט זיך ארויס קלאָר און שאַרף וועגן אונזער איצטיגער פינסטערער צייט, און וועגן אידישן שיקזאל אין איר.

ניט אַלץ, וואָס אין דעם ביכל געפינט זיך, איז פאר אונז ניי, און ניט מיט אַלע אויספירונגען חיים ליבערמאַנ׳ס קען מען מסכים זיין. אָבער אַז דאָס ביכל פאַרדינט צוליב די אקטועל־ברענענדיגע פּראָבלע־מען, וועלכע ווערן דאָרט באַרירט, א באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט — וועגן דעם איז קיין ספק ניט. עס איז אַן אונטערגעצויגענער סך־הכל פון אַ גרויסן וועלט־חשבון, געמאַכט דורך אַ אידישן שריפטשטעלער א דענקער, וועלכער רירט אָן די טיפסטע יסודות פון אונזער און דער וועלט׳ס עקזיסטענץ.

חיים ליבערמאַן איז א גייסטרייכער שריפטשטעלער, אַ מחבר פון איינציגע פיין אָנגעשריבענע ווערק, וועלכע פאַראייניגן אין זיך אידיש וויסן מיט אייראָפּעאישער עלעגאַנץ. אין דעם נייעם ביכל לאָזט זיך אריין חיים ליבערמאַן אינ׳ם נעפּל פון אונזער וויטער פאַרגאַנגענהייט און פּרובט אויף אַן אייגנאַרטיגן אופן באַלויכטן די ראָלע פונ׳ם אידישן פאָלק אין דער וועלט און זיין שליחות צווישן די פעלקער.

די „שנאת עולם לעם עולם״ שטיצט זיך ניט נאָר אויף דעם אַנטאַגאָניזם צווישן דער אידישער און ניט־אידישער וועלט, נאָר זי גרייכט פיל טיפער; זי ליגט אין עצם מהות פון דער פסיכיש־עטישער וועלט־באַנעמונג פונ׳ם אידישן פאָלק, וועלכע איז פונקט דער היפּוך פון דער וועלט־באַנעמונג פון די ארומיגע פעלקער. דאַן ווען ביי די אומות העולם דאָמינירט — איבערהויפּט לעצטנס — דער פיזיש־ברוטאַלער כח אלס העכסטער רעגולאַטאָר פון צווישן־מענשלאַכע און פעלקערלאַכע סכסוכים — איז דער אידישער לעבנס־דעוויז גאָר אַן אנדערער. „לא בחיל ולא בכוח כי אם ברוח״ — לערנט אונז אונזער אַלטע אידישע עטיק.

„די מענשן האָבן גענומען די וועלט און געמאַכט פון איר א טאָל פון טויט. אויף יעדן גרעזל און אומרעכט. אויף יעדן זעמדעלע אַ רציחה. וואו א שטיין אַן עשאַפאָט. וואו א צווייג א תליה. הערצער

ווערן געטראָגן אויף שפּיזן, און זיי גראָבן איינער דעם אנדערנס קברים. טאָג און נאַכט טאָג און נאַכט גראָבן זיי.

און מיר וואוינען איבער'ן גאנצן טאָל פון טויט. און דעם ערגסטן טויט טיילן זיי אויס אונז".

אָבער פון אַ גאַנץ אַנדער אַרט איז אויסגעפאלן אונזער אידישע שליחות אויף דער ערד.

„א געהיימניס האָט אונז ארויסגערופן, א געהיימניס, וועלכע לעכצט אנטפּלעקט צו ווערן. א נס האָט אונז ארויסגעשיקט מיט אַ הייליגן אויפטראָג צו דער וועלט, צו גריסן דאָס לעבן, צו פאַרטרייבן דעם טויט. אין אונזערע אויערן זינגט א געזאנג צו שטילן יעדן שמערץ, מיר טראָגן אַ זון אין קאָפּ אויף אייביג אָפּצושאָפן די מענשלאכע נאכט. דער פרילינג וואַכט אין אונזער לייב, דער זומער ברענט אין אונזערע גלידער. עס איז א שליחות פון גאָט, גאָט האָט אונז אַהער געשיקט".

אַזוי האָבן מיר זיך איינגעטיילט מיט די אויפגאַבן אויף דער וועלט: זיי — פירן מלחמות און דערטרינקען מיליאָנען מענשן אין אייגענעם בלוט, און מיר — טראָגן אין הארצן, אין דער נשמה דעם אייביגן פרידן פון מענש צו מענש, פון פאָלק צו פאָלק אויף דער ערד. וואָרום יעדנס לעבן איז ביי אונז הייליג, קודש קדשים. אזוי האָבן אונז געלערנט אונזערע אלטע אידישע ספרים און דאָס עלטסטע ספר אונזערס — דער תנ"ך.

היינט ווי אזוי זאָלן די צוויי געגנזעצלאכע אַנשויאונגען זיך אויס־גלייכן און לעבן איינס נעבן אנדערן?

חיים ליבערמאַן האָט געהאט מוט אָנצורופן דעם בלוטיגן שקר פון אונזער צייט ביים אמת'ן נאָמען, און אויך אָנווייזן אויף די אייגענע בלאָנדזשענישן, ניט מורא האָבנדיג פארשריגן צו ווערן אלס „אָבטרי־ניגער".

„אַלע תורות זיינען פאַראומווירדיגט געוואָרן אין אונזער צייט, וועל־כע מיט בלאָטע און וועלכע מיט בלוט. איינע ביי די רינשטאָקן פון וויען און אנדערע ביים ווענטל אין לוביאַנקע (מאָסקווע), א דריטע אין זשענעווע. בלויז די אידישע תורה איז געבליבן שטיין ריין ווי פייער, שווארץ פייער אויף ווייס פייער. און קיינמאָל איז איר אמת ניט גרעסער געווען, קיינמאָל איר ליכט ניט נייטיגער געווען ווי היינט ווען פעלקער האָבן זיך צוריקגעקערט צו געצנדינסט און צו געבן א מענשן דעם כבוד, די גרויסקייט און די מאכט פון גאָט.

און מעגן די אומריינע תורות זיך ווי שטאַרקן און מעגן זיי זיך ווי באַוואָפענען פון דער ערד ביז צו די וואָלקנס: אלע קאַנאָנען פון דער וועלט וועלן ניט אָראָפּשיסן קיין איינציג שטויבל פון די לוחות, אלע ימים רויטן און שוואַרצן טינט וועלן ניט פאַרשמירן קיין איינציג פינטל פון וזאת התורה!"

אַזוי שרייבט חיים ליבערמאַן וועגן די פעלקער און וועגן די אידן צווישן זיי.

אין דער צייט, ווען עס גייט אַן אָנגריף אויף אונז פון אַלע זייטן, סיי אויף אונזערע נפשות און סיי אויף אונזערע גייסטיגע ווערטן — איז גוט צו מאַכן אַ שטיקל חשבון און זען וואָס זיי, די פעלקער, האָבן געגעבן דער וועלט און וואָס — מיר.

„מיר האָבן געבראַכט אַ ספר פון סובערענער גרויסקייט, העכער ווי שיין, גרעסער ווי וואונדערבאר, פילאָזאָפיש דאָס ריינסטע, מענשלאַך דאָס נאָבלסטע, קלאָר ווי אַ קינדער־מעשה׳לע, ערלאַך ווי גאָט׳ס האַרץ, פריש ווי געשריבן ערשט מאָרגן. און וואָס האָבן זיי דערפון געמאַכט?

זיי האָבן דאָס אמת׳ע בוך פארשווינדלט מיט היידניש׳ן פּלפּול, אונזער פלאַם־פייער איז ביי זיי געוואָרן אַש. און דאָס עסן זיי, דאָס טרינקען זיי און דערפון לעבן זיי. פאַרמאַכט די ביבל און עס ווערט פינסטער אין זייערע הייזער".

אָבער ניט אינגאַנצן גערעכט איז חיים ליבערמאַן, ווען ער שטעלט אַוועק דאָס פּראָבלעם פון אונזער צייט אויף דער פלאַך פון — איד־קריסט. עס וואָלט ווירקלאַך געווען פאר אונז נאָך טרויערי־גער, ווען ס׳זאָל זיין אזוי. צי ליידן דען ניט פון דער איצטיגער פינסטערניש אויך פיל איידעלע ניט־אידן? און אַ טעות האָט דער מחבר, ווען ער שרייבט: „זאָל עמיצער אין אלע אונזערע ליטעראַטורן און אַלע שפּראַכן ווייזן, אַז מיר טראָגן שנאה אויף עמיצען". — געוויס טראָגן מיר לכתחילה אויף קיינעם ניט קיין שנאה אין האַרצן. אָבער מיר וואָלטן געווען אַ מינדערווערטיג פאָלק, ווען מיר וואָלטן גערעדט אָן שנאה וועגן אונזערע פייניגער און באַדריקער. איבריגענס, אונזער „שפוך חמתך", וועלכער ענטהאלט אין זיך אזוי פיל גליענדיגן צאָרן געגן אונזערע באדריקער — רעדט שוין פאַר זיך.

לייַענענדיג חיים ליבערמאַנ׳ס „אין טאָל פון טויט", וואָס איז געשריבן מיט אַ דיכטעריש־גליענדיגן אָטעם, גייט פארביי פאר אונזער גייסטיג אויג די גאַנצע טראַגיק פון אונזער דורות־לאַנגער מארטירער־

שאַפט, אונזער אומפאַרגלייכלאַכער הערּאָיזם אין גערּאַנגל מיט א וועלט פון שונאים, וועלכע מיר לעבן פּאַרט איבער. און ווען מיר וואַרפן א בליק צוריק און מיר זעען, אַז פון דער רוימישער אימפּעריע, פון אַשור און בבל איז קיין סימן ניט געבליבן און מיר זיינען דאָ און בלייבן ווייטער, הויבן מיר אָן צו אַהנען, הויבן מיר אָן צו גלויבן, אַז אַן אייביג־געטלאַכע קראַפט וואַכט איבער אונז און אין דער סאַמע געדיכטסטער פינסטערניש פון אונזער זיין ווייזט זי אונז א שיין, און אַן אויסוועג.

„דער שפּיגל" (בוענאָס איירעס)

„אַין טאָל פון טויט" — אַזוי הייסט דאָס דינינקע ספר׳ל, וואָס מיר האָבן די טעג באַקומען צוגעשיקט פון מחבר חיים ליבערמאַן.

מיר האָבן דאָס דאָזיגע ספר׳ל, וואָס אנטהאַלט „געדאַנקען וועגן אונזער צייט און אידישן שיקזאַל אין איר", איבערגעלייענט איינמאָל און צוויי מאָל און זיך אלץ ניט געקענט אָפּרייסן פון די ווערטער, פון די רייד וועלכע זיינען ווי די טרויבן פול אָנגעלאָדן מיט זאַפט און ווייַן — א טרייסט אין דער שרעקלאַכסטער, פיינלאַכסטער עת־צרה פון אידישן פאָלק.

דער אידישער מענש איז היינט צו טאָג א לעבעדיגע טראַגעדיע. היינט רייסן לעבעדיגע שטיקער פון אים לעיני כל און די וועלט, — די וועלט הערט, זעט און שטומט.

וואָס טוט מען? און וואו טוט מען זיך אַהין?

ווי אַ מענש וועמען ס׳האָט געטראָפן אַ גרויס אומגליק, אזוי פאַרשעמט און צופייניגט זעט אויס דער היינטיגער אידישער מענש. ער איז ווי פאַרלאָרן. ער זוכט אָנשפּאַר, א טרייסט, אַ בארואיגונגס־וואָרט. זאָלן דעריבער געבענטשט זיין די אידישע שריפטשטעלער, וואָס זיינען פון דער נאַטור באַשאָנקען געוואָרן מיט די געטלאַכע, היילנדיגע רייד, וואָס ברענגען רפואה און טרייסט אין צעווייטיגטן האַרץ!

שלום אַש׳ס „דער זין פון אונזערע יסורים" און חיים ליבערמאַנ׳ס „געדאַנקען וועגן אונזער צייט און אידישן שיקזאַל אין איר" זיינען ווי ליכט־שטראַלן אין אַ פינסטערער נאַכט.

זיי באַלייכטן דעם וועג און דערפרייען דאָס האַרץ פון געפּלאָגטן נע־ונדניק, פון אייביגן אידישן וואַגלער.

דער אידישער מענש איז היינט פארווירט, צוטומלט און צורו־דערט. ער קען זיך קיין אָרט ניט געפינען. די נערוועזיטעט און אומ־רואיגקייט צובייטשט זיינע טעג און נעכט.

פעלן דעריבער צערטלאכע מאַמע־הענט, וואָס זאָלן באַרואיגן און פאַרוויגן דאָס אויפגעברויזטע געמיט פון היינטיגן אידישן מענש.

חיים ליבערמאַנ׳ס געדאַנקען וועגן היינטיגער צייט און אידישן שיקזאַל, צערטלען און באַרואיגן, טרייסטן און גיסן האָפנונג אין הארץ פון אידישן מענשן. און דעריבער טאַקע דרוקן מיר איבער אין „שפיגל״ די עלף פּרקים פון חיים ליבערמאַנ׳ס ספר׳ל „אין טאָל פון טויט״.

זאָל דער „שפיגל״־לייענער זיך באקענען מיט די ליכטיגע געדאַנ־קען פון חיים ליבערמאַן; זאָל ער לייענען, לערנען און פאַרטיפן זיך אין אונזער געשיכטלאכן לעבנס־וועג און א ניי ליכט וועט ווידער אויפגיין אין זיין האַרץ.

„הדואַר״ (נויאָרק)

„אין טאָל פון טויט״, געדאַנקען וועגן אונזער צייט און אידישן שיקזאַל אין איר, פון חיים ליבערמאַן, ניו־יאָרק, תשרי, תרצ״ט. — זה תדפיס בצורה מהודרת של המאמר שפרסם חיים ליברמאן ב„ניו־יאָרקער וואָכענבלאַט״ ושעשה רושם עז בשעתו. המאמר מכיל תוכחה קשה כלפי העולם ועמדת העם היהודי בו מראשית הימים ועד עתה, כתוב בחריפות נוקבת ובסגנון לוהט וכובש ומבריק ברעיונות־פתגמים חותכים ומטיף נחמה ללב היהדי הכאוב. המאמר נקרא בשעתו ברטט רב בבתים רבים מישראל, ובמהדורתו המהודרת החדשה יוסיף בלי ספק להתפשט ולהקרא בהמון.

„מאַזשאָווער וואָכנבלאַט״ (לאָמזשע, פוילן)

## חיים ליבערמאַנ׳ס נייער שוואונג

פון

אפרים ווייץ

מיט צוויי און צוואנציג יאָר צוריק האָט אַ פוילישער איד און אַ לאָנדאָנער אַנטיקוואַריסט משה עובד, ארויסגעלאָזט אַ קליין ביכעלע „אַרויס פון כאַאָס״.

האָבן ניט קיין אַנדערע ווי מאַקס נאָרדוי, ישראל זאַנגוויל, הלל צייטלין און זייערס גלייכן, אין דעם דאָזיגן קליינעם ווערקל איינגעפונען א „העכערן טאָן, א ליטעראַרישן אוצר", ווייל דער סטיל איז געווען אַ מין ביבלישער, אַ תפילה'דיגער, אַדורכגעדרונגען מיט אַ רעליגיעזן געפיל און באַגייסטערונג פאַר אידישקייט און אידנטום.

היינט, נאָך העכער צוויי יאָרצענדליג, קומט דער נאָענטער „פאַרווערטס"־מיטאַרבעטער חיים ליבערמאַן און גיט אזוי א לאָז ארויס אַ שוואַך מוראַדיג, זעקס און דרייסיג זייטיג ביכל „איז טאָל פון טויט".

איז — מילא: שוין די אויסערלאַכע זייט פונ'ם דערמאָנטן בראָשור־בוך זאָגט אָן עפּעס שרעקעדיגס. נטע קאָזלאָווסקי'ס פעד־שווארצע הילע מיט דעם אימה'דיגן האַלצשניט און תכריכים'דיגער איבערשריפט. איצט די אותיות — וואונדערבאַרע, זאַפטיגע יאַנדרעס, וואָס נאָר די רייכע אמעריקע קען אַזוינס באַוויזן. און דער תוכן?

איין גרויסער הימן צו אידישע צרות, צו אידישער געשיכטע; אַ געזאַנג צו איר מאַרטיראָלאָגיע און א שטילער, ניכטערער און האַלבביבלישער טאָן צו אירע היינט־צייטיגע גבורים, פליטים און נגזלים פון אידישן וויען; פונ'ם געוועזענעם פרייען עסטרייך; פונ'ם אַמאָליגן אידישן דייטשלאַנד און דער אויפגעשטאַנענער איטאַליעניש־רוימישער אימפּעריע.

דער חילוק פון משה עובדן ביז חיים ליבערמאַנען, איז נעמלאָך דער וואָס ביים ערשטן פעלט וויסן, אינטעלעקט, געלייטערטע קולטור. דאַגעגן ביי ליבערמאַנען איז זיין קליינע ארבעט פול מיט פילאָזאָפישע אינטערפּרעטאַציעס, מיט תורה, מיט וועלטלאַכקייט און מיט אוםבאַשרייבלאַכער אהבת־ישראל.

דער אָפּטימיסטישער סגנון אין ליבערמאַנ'ס ביכל איז פאַר היינטיגע ביטערע טעג ממש א לייטערונג פאַר דער נשמה פונ'ם לעזער. און עס פאָדערט זיך אַ ברייטערע אָפּהאַנדלונג וועגן דעם.

די אויפגאַבע פון דעם „„מאַזאָווישער וואָכנבלאַט" איז בלויז אויסן געווען צו דאַנקען דעם מחבר פאַר זיין זייער אָנגעלייגטער מתנה, מיט וואָס זי טיילט זיך אַזוי גערן מיט אירע לעזער.

עס וואָלט אגב גאָר ניט געשאַדט, ווען אַזאַ־אַ בראָשור דרינגט אריין אין די ברייטערע לייענער־מאַסן. דאָס וואָלט זיי געגעבן א

שטיקל דערפרישונג און אויפהייטערונג צום היינטיגן פעסימיזם און וויסטן ווירוואַר פון דער משוגענער וועלט.

מיר ברענגען דאָ א פראַגמענט פון חיים ליבערמאַנ׳ס הימן צו דער אידישער היינט־צייטיגער מאַרטיראָלאָגיע.

„מאָמענט״ (וואַרשע)

# צוריק צום אַלט־אידישן שורש!

פון

## הלל צייטלין

„זיי האָבן זיך גענומען די ערד און מיר האָבן גענומען דעם הימל. פאַראַן אַלערליי פעלקער אויף דער וועלט. פאַראַן פעלקער, וואָס האָבן ניט קיין אידייע, פאַראַן פעלקער, וואָס האָבן אַן אידייע. מיר זיינען אַן אידייע, וואָס האָט אַ פאָלק. אזוי האָבן אידן שטענדיג פאַרשטאַנען זייער שיקזאַל: אַז די תורה איז געווען פריער ווי די אידן און האָט אונז אויסגעקליבן. און וואָס נוצט די טענה, אַז ניט די תורה איז געווען צוערשט, נאָר די אידן? די טענה האָט שוין לאַנג פאַרלאָרן איר היסטאָרישן זין. די מערהייט אידן זיינען שוין געקומען נאָך דער תורה. מיר צווישן זיי.

מיר זיינען דער געשאַף פון אַן אידייע. אַן אידייע האָט אונז אָנגענומען פאַר די האַר און שליידערט אונז פון יאָרטויזנט אין יאָר־טויזנט אריין. מיר לעבן פאַר׳כישופ׳ט אין האַרצן פון א וואונדער. דורך עפּעס א וואונדער האָבן אונזערע אבות אָנגעצונדן א פייער אין אונז, וואָס קאָן ניט אויסגיין. משה׳ס סנה איז געבליבן אַן אייביגע גליאונג אין אונזער בלוט, ווי אַ פלאַם ברענען מיר צום הימל, וואָס רעגנס קענען ניט פאַרלעשן און ווינטן טוען נאָר צופאַכן. און ווי דער נביא האָט געמוזט נאָכגיין דעם געטלאכן רוף אזוי קאָנען מיר ניט ווידערשטיין דעם מיסטישן דראַנג. מיר האָבן געהאַט נביאים, ווייל דאָס גאַנצע פאָלק איז נביאיש. דאָס גאַנצע פאָלק דרענגט ערגעץ, ציט. וואוהין?

א געהיימניס האָט אונז ארויסגערופן, א געהיימניס, וואָס לעכצט אַנטפּלעקט צו ווערן. אַ נס האָט אונז ארויסגעשיקט מיט א הייליגן אויפטראַג צו דער וועלט, צו גריסן דאָס לעבן, צו פאַרטרייבן דעם טויט. אין אונזערע אויערן זינגט א געזאַנג צו שטילן יעדן שמערץ.

מיר טראָגן א זון אין קאָפּ אויף אייביג אָפּצושאַפן די מענשלאכע נאַכט. דער פרילינג וואַרט אין אונזער לייב, דער זומער ברענט אין אונזערע גלידער. עס איז א באַשאַפט פון גאָט. גאָט האָט אונז אַהער געשיקט. ער איז דער וועג, מיר זיינען דער טראָט. ער איז דער פירער אין דער נאַכט, מיר — די לאַמטערן אין זיין האַנט. ער — דער פייער, מיר — די קנויט. מיר זיינען זיין קראַמף צו געבוירן די הייליגקייט, דער בליץ אין זיין אויג אויפצולייכטן דאָס מענשלאכע הארץ, מיר זיינען די פעדערן אין גאָט׳ס פליגל צו ווייזן ווי הויך ס׳קען זיין דער שוואונג פון מענשלאַכן פליען״.

ווער האָט אָט די ווערטער געשריבן? אן אגודיסט? א מזרחיסט? איז עס אפשר א ציטאַטע פון מיינע אמאָליגע „בריוועלאך צו דער אידישער יוגנט״, צי פון מיינע „בריוו צום אידישן פאָלק״, צי פון מיין „דבר לעמים״, צי פון מיינע רעטונגס־בריוו און „וואָס דאַרף ישראל טאָן אין יעצטיגער צייט פון חבלי־משיח?״ ניין! דאָס האָט געשריבן א הונדערט פּראָצענטיגער סאָציאליסט אין אמעריקע (חיים ליבערמאַן).

אין אַ קליין זייער שיין ביכעלע א. נ. „אין טאָל פון טויט״. (ניו־יאָרק תרצ״ט). נאָר אין אמעריקע האָט געקענט אַזאַ נס געשען. נאָר אין אמעריקע האָט זיך אַ אידישער סאָציאליסט געקאָנט דער־לויבן צוריידן מיט אַזאַ פּאַטאָס וועגן דער תורה; נאָר אין אמעריקע האָט אַזאַ איינער געקענט זיך דערלויבן ארויסצוטרעטן מיט אַזאַ אָפּע־נער באקענטניס פון „אתה בחרתנו״ און נאָר דאָרט האָט אזאַ איינער געהאַט די אינערלאַכע פרייהייט און דעם אינערלאכן גרויסן מוט צו זאָגן אָפן פאַר גאָר דער וועלט: איר, אַלע מאָדערנע פעלקער, טאַפּט אין דער פינסטערניש און נאָר ווען איר וועט גיין אין ישראל׳ס ליכט, וועט איר דערזען דעם ריכטיגן וועג אין וועלכן איר באַדאַרפט צו גיין.

צייטן בייטן זיך. ווען איך בין ארויסגעטראָטן צוערשט מיט מיינע „בריוועלאך צו דער אידישער יוגנט״ אין וועלכע כ׳האָב דרייסט און אָפן געפריידיגט די אידייע פון אידישער אויסדערוויילטקייט בין איך ניט נאָר פון אלערליי אידישע סאָציאַליסטן באַפאַלן געוואָרן, נאָר אויך פון כמעט אלע אידישע שרייבער, וואָס האָבן זיך געהאלטן פאר „פּראָגרעסיוו״, „ראַדיקאַל״.

איך געדענק נאָך עד־היום ווי אויף צו מאָרגנס נאָכדעם ווי עס איז אָפּגעדרוקט געווען מיין צווייטער בריוו (דער ערשטער בריוו איז געווען געווידמעט בלויז פּאָלעמיק געגן דאמאָלסדיגן שלום אַש׳ס

ארויסטריט געגן מצות מילה) צו דער אידישער יוגנט אין וועלכן איך האָב איבערגעגעבן אין מאָדערנער שפּראַך און ווי ווייט מעגלאַך מאָדערנע באַגריפן דעם תמצית פון רבי יהודה הלוי׳ס שיטה, איז צו מיר צוגעלאָפן ע. ג. פרענק ע״ה א פאַרסאָפּעטער, אַן אויפגעקאַכטער, כמעט ווי מיט געביילטע פויסטן: איר... איר... איבער אייך האָב איך און מיין פרוי א גאַנצע נאַכט ניט געקענט שלאָפן. מיר האָבן אייער נעכטיגן ארטיקל געלייענט... איך האָב געזאָגט צו מיין פרוי: נאָר אין אַ זשאַרגאָנאָווע צייטונג קאָן מען זיך דערלויבן אַזעלכעס צו שרייבן... שוין גאָר „אתה בחרתנו״... מער פעלט אונז שוין גאָר־נישט. פע, גלות, „סטראַשנאַ טשעמנאַטאַ״. און היינט שטעלט זיך אוועק אַן אַקטיווער סאָציאַליסטישער טוער אין מיטן נויארק און פריידיגט דיזעלבע „טשעמנאַטאַ״. און עס האַלט טאַקע גאָר דערביי, אַז דער ריינער און אמת׳ער סאָציאַליסט באַדאַרף זיך צו שטיצן נאָר אויף דער אָנערקענונג פון ישראל׳ס תורה. ווייל נאָר אָט די תורה איז די טרעגערין פון יעדער ליבשאפט צווישן מענשן, פון יעדער פרייהייט, פון יעדער גערעכטיגקייט. די אידישע תורה איז לויט׳ן מחבר די איינע תורת האדם און אַן אָט דער תורת האָדם ווערט יעדער סאָציאַליזם פאַרוואַנדלט אין פאַשיזם, אין נאַציזם און אַלע ענלאַכע איזמען.

ליבערמאַן רעדט ניט בפירוש וועגן בחירת ישראל; ער רעדט אָבער אַמאָל אַזוי, אַז אפילו די שטאַרקסטע אויסדריקן פון „כוזרי״ וועגן בחירת־ישראל, ווי למשל, „ישראל באומות כלב באברים״ (ישראל צווישן פעלקער איז ווי דאָס האַרץ צווישן אַנדערע גלידער) זיינען צו בלייך געגן זיי.

אָט הערט!

„אלע תורה׳ס זיינען פאַראומווירדיגט געוואָרן אין אונזער צייט, וועלכע מיט בלאָטע און וועלכע — מיט בלוט. בלויז די אידישע תורה איז געבליבן שטיין ריין ווי פייער, שוואַרצער פייער אויף ווייסן פייער. און קיינמאָל איז איר אמת ניט גרעסער געווען, קיינמאָל איז איר ליכט ניט נויטיגער געווען ווי היינט, ווען פעלקער האָבן זיך צוריקגעקערט צו געצנדינסט און גיבן צו א מענשן דעם כבוד, די גרויסקייט און די מאכט פון גאָט״.

און מעגן די אומריינע תורה׳ס זיך ווי שטאַרקן און מעגן זיי זיך באַוואָפענען פון דער ערד ביז צו די וואָלקנס: אַלע קאַנאָנען פון דער וועלט וועלן ניט אַראָפּשיסן קיין איינציג שטויבל פון די לוחות.

אַלע ימ׳ען רויטן און שוואַרצן טינט וועלן ניט פאַרשמירן קיין איינציג פּינטל פון וזאת התורה. ניטאָ קיין תורה ווי די תורה! (ז׳ 20 און ז׳ 21).

און הערט אַלע ווייטער!

„אידנטום איז העלדנטום. קיין שרעקעדיגער קאָן ניט זיין קיין איד. זאָלן זייערע העלדן זיין אַכילעס, וואָס האָט אַלע פּיינד דערשלאָגן און צעזאָרן, וואָס האָט די בריקן פאַרברענט הינטער זיך. אונזער העלד איז דער איד, וואָס האָט אין די פלאַמען פון שייטערהויפן זיך פאַריכט די יאַרמולקע אויפ׳ן קאָפּ. און אונזערע בריקן קאָנען ניט ברענען. זיי זיינען פון ליכט פאַרוואָרפן פון האַריזאָנט צו האַריזאָנט פאַר אַלע פעלקער צו גיין צום צוקונפטיגן טאָג.

ניט קיין וועג פון פחד איז אונזער וועג. ס׳איז דער וועג פון גייסט. ס׳איז די סטראַטעגיע פון אייביגן צוריקטריט, פון טראַגישן אויסדויער. דער שונא שעפּט זיך אויס אין זיין געיעג נאָך אונז פון לאַנד צו לאַנד און ווערט פאַרלאָרן אין דזשאַנגגעל פון אונזער געשיכטע. דער שפּינוועב פון אונזער גייסט איז שטאַרקער פון אלע שטאַכעל־דראָט.

אַלע פראָנטן קאָנען זיי איינגעמען, נאָר ניט אונזערן, דעם פּאַ־נאַטישן. יעדער כלל האָט אַן אויסנאַם; מיר זיינען דער אויסנאַם צו אַלע כללים. מיר זיינען דאָס וואַסער, וואָס פליסט באַרג ארויף און דאָס פייער, וואָס ברענט מיט׳ן פנים אראָפּ. אונזערע אָפּגעהאַקטע גלידער וואַקסן אונז אָפּ צוריק און ווען מען טויט אונז, זע, מיר גייען נאָך יענעמס לויה.

אונזער לאַנד וועלן זיי ניט פאַרנעמען; דעם הימל קאָן קיינער ניט גנב׳ענען. אונזער פאָלק וועלן זיי ניט פאַרניכטן. וויפיל דאַרפן מיר דען כדי א פאָלק צו זיין? צען אידן זיינען א מנין און וואו ס׳איז דאָ א מנין דאָרט איז דאָס אידישע פאָלק. וויפיל זיינען מיר דען געווען ווען מיר זיינען ארויס פון מצרים? איינגאנצן זעקס הונדערט טויזנט. נאָר וואָס דאָס האָט באדייט פאַר דער וועלט!״

זאָל איך ברענגען נאָך אזעלכע שטעלן פון אָט דאָס מערקווירדיגע ביכעלע? ווען איך זאָל וועלן ברענגען דאָ אָט די אַלע שטעלן וואָלט איך באַדאַרפט איבערשרייבן דאָ כמעט אַלע 36 עמודים זיינע. איך קען מיך אָבער ניט איינהאלטן פון צו ברענגען דעם פינאַל פון דעם אייגנאַרטיגן מאַניפעסט: „ווען עס וועט מקוים ווערן אלץ, וואָס מיר זעען מיט גאָט׳ס אויג און אונזער מאַרך, וועט דעמאָלט זיין א וועלט

כולו יום טוב. יעדער טאָג — א פרילינג־טאָג, א פרילינג־טאָג ווי אין שיר־השירים. פאָלק וועט ניט קריגן געגן פאָלק און מענש וועט ניט טראָגן קיין יאָך פון מענשן. די ליבשאפט וועט רינען פון הערצער ווי האָניג פון בינשטאָקן און די גערעכטיגקייט וועט וואקסן אויף יעדן לייב ווי די וואָל אויף דער שאָף. און מידות טובות וועלן זיך וואָלגערן ווי מיסט אין די גאַסן און אלע קללות וועלן פאַרשטומט ווערן, נאָר אמת און ליד פון אלע ליפן".

„און פון דעם הימל וועט זיך ניט אָפּטאָן דער רעגנבויגן, דער רעגנבויגן פון פרידן נאָכ'ן שטורם, און אַלע מדבריות וועלן פאַרגיין אין טראָגן און אַלע וויסטענישן וועלן זיין פול הויזלאַכקייט. דער מענש וועט אָטעמען א נייעם אָטעם און עס וועט זיין תחית המתים אין לעבן".

„און פאָלק וועט זיך יאָגן איבער פאָלק אונז מחילה צו בעטן און לאַנד וועט איבערשטייגן לאַנד אין זייער שלח־מנות צו אונז, און דער אויסטערלישסטער פון זיי אַלע וועט זיין טיטוס'עס טויער, וואָס וועט שטיין אויפ'ן הר־ציון, אַ מתנה פון רוים צו ירושלים, פון דער אייביגער שטאָט צו דער אייביגערער, אַ מאָנומענט צו יהודה, וואָס איז ניט באַזיגט געוואָרן".

---

אין אַ שעה פון באַזונדער אינערלאכער צובראָכנקייט איז דאָס ביכעלע פון חיים ליבערמאַן אין מיינע הענט אריינגעקומען. אזעלכע שעות פון „כלו כל הקצין" זיינען ביי מיר ניט זעלטן אין די לעצטע פאַר יאָר, ובפרט נאָך אין די לעצטע מאָנאַטן. דאָס ביכעלע האָט מיך אויף אַ געוויסע צייט אויפגעפרישט, אויפגעמונטערט מיט דער אלט־נייער האָפנונג אָנגעגורט. האָט פאַר מיר דאָס ביכעלע נייע האָריזאָנטן אַנטפּלעקט? ניט קיין נייע האָריזאָנטן, אָבער א נייער לבוש צום אייביגן אמת, צו דעם אמת, וואָס איז פאר מיר נאָך מיט צענדליגער יאָרן צוריק אנטפּלעקט געוואָרן. אָבער אויך ניט מיט זיין נייעם לבוש האָט מיך אָט דאָס ביכעלע באַצויבערט, נאָר מיט דעם, וואָס איך האָב אין אים געפונען אַן אָפּקלאַנג פון דער מעלאָדיע, וואָס זינגט אין מיר זינט איך האָב דערשפּירט מיט מיין גאַנצן מהות, אַז דער סוד פון דער וועלט ליגט נאָר אין ישראל באַהאַלטן; אַז ער, ישראל, איז די אַקס אַרום וועלכער עס דרייען זיך וועלט־געשעהענישן; אז די גאולה פון ישראל איז פאַרבונדן מיט דער גאולה פון גאָר דער וועלט, און די גאולה פון גאָר דער וועלט — מיט דער גאולה פון

ישראל; זינט דער „אתה־בחרתנו" האָט ביי מיר אויפגעהערט צו זיין אַ בלויזע זאָגעניש, נאָר אַ לעבנס־אינהאַלט און לעבנס־שיקזאַל; זינט איך בין געקומען צום פולן באַוואוסטזיין, אַז אָן דער תורה האָט אונזער עקזיסטענץ קיין שום זין ניט און אז מיט דער תורה וועלן מיר אַלע צרות און פגעים פון דער וועלט איבער־קומען; זינט מיין גייסט איז אין מיר באַנייט געוואָרן. נאָך די גרויסע אנטוישונגען, וואָס דאָס רוסישע אידנטום האָט איבערגעלעבט אין די ערשטע יאָרן פונ׳ם היינטיגן יאָרהונדערט; זינט איך האָב געננצלאָך איבערגעריסן מיט די משכילישע טראַדיציעס און אויך מיט די נאַציאָ־נאַליסטישע טראַדיציעס פון „נהיה ככל הגוים"; זינט איך בין צו־געקומען צו שעפּן מיט פולע עמערס פון יענע קוואַלן, וואָס האָבן אידן געגעבן חיי־עולם אין אלע דורות.

איך קאָן מיך ניט אידענטיפיצירן אין גאַנצן מיט אַלעם דעם, וואָס איז געזאָגט געוואָרן אינ׳ם מאַניפעסט פון חיים ליבערמאַן. ער איז געווען און בלייבט סאָציאַליסט און איך קאָן דעם סאָציאַליזם אין דער תורה ניט אריינקוועטשן. ער רעדט דרייסט, הילכיג און מוטיג און דערביי קוקט ער זיך דאָך ארום אויף הינטן: וואָס וועלן קאַלעגן זאָגן, וואָס וועלן אנדערע סאָציאַליסטן זאָגן, ווי איז מען פאַרט יוצא, די חובת׳דיגקייט און ראַדיקאַלישקייט ביי דעם פאַרענטפערן די תורה און איך האָב זיך שוין לאַנג, לאַנג אויפגעהערט צו רעכענען זיך מיט דעם, וואָס ס׳זאָגט דער און וואָס ס׳זאָגט יענער...

דער באַגריף „תורה" איז נאָך ביי איהם, ליבערמאַנ׳ען אויך ניט גענוג קלאָר, — כאָטש ער שטרעבט שטאַרק צוצוקומען צום „אורחא דמהימניתא".

די גאָט־ערקענטניס איז ביי אים אויך צייטנווייז דונקל. ער פילט די גאַנצע קדושה פון דער תורה; ניט אַלעמאָל דערשפירט ער אָבער די פולסטע רעאַליטעט פונ׳ם נותן התורה. אַמאָל שיינט עס, אז ער שפירט עס יאָ און אַמאָל ווערט ביי אים אַלץ צוגעפירט צו אַ בלויז אַבסטראַקטע אידייע. ער האָט דערשפירט, אז מיט ישראל איז עפּעס אַ גרויסער וואונדער געשעהן און אז אָט דער וואונדער האַלט אים אויף עד היום און וועט אים אויפהאַלטן לדורי דורות. ער ציט אָבער ניט ארויס די אלע קאָנסעקווענצן, וואָס מען דאַרף ארויסציען פון אָט דער אָנערקענונג...

בשעת איך לייען אָבער איינעמס ווערק, ובפרט ווען איך לייען אַ ווערק, וואָס איז מיר זייער נאָענט, לעג איך קיין אַכט ניט אויף

פרטים און אויף דאָגמאַטישע חלוקי־דעות, נאָר איך באַמי מיך צו תופס זיין דעם גייסט, וואָס שוועבט איבער די ווערטער און איבער אלע איינצעלהייטן און לעזנדיג אזוי דאָס ווערק פון חיים ליבערמאַן האָב איך געהאט א „שעה אחת של קורת רוח״, דערמאָנענדיג זיך דעם פסוק: „ואני אמרתי אך לריק יגעתי, לתהי והבל כחי כליתי, אכן משפטי ופעולתי את אלקי.״ איך האָב דערזען, אז די געדאַנקען, וואָס איך האָב מיט צענדליגער יאָרן פראָקלאַמירט האָבן אפילו שוין אביסל צו־שפעט — אן אָפּקלאַנג געפונען אפילו אין ספערן, וואָס זיינען גאַנץ ווייט פון מיר...

„מאָרגן זשורנאַל״ (נויאָרק)

# וועגן „אין טאָל פון טויט״

פון

## דר. הירש לייב גאָרדאָן

איך האָב נאָר וואָס איבערגעלעזן א דין אידיש ביכל פון 36 זייטן און מיין נשמה איז ערשיטערט געוואָרן ביז׳ן אָפּגרונט. די גרויליטאַטן געגן אידישן פאָלק אין דייטשלאַנד און אין עסטרייך האָבן געמאַכט פּלאַצן א סך אידישע הערצער. דער באַנקראָט פון דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע האָט פארצווייפלט א סך אידישע גייסטער. נאָר קיינער האָט עס אַזוי מעכטיג און אַזוי פיינלאך ניט אויסגעדריקט ווי דער מקונן פון דעם דינעם ביכל „אין טאָל פון טויט״. אנטוישט אין די פּרעטענזיעס פון דער וועלטלאכער קולטור, זיינען לעצטנס געציילטע מאָדערנע אידן אוועק פון די בלוטיגע סאַלאָנען פון יפת צוריק צו די הייליגע געצעלטן פון שם. קיינער האָט נאָך אָבער ביז איצט ניט אַנטפּלעקט דעם צאַרן, דעם ווי און די נאָגנדע בענק־שאַפט פון דעם צוריקגעקערטן אידן, ווי דער מחבר פון דין, קליין אידיש ביכל: „אין טאָל פון טויט״. אַזאַ וואוטנדער אַנקלאַג אויף דער קריסטלאכער וועלט, אַזאַ פארניכטענדער אַנאַליז פון אירע ליג־נערישע קולטורעלע דערגרייכונגען און אַזאַ שטאָלצע פאַרהערלאַכונג פון גאָט, פון דער אידישער תורה און פון אידישן פאָלק איז נאָך אין דער אידישער ליטעראַטור פון אמעריקע ניט געזען געוואָרן.

חיים ליבערמאן איז גוט באַקאַנט דעם בעסערן אידישן לעזער מיט זיינע קריטישע ווערק, אין וועלכע ער האָט אַרויסגעוויזן א שטאַרקע אַנאַליטישע קראַפט, א שיינעם געשמאַק, א גרינדלאכע פארשטענדעניש אין דעם אינערלאכן געפלעכט פון ליטעראַרישן שאפן און א קלאָרן באַגריף וועגן די אמת'ע צילן און ווערטן פון ליטעראַטור. כ'האָב אָבער מורא, אז „אין טאָל פון טויט" וועט לייגן אין שאָטן זיינע אלע פריערדיגע שריפטן.

„מיר זיינען די ערשטע וועלט־מענשן — דערקלערט חיים ליבערמאן — מיר זיינען נביאיש געבאָרן... זיי האָבן גענומען די ערד, מיר האָבן גענומען דעם הימל. מיר לעבן פארכישופ'ט אין הארצן פון א וואונדער. משה'ס סנה איז געבליבן אן אייביגע גליאונג אין אונזער בלוט. מיר האָבן געהאט נביאים, ווייל דאָס גאַנצע פאָלק איז נביאי'ש. אַז גאָט האָט א שליחות שיקט ער זי דורך אונז.

„יאָרטויזנטער איז געגאנגען דער ויכוח. דער גריך האָט געזאָגט: וויסן איז יסוד. דער איד האָט געזאָגט: טוגנט איז יסוד. דער גריך האָט געזאָגט: וואָס שיין איז גוט. דער איד: וואָס גוט איז שיין. קריסטנטום איז געווען די פשרה". און דאָ רופט אויס ליבערמאַן, דער ראַדיקאַלער און וועלטלאכער ליטעראַטור קריטיקער:

„שוין איז סאַן־פּיעטראַ'ס קירכע אין רוים, שיין די קאַטעדראַלן פון פּאַריז, פלאָרענץ, טאָלעדא און קעלן. שענער פון זיי אלע איז א הילצערנע אידישע שול אין אן אָרעם אידיש שטעטעלע".

בערלין און רוים האָבן פארבאָטן איבערזעצן אידישע ווערק. און ער פרעגט: וואָס איז דען זייער גאַנץ לעבן? א שלעכטע אידישע איבערזעצונג. מיר האָבן געבראַכט א ספר, העכער ווי שיין, גרעסער ווי וואונדערבאַר, פילאָזאָפיש דאָס ריינסטע, מענשלאך דאָס נאָבעלסטע, קלאָר ווי א קינדער־מעשה'לע, ערלאך ווי גאָט'ס הארץ, און וואָס האָבן זיי דערפון געמאַכט? זיי האָבן דאָס אמת'ע בוך פאַרשווינדלט מיט געצנדינערישן פלפול, דעם ריינעם ברונעם צעבויטעט אין אַ מוטנעם וואַסער. פאַרמאַכט די ביבל און עס ווערט פינסטער אין זייערע הייזער. וואָס בלייבט ביי זיי? בירזשעס און בתי־זונות, קאַזאַרמעס און תפיסות. שלעכטע איבערזעצער און שלעכטע נאָכאמער זיינען די קריסטן. צוואַנציג הונדערט יאָר אז זיי לערנען ביי אונז וואָס גאָט איז, און עס איז געבליבן פאר זיי א קיינמאָל ניט פארשטאַנען וואָרט. זיי לעסטערן גאָט ווען זיי זאָגן: „פאַרגיב אונז היינטיגן טאָג אונזערע זינד, אזוי ווי מיר פאַרגיבן די וואָס זינדיגן געגן אונז". ווען מען

האָבן די קריסטן ווען פאַרגעבן? אלע וועלטן פאַרכאַפּן זיי. זיי שניידן אַלע פעלדער, האַקן אַלע וועלדער, זויגן אַלע אוילן און אַלע בלוטן.

„דאָס קריסטנטום איז שולדיג אין בלוט. עס וואָרצלט אין בלוט און ציט צו בלוט. אויבן־אָן אין יעדער קירכע הענגט א מאָרד. דער נאַציזם האָט גאָרניט אויסגעטראכט. ער האָט אַלץ ארויסגע־לייענט פון דער קירכע. זי איז דאָס געווען וואָס האָט אונז דערקלערט אלס מינדערווערטיג, זי האָט אונזערע ספרים געברענט, זי האָט אונז אליין געברענט און געבענטשט די פלאמען מיט אָמן.

„אנטקעגן די אלע תורה׳ס שטייט די תורה. אלע תורה׳ס זיינען פאַראומווירדיגט געוואָרן אין אונזער צייט, וועלכע מיט בלאָטע און וועלכע מיט בלוט. איינע ביי די רינשטאָקן פון וויען, אַן אַנדערע ביים ווענטל פון לוביאנקא, א דריטע אין זשענעווע. בלויז די אידישע תורה איז געבליבן שטיין ריין ווי פייער... קיינמאָל איז איר ליכט ניט נויטיגער געווען ווי היינט... אלע קאַנאָנען פון דער וועלט וועלן ניט אַראָפּשיסן קיין איינציג שטויבל פון די לוחות. אלע ימ׳ען רויטן און שוואַרצן טינט וועלן ניט פאַרשמירן קיין איינציג פינטל פון „וזאת התורה״.

און אזוי ווייטער און ווייטער. דער מחבר, אלס שליח צבור פון דער אידישער וועלטלאכער, ראַדיקאלער אינטעליגענץ, קלאַפּט זיך אויפ׳ן הארצן: אשמנו! מיט דרייסיג יאָר צוריק, שבת נאָך מנחה, אין דער טונקעלער, טרויעריגער ישיבה „כנסת בית־ישראל״, פלעג איך הערן אזעלכע דבורים פון אלטן ר׳ נאָטע׳ן, דעם מוסר־זאָגער. און דאַן פלעגן אויף די בלאָטיגע גאַסן פון סלאבאָדקע: יורבריקער, גלעזער און מתים־גאַס שפּאַצירן מיט רובאַשקעס פון אלע פאַרבן אידישע בחורים און מיידלאך, וועלכע האָבן געגלויבט אז א סאָציאלע רעוואָלוציע וועט אויך לעזן די אידישע פּראָבלעם: סאָציאל־דעמאָ־קראטן, סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן, עס־עס׳אָווצעס, בונדיסטן. און איצט פאַרבייט יענע רעוואָלוציאָנערע אידישע יוגנט אירע רובאשקעס און קוטאַזשן אויף טלית און תפילין.

ליבערמאנ׳ס בייזע נבואה ענדיגט זיך, גאנץ אידישלאך, מיט א „נחמו, נחמו, עמי״: „און פאָלק וועט זיך יאָגן איבער פאָלק אונז מחילה בעטן. טיטוס טויער וועט שטיין אויפ׳ן הר־ציון, א מתנה פון רוים צו ירושלים, פון דער אייביגער שטאָט צו דער אייביגערער, א מאָנומענט צו יהודה וואָס איז ניט באַזיגט געוואָרן״.

„מאָרגען זשורנאל״ (נויאָרק)

# תעניתים

פון

## לעבעדיקן (ח. גוטמאַן)

תעניתים? פאַסטן?
איך האָב אַמאָל דערפון שטאַרק ניט געהאַלטן.
דאָס פאָלק ישראל, מיין פאָלק, האָט צופיל תעניתים.
דאָס פאָלק ישראל, מיין פאָלק, גיט זיך אָפּ צופיל מיט פאַסטן.
און דאָס שוואַכט אונז אָפּ ווי אַ פאָלק, און דאָס איז אַלץ אויפ׳ן חשבון פון גוף...

איך האָב דאַן זייער געהאלטן פון פיזישן כח, הויך געשטעלט דעם גוף, און בין דאַן יונג געווען, מאָגער, אליין הויט מיט ביינער.

דאַן האָב איך גע׳טענה׳ט: וואָס האָבן מיר פון פאַסטן! חוץ חלשות טראָפּנס...

און וועמען שרעקן מיר איבער מיט אונזער פאַסטן? און וואָס פועל׳ן מיר מיט אונזערע תעניתים?

איצט טראַכט איך שוין אַנדערש... היינט, ווען איך בין עלטער געווארן, (נאָכ׳ן יובילעי) אויך גופ׳יגער, הויב איך אָן האַלטן פון אידישע תעניתים.

איצט טראכט איך שוין גאָר אנדערש:

פאַסטן — איז זייער אַ נוצלאכער און אידעאַלער מיטל פאר פרט און כלל.

גוף — איז ניט דאָס וויכטיגסטע ביי מענש און פאָלק.

האָדעווען דעם גוף — מיינט תמיד פארמאָגערן דעם גייסט.

ס׳איז דאָ הוצאה און הכנסה. און אויב די הכנסה פון גוף ווערט גרעסער — איז עס תמיד אויפ׳ן חשבון פון גייסט... און דאָס פירט צום באַנקראָט.

איצט זאָג איך זיך: אַ יחיד דאַרף פאַסטן וואָס אָפטער, — אַ פאָלק אויך.

ווען מען נעמט אוועק דאָס שיסל מיט געקעכץ פון די אויגן — ווערט דער קאָפּ לויטערער און דאָס הארץ פולער און זויבערער...

ווען די קישקע האָט אַ דעפיציט — קומט חשבון הנפש מיט זיינע געווינסן.

איצט האַלט איך פון תענית ציבור. און הויב אָן גלויבן אז אונזער פאָלק האָט זיך דערהאַלטן אזוי לאַנג טיילווייז טאַקע צוליב פאַסטן.

דאָס אָפטע פאסטן האָט גאָר פאַרשטאַרקט אונזער פאָלק און אים געגעבן א טויזנט קעציש לעבן.

ווייל — אָט נעמט דעם יונגן טייל פון אונזער אידיש פאָלק אין אמעריקע. איז ער גוף׳יג אויסגעוואַקסן, שטייט פעסט אויף זיינע פיס — און דאָך האָט דאָ דאָס אידנטום א שוואַכן מעמד.

איך און אַנדערע האָבן אַמאָל באַזונגען מוסקולן. איין קליינינקייט — מוסקולן. אייזן שטאָל — דרך ארץ!

און אָט האָט שוין אונזער יוגנט די אייזערנע מוסקולן — און גאָר־נישט... מיר זיינען דאָ אלס גאַנץ פאָלק ווי שטרוי אויפ׳ן ווינט.

ווען מ׳טאַפּט די מוסקולן אין אונזערע אמעריקאַנישע נייע אידן, כאַפּט אָן א ציטער. זיי באַוועגן זיך און ריידן פון גבורה.

אָבער דאָס איז כמעט די איינציגע לעבעדיגע באַוועגונג ביי זיי. א מוסקולן־באַוועגונג.

און וואָס מער איך טראַכט זיך אריין אין דעם ענין פון פאַסטן, אלץ מער ווערט מיר קלאָר זיין וויכטיקייט.

פעלקער פרעסערישע האָבן קיין צייט ניט צו טראַכטן פון יושר, מאָראַל, אמת, גערעכטיקייט און בכלל פון אויסבעסערן א וועלט.

אזעלכע פעלקער האָבן פשוט קיין צייט ניט: די אכילה עסט אויף זייער צייט.

אַ פאָלק אָבער וואָס קען פאַסטן, וואָס קען באקעמפן אין זיך דאָס קערפּערלאכע — האָט צייט פאַר אלעס.

ניט עסן און ניט דערעסן פון צייט צו צייט — מיינט פאַרטראַכטן זיך אויף דעם גורל פון דעם הונגעריגן און דורשטיגן... באדייט — אַ קנייטש טאָן דעם שטערן אויף דער וועלט׳ס פּראָבלעמען... און א פאַרקלעמען פון הארץ אויף דעם שיקזאל פון חבר מענש וואָס ווערט אויפגעפרעסן פון א צווייטן...

א טאָג פאַסטן — מיינט, אָנטאָפּן דעם קליינינקן, אייגענעם, עגאָ־איסטישן הונגעריגן „איכ׳עלע״...

איך טראַכט זיך: ווען אנשטאָט פרידנס־קאָנפערענצן וועלכע פירן צו גאָרנישט וואָלטן די פעלקער גערופן א פּאָר מאָל אין יאָר אָן אלוועלטלאכן פאַסט טאָג — וואָלט אפשר די מענשהייט שוין לאַנג געקומען צו זיך...

פעלקער ביים פרעס־טיש קענען זיך ניט פאראייניגן. יעדעס פאָלק וויל א גרעסערע פּאָרציע. דער זולל וסובא שרייט, רעוועט: מיר, מיר, וואָס מער!

און מעסער און גאָפּל און לעפל שטרעקן זיך מיט גרויס תאוה און טעמפּקייט.

אָבער ביי א תענית ציבור קען מען זיך אייניגן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

חיים ליבערמאן האָט אָט ערשט ארויסגעלאָזט אויף דער אידישער גאַס א נייע „קינה", מיט'ן נאָמען „אין טאָל פון טויט" („געדאַנקען וועגן אונזער צייט און אידישן שיקזאל אין איר").

בין איך זיך מודה, אז כאָטש דאָס ביכל איז געקליידט אין טרויער — דאָך האָב איך אין חיים ליבערמאַנ'ס „טאָל פון טויט" געשפּאַצירט מיט פאַרגעניגן.

ווייל ליבערמאַן האָט דעם „טאָל" פאַרזייט מיט בלומען פון מליצה, מיט קוויטן פון שיין־שרייבעריי.

זיכער, ס'איז דאָ א פאַרצווייפלונג ביי ליבערמאַנ'ען, א פאַרצווייפלונג אין מענש, אין גוי, אין וועלט, אָבער איך וואָלט עס גערופן א זאַטע פאַרצווייפלונג...

אנדערש וואָלט ליבערמאַנ'ס געשריי געווירקט ווען אנשטאָט שרייבן אַזאַ שיינע קינה וואָלט ער זיך בעסער געזעצט פאַסטן... אַזאַ מאָדנער תענית אויף דעם חורבן פון דער וועלט וואָלט זיכער געצויגן מער אויפמערק (ווי דר. זשיטלאָווסקי דריקט זיך אויס), ווי א דין ביכעלע ארויסגעגעבן אויף גוטן גלאַנציגן פּאַפּיר, געדרוקט מיט די גרעסטע שענסטע אותיות און פאַרצירט מיט א האָלץ־שניט פון קאָז־לאָווסקי...

ווען ליבערמאַן וואָלט זיך אוועקגעזעצט פאַסטן ווי גאַנדי אָדער ר' צדוק, און ער ציט נאָך צו צום תענית דעם גאַנצן סטעף פון „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט", מיט דעם מאלער קאָזלאָווסקי און אפשר אויך דעם בחור הזעצער, וואָלט געוואָרן א טומל... וואָלט די גויאישע וועלט זיך דערוואוסט אז א אידישער שרייבער האָט אָפּגעזאָגט „קדיש" נאָך איר... אז א אידישער שרייבער האָט פאַרצווייפלט און כמעט ארויסגעלאָזט אן אויפרוף: וועלט, גויאישע וועלט, לייז זיך אויף! וועלט, דו דארפסט מער קיין וועלט ניט זיין, ווייל דו ביזט אזא אויס־געלאַסענע, אַזאַ זונה!

אָבער ליבערמאַן איז אַ שײן־שרײבער.

און די שײן־שרײבערײ האָט ניט אײן גרויס וואָרט איבערגעפּירט.

אויך דער פאַרשטאָרבענער דר. קאָראַלניק האָט אָפט געוואָלט זאָגן אַ וואָרט פון וועלכן עס זאָלן פאַרציטערט ווערן אַלע וועלטן, האָט זיך אָבער זײן וואָרט דערטרונקען אין שײן־שרײבערײ...

איך גלויב אַמאָל, אַז אפילו ישעיה הנביא׳ס „וגר זאב עם כבש" האָט ניט געהאַט קײן ווירקונג ביז איצט, ווײל ישעיה הנביא האָט אין זײן נביאות גערעדט צו שײן און מליצה׳דיג.

זעט איר, ירמיהו הנביא האָט געשריען פּשוט, אונטערגעשטאַמלט אפילו אין לשון... און דערפאַר האָט ער זוכה געווען אַז זײן „איכה ישבה" זאָל געזאָגט ווערן מיט אמת׳ע טרערן פון דורות און דורות אידישע קינדער...

מליצה לײענט מען און מען פּאַסמאַקעוועט זיך — אָבער מען טרויט ניט...

פון שײן־שרײבערײ האָט מען הנאה — אָבער מען נעמט עס ניט צו ערנסט...

* * *

מיט מיר אלײן האָט עס אויך אַמאָל פּאַסירט. איך האָב מיט יאָרן צוריק זיך שרעקלאַך פאַרליבט, געמײנט אַז די וועלט גײט אונטער. און אַזוי ווי איך בין שוין דאַן אויך געווען אַ שרײבער, האָב איך זיך אוועקגעזעצט און אויסגעלײדיגט מײן „ווײטאָג" פאַר דער וועלט: אָט זאָל זי זען ווי שטאַרק איך לײד!

און גאָרנישט... די וועלט איז ניט נתפּעל געוואָרן, און איצט פאַרשטײ איך פאַרוואָס: עס איז געווען צו שײן געשריבן...

און מיר אלײן, בין איך זיך מודה, איז מײן „ווײטאָג" אַזוי געווען געפעלן, אַז איך האָב עס געלײענט און איבערגעלײענט און גאָר פאַר־געסן אין מײן געליבטער...

אויך ליבערמאַן, בין איך זיכער, איז פון זײן „טאַל" זײער צופרידן, און ער קלײבט בערג מיט נחת.

און דאָס איז דער חסרון פון אַלע שײן־שרײבער.

* * *

רעזומע: איך קער זיך אום צו מײן אידײע פון פאַסטן.

נאָר תעניתים קענען העלפן אונזער וועלט... און איך מאַך צום פאַרשלאַג: אנשטאָט אַ „פעלקער־ליג" זאָל מען גרינדן אַ „תענית־ציבור"־ליג, און זאָלן די פירער פון פעלקער, אײדער זײ באַשליסן

צו רופן א מלחמה, רופן זייערע פעלקער צו פאַסטן א וואָך צייט... און מאַכן חשבון הנפש... דאָס וואָלט געווען דער בעסטער מלחמה־רעפערענדום. נאָר אַזאַ תענית וואָלט געהאָלפן אויסלייזן די וועלט פון אירע זינד...[1]

„מיין ריידנדיקער פילם" (וואַרשע)

# דריי אידן אויף דער פריזבע

(חיים ליבערמאנ׳ס „אין טאָל פון טויט")

פון

## אַלטער קאַציזנע

ביי דער אָפּגעסמאָליעטער וואַנט, אויף דער ערדענער פריזבע, ביי דעם לעבלאכן שיין פון דער שפעטער נאָכמיטאג־זון זיצן דריי אידן און פירן אַ היציגן שמועס.

זיי טיילן זיך מיט די געדאַנקען וועגן אונזער טרויעריגער צייט און וועגן אידישן דאַברי־מזל.

איז איינער פון די דריי אידן ענלאך צו אַ מאָדערנעם ירושלמי, וואָס איז געקומען פון די טריפה רעסטאָראַנען און זיך פאַרלאָזט אַן אגודישע באָרד. איצט פאָרעט ער זיך אין קבלה און אין איינשטיינען גלייכצייטיג.

ער האָט אַ געלאָסענע מאַניר אָרויסצולייגן בהדרגה זיינע פילאָזאָפישע געדאַנקען און האָט ליב — כטוב לב — צו ספעקולירן מיט זיי.

און דער צווייטער איד — אים זע איך אין פראָפיל — איז ענלאך צו אַ רוימישן פאַטריציער נאָך אַ פעסטן מאָלצייט.

און דער דריטער איד אויף דער פריזבע — דאָס בין איך. וואָס פאַר אַן אויסזען און מאַניערן איך האָב — ווייסט איין גאָט אין הימל.

צווישן די צוויי מיינע מיטשפרעכער פיל איך מיך היימיש און פרעמד.

ווייל אידישע צרות זיינען מיר אַ היימישער ענין און ווי אַזוי די צרות פטור צו ווערן — אויף דעם האָט יעדער איד זיין בעסטע עצה.

זאָגט דער ערשטער איד, וואָס ער הייסט חיים ליבערמאן — מענשן האָבן גענומען די וועלט און געמאכט פון איר אַ טאָל פון טויט.

---

1) זע אלתר כהן: „וואָס איז א פעליעטאָן ?", זייט 233.

אויף יעדן גרעזל — אַן אומרעכט, אויף יעדן זעמדעלע — אַ רציחה. וואו אַ שטיין אַן עשאַפּאַט, וואו אַ צווייג — אַ תליה. הערצער ווערן געטראָגן אויף שפּיזן...

הערט איך צו צו דעם ריטם פון זיינע רייד און לייקנט, אדרבה, אַז דער איד איז אַ דיכטער!

חיים ליבערמאַן רעדט אין אַ הויכן נביאישן סטיל, אבער פון זיינע הויכע רייד הערט ער אַמאָל אליין ניט וואָס ער רעדט.[1]

זעכצן מיליאָן אידן זיינען מיר — צושפּרייט איבער דער גאָרער ערד. אַ נעץ מיט זעכצן מיליאָן אויגן און קיין איינע ניט אָן אַ טרער!

ס'טייטש, ר' חיים! זעכצן מיליאָן אידן פאַרמאָגן דאָך אַ קיימא לן פון 32 מיליאָן אויגן! אייער מעטאַפאָרע וואָלט דאָך געקאָנט זיין צוויי מאָל שטאַרקער![2]

אָבער באַלד פאַרגעס איך אין דעם אויסגליטש.

דער איד פּאַקט מיך מיט זיינע ווייטערדיגע רייד.

— אונז איז געהייסן געוואָרן צו לעבן איבער דער גאַנצער וועלט. מיר — אידן — זיינען די ערשטע וועלט־מענטשן!

בראַוואָ, ר' חיים!

אַ ניי וואָרט דאַרף ווערן אויסגעשמידט פאַר די מאַרטירער פון אונזער אומגליקלאכער צייט: קידוש האדם!

גערעכט, ווי איך בין אַ איד! דער ריינסטער הומאַניזם איז עס!

חיים ליבערמאַן איז אויפריכטיג און בלוטיג איבערגענומען מיט די אידישע צרות אין איראָפּע. און ס'איז ניט זיין שולד, וואָס ער פאַררעדט זיך אַמאָל און איז זיך סותר. און עס קאָן זיין, אַז ער אליין זעט גאָרנישט קיין סתירה אין זיינע רייד. אָבער פאַר דעם צוהערער מיט לאָגיק איז עס אויסטערליש און פיינלאָך.

לויט חיים ליבערמאַנ'ס רייד קומט אויס, אַז גאָט דער האַר האָט ניט פאָרויסגעזען, וואָס עס וועט זיך פאַרלויפן אין אונזערע ביטערע יאָרן און ער האָט אויסגעשטעלט זיין פאָלק ישראל אויף אַ לעבנס־

---

1) ניין, איך הער וואָס איך רייד, נאָר מ'דאַרף זען וואָס מען לייענט. זע הערה 2.

2) דאָ רעדט זיך וועגן אַ נעץ און די אויגן פון אַ נעץ — די „אויגלאך" פון געשטריקטע זאַכן. אין דער דאָזיגער מעטאַפאָרע איז יעדער איד אַן אויג אין דער נעץ וואָס איז אויסגעשפּרייט איבער דער גאָרער ערד, און יעדער איד איז פול מיט טרערן.

נאָר אַז מ'דאַרף זיך טשעפּען צו „אידן" איז דאָס אויך אַ פּריטשעפּקע.

געפאַר. פון איין זייט איז אונז געהייסן געוואָרן זיין א וועלט־פאָלק, פון דער אנדערער זייט איז געהייסן געוואָרן קומען היטלער׳ן אויף דער וועלט.

דאָס איז א געטלאכער „מיסטייק" מיסטער ליבערמאן און אַז גאָט אליין קאָן מאַכן אַ מיסטייק, טאָ פאַרוואָס זאָל דאָס ניט קאָנען טאָן זיין טרייער דינער — חיים ליבערמאַן ?[3]

איבריגנס באַשאַפן מיר אונזער גאָט בצלמנו ודמותנו[4] און, ווען חיים ליבערמאן זאָל געווען זיין אַ מאַן מיט אַ שטאַרקן כאַראַקטער, וואָלט אויך זיין גאָט פון דעם עפעס געוואונען. זיין גאָט וואָלט דאן געווען ווי יענער פעלד־מאַרשאַל, וועלכער שיקט זיין בעסטן פולק (דאָס פאָלק ישראל) אויף די פאָדערשטע פאָזיציעס, כדי סוף כל סוף בייצוקומען די הארטנעקיגע וועלט. קאָנען דען זעלנער האָבן טענות, וואָס זיי זיינען אויסגעשטעלט אויף געפאר ?

אָבער חיים ליבערמאן האָט טענות און געוואַלדיגע טענות. און זיין אויסוועג איז — דעזערציע פון וועלט־פראָנט.[5]

— צוריק אין דער אייגענער נשמה־נאָרע, אידן! דאָרט וועלן מיר צודריקן די תורה הקדושה צו אונזער ברוסט און איבערוואַרטן דאָס בייזע מלחמה־געוויטער.[6]

דאָס איז ניט קיין צוריקטריט אין געטאָ — פאַרזיכערט ער אונז.[7] אַ געטאָ — דאָס איז די גאַנצע דרויסנדיגע וועלט מיט די וועלף, וועלכע לויפן ארום אויף דער פריי. אַ שאָד, וואָס חיים ליבערמאן האָט זיך דאָ ניט באַנוצט בילדעריש מיט׳ן מבול אויף דער וועלט און מיט דער תיבה אין דער אידישער נשמה־נאָרע, ווייל א פאָר שורות ווייטער רעדט ער וועגן דער צייט, ווען דאָס געוויטער וועט אַריבער און פון

3) ווער האָט זיך געקענט ריכטן אַז די „פילאָזאָפישקייט" פון אונזערע אמאָליגע חלב־ליכט־אפיקורסים וועט זיך נאָכאמאָל באווייזן אין אונזער ליטעראַטור? אָבער אַפּנים אַז קיין דור איז ניט פריי פון זיי.

4) אויב אונזער געשטאלט איז אזוי ווי דאָס געשטאלט וואָס מיר האָבן זיך אויסגעמאָלט פון אונזער גאָט, האָבן מיר דאָך אַ באמת וואונדערבאר געשטאלט! וואָס־זשע ווערט פון דער טענה אז איך האָב געמאָלט די אידן צו שיין און די גוים צו מיאוס?

5) אָבער „יענער פעלד־מאַרשאַל" ציט זיך אַמאָל צוריק פון זיין פראָנט כדי אים שפּעטער זיכערער איינצונעמען.

6) וואָס דען, אפשר בעסער צודריקן היטלער׳ן צו אונזער ברוסט, ווי געוויסע אולטרא־מאָדערנע אידן האָבן געטאָן?

7)..אַבי אזוי פיל פון קאַציזנע׳ס חדר האָבן געשריען אַז איך רוף דווקא צוריק אין געטאָ אריין.

הימל וועט זיך ניט אָפּטאָן דער רעגנבויגן. דאַן וועט זיין — זאָגט ער —אַ וועלט כולו־טוב.

דיזעלבע חכמה האָבן מיר שוין געהערט ביי משה בראָדערזאָנען אין זיין לעצטן בוך, וואו ער האָפּט אויך, אז די ישועה פון א נייער וועלט וועט עפּעס קומען אויף א מעכאַנישן שטייגער, פּונקט ווי דער אויטאָמאַט, וואָס וואַרפט ארויס א טעוועלע שאָקאָלאַד.[8]

מאָדנע האַרציגע אָפּטימיסטן זיינען דאָס! מען ליגט אין געהאַקטע וואונדן און מען טרייסט זיך מיט אַנאַדים־טראָפּנס.

חיים ליבערמאַנ׳ס דיכטערישע אימפּרעסיע „אין טאָל פון טויט" — לאָמיר מודה זיין — איז אָנגעשריבן אין אַ הערלאכער פאָרם. טייל זאַצן און באַצייכענונגען פאַרמאָגן די לאַבאָראַטאָרישע גענויאיקייט פון דעקן מיט וואָרט דעם פולן באַגריף, וואָס דאָס איז אַ זעלטנהייט אין דער ליטעראַטור.

קיין שווערן זאַך מיט לאָגיק וואָלט איך אויף אָט דער דאָזיגער צירלאכער געביידע אליין ניט ארויפלייגן.[9]

אָבער אין ליבערמאַנ׳ס שיינע רייד איז פאַראַן געפערלאך־דעפּעטיסטישער סם־המות,[10] וואָס אין זיין מהות איז ער דער היפוך צו דער שיינקייט פון וואָרט.

און צוליב דער קראַפט פון זיין אויסדרוק איז דאָס אַ ווירקנדיגער סם.[11]

חיים ליבערמאַן גרעניצט זיך אָפּ פון דער גאַנצער ניט־אידישער וועלט. ער נעמט צוריק אָפּ ביי דער וועלט אונזער גאָט און אונזער תורה, וואָס מיר האָבן דער וועלט וועסט געהאַט געשאָנקען און ער לאָזט איבער די וועלט אויף באַרבאַרישן הפקר[12].

ר׳ חיים! גאָט איז מיט אייך! ווי קאָן מען אַזוי האַנדלען! דאָס איז דאָך דער זעלביגער נאַציזם אויף דער לינקער זייט! אויף רוסיש הייסט די דאָזיגע תורה:

ty mnie w barscz, ja tiebie w kapustu

8) מעכאַנישע וועלט — דאָס איז דאָך קאַציזנע׳ס גלויבן.

9) אַ גאַנצן זאַך מיט לאָגיק מיינט קאַציזנע האָט ער? פון דעם אַרטיקל זעט זיך עס ניט. אַ סימן:

10) אָט ערשט האָט ער גאָר געשריבן: „מאָדנע האַרציגע אָפּטימיסטן זיינען עס!" און פּלוצלינג — דעפּיטיסטן.

11) די מעדיצין היילט זייער אָפט מיט סם.

12) פאַרקערט, מיר האַלטן זיי גרייט פאַר דער גאַנצער וועלט און זעען נאָר דערין איר איינציגע גענעזונג.

איבערלאָזן די וועלט אויף הפקר ? !

זי, די באַרבאַרישע וועלט — זאָגט איר — האָט געמאַכט א קאַריקאַטור פון דער קריסטלאכער רעליגיע, געמאכט א קאַריקאַטור פון דעם סאָציאַליזם, אַלץ דערפאַר, ווייל די רציחה שטעקט אין איר בלוט.

מסתמא האָט דאָך אייער גאָט געוואוסט, וואָס ער טוט, ווען ער האָט אונז געהייסן אין דער דאָזיגער וועלט זיין וועלט־מענשן ! [13]

איצט דערקלערט איר אַ דעזערציע, אַ נאָן־קאָאָפּעריישן. און וואָס וועט זיין באחרית־הימים, ווען אויפ'ן הימל וועט אַרויסשיסן א רעגנבויגן ? פון וואַנען וועט זיך דאָן אין דעם רוצחישן הארץ פון דער וועלט נעמען לייטזעליגקייט און תשובה, אז זי וועט אונז פאַרנודזשען אַזש מיט'ן איבערבעטן ? ווי אַזוי וועט עס א וואָלף אָנהויבן גיין אויף צוויי פיס און ווערן אַ וועגעטאַריער ?

דאָס איז דאָך פונקט אזוי מעגלאָך, ווי לויט היטלער'ס תורה זאָל באחרית הימים דער מינדערווערטיגער איד פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן איידל־בלוטיגן אַריער !

און איר אַליין, ר' חיים, צי זייט איר שוין זיכער, אז איר קאָנט אין אייער נשמה־נאַרע אויסהאלטן אויטאַרקיע מיט אייער אידישקייט און מיט דער תורה ביים הארצן ? [14] זייט איר גאָר ניט פאַרבונדן מיט קאַנט'ן און מיט געטע'ן [15] און מיט אַלע איבעריגע גויים, וועלכע האָבן ביי זייער לעבן ניט געוואוסט, אז זיי זיינען, נעבאך, בלויז בלוט־דורשטיגע באַרבאַרן ? און צי זייט איר טאַקע גרייט צו פאַסטן 40 טעג, כדי צו פארגעסן דאָס פאַרשאָלטענע לאַטיין, ווי דאָס האָט געטאָן אייער מיטלאלטערלאכער מקובל ? [16]

---

13) לא הגלה הקב"ה את ישראל אלא כדי שיתוספו להם גרים שנאמר ונלוו עמים אל ה' (קידושין).

14) הפוך בה והפך בה דכולא בה.

15) ערשט ווען מען קומט צו דער תורה צוריק פון די קאַנט'ס און די געטע'ס באַגרייפט מען איר גרויסקייט און איר אמת. נאָר קאַציזנע האָט זיך אויסגעקליבן א שלעכטן גוי פאר אן עדות. געטע האָט געשריבן : פיר זאַכן האָס איך ווי גיפט און שלאַנג : — טאַבאַק, וואַנצן, קנאָבל און קריסט („ווענעציאנישע עפּיגראַמען", 66).

און אין אַ שלעכטער צייט האָט ער אויסגעקליבן זיינע עדות — אין אַ צייט ווען קאַנט און געטע זיינען אין גלות אין זייער אייגן לאנד, און זייערע בעסטע היטער און פאַרטיידיגער פון זייערע אידייען זיינען געבליבן די אידן. פאַרטיידיגער געגן וועמען ? געגן די דייטשן...

16) ווי איז צו אייך אז אירווילט בעסער פאַרגעסן די תורה איידער לאַטיין !

איר ווייסט, ר׳ חיים, וואָס איך וועל אייך זאָגן? דאָס אַלץ איז אַן אָנשטעל, אַ פּאָזע.

די הערלאַכע סטיליסטישע פאָרם פון אייער ביכעלע פּאַראַט אין אייך דעם העלענער[17]) וועלכער האַלט זיך אָן דעם פּרינציפּ, אַז גוט איז דאָס — וואָס איז שיין. און דאָס איז ניט אידיש.

און אפילו דער גאָט אונטער אייער רינענדיגן שינדל־דאַך, דער מידער גאָט ביי אייער טיש אין אַ היימישן שמועס מיט אייך — איז ער דען ניט צען מאָל מער דער גאָט פון לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשיס גע־היימער סדר־נאַכט, איידער דער גאָט פון אייער תורה?[18])

ס׳איז ניט אמת, אז פון אייערע געדאנקען איז פאראן א פּורטקע אין דער ליכטיגער צוקונפט![19])

ווייל לויט דער אינערלאכער לאָגיק פון אייערע רייד מוז די גאנצע ניט־אידישע וועלט אומקומען פון מבול![20])

ווייל זי איז אומהיילבאר־באַרבאַריש, ניט ראוי![21])

---

מיט לאַטיין האָט מען ווייסט געמאַכט לענדער און פאַרטיליגט פעלקער, און תורה איז לעבן און באפרייאונג.

17) און אנדערע קריטיקער ווארפן מיר פאָר למאי די סטיליסטישע פאָרם פון דעם ביכעלע איז דוקא תנ״כ׳יש, נביאיש. (זע באשעוויס, זייט 195) איז דער תנ״ך שוין אויך ניט אידיש?

18) וואָס האָט דען לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי, אין זיין „געהיימער סדר־נאַכט״, געשטרעבט אויסצודריקן? דאָך נאָר דעם גאָט פון „מיין תורה״, ווי ער האָט עס פאַרשטאַנען. און ס׳איז קונסט נאָר אויף אזוי פיל ווי **דאָס** איז אים געלונגען. מיר זיינען אַלזאָ דער אָריגינאַל, און ווי גרויס ס׳איז ניט דאַ ווינטשי׳ס בילד איז עס פאָרט נאָר אַ קאָפּיע פון אונזער אמתער „סדר נאַכט״. און איר, אַנשטאָט דעם אָריגינאַל, האָט אויסגעקליבן די קאָפּיע. פאַראַן ליידער א סך אזעלכע „קונסט־מבינים״...

און ווי שעמט זיך ניט אַ מענש, כ׳וועל שוין ניט זאָגן אַ איד, ארויסצורייידן אַז דער גאָט פון דעם גוי׳עשן בילד איז צען מאָל מער ווי דער גאָט פון „מיין״ תורה?

ס׳איז ניט נאָר מיין תורה נאָר אייערע אויך: יעדער איד האָט אַן אות אין דער תורה. נאָר אויב א איד וואַרפט זיין אות אוועק, און אַ אידישער אות טאָר זיך ניט וואַלגערן אויף דער ערד, הויב איך עס אויף און קוש עס.

19) ניטאָ קיין אַנדער ליכטיגע צוקונפט ווי די וואָס די נביאים האָבן געוויזן דעם וועג צו איר.

20) פאַשיזם איז אַ מבול. די וועלט־מלחמה איז אַ מבול. געבראַכט ביידע האָבן די ברידער פון אייער לעאָנאַרדאַ דאַ ווינטשי, קאַנט און געטע.

21) די וואָס האָבן זיך אָנגעכאַפּט אָן די עץ־חיים׳ס פון דער תורה זיינען ראוי און וועלן זיך ראַטעווען. צוויי פּרינציפּן שלאָגן זיך אין דער היינטיגער מלחמה, איינער מאַכט איז רעכט, דער צווייטער: רעכט איז מאַכט. דער ערשטער שטאַמט

און אַז די וועלט זאָל חלילה אומקומען, וועט איר עפענען די תבה און איר וועט זיך אויך אריינוואַרפן אין וואַסער אַריין.[22]) ווייל איר זייט דער וועלט'ס מער ווי דער תבה'ס. און ווייל אייער פּרעכטיג ביכעלע איז אַן אַבסורד פון דעפּעטיסטישע שטימונגען.

עס איז דאָך מערקווירדיג, אַמעריקאַנער!

אונז שלאָגט מען און איר קרעכצט.[23])

בעת מיר האָבן פאַרקריצט די ציין און מיר קריכן ווייטער ביז'ן גאַרטל אין בלאָטע.[24])

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

וועגן דעם וואָס ס'האָט געזאָגט דער צווייטער איד אויף דער פּריזבע וועלן מיר זיך דערוויסן אין קינפטיגן נומער „מ. ר. פ.“[25])

„ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט“

# דער באַנקראָט פון דער ציוויליזאַציע

פון

## דר. ד. גלאַבוס

חיים ליבערמאַנ'ס אָפּהאַנדלונג „אין טאָל פון טויט“ שטייט אליין אין איר זעלטענער שיינקייט. פאָרם און אינהאַלט זיינען צוזאַמענגעגאָסן אין אַ האַרמאָנישער איינהייט. דאָס שטאַרק אויפגערודערטע געפיל דריקט זיך אויס אין שטאַרקע און דאָך קלאָרע ווערטער.

א וועלט פון צאָרן, אַנטריסטונג און אַנטוישונג האָבן זיך אָנגעקליבן אין ח. ליבערמאַנ'ס האַרץ און זיי האָבן זיך אויסגעגאָסן אין אַ

---

פון די רוימער, דער אַנדערער פון די אידן. ווידער, הייסט עס, האָבן זיך באַגעגנט אויף דער וועלט־אַרענע רוים און ירושלים, אָדער לאַטיין און די **תורה**. זיגן וועט די תורה. און אויב דער געווינער וועט נאָכ'ן זיג ווידער פאַרגעסן די תורה וועט זיין אַ נייער מבול.

22) די תבה איז די תורה. איך בלייב אין דער תבה, ווייל פון אַ תבה האָט שוין איינמאָל נאָך א מבול זיך אָנגעהויבן אַ נייע וועלט.

23) דאָס שלאָגט דער לאַטיין און עס קרעכצט די תורה.

24) דאָס זעט מען פון אייער אַרטיקל.

און ס'איז געקומען היטלער און האָט די בלאָטע אויסגעקנאָטן מיט אייער בלוט. נאָר אויף אַזאַ בלוט האָט די תורה געגעבן די הבטחה — בדמיך חיי.

און אַז איר וועט בשלום אַרויס, וואַרט אויף אייך אייער אות אין דער תורה.

25) ניט געקומען צו דער האַנט.

שטראָם פוןליידנשאַפטלאַכער שפּראַך. ער האָט אפּנים צום ערשטן מאָל דערקענט דעם אמת׳ן פּנים פון דער קריסטלאַך־איראָפּעאישער ציוויליזאַציע און ער איז אנטזעצט געוואָרן. „זיי״, די אייראָפּייער, האָבן זיך ארויסגעצייגט צו זיין דיזעלבע ווילדע, נאָר אָנגעטאָן אין צילינדערס און פראַקס. די לעצטע צייטן טוען זיי אפילו די אויס און פאַרבייטן זיי מיט העמדלאַך.

די צאָל פון אנטוישטע מיט אונזער ציוויליזאַציע וואַקסט. יעדן טאָג קומען צו נייע. פילע ווייסן שוין לאַנג אז דער ציוויליזירטער מענש איז דערזעלביגער קאַניבאַל, אז זיין רעליגיע איז שווינדל, זיין פילאָזאָפיע טומאַן, זיין מאָראַל א מאַסקע, זיין וויסנשאַפט א דינסט וואָס העלפט אים באַפרידיגן זיינע נידעריגסטע תאוות. פאַר די ניכ־טערע באַאָבאַכטער פון דער מענשלאַכער קאָמעדיע איז עס שוין לאַנג קלאָר, און דער אויפשטייג פון פאַשיזם האָט דאָס געהאָלפן א סך קלאָרער צו מאַכן, אז דער מענש קלעטערט ערשט אויף די אונטערשטע טרעפּלאַך פון א לאַנגן לייטער פון וועלכן די העכסטע טרעפּלאַך זיינען ערשט טרעפּלאַך פון אמת׳ער מענשלאַכקייט. מיר האָבן געמיינט אָז מיר זיינען א סך אָפּגעגאַנגען, אז מיר האַלטן שוין ביים סוף פון וועג. ניין, ס׳איז געווען א טעות, און היטלער און מוסאָליני האָבן אונז אויפגעקלערט. מיר זיינען ערשט ביים אָנהויב פון לאַנגן וועג.

ליבערמאַן, הפנים, האָט זיך אָבער ערשט ניט לאַנג צוריק אויפ־געכאַפּט פון זיין זיסן שלאָף צו דערזען דעם מענשן ווי ער איז, דערפאַר זיין גרויסער וויטיג און זיין גרויסע אַנטוישונג. דערפאַר טרייסלט ער זיך אָפּ פון דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע מיט עקל און וויל צוריק אַהיים צו דער אידישער ציוויליזאַציע, ווייל דאָס איז וואָס זי איז — ניט אַזאַ שטורמדיגע, דרייסטע ציוויליזאַציע ווי די אייראָפּעאישע, אדרבא, אַ שטילע, אביסל פּאַסיווע, דערפאַר אָבער א סך אַ מענשלאַכערע און מער האַרמאָנישע. די וועלט ווייס נאָך אַלץ ניט אז מיט אונזער גאַנצער רעליגיעזיטעט, זיינען מיר אידן די עלטסטע הומאַניסטן, א סך עלטער און טיפער פון די גריכישע. די פּשטות פון דער ביבלישער שפּראַך פאַרדעקט נאָך אַלץ די גוואַלטיגע טיפקייט פון אירע געדאַנקען. די געלערנטע פילאָזאָפן קענען נאָך אַלץ ניט פאַרשטיין דעם זין פון די פּשוטע רייד פון פאַסטוכער.

ליבערמאַן וויל אהיים, און אזוי ווי די אייראָפּעאישע ציווי־ליזאַציע האַלט ביים פּלאַצן וועלן אפשר אַלע וועלן לויפן צו אונזער אָרימער און קליינער, אבער ציכטיגער און וואַרימער היים...

איך בין ניט קיין חסיד ליבערמאנ'ס, און איך האָב מיט אים אָפט געקרייצט שווערדן. איך מוז אָבער צוגעבן אז עפּעס וואָס קען זיך פאַרגלייכן מיט ליבערמאנ'ס „אין טאָל פון טויט" אין שיינ־קייט פון שפּראַך און וויכטיגקייט פון אינהאלט האָב איך זעלטן וועלן געלייענט.

„ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט"

# אַ פּאָר ווערטער וועגן „אין טאָל פון טויט"

פון

## מ. י. חאַימאָוויטש

ביי מענשן, וואָס זיינען פיאיג צו זיין איבערעמפינדלאך, איז צו מערקן צייטנווייס אַ פאַרשאַרפונג פון אַלע חושים, און אַ סך פון זיי קאָנען דערשפּירן אין זייער אינערן וועזן דעם אָנזאָג פון יעדע אָנקומענדיגע געזעלשאַפטלאכע ענדערונג, ווי ס'קאָנען שפּירן חיות יעדע פאַרשטייענדיגע סכנה, רעאומאַטישע יעדן אומבייט פון וועטער. און ווען אזוינע „אָנגעגריפענע" הויבן אָן מיטאַמאָל פון העלער הויט ריידן וועגן גאָט, אמת, רעליגיע און עטיק, דעמאָלט דאַרפן זיך די קינדער פון ישראל היטן: ווייל אַן אומגליק לויערט איבער זייערע אומבאַ־שיצטע קעפּ.

די איבערפיינע עמפינדלאכקייט אין געוויסע יחידים איז גורם, אַז זיי זאָלן שפּירן און זען מיטן אינערן אויג אזוינס, וואָס איז פאַר־הוילן פון דער ראיה און פילן פון די נאָרמאלע און וואולגארע, זיי ווערן אָנגעגריפן פון א זעקסטן חוש, און דעמאָלט: — נבואה, מערסטנס שוואַרצע נבואה.

סימפּטאָמען פון אַזאַ איבערפיינער עמפינדלאכקייט און עמפאנג־לאַכקייט האָבן גענומען קאָנטיג ווערן ביי אייניגע פון אונזערע שריי־בער, — און שרייבער בדרך־כלל זיינען דער אַוואַנגאַרד פון יעדער קאָם אָנגעדייטעטע אידייע, נאָך אין גאַנצן ניט אויסגעשפּראָכענע באַגערן. זיי זיינען די וואָס מאָדעלירן זיי דערנאָך אין קאָנקרעטע פאָרמען. זיי זיינען אין אַ געוויסן זין דער סיסמאָגראַף, וועלכער רעגיסטרירט געגוי די אלע קאָם מערקבארע באַוועגונגען פון מענש־לאַכער נשמה און געוויסן; זיי זיינען די ערשטע, וואָס דערשפּירן יעדע אָנקומענדיגע צושטערונג.

ביי אייניגע פון אונזערע גוטע אידישע שרייבער האָט זיך לעצ־טנס געגומען ווייזן אַ שטאַרקע נייגונג צו רעליגיע, „אידישע״ עטיק און דערהויפּט צום אידישן עבר. יעדער איינער פון זיי האָט אויס־געדריקט אויף אַן אופן וואָס איז אָנגעהעריג זיין באַזונדער קונסט און טעמפּעראַמענט: ווער אביסל שווערער, ווער פיינער, ווער מיט איינזען און ווער מיט א פאַרזוך אויף געשמאַק.

חיים ליבערמאַן, אַ העכסט אידישער מענש און באַוואוסטער עסעיאיסט האָט שוין פון לאַנג־אַן זיך גענומען חנ׳ען צו רעליגיע, גענומען פאַרהערלאכן מיט מויל און פען די גרויסע און פארבנרייכע אידישע פאַרגאַנגענהייט, און געטאָן האָט ער עס אויף אַן אופן, וואָס האָט געקאָנט וואַרפן אויף אים אַ חשד פון דעקאַדענטישער באַנעמונג. כאָטש זיין סטיל איז ווייט פון צו זיין אַזוינער. ס׳פעלט די מאַטע־ווע בלייכקייט, געאיידלטע מידיגקייט. זיינע זאַצן זיינען אונטער־געשטראָכן מיט מארשירנדיגער „געגנזנטראַט״ טעמפּאָ. ער איז זיכער, פול גלויבן אין אַ פּראַפּעטישן יושר, און שרייט זיך אַמאָל אליין איבער.

גאָר לעצטנס איז זיין אזוי פיינע סענסיטיוויטעט נאָך מער געאיידלט און פאַרשאַרפט געוואָרן, — כמעט ביז נאָדל שפּיץ. ער האָט דאָ ניט לאַנג פאַרעפנטלאכט אין „ג. י. וואָכנבלאַט״ (איצט דערשינען אין בראָשור) אַן עסעי: „אין טאָל פון טויט״, וואָס האָט געטראָגן אויף זיך דעם נשמה׳דיגן צייכן פון זשורנאַל־אינטים, — אזא מין טאָג־בוך, וואו ס׳קאָן, ניט האָבנדיג געזינדיגט געגן גוטן ליטע־ראַרישן געשמאַק, פאַרצייכנט ווערן אין אינטימן טאָן די אלע רעאַגי־רונגען פון האַרץ און נשמה בנוגע וועלט געשעענישן, וואָס ווערן אויסגעמישט מיט די ריין פּערזענלאכע באַציאונגען און איבערלע־בונגען, און פאַרמירן א שטאַנדפּונקט און אַמאָל וועלט־אַנשויאונג.

די עסעי „אין טאָל פון טויט״ איז אין אַ געוויסן זין אַ געזאַנג, — אַ שיר־השירים אין בי־מאָל, א „וואַלץ טריסטע״, פון וועלכע ס׳ווערט עפּעס אומהיימלאך, האַרבסטיג־טרויעריג און אימה׳דיג, ווי אין שדימ־דיגער אומגעבונג; אויסער דער נאַרמע פון געזונטן, אַנגייענדיגן אַלטאָג־לעבן. ס׳פילט זיך א טיפער צער, וואָס עגבערט דורך דעם שטאָלענעם פאַנצער פון גרויסוועלט־אומפאַרשעמטקייט, א ווייטאָג, וואָס מאַכט צו רעוואָלטירן געגן געזונטן שכל, א זיך אליין שטראָפנדיגע שמייסעניש, אַן ארויספאָדערונג צו א טויבער וועלט, אַ צולאָכעסדיגע און גאַגלאַן־טרייסט.

און דאָס אידישע פאָלק איז דער העכסטער אויסדרוק פון דער שאַפונג. דאָס אידישע פאָלק איז א גורל־פאָלק, האָט צוויי אויפגאבן: איינע: — צו באַקערן דעם מענשלאכן מין צו דער העכסטער לעבנס־פאָרם; א לעבן אין גאָט און מיט גאָט. די צווייטע: צו ליידן און דורכגיין דעם „כור־עוני״. די ערשטע איז א דורכפאַל. די מענשן זיינען פאַרזונקען איבער די קעפּ אין א חמריות׳דיקער ארגיע. זיינען באַזעסן מיט חיה׳שער בלוטלוסט. די צווייטע איז דורך און דורך איינגעגעבן: זיי ליידן און ליידן.

ס׳איז אין דעם פאַל אַן איראָניע פון גורל, וואָס לויט אַ האַלב גערמאַנישן דענקער קומט אויס, אז: „ליידן איז דאָס פערד, וואָס פירט צו שלמות״. אויב אזוי איז׳ס גאָר א ברכה. — און ווען, ווען, וועלן מיר דערגרייכן פאָלקאָמענהייט. און לויט, ווי מיר האָבן לעצ־טנס אַלאַ דאָסטאָיעווסקי זיך גענומען גריבלען אין דער אַנאַטאָמיע פון ליידן, זינגען שירה, קומט אויס, אַז מיר האָבן זיך אויף דעם „ארטיקל״ גאָרניט צו באַקלאָגן, אדרבא מיר דאַרפן זיך נאָך דערמיט איבערנעמען: דורכגעפירט די אויפגאבע אזוי גלענצנדיג, — וואָרים הערן מיר אויף צו ליידן ווערן מיר אזוי ברוטאַל חמריות׳דיג ווי די איבעריגע וועלט.

ס׳איז דאָך אַ זעלטענער פאַרגעניגן צו פילן, אז די גאַנצע ניט־אידישע וועלט איז פאַרזונקען אין רשעות און מיר זיינען די איינציגע וואָס ליידן פון אָט די רשעים. וואָרים, אויב זיי וועלן ניט זיין קיין רשעים וועלן מיר דאָך ניט זיין קיין צדיקים, — און אלמעכטיגער, וואָס פאר א דערהויבענער פאַרגעניגן ס׳איז צו זיין א צדיק!

ביי אייניגע פון אונז איז געוואָרן קאָנטיג דער באַגער צו אריינ־ציען אין זיך דעם קאָפּ ווי א טוירטל און זיין אָפּגעשלאָסן פון דער איבעריגער וועלט: אַ לעבן אינזיך און פאַרזיך. ס׳הייסט אויפגעבן אונזער ערשטע מיסיע צו באַקערן דער וועלט צום אמת׳ן לעבן אין גאָט און ווערן רעליגיעזע און אינטראָספּעקטיווע פּאַלאַכן, — און וואָס וועלן מיר געווינען פון אַזאַ צוריקטריט? די צרה מיט אונז איז תמיד געווען און נאָך היינט אויך, וואָס מיר זאָרגן פאַר דער אבסטראַק־טער אידייע פון אלגעמיינעם וואוילזיין מיט אַזאַ פראַפעטישן פּאַטאָס און אימפּעט, אַז ס׳בלייבט שוין גאָרניט איבער פאַר׳ן אייגענעם וואויל־זיין. מיר האָבן איינמאָל, אמאָל, אונטערגעטראָגן דער וועלט א מיסיע, אָבער מיר האָבן עס געטאָן מיט אַזאַ אימפּעט, אַז מיר זיינען ווי דער האַרמאַט, נאָכדעם ווי ער שיסט אויס די קויל, אָפּגעשפּרונגען אויף

הינטער, און דער סוף איז געווען, אַז די, וואָס האָבן באַקומען די מיסיע האָבן דערוויל פאַרכאַפּט אונזער פּלאַץ און מיר זיינען געבליבן שטעקן פון הינטן ביז היינטיקן טאָג.

געבן מתנות צו אַזוינע, וואָס קאָנען ניט זיין דאַנקבאַר איז אַן אַרויסגעוואָרפענע גרויסמוט. ס'איז צייט, אַז מיר זאָלן קלאָר ווערן אין אונזער אייגענעם מהות און דערנאָך אויפהערן צו זיין אויסטיילער פון ברכות און מתנות. ווידער ווידמענען די גאַנצע ענערגיע אויף אַ רעליגיעזע גייסטיקייט און עטישן אויפּפיר אויף'ן חשבון פון אונזער בלוט און לייב, — טאָ וואָס איז דער זין פון אונזער גאַנצן זיין? צי דען זיינען מיר פון אימיצן אַרויסגעוואָרפן געוואָרן אין אַ פול־זוניקער וועלט אום נאָר צו פאַרמאַכן אונזערע אויגן כדי אָנצוקוקן די וואַרימע ליכטיגקייט? און רעליגיע אין אַלגעמיין איז דאָך געוויקלט אין נעפּל.

רעליגיע, — אַ געפיל פון אומבאַשטימטער, אומבאַגרייפלאַכער מורא, אַ פאַרנעפּלטער געוואָרזיין פון אַ געהיימן כוח. אַזאַ זאַך, וואָס פילט אויס דעם חלל און באַאיינפלוסט אונזער לעבן, רופט אַרויס אין אונז אַ רעווערענץ פאַר אַ גרויסע אימפּאָנירנדיגע אומבאַשטימט־קייט און אומבאַגרייפלאַכקייט.

רעליגיע איז אַזאַ אומקלאַרקייט, וואָס קאָן און טאָר ניט קאָנ־קרעטיזירט ווערן. און באמת ס'איז גאָר שווער אַמאָל צו דערגיין ווער ס'איז יע און ווער ס'איז ניט רעליגיעז. איינס אָבער איז זיכער, אַז דער הינדוס, וואָס זיצט אומבאַוועגלאַך מיט די פיס אונטער זיך אויף אַ פעלד און קוקט מיט בלאַנקן קוק אין חלל, איז אין גאַנצן פאַרטיפט אין אַ ניט אָנטאַפּנדיגן געדאַנק, — אָט דער הינדוס, וואָס זיצט אַזוי יאָרן און יאָרן אין נשמה־פאַרגליווערטקייט און זעט כסדר ווי אַ זון גייט אויף און פאַרגייט, איז מער רעליגיעז ווי דער בראַמאַ־פּריסטער, וואָס טיילט אויס רעליגיע אין טעמפּל. ס'טרעפט, אַז די אומוויסנדיגע פּרוי, וואָס קניט אין אומאַרטיקולירטן ווייי איז מער רעליגיעז ווי דער פּריסטער, וואָס פירט אַזוי טעאַטראַליש די גאָטס־דינסט ביים אַלטאַר פון זיין קירכע. ווייל ווערטער און רייד הרג'ענען דאָס אמת רעליגיעזע געפיל. וואו ווערטער און רייד קומען אַריין דאָרט שטאַרבט רעליגיע.

עטיק. — די גאַנצע עטיק פון דער וועלט קאָן באַשטיין פון צוויי איינזילביגע ווערטער: זיי גוט. די דאָזיגע ווערטער זיינען מיליאָנען מאָל אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין פאַרשיידענע ערטער און פון פאַרשיידענע מענשן, — און וואָס האָט געטראָפן? עטיק ווי געשמאַק

איז אַ מתנה אין זיך געבאָרן און אויפגעהאלטן. מ׳קאָן עס פאר קיין פאַל ניט דערוווערבן. און נאָך ערגער איז ווען מ׳פריידיגט און מ׳לערנט עטיק. ווייל מ׳קאָן עס קיינעם ניט לערנען, ווי מ׳קאָן ניט לערנען געשמאַק. די צרה מיט אונזער וועלט, וואָס איינצעלנע האָבן זיך אונטערגענומען לערנען די מערסטע זאַכן וואָס ס׳איז ניט צו דערלערנען.

„ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט״

# הונדערטסטער נומער

פון

## ש. טענענבוים

אַ סך געלונגענע זאַכן זיינען פאַראַן אין הונדערטסטן נומער פון „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט״, אָבער די וויכטיגסטע איז, אַן צווייפל, „אין טאָל פון טויט״, געדאַנקען וועגן אונזער צייט און אידישן שיקזאַל אין איר, פון דעם באַוואוסטן עסעיאיסט און ליטעראַטור־קריטיקער, חיים ליבערמאַן. אַ מייסטערהאַפטע שטיק פראָזע איז ניט קיין נייס פון דער געבענשטער פעדער פון אָט דעם מעכטיגן עסעיאיסט. אָבער מיר דאכט אז „אין טאָל פון טויט״ שטייגט איבער אַלץ וואָס ער האָט ביז איצט געשריבן. דאָס איז אַ נביאיש שטיק פּאַטאָס, אַן עלעמענטאַרע שטיק קונסט, געאיידלט דורך גרויסער ראַפינירטעט. אַ געוואַלטיקער צאָרן פון אַ גרויסן אייראָפּעאישן אידן פלאַקערט אין אָט די כעס־בלאָסע שורות... און ער שליידערט זיי מיט אַזאַ גוואַלדיגער קראפט און סטיל־שיינקייט וואָס מאַכט אייך איבערלאַך ציטערן, ווי דורכגענומען פון אַ גרויסן קאָסמישן געפיל. עס איז ווי טויזנט בליצן וואָלטן פייערדיג און אַפּאָקאַליפּטיש דורכגעריסן דורך אייער וועזן.

„ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט״

# וואָס איז אַזוינס אַ צייטונגס פּעליעטאָן? [1]

פון

## אלתר כהן

וועט איר אַזוי גוט זיין, הער רעדאַקטאָר, און געבן אַ קלאָרע דעפיניציע פון דעם וואָס מען רופט „צייטונגס־פּעליעטאָן״? איז עס,

1) זע ארטיקל „תעניתים״ פון לעבעדיקן אויף זייט 217.

פרעג איך, אַזאַ מין ליטעראַריש־לייכטער, פון־ענין־צו־ענין־שפּרינג־ גענדיגער שמועס איבער אלערליי לעבנס־דערשיינונגען, וואָס, הגם, עס מוז ניט פאַרשטאַנען און אָנגענומען ווערן ווי תורת משה, גיט אייך אָבער אַזאַ „שמועס" א וועלכן ס'איז באַגריף, אמאָל אויף א וויציגן אָדער סאַרקאַסטישן שטייגער, און אַמאָל אויף אפילו אַ גאַנץ ערנסטן און רירנדן אופן, דעם פּולס, אָדער, אזוי צו זאָגן, דעם באַראָמעטער און קווינטעסענץ פון אַט דידאָזיגע צייט־דערשיינונגען, און ממילא שוין אויך דעם געמיט־צושטאַנד, און די אַנזיכטן פונ'ם שמועסער, ד. ה. פעליעטאָניסט גופא? אָדער מיינט א „צייטונגס־פעליעטאָן" אַזאַ סאָרט בינטל פון צוגעווירצטע און צוגעשפּיצטע ליצנות, וואָס פאַרמעסט זיך, אָן א שום אחריות געפיל, אָפּצו'חוזק'ן פון אַלץ און פון אלעמען... און פאַלן פאַלט ארונטער אַט־דאָס „בינטל" פון די הענט פון עפּעס אָן איבער־מענשלאַכן ווען, אָנרופנדיג זיך מיט א מיסטעריעזן שם המפורש: פעליעטאָניסט, וואָס זיצט ערגעץ אויף אַ שווינדעלדיג־הויכן פּעדעסטאַל מיט אַ „קלוגן" שמייכעלע אויף די ליפּן, און אליין בלייבט ער „אימער און עוויג" טויט־קאַלט צו יעט־ווידער פּאַסירונג פון אונזער, מ'שטיינס געזאָגט, אָרעם און נאַרישע־יואָט וועלטל מיט אירע ברואים צוזאַמען?...

געקומען איז דאָס אלץ צורייד געגן דעם וואָס איך האָב לעצטנס געלייענט א פעליעטאָן פון דעם לעבעדיגן („מאָרגן זשורנאַל", 30טן סעפּטעמבער). מילא, לאָז איך דאָ אויס די טיפזיניגע פעליעטאָניסטישע חכמות און חזוק־מאַכערייַ פון „קולטור אסיפות און פוסטע דרשות". די ירידה פון אידישן וויסן ביים עלטערן דור און די געפאַלנקייט פון א וועלכן עס איז אידישן חנוך פונ'ם יונגן דור, וועט מען, מיינט דער לעבעדיגער, ניט אויפהויבן מיט מעשים און דרשות פון „זאָטע קולטור טוער". אויסגעצייכנט! קען, אָבער, אימיצער יאָ — זאָל זיין אפילו דער אימיצער איז א הונגעריגער פעליעטאָניסט — אָפּ'חוזק'ן מיט איין שטריך פון פעדער ישעיה הנביא'ן?! 'ישעיה — הערט פעליעטאָניסטישע חכמה — האָט זיין נבואה געזאָגט צו שיין און מליצה'דיג. לייענט מען, און מען פאַסמאַקעוועט זיך — אבער מען טרויט ניט'... פרעגט זיך אָבער: ווער טרויט ניט? צי באַשטייט טאַקע דאָס גאַנצע בידנע מענשהייט פון פעליעטאָניסטן וואָס חוזק־מאַכעריי איז זייער באַרוף און פּראָפעסיע אין לעבן? זעט איר ירמיה הנביא געפעלט אים, דעם לעבעדיגן, דוקא יע, „ווייל ער, ירמיה, האָט זוכה געווען, אז זיין „איכה ישבה" זאָל געזאָגט ווערן מיט אמת'ע

טרערן פון דורות און דורות״. נו, און וואָס הערט זיך עפּעס מיט ישעיה׳ס „נחמו, נחמו עמי״, וואָס אידן זאָגן אויך אין די שולן? און מיט ישעיה׳ס „והיה באחרית הימים״ וואָס איז איינגעקריצט געוואָרן אויפ׳ן הארצן פון אַלע מענשן וואָס טרוימען פון א פרידלאכער און גליקלאכער וועלט?

מיר גייט דאָ אָבער לחלוטין ניט אין דעם לעבעדיגנס מיינונגען — זאָל זיין פעליעטאָניסטישע מיינונגען — וועגן די נביאים, נאָר וועגן... מליצה בכלל. ווי באַלד, פרעג איך, אז דער מענש איז אַזאַ אָפּשפּעטער פון מליצה, טאָ ווי, כ׳בעט אייך, איז מען עס אַזוי אליין איינגעטונקט אין די מ״ט שערי... מליצה?! וואָרום וואָס דען וועט איר, למשל, רופן אזא מין אויסגוס: „ציקאָ״ און „איקוף״, אָדער ״איקוף״ און „ציקא״ זיינען גרויסע שיסלען מיט קולטור צושטעלט איבער אַלע טישן — און דערפאַר ווילן אַזוי ווינציג עפּעס נעמען אין מויל״. וואָס־זשע זיינען אָט־די דבורים, אויב ניט סתם מליצה? און ווי באַלד, אַז מען קאָן אַזוי לייכט „ארונטעררייסן״ דעם אָרימען אַלטן און וייטן ישעיה׳ן, פאַרוואָס־זשע שוין ניט, אין איין גאַנג, אַ שמיץ טאָן מיט׳ן פעליעטאָניסטישן בייטשל אייער נאָענטן שכן? און נאָך אַ קאָלעגע דערצו? — דערציילט דער לעבעדיגער: „אַז ער האָט געלעזן חיים ליבערמאַנ׳ס ביכל „אין טאָל פון טויט״ מיט... פאַרגעניגן, ווייל ליבערמאַן האָט ארויסגעלאָזן אויף דער אידישער גאַס א „קינה״ וואָס איז פאַרזייט מיט בלומען פון מליצה, מיט קווייטן פון שיין־שרייבעריי״. עס איז ביי ליבערמאַנען, גיט דער פעליעטאָ־ניסט גרויסמוטיג צו — פאַרצווייפלונג, אָבער עס איז אַ זאַטע פאַר־צווייפלונג״. דער הונגעריגער פעליעטאָניסט, ווי מ׳זעט, האָט עפּעס, משמעות, א זעקסטן חוש פאר „זאַטקייט״... וואָס־זשע טוט גאָט? איז די גאַנצע מעשה פון פאַרצווייפלונג אין ליבערמאַנ׳ס ווערק, לא היה ולא נברא! ווייל ווען עס לייענט אַ פשוטער איד פון א גאנץ יאָר, ווי, למשל איך אליין בין עס, אָט־די פּראַכטפולע טיף־דורכגע־פילטע פּאָעמע, אָדער זעלן־אויסגוס פון אידישע יסורים און טרייסט, ווערט ער דערשיטערט ניט פון פאַרצווייפלונג, נאָר פון דערהויבונג און עקזאַלטאציע, פון שטאָלץ און מוט. „ליבערמאַן״, זאָגט זיך אָפּ דער לעבעדיגער, „לאָזט כמעט ארויס אַן אויפרוף: וועלט, גויאישע וועלט, לייז זיך אויף. וועלט, דו דארפסט מער קיין וועלט ניט זיין, ווייל דו ביזט אַזאַ אויסגעלאַסענע, אַזאַ זונה״! איז דאָס אליין, דעם לעבעדיגנ׳ס רייד וועגן ליבערמאַנען, ניט „עכטע״ מליצה? אָבער

דאָס וואָס ער וויל צושרייבן ליבערמאַנען איז אפילו קיין רמז ניטאָ אין ליבערמאַנ׳ס „אין טאָל פון טויט".

צום מענשנס חכמה, זאָגט ליבערמאַן, איז דאָ אַ גרענעץ, צו זיין נאַרישקייט ניט. אַלץ וואָס איז דאָ טראַגישעס, און טרויעריגעס אין מענשנס שיקזאַל איז געווען אין יענע שיקזאַל־שעה אין וויען. נאָר די ווינער האָבן עס ניט באַנומען. זיי האָבן די פייניגער געקלאַטשט, און פון די געפייניגטע געלאַכט, און גרויס איז געווען די שאַנד... נאָר ווּעמעס שאַנד?... א. אז. וו. איז אין דעם דאָ פאַרצווייפלונג, צי א שטאָלצע פאַרדאַמונג?

„מיט זייער פשוטער טאַט (רייניגן אומריינע פלעצער אין טליתים און שבת׳דיגע קליידער) האָבן די אידן פּראָקלאַמירט: דער מענש קאָן ניט דערנידעריגט ווערן, וואָרום אַלע האָבן דאָך געזען באַשיינפּערלאַך: די בית הכסא׳ס אין די נאַצישע הייזער האָבן אידן אויסגערייניגט, נאָר די בית הכסא׳ס אין די נאַצישע הערצער זיינען געבליבן"...

„מיר האָבן ניט קיין מורא פאַר דערנידערונג, ווי דער פויגל האָט ניט קיין מורא פאַר פאַלן. זיי קאָנען ניט מער אוועקנעמען דעם כבוד פון אונז ווי זיי קאָנען אַרויסנעמען דעם בלוי פונ׳ם הימל"...

איז אפשר אין דעם דאָ פאַרצווייפלונג, אָדער דער הילכיגס־טער שפּיי וואָס איז ווען געגעבן געוואָרן פון אַ אידן אינ׳ם פּרצוף פון אַ נבזה־פּייניגער?!

„און מעגן די אומריינע תורה׳ס זיך ווי שטאַרקן, און מעגן זיי זיך באַוואָפּענען פון דער ערד ביז צו די וואָלקנס, אַלע, אַלע קאַנאָנען פון דער וועלט, וועלן ניט אָראָפּשיסן קיין אייגציג שטויבל פון די לוחות... וועלן ניט פאַרשמירן קיין אייגציג אות פון „וזאת התורה". איז עס אודאי אַן אָנקלאָגע געגן דער קריסטלאַכער וועלט. נו, איז וואָס? איז אפשר דער לעבעדיגער שוה־בשוה מיט אָט־דער וועלט? ווער וויסט? פּילייכט פון דאָרטן, פון דעם הויכן פּעדעסטאַל קאָן מען שוה בשוה זיין מיט׳ן טייפל אַליין!

„אַ אידישער שרייבער האָט פאַרצווייפלט" — חכמה׳ט זיך דער פעליעטאָניסט — „אַ אידישער שרייבער האָט אָפּגעזאָגט „קדיש" נאָך דער וועלט", מיין טייערינקער, ניט קדיש, נאָר — — —

„ווען עס וועט מקוים ווערן אַלץ וואָס מיר זעען מיט גאָט׳ס אויג אין אונזער מאַרך, דעמאָלט וועט זיין אַ וועלט כולו יום־טוב, יעדער טאָג אַ פרילינג טאָג, אַ פרילינג טאָג ווי אין שיר השירים"...

פאַרשטייט זיך, אז איך קאָן דאָ ליבערמאַנען ניט ציטירן מער, ווייל עס איז פשוט א פאַרשווערונג צו נעמען א שיין אויסגעהאַמערט ווערק, און צעפּיצלען עס. מיר ווילט זיך אָבער זאָגן, אז „אין טאָל פון טויט", וואָס איז אויסגעווייטאָגט געוואָרן אין א גרויס און שטאָלץ אידיש הארץ, איז ווערט צו באַהאַלטן פאַר די שפּעטערדיגע דורות, אלס א הערלאכן דאָקומענט פון אונזער צייט...

מחשבות׳ן, וואָס איז פאַרט אזוינס א „ציטונגס-פּעליעטאָן?"

„נויאָרקער וואָכנבלאַט"

# אָ קריטיק אויף אָ קריטיק

(איבער י. באַשעוויס׳עס קריטיק אויף חיים ליבערמאַנ׳ס לעצטע שריפטן אין „צוקונפט" פון נאָוועמבער 1939)

פון

## שכנא שטיין

אַז גאָט וויל שטראָפן אָ פאָלק, נעמט ער פון אים צו די ערנסטע באַציאונג צו זיינע לערער און קינסטלער, און זיינע קינדער וואַקסן דאָן אויס סקעפּטיקער און ציניקער. די קינדער פון עשו און ישמעאל, ווען עס ציט פון אייביג אָן צו באַטרוג און קריג און בלוט, פון דעסטוועגן, אז עס דערשיינט ביי זיי איינער מיט א נייער רעליגיעזער אָדער סאָציאַלער וועג-ווייזונג, אָדער מיט א נייער פאָרמע אין קונסט, אין מוזיק, אָדער אין ליטעראַטור — הערן זיי זיך צו אים צו מיט גרויס אויפמערקזאמקייט. און מיר די קינדער פון ישראל, די אייניקלאך פון די נביאים, פון די תנאים און פון די הרוגי-מלכות, וועלכע זיינען דאָך אָן קיין צווייפל געווען ערנסט און איבערגעבן צו זייערע לערן און אידייען, אז עס קומט צו אונז איינער מיט א נייעם דרך אין לערנען, אין דענקען, אָדער אין שרייבן, — הויבן אלע גלייך אָן סקריפּען מיט די שרייב-געצייג אים ארונטערצורייסן. פריער פון אלעס שטעלט זיך די פראַגע: „מאי קראָ?" — וועלכער פסוק זאָגט עס אזוי? ס׳איז ניט די פראַגע צי דאָס געזאָגטע שטימט מיט דער לאָגיק, מיט׳ן אמת, אָדער, מיט׳ן נוצן וואָס דאָס קען ברענגען דעם פאָלק, נאָר: וואו געפינט זיך דאָס שווארץ אויף ווייס אין פסוק!

האָט מיט א דריי און אָ האַלב צענדליג יאָר צוריק ביאַליק אונז געבראַכט א וואונדערשיינע לעגענדאַרע אלעגאָריע, די „מגילת-האש"

— איז באַלד ענטשטאַנען א גרויסע דעבאַטע אין די העברעאישע און אידישע ליטעראַטורן: מאַי קאַ משמע לן? וואָס קומט דער מאָדערנער נביא אונז צו לאָזן הערן? זיי האָבן ניט געזוכט די שיינע פארבענרייכע בילדער אין דיזער מגילה, נאָר די נבואה וואָס איז זיכער אין איר באַהאַלטן... איז געקומען דוד פרישמאַן און האָט צו זיי געזאָגט: נאַאיווע קינדער וואָס איר זענט, צו וואָס זוכט איר אין ביאליק׳ן דעם נביא, וואָס ער איז ניט, זוכט אין אים דעם קינסטלער, וואָס ער איז אין אמת׳ן! פרעגט ביי ביאליק׳ן אליין, וועט ער אייך זאָגן, אז ער האָט קיינמאָל ניט געחלומ׳ט צו ווערן א נביא!...

פון דאַן אָן האָבן פרץ, קלויזנער, ברייני‍ן, און אלע אנדערע שרייבער וואָס האָבן אָנגעהאלטן די דעבאַטע, אויפגעהערט זוכן נבואות אין ביאליק׳ס פּאָעזיע. נאָר א מערקווירדיגע זאַך האָט געטראָפן: א קורצע צייט נאָך דיזער דעבאַטע, האָט ביאליק פון צייט צו צייט גענומען פאַרעפנטלאכן לידער און פּאָעמען אין א נביאישן סטיל. אין יענע טעג איז דערשינען זיין „דאָס לעצטע וואָרט״, וואָס לייענט זיך:

„איך בין צו אייך פון גאָט געשיקט
„ער האָט געזען איר ווערט דערשטיקט
„ער האָט געהערט איר פוילט און פאַלט
„און ווערט פון טאָג צו טאָג מער אַלט
„און אויסגעלאָזט האָט זיך די מאַכט
„און גאָט האָט זיך פון אייך פאַרטראַכט
„און מיך צו אייך אהער געבראַכט.
„טאָ הערט טויבע, הערט
„און זעט בלינדע, זעט
„עס וועט קומען אַ צייט...

און דאָ קומט א לאַנגע תוכחה פול מיט שרעקלאכע קללות, וועלכע זיינען ליידער אלע אין אונזערע טעג אויסגעגאָסן געוואָרן אויף די קעפּ פון אונזערע ברידער.

איך באַדויער וואָס איך האָב ניט די גאַנצע פּאָעמע פאַר מיר און אזוי ווי איך בין ניט זיכער צי אפילו די ערשטע שורות וואָס איך האָב דאָ געבראכט אויף אויסוועניג זיינען ריכטיג, בעט איך די לעזער מיר צו ענטשולדיגן אויב איך האָב ביאליק׳ן ניט ריכטיג ציטירט. דער נביאישער טאָן איז דער זעלבער. פון דעמאָלסט אָן האָט ביאליק

פיל מאָל געשריבן און גערעדט אין נביאישן סטיל, נאָר קיינער האָט קיינמאָל אויף קיינע פון זיינע פּאָעטישע ארויסטרעטונגען קיין קשיות שוין מער ניט געפרעגט.

אַנטקעגן וואָס דערצייל איך דאָס? אַנטקעגן באַשעוויס'עס פראַגן, פּאָדערונגען און אינסטרוקציעס צו ליבערמאַנען אין זיין קריטיק איבער זיינע „אין טאָל פון טויט„ און „אויב איך וועל עס דיר פארגעסן, ענגלאַנד", וועלכע זיינען ענלאָך צו די פראַגן און פּאָדערונגען פון די דערמאָנטע צו ביאַליק'ן. נאָר אַזוי ווי ליבערמאַנ'ס שריפטן זיינען וועגן צייט-פראַגן און דעריבער ווייניגער לעגענדאַריש-אַלעגאַריש, וועל איך זיך דאָ באַמיען צו ברענגען דעם קווינטעסענץ פון באַשעוויס'עס פראַגן פונקט ביי פונקט, מיט קורצע באַמערקונגען צו יעדער איינער פון זיי.

ערשטנס — טענה'ט באַשעוויס — אַז „ווערק וואָס זיינען געשריבן געוואָרן לויט דעם סטיל פון די נביאים מיט טויזנטער יאָר נאָכדעם ווי די נביאים האָבן געלעבט, דאַרפן גאַנץ אַנדערש אויפגענומען ווערן ווי די רייד פון די נביאים, ווייל די רייד פון די נביאים זיינען געווען א פּראָדוקט פון זייער פּאַטאָס און טיפן גלויבן אין זייערע נביאות'ן; ווייל מיליאָנען און צענדליגע מיליאָנען מענשן גלויבן נאָך היינט, אַז דער אַלמעכטיגער האָט זיך ווירקלאַך אַנטפּלעקט צו ישעיהו, ירמיהו, יחזקאל און די אַנדערע נביאים; ווייל אויך די ניט-גלויביגע מוזן באַ־וואונדערן די רעטאָריק פון די נביאים, זייער געפיל פון גערעכטיקייט און זייער ברענענדיגן האַס צו אַלדאָס שלעכטע און אומגערעכטע, אָבער א שרייבער ווי ליבערמאַן, וואָס ניט ער און ניט זיינע לעזער גלויבן, אַז גאָט האָט צו אים גערעדט, זאָגט ארויס די פאַנאַנדערפאַלונג פון ענגלאַנד, איז עס סיי פאַר אים סיי פאַר די לעזער ניט מער ווי א וואונש; און ווייל כאָטש מען קאָן באַוואונדערן ווי פיין עס איז געלונגען ליבערמאַנען ארויסצוברענגען דעם טאָן פון תנ"ך, צוצוגעבן זיין אידיש אַן ארכאַאישן קאָליר, צו באַנוצן אַן אַלטן אָריענטאַליש-געבלימעלטן סטיל ריידנדיג וועגן אַזעלכע אולטרא־מאָדערנע דערשיינונגען ווי נאַ־ציזם, פאַשיזם, קאָמוניזם, באַלפור דעקלאַראַציע, ציוניזם, — אָבער וועגן קיין אייגענעם אָריגינעלן סטיל קאָן דאָ ניט זיין קיין רייד".

מיין ענטפער צו דיזן לאַנגן פּאַראַגראַף איז: אַז די שבחים פון באַשעוויס צו די נביאים זיינען איבעריג. א) ווייל זיי זיינען נאָר איין טראָפּן אין ים פון די טויזנטער ספרים וואָס זיינען פול מיט געזאַנגען צו דיזע גרויסע גייסטער, די געטלאַכע פּרינצן. דאָס קלינגט ווי יענע

קורצע הסכמה, וואָס א מלמד האָט אָנגעשריבן אויף שלמה המלך׳ס חכמה און זיך אונטערגעשריבן אויף איר זיין נאָמען״. ב) נאָך איבע־ריגער איז דאָס וואָס ער ווייזט אָן אויף דעם אונטערשייד צווישן די נביאים מיט חיים ליבערמאַנען. דאָ פּאַסט פרישמאַנ׳ס וואָרט צו די דעבאַטאַנטן איבער ביאַליק׳ס נבואה: פרעגט ביי ליבערמאַנען וועט ער אייך זאָגן, אז ער האָט קיינמאָל ניט געחלומ׳ט צו ווערן א נביא! ג) ליבערמאַנ׳ס געפיל פון גערעכטיקייט און זיין ברענענדיגער האַס צו אַלדאָס שלעכטע און אומגערעכטע גרעניצט זיך גראָדע יאָ מיט די פון די נביאים. ווער עס האָט געלייענט ליבערמאַנ׳ס אָפּהאַנדלונגען וועגן די קאָמוניסטן, פאַשיסטן און נאַצים האָט אין אים געפונען א פייער־שפּייענדיגן ווולקאַן פון האַס צו אלעס וואָס איז שלעכט און אומגערעכט! ד) ליבערמאַנ׳ס סטיל איז יאָ אָריגינעל. ווער עס לעזט זיינע ווערק דערקאָנט גלייך זיין אייגנאַרטיגן און אויסערגעוויינלאכן סטיל. און ניט נאָר זיין סטיל אליין, נאָר אויך זיין פלי און זיינע געלונגענע ביישפּילן. דעריבער לייענען און לערנען אים אויך רעלי־גיעזע־נאַציאָנאַלע רעדנער.

צווייטנס, — „אז אויב פון נייעם טעסטאַמענט שמעקט שוין מיט נאָכאַמונג, איז עס געוויס אמת וועגן ביכער וואָס ווערן געשריבן אין א ביבלישער פאָרם אין דער היינטיגער צייט״ — דאָס איז ניט קיין באַוויז: די אַפּאָסטאָלן לויפענדיג פון באַרג סיני, האָבן אין איילעניש געגעבנ׳ט גאַנצע פסוקים און האַלבע קאַפּיטלען פון דער תורה און פון די נביאים און וועלנדיג פאַרדעקן זייער גנבה האָבן זיי זיי פאַרקריפּלט, אָבער ליבערמאַן לויפנדיג צום באַרג סיני, זוכט די ריינע שפּראַך פון דער תורה פון סיני, דעריבער איז זיין ביבלישע פאָרם פון שרייבן, ניט קיין נאָכאַמונג, און אויך ניט דאָס וואָס באַשעוויס רופט: „אַן אַלטער אָריענטאַליש־געבלימעלטער סטיל״, נאָר אן איינגעוואָרצלטער און אן אָרגאַנישער!

דריטנס — אז „ווען א מאָדערנער שרייבער זאָגט פאָרויס די צופאַ־לונג פון דער ענגלישער אימפּעריע — מוז ער דערביי אָנגעבן דורך וואָס דאָס וועט געשען, ווען און ווי אזוי״. צי דורך נאַצישע עראָפּלאַ־נען? צי וויל אירע דאָמיניענס וועלן זיך פון איר אָפּרייסן? צי וויל אין אינדיע און אין די אַנדערע קאָלאָניעס וועלן פאָרקומען נאַציאָנאַלע רעוואָלוציעס — אויף דיזע פראַגן גיט דאָך ליבערמאַן א בפירוש׳ן ענטפער: „אזוי איז געוועזן גאָט׳ס וואָרט פון סיני: צופאַלן וועט דיין קעניגרייך ווי א צוטריקענטע פאַס ווערט צושאָטן,

וואָרום ניט קיין וויין האָסטו אין איר געהאַלטן נאָר פעלקער־בלוט, און זי איז צופרעסן געוואָרן פון געזאַלצענעם בלוט״. איז וואָס מיינט דאָס אויב ניט איר צופאַלונג דורך אָפּרייסונגען פון דאָמיניענס און רעוואָלוציעס אין אנדערע קאָלאָניעס?

פערטנס — אז „ווען א מאָדערנער שריפטשטעלער פארזיכערט, אַז דער ישוב אין ארץ ישראל וועט וואקסן און בליען, ווילן מיר וויסן א דאַנק וואָס דאָס וועט געשען״, צי דורך א גרינדלאכער פאַר־שטענדיקונג צווישן אידן און אַראַבער? צי דורך אַ זיג איבער די אַראַבישע שטערער, צי דורך דער אנטשטייאונג פון אן אמת׳ן פעלקער־בונד? אָדער דורך אן עקאָנאָמישן אויפבלי אין נאָענטן אָריענט, וואָס וועט ארויסרופן א אידישע מאַסן עמיגראַציע? — אויף דעם גיט ליבערמאַן גאנציי דריי ענטפערס:

א. „זעקס הונדערט טויזנט זיינען מיר שוין דאָ! דאָס פאָלק ישראל איז שוין ווידער אין לאנד פון ישראל! די דריטע אידישע תקופה פון דער וועלט האָט זיך שוין אָנגעהויבן, און ווער וועט אָפּשטעלן די וועלט?״ דאָס מיינט, אז מיר זיינען היינט שוין ניט מער א הייפעלע אימיגראַנטן נאָר א באַדייטענדעס פאָלק! ב. „צווישן שווערד און איר האָנט וועלן זיי (די וואָגלערס) דורכגיין, צווישן ביקס און איר פייער דורכשלייכן, איבער חורבות וועלן זיי קריכן, איבער בערג וועלן זיי קלעטערן. מלאכים וועלן פון הימל לייטערס אראָפּנידערן פאַר זיי, ווייל עס רופט זיי א גוואַלדיגער חלום״ — דאָס מיינט דער סטיכישער פראָצעס, אָדער אין געוויינלאכן אידיש: גויט ברעכט אייזן! ג. „פרו ורבו״ — אן אינערלאכע פאַרמערונג, א באַוועגונג וואָס גייט אָן אפילו אין לענדער ווי פראנקרייך און אנדערע.

ליבערמאַן איז אלזא ניט קיין שווערמער, נאָר א שרייבער אַ קעמפער וועמענס הארץ בלוטיגט פון יענעמס שמארץ, און איבער־הויפּט פון דעם שמארץ פון זיין פאָלק. ביי די אומות־העולם וואָלטן זייערע ליטעראַטור קריטיקער וואָס האָבן געמאַכט די טאָלסטאָיס, די גאַנדיס און טאַגאָרס פאר נביאים, ניט מורא געהאַט טאָמער וועט א ליבערמאַן פאַרטונקלען זייער ליכט, נאָר זיי וואָלטן אים ערמוטיגט און געגעבן זייער ברכה אויף זיין נייעם אייגנאַרטיגן וועג וואָס ער האָט זיך אויסדערוויילט!

א קריטיקער, פריינט באַשעוויס, איז א לערער, אַ וועגווייזער, און אלס אזעלכן, וויל איך אייך דערמאָנען א געזעץ אין פּעדאַגאָגיע: ווען אַ לערער באַמערקט אין א תלמיד א געוויסע נייגונג צו א נייער

געוואוינהייט, וועלכע ווערט אין אים איינגעוואָרצלט אלץ מערער און מערער, טאָר ער ניט זוכן דאָס פון אים אויסצואוואָרצלען, סיידן דאָס איז שעדלאך פאר אים אָדער פאַר דער געזעלשאפט.

איז אויב אָלגין, — דער אדוואָקאט פון סטאַלינען, און זשיטלאָווסקי, — דער אדוואָקאט פון היטלער׳ן זיינען ניט שעדלאך, — וועט אונז ליבערמאן, — דער אַדוואָקאַט פון ישראל, געוויס קיין שאָדן ניט ברענגען!

„נייע פאָלקסבלאַט״ (לאָדז)

## „אין טאָל פון טויט״

א גרויסן רושם האָט ארויסגערופן דאָס ביכל פון שריפטשטעלער חיים ליבערמאן אין אמעריקע, א. ג. „אין טאָל פון טויט״, וואָס ענטהאלט א ריי פרעכטיגע ארטיקלען געשריבן אונטערן שווידערלאָכן איינדרוק פון דער נאַצישער אידן־פרעסערישער כוואַליע. דאָס ווערק איז געשריבן מיט טיפן וויטאָג צוליבן אידישן צער און צייכנט זיך אויס מיט א שפע געדאנקען וועגן אידן און אידישקייט.

מיט א ריי וויכטיגע שטעלן פון דאָזיגן אינטערעסאנטן ווערק, באַקענען מיר אונזערע לעזער.

„נייע פאָלקסצייטונג״ (וואַרשע)

## מענשן וואָס האָבן דערזען די עלטער־באָבע

פון

ב. שעפנער

אין דער אידישער פאָלקסשפראַך איז פאַראַן א זייער בילדלאכע באצייכנונג פאַר דער ווירקונג פון אַ שטאַרקן פאַטש:

„דאָס איז געווען אַזאַ פייערדיגער פאַטש, אז ער האָט אַזש דערזען די עלטער־באָבע פאַר די אויגן״.

געוויינלאך האַלטן מיר די באַצייכנונג פאַר אַ הומאָריסטישער מליצה. וואָרום וואָס געהער זיך אָן אַ לעבעדיגער פאַטש מיט א טויטער עלטער־באָבע?

אָבער ווייזט אויס, אַז זיי געהערן זיך יאָ אָן. דאָס פאָלק האָט אין דאָזיגן ווערטל אַנטפלעקט אַ טיפן אמת, וואָס איז נאָך קיינמאָל

ניט געקומען אזוי בולט צום אויסדרוק, ווי אין דער איצטיגער צייט. איר קענט איצט אויף טריט און שריט באַגעגענען מענשן, וואָס די שטאַרקע קלעפּ האָבן אויף זיי אזוי געווירקט, אז זיי זעען ניט מער קיין שום זאך, אחוץ זייער עלטער־באָבע און עלטער־זיידע.[1]

איך האָב דאָ אין זין די אידישע געשלאָגענע און אין דער ערש־טער ריי אידישע שרייבער, וועלכע טרעטן ארויס אלס מאָנער און אלס זינגער פון דעם געטראָטענעם און געפּאַטשטן אידישן פּאָלק. מענשן, וואָס האָבן נאָך נעכטן געזונגען וועגן מאָרגנדיגן זון־אויפגאנג און וועגן די היינטיגע געלינטשטע נעגער און געשמיסענע כינעזישע קוליס, האָבן מיט אַמאָל זיך אַ לאָז געטאָן מיט אַ יאָמערלאכן געשריי איבער די אידישע גאַסן:

— צוריק, צוריק!

— צוריק אין געטאָ!

— צוריק צו דער עלטער־באָבע און צום עלטער־זיידע![2]

דאָס האָבן די לעצטע קלעפּ, וואָס דער פאַשיזם האָט דערלאַנגט דעם אידישן פאָלק אזוי געווירקט אויף זיי. אַ פּאָר פּייערדיגע היט־לערישע און מוסאָלינישע פּעטש זיינען גענוג געווען, כדי אידן זאָלן דערזען די עלטער־באָבע...[3]

דער דאָזיגער „צוריק” ווערט איצט אויסגעזונגען סיי אין ליד און סיי אין פּראָזע. דער געדאַנק פון די אַלע לידער, היסטאָראָזאָפישע אָפּהאנדלונגען, פובליציסטישע אַרטיקלען און קריטישע עסעיען איז מער־ווייניגער אַזעלכער:

די „וועלט”, די „גוים”, האָבן אונז אידן אָפּגענאַרט און פאַרראַטן. „מיר” האָבן זיי געגעבן אַ גאָט און אַ גרויסע אידייע פון סאָציאַלער גערעכטיקייט, מיר האָבן זיי געגעבן אַ ישו־הנוצרי און אַ מאַרקס,

---

1) „זייער עלטער־באָבע און עלטער־זיידע” זיינען פאַר ב. שעפנער׳ן אַזאַ פינס־טער־ווייטע זאַך אַז מ׳וואָלט געקענט מיינען אַז ער האָט אויסגעבריט זיך אליין.

2) דער „מאָרגעדיגער זון־אויפגאַנג” און „צוריק צו דער עלטער־באָבע און עלטער־זיידע” זיינען פאַר שעפנער׳ן אַזאַ קאָנטראַסט — אַזש חוזק. און ער פאַר־געסט אַז ס׳איז דאָ נאָר איין זוג, און די עלטער־באָבע און דער עלטער־זיידע האָבן שוין געוואָרט אויפ׳ן זעלבן מאָרגעדיגן זון־אויפגאַנג.

3) דאָס „פאָלק” וואָס שעפנער באַלעקט זיך אזוי מיט זיין אויסדרוק וועגן דעם פאַטש וואָס לאָזט דערזען די עלטער־באָבע — דאָסזעלבע פאָלק האָט אויך אַ מיטל ווי אַזוי אָפּצומונטערן גע׳חלש׳טע — דורך שטאַרקע פּעטש: אויב מ׳כאַפּט זיך ניט אויף פון אַזעלכע פעטש איז מען טויט.

אַ שפּינאָזע און אַן איינשטיין, אַן אלטן און א נייעם טעסטאַמענט און זיי האָבן אונז דערפאַר אָפּגעצאָלט מיט פּאָגראָמען און שייטערהויפנס, מיט קלעפּ און מיט באליידיגונגען, מיט גירוש און געלע לאַטעס [4] — איז אויב אזוי, לאָמיר א שפּיי טאָן אויף זיי [5] און זיך אויסדרייען צו זיי מיט'ן רוקן. זאָלן זיי זיך ווערגן מיט זייער רשעות, זייער וועלט.[6] מיר, דאָס פאָלק פון אויסדערוויילטע, פון צדיקים, וועלן מיט פרייד צוריקגיין אין אונזער געטאָ און מיט שטאָלץ און דער־הויבנקייט טראָגן אונזער געלע לאַטע, וועלכע איז דער ערן־צייכן פון אונזער כוהנים־שטאַנד און אריסטאָקראַטישקייט.[7] „זיי" ווילן ניט אויסמישן זייער בלוט מיט אונזער בלוט? גוט אזוי, מיר וועלן דערפון נאָר געווינען. זאָל זיך ניט אויסמישן דאָס בלוט פון צדיק מיט'ן בלוט פון רשע. אונזער בלוט איז דאָס בלוט פון יעקב און זייער בלוט דאָס בלוט פון עשו. גענוג מיט דער שותפות, מיר האָבן ביי זיי מער ניט וואָס צו זוכן. לאָמיר זיך צוטוליען איינער צום צווייטן, לאָמיר טרינקען בלויז פון אונזערע אייגענע קוואַלן, וואָס זיינען די איינציג־ריינע אויף דער וועלט. לאָמיר צוריק זיך אריינציען אין דער נאָרע פון אונזער נשמה און דאָרט וואַרטן אויף טאָג...

איין אידישער פּאָעט — און דוקא א באַגאבטער פּאָעט — דער־גייט אפילו אין זיין נאַץ־גאווה (די אידישע אויפלאַבע פון נאַצי־גאווה) אזוי ווייט, אז ער וויל אפילו ביי די „גויים" ניט צוריקנעמען די מתנות, וועלכע ער האָט זיי געגעבן. מיט דער ברייטהאַרציקייט פון א ראָטשילד, וועלכער קאָן זיך דערלויבן אויף א זשעסט ניט אויפ־

---

4) אפשר איז עס ניט אַזוי?

5) ניין, ניט ריכטיג איבערגעגעבן: עס האנדלט זיך ניט וועגן אַ שפּיי טאָן אויף זיי, נאָר וועגן אויפהערן שפּייען אויף זיך אליין, ווי דאָס טוט שעפּנער טאַקע אין דעם איצטיגן ארטיקל (זע ווייטער).

6) מיט זייער רשעות יע, נאָר ניט מיט זייער וועלט. ס'איז ניט זייער וועלט. דאָס האָט נאָר די רשעות פאַרכאַפּט די וועלט וועלכע געהער דער צדקות, יענער צדקות וואָס מיר האָבן דער וועלט געבראַכט איר פּראָגראַם און פּראָקלאַמירט אירע רעכט. „זיי" האַלטן נאָך היינט אַז אַלע רעכט געהערן דער מאַכט. דערפאַר אלע מלחמות און אויך די היינטיגע.

7) דער רוף איז ניט צוריק צו דער געטאָ און צו דער געלער לאַטע, נאָר ווי הלל צייטלין האָט עס ריכטיג באַצייכנט: צוריק צום אַלט־אידישן שורש. דאָס האָבן נאָר די שעפּנער'ס בכיוון פאַרוואולגאַריזירט די פראַגע מיט'ן געשריי „געטאָ און געלע לאַטע עליך ישראל". אָבער פאַר שעפּנער'ן און זיינע חברים זיינען די פאַרגעלבטע בלעטער פון אונזערע אלטע ספרים אויך נאָר געלע לאַטעס (זע ארטיקל פון ש. מענדלסאָן).

צוהויבן א הונדערטער, וועלכן ער האָט אראָפּגעלאָזט אין בלאָטע, גיט ער א מאַך מיט דער האנט אויף ישו׳ן און אויף מארקס׳ן: „זאָל זי זיך מיט זיי האַלטן״... ער וויל זיי צו זיך אין געטאָ ניט מיטנעמען. ער וועט אויסקומען דאָרט אָן זיי. ער האָט דאָרט גענוג אוצרות... אַ אידישער פובליציסט, ווידער, איז די טעג ארויס מיט אַ באַגריסונג־אַרטיקל פאַר דער געלער לאַטע אין דייטשלאַנד. ער איז צופרידן, וואָס אידן וועלן ווידער טראָגן געלע לאַטעס. אזוי אַרום וועט אויך אויסערלאַך געמאכט ווערן א צווישן־שייד צווישן צדיק און רשע, צווישן דער העכערער אידישער ראַסע און דער נידעריקער „גויאישער״ ראַסע...[8])

מיט איין וואָרט: מיר, דאָס אידישע פאָלק, באַשטייען פון לויטער צדיקים און זיי, די גוים, פון לויטער רשעים. מיר — די קינדער פון גאָט און זיי די קינדער פון טייוול. „זיי האָבן זיך גענומען די ערד און מיר האָבן גענומען דעם הימל״ (לויט׳ן אויסדרוק פון אידישן קריטיקער חיים ליבערמאן אין זיין ביכל „אין טאָל פון טויט״).

לייענען מיר דאָס אַלץ און מיר דערפילן, אז היטלער האָט אונז אַ סך מער געשטראָפט, ווי עס האָט זיך אונז אויסגעדאַכט.[9]) מיר האָבן געמיינט, אז ער האָט אונז בלויז געשטראָפט מיט פייער און שווערד, מיט פּיין און גירוש, מיט אידישע אויסנאַם־געזעצן און מיט אַרישע ראַסן־טעאָריעס[10]) און עס ווייזט זיך ארויס, אז ער האָט אונז אויך געשטראָפט מיט א אידישער ראַסן־טעאָריע.[11]) ער האָט ביי

---

8) ווען היטלער האָט איינגענומען פוילן און די נאַציס האָבן אויפגעלעבט פאַר די פוילישע אידן די געלע לאַטע — איז דען טאַקע „אַזוי ארום אויסערלאַך ניט געמאַכט געוואָרן אַ צווישן־שייד צווישן צדיק און רשע״? האָט אונז דען דידאָזיגע געלע לאַטע באמת ניט געמאַכט פאַר „אַ כהנים־שטאַנד און אַן אַריסטאָקראַטיע?״ וואָס מאכט איר, חבר שעפּטער, אזוי חוזק פון דער געלער לאַטע?

9) לייענען מיר דאָס אַלץ (ביי די שעפּנערס, די קאַזשדאַנס, די ראַפּאַפּאָרטס און די צודיקערס) און מיר דערפילן אז דער **אידישער לינקיזם** טוט די אַנדערע העלפט פון היטלער׳ס ארבעט:

10) יענער שפּייט אויף אונז פון דרויסן, די שפּייען אויף אונז אינווייניג!

11) ווידער א ליגנערישע פאַרוואולגאַריזירונג פון אַ גרויסן און הייליגן אידישן פּראָבלעם! ס׳איז א חילול הקדש צו פאַרגלייכן היטלער׳ס ראַסן־טעאָריע מיט׳ן אידישן באַגריף פון אַן אידייאיש אויסדערווייַלטן פאָלק, וואו אויסדערווייַלט ווערט יעדער איינער ווער עס נעמט אָן די אידייע, און די אידייע קען יעדערער אָננעמען. וואָס איז די אידייע פון היטלער׳ס ראַסן־טעאָריע? זייט באַרבאַרן! און וואָס איז די אידייע פון אידישן אתה בחרתנו? הייליגע זאָלט איר זיין!

אידן צוגענומען זייער רו און זייערע פארמעגנס, זייער ברויט און זייער געלעגער, אָבער דערפאר האָט ער זיי צוריקגעגעבן זייער פארלאָ־רענעם „אתה בחרתנו". דאָס ליד וועגן דער אידישער „אויסדער־ווײלטקייט" איז נאָך קיינמאָל ניט אזוי שטארק אויסגעזונגען געוואָרן ווי איצט, אונטער היטלערס דיריגענטן־שטעקן...

אין אַן אנדערער צייט וואָלט אפשר ניט נויטיג געווען צו פּאָלע־מיזירן מיט די נייע „אתה בחרתנו'ניקעס". ווארום איז עס נויטיג עמיצן נאָך צו באווייזן, אז אידישע באַנקירן און אידישע הויזווירטן האָבן ניט בלויז גענומען דעם „הימל"? אז א זשאַבאָטינסקי און א רב רובינשטיין האָבן ניט געשטופּט די „גויים" אין די הענט אריין קיין „אידייע פון סאָציאלער גערעכטיקייט"? און אז אזעלכע „קינדער פון גאָט" ווי עס זיינען די אידישע פאַבריקאנטן און אויסנוצער, אידישע בעלי־טאַקסעס און הנותן־תשועה זינגער [12]) פילן זיך אין דער נאכט אַ סך זיכערער ווי בייטאָג און אז מען טראכט פשוט אויס אויף זיי א בילבול, ווען מען רעדט זיי איין, אז זיי „ווארטן אויף טאָג"?

איצט, אָבער, ווען דער פּאַטש פייערט נאָך אויף דער באַק, מוז מען ליידער מיט די „אתה בחרתנוניקעס" יאָ זיך באשעפטיגן.[13]) עס איז איצט א געפערלאכע צייט. די טונקלקייט, וואָס האָט איינגע־הילט די וועלט האָט אויך זיך צולייגט אויף די אידישע פּנימער און דאָרט צוגעדעקט די באזונדערע קאָלירן. אין טונקעלן קעלער, וואו א הויז מיט אידן באַהאַלט זיך פון א פּאָגראָם, איז שווער צו דערקענען וועלכער איד עס וואוינט אויפ'ן ערשטן שטאָק און וועלכער אין בוידעם־שטיבל, וועלכער „אוי" עס געהער צום גבאי און וועלכער צום שמש. אין פּאָגראָם־קעלער פונקט ווי אויף אַן אונטערגייענדיגער שיף זיינען אלע גערעכט, אלע אומשולדיג, און אלע דאַרפן געניסן פון אונזער מיטגעפיל.[14]) אָט לייענען מיר: „צוויי הונדערט זיבעציג

---

די אידייע אז „רעכט איז מאַכט" איז אַן אויסדערווײלטע אידייע געגן דעם אַז „מאַכט איז רעכט", און די טרעגער פון דער ערשטער זיינען אויסדערווײלטע איבער די טרעגער פון דער צווייטער. אָדער זיינען זיי ביידע גלייך, גענאָסע שעפּנער?

12) ענדלאך איז שעפּנער אויפ'ן געביט פון „קלאַסן" און דאָ איז שוין כשר אַן „אתה בחרתנו" וואָס איז אָט ערשט אזוי טריף געווען, אַ טעאָריע לויט וועלכער פּרעזידענט רוזוועלט איז דער פאַרטרעטער פון קאַפּיטאַליזם און איז א רשע, און סטאַלין איז דער פאָטער פון פּראָלעטאַריאַט און איז א צדיק. אויסער קלאַסן זיינען אויך דאָ מענשן.

13) א צער בעלי־חיים נעבאך אויף שעפּנערן.

14) דוכט זיך מענשלאכע רייד, אָבער —

מענשן זיינען אומגעקומען בעת א שיף־קאַטאַסטראָפע" — פרעגן מיר דאַמאָלט ניט וויפיל אָרעמע און וויפיל רייכע עס זיינען געווען צווישן די 270, אלע 270 זיינען פאר אונז גלייך, דאָס זיינען פאר אונז 270 אומשולדיגע מענשן. פּרוּאווט, אָבער, פרעגן ביי א צופעליג געראַ־טעוועטן מאַטראָז ווי אזוי עס האָבן זיך אויפגעפירט די 270 אומשולדיגע מענשן אין די שעה'ן פון דער קאַטאַסטראָפע און איר וועט איבערראַשט ווערן פון דער געוואַלדיגער פארשידנאַרטיקייט פון די 270. פאר אייערע אויגן וועט זיך עפענען א פעכער פון קאָלירן, אָנהויבנדיג ביי פעך־שווארץ און ענדיקענדיג ביי הימל־בלאָ. איר וועט פאר זיך דערזען א ריזיגע לייטער און אויף יעדן טרעפּל וועט איר זען אן אנדער באַשעפעניש: מענשן און וועלף, מלאכים און טייוואָלים, העלדן און פּיראַטן. אָטאָ איז א פּאַסאַזשיר, וואָס האָט זיין אייגענע רעטונגס־גאַרטל אָפּגעגעבן א פרעמדן, ציטערדיגן מענשן, ניט קאָנענדיג צוזען יענעמס צער און אָט איז א פּאַסאַזשיר, וואָס האָט א קינד ארייַנגע־שליידערט אין ים אריין כדי צו קאָנען פארכאַפּן אן אָרט אין רעטונגס־שיפל... איצט הערן שוין אויף די 270 צו זיין פאַר אייך איין איינ־הייטלאכע מאַסע פון אומשולדיגע מענשן. איר סאָרטירט איצט: אזוי פיל און אַזוי פיל העלדן, אזוי פיל מענשן, אזוי פיל בהמות, אזוי פיל וועלף... נאָר אין די ערשטע מינוטן פאַרשטעלט די קאַטאַסטראָפע די מענשלאכע פּנימער, שפּעטער אבער, הויבן זיך פּנימער אָן שטאַרק אויסצוטיילן פון נעפּל, איר דערזעט מענשן און איר דערזעט אומ־מענשן, איר דערזעט אויגן און איר דערזעט ציין, איר דערזעט עלנ־בויגנס און איר דערזעט נעגל... אויך אין אידישן פּאָגראָם־קעלער און ארום קעלער קאָנט איר זען אזעלכע לייטערס און פעכערס. קוקט גוט און אפילו אין דער טונקל וועט איר דערקענען ווי פאַרשידן עס זיינען די פּנימער פון די „קינדער פון גאָט", איר וועט דערקענען זייער געטלאכקייט לויטן פּרייז, וואָס יעדער איינער פון זיי צאָלט און איז גרייט צו צאָלן פאר זיין רעטונג, פאר זיין באקוועמלאכקייט, אָדער גאָר פאר זיין... מאַנדאָט.[15])

אויך די „גויאישע" פּנימער זיינען איצט איינגעהילט אין דער בין־השמשות טונקלקייט און דערפאר זעען זיי אויך אויס ווי איין איינהייטלאכע מאסע. „קינדער פון טייוול" — טייטלען מיט די פינגער אונזערע אידישע אתה־בחרתנו'ניקעס און דרייען מיט פּאַראַכטונג

---

15) און שוין האָט ער זיך ווידער דערמאָנט אָן דער „פּראָגראַם"...

אוועק די קעפּ פון אלע „גויים", סיי פון די קינדער פון טייוול און סיי פון די קינדער פון די... קאָנצענטראַציע־לאַגערן,[16]) סיי פון די לינט־שער און סיי פון די געלינטשטע, סיי פון די רוימער און סיי פון די שפּאַניער[17]). זיי ווילן ניט קוקן אין גואישן ווינקל אריין. זיי זיינען בייז אויף די „גויים", אפילו אויף די גוטע, אפילו אויף די צדיקים „זייערע". ווארום אויב זיי, די צדיקים, קאָנען גאָרנישט אויפטאָן, אויב זיי דערלאָזן צו דעם אלעם, זאָלן זיי אויך גיין צום טייוול, מיר האָבן שוין ניט קיין כוח צו וואַרטן אויף „זייער" גערעכטיקייט...

די דאָזיגע שטימונג איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אלע אָפּגעגנאַרטע און פאַרצווייפלטע. מען פארלירט דעם גלויבן סיי אין רשע און סיי אין צדיק. דאָס אומגליק צוברעכט אזוי שטארק, אז מען גיט אָ מאַך מיט דער האַנט אפילו אויף דער האָפנונג, אז „די גערעכטיקייט וועט סוף־כל־סוף זיגן". זי הערט אויף צו וואַרעמען די דאָזיגע האָפענונג, גיכער דענערווירט זי.[18]) ווען וועט זי זיגן — נאָך מיין טויט? — דאמאָלסט דארף איך זי מער ניט האָבן, דאמאָלסט איז מיר אלצאיינס, איך וויל שוין, איצט! אויב ניט יעדער פארצווייפלטער איז אזאָ עגאָ־איסט ווי לודוויק דער פופצנטער, ער זאָל זיך דערלויבן צו זאָגן „נאָך מיר א מבול", איז ער אָבער גענוג עגאָאיסט צו זאָגן דעם זעלביגן פסוק אין א ווייניגער ברוטאַלער פאָרם: „נאָך מיר דאַרף איך ניט דעם פרילינג", איך וויל אים זען מיט מיינע אייגענע אויגן. אַמ־שטארקסטן האָט אויסגעדריקט די דאָזיגע שטימונג ביאליק, ווען ער האָט אויסגערופן:

איז גערעכטיקייט דאָ — זאָל זי ווייזן זיך באַלד —
נאָר אויב זי וועט נאָכדעם, ווי איך וועל פאַרשווינדן,
ערשט נעמען זיך צינדן —
צושטערט זאָל ווערן איר טראָן פון געוואַלט,
דער הימל זאָל ווערן צופוילט און צונומען —
גייט ווייטער אָן מערדער מיט בלוט און רציחה —
און זאָל אייך דאָס בלוט וואויל באקומען!

שוין זאָל זי מיר זיין די גערעכטיקייט, די מינוט זאָל מען זי אראָפּברענגען און אויב ניט, זאָל זי גיין צום טייוול די „גוי'אישע"

---

16) אָ שפּאָגל נייע פארוואולגאַריזירונג.

17) אומפאַרשעמט! נאָר אז מיר האָלטן שוין דערביי פאַרוואָס ניט פרעגן: וואָס האָט שפּאַניע געטאָן פאַר אונז?

18) הערט! הערט! אָט ערשט האָט ער גע'חוזק'ט וואָס מיר זיינען גרייט צו „וואַרטן אויף טאָג"!

גערעכטיקייט צוזאמען מיט די „גוי'אישע" גערעכטע, מיט די צדיקים „זייערע".

און די אידישע גערעכטיקייט. איז זי בעסער? זייערע צדיקים זיינען ניט קיין גיכע העלפער, אָבער צי זיינען אונזערע צדיקים יאָ אזעלכע גיכע העלפער?

אַט איז ערשט ניט לאנג „ליקווידירט" געוואָרן אַ פֿאָלק, וואָס האָט געמאָנט ביי דער גרויסער וועלט דאָסזעלביגע, וואָס מיר מאָנען — גערעכטיקייט. מיר מיינען דאָ דאָס אביסינישע פֿאָלק, וואָס האָט, ווי עס האָבן פֿאַרזיכערט אונזערע צדיקים, זיך מיט אונז אפילו אָנגע־הערט אלס שוועסטערקינדער. „מיר" האָבן דאמאָלסט שטארק גע־זיפצט אויף דעם אומגליקלאכן גורל פֿון אביסינישן פֿאָלק. „מיר" האָבן געהאלטן, אז די אביסיניער געשעט אן עוולה. נו, האָבן מיר עפּעס געטאָן, כדי צו העלפֿן די באַפֿאַלענע און באַרויבטע אַביסיניער? האָבן מיר כאָטש אין דער מינדסטער מאָס געלינדערט זייער אומ־גליק?[19]) זיינען מיר כאָטש ברוגז געוואָרן מיט דעם מלאך המות פֿון די קרבנות? יאָ, „מיר" דאָס פֿאָלק פֿון צדיקים, זיינען מיט אים ברוגז געוואָרן פּונקט צו דער דריטער אביסינישער יאָרצייט, ווען ער האָט דעם אביסינישן בראָטן געפּרוּווט פֿאַרטרינקען מיט אידישן וויין. ערשט דאמאָלסט האָט דאָס פֿאָלק פֿון נביאים זיך דערמאָנט, אַז אייגנטלאך וואָלט געווען אַ גאנץ גלייכע זאַך, אַז אידן זאָלן אויפֿהערן פֿאָרן אויף איטאַליענישע שיפֿן און אָפּהאקן מיט אים דאָס „נאַציאָנאלע" שותפות אין די אסעקוראציע־געשעפֿטן... ביז דער יאָרצייט איז „אונז", דעם פֿאָלק פֿון גייסט, אזא געדאנק גאָר אין קאָפּ ניט געקומען. „מיר" האָבן אייגנטלאך פֿריער אָנערקענט די איטאַליענישע אָנעקסיע פֿון אַביסיניע ווי דאָס גוי'אישע און טשעמבערלענישע ענגלאנד.[20])

מיר ריידן שוין ניט וועגן אזעלכע „קינדער פֿון גאָט" ווי זשאבאָ־טינסקי, ווי וויצמאַן, ווי די פֿארשידענע איטאַליענישע און ניט־איטאַליענישע רבנים.[21]) זיי האָבן דאָך ניט נאָר אנערקענט די מוסאָ־לינישע אנעקסיע אויף אַביסיניע, נאָר אויך די מוסאָלינישע אנעקסיע אויף עסטרייך, אָבער אפילו דער פּשוטער אידישער בירגער וואָס האָט

19) וואָס האָבן די אידן געקענט טאָן? מיט וואָס האָבן די אידן פֿון די נאַלעווקי'ס געקענט העלפֿן די אַביסיניער?

20) נאָר אַ „פּראָגראַם" קען אזוי ריידן.

21) און די פּראָגראַם איז די בונדישע, מיט איר שנאה צו ארץ ישראל און צו תורה־אידישקייט.

יאָ מיטגעפילט מיט דעם גורל פון אביסינישן פאָלק, האָט ער א סך געהאָלפן די אביסיניער, האָט ער מער געגעבן ווי קרעכצן?

דאָס איז ניט בלויז קיין אידישע טבע. ווייטע אומגליקן „נעמען" ניט דעם פשוטן בירגער, אויב עס איז ניט פאַראַן קיין נאָענטער און אייגענער, וואָס זאָל מיט הערצאישע מיטלען א טרייסל געבן דאָס קאָלעקטיווע געוויסן און פאַרבינדן די פרעמדע עולה מיט די אייגענע עוולות. האָט דאָך שוין דער אלטער געטע אין זיין „פאוסט" אזוי טרעפלאך אויסגעכוק'ט דאָס „מיטגעפיל" פון פשוטן בירגער, וועלכער האָט ליב יום טוב נאָכן עסן צו כאַפּן א שמועס „פון פאָליטיק, פון קריג און קריגס־געשריי, ווען ערגעץ הינטן, ווייט אין דער טערקיי די מענשן איינס דאָס אנדערע זיך פרעסן". עס איז א מיטגעפיל, וואָס גרענעצט זיך מיט'ן באהאלטענעם תענוג, אז אליין קאָן מען ביינאכט פאררינגלען די טיר און שלאָפן רואיק... אידן זיינען אין דעם פרט ניט בעסער און ניט ערגער ווי אלע אנדערע פעלקער. זיי האָבן אביסיניע, כינע און שפּאַניע געגעבן פונקט אזוי פיל ווי עס האָבן געגעבן די „גויאים". אדרבה, מאכט א חשבון און איר וועט זען, וויפיל „מיר" האָבן געגעבן די פרעמדע געטראָטענע און באַליידיגטע און וויפיל „זיי" האָבן געגעבן,[22]) און אויב איר האָלט שוין די בליי־פעדער אין האַנט, באַטראַכט שוין אין איין וועגס וויפיל פון „זיי" עס האָבן דוקא איצט, ביים אידישן פּאַטש, געוועקט דאָס געוויסן פון זייערע פעלקער און פאַרבונדן די אידישע פיין מיט דער „גויאי־שער,[23]) די אידישע געלע לאַטע מיט דער שווארצער און ברוינער לאַטע; פרוּאווט מאכן א חשבון וויפיל „גויאישע" טרערן עס מישן זיך אויס מיט אידישע[24] און ענדלאך — וויפיל „קינדער פון טייוול"

22) וויפיל פאַרמאָגן זיי און וויפיל פארמאָגן מיר?. דאָך האָט אן אָפיציעלע אונטערזוכונג פעסטגעשטעלט אַז אידן האָבן געגעבן מער פאַר די פליכטלינגען פון אַלע פעלקער ווי די ניט־אידן, כאָטש די אידן האָבן אויך געדאַרפט אויסהאַלטן גאַנצע שטעט און שטעטלאך אין פוילן אליין, שעפּנער'ס „בונד" אריינגערעכנט.

23) אדרבא, וויפיל? פון 1933 אַן האָבן זיך געפייניגט די דייטשישע אידן, און אפילו די רייכע אמעריקע, דער גויעשער טייל פון איר, האָט קיין פריטהאלבן גראָשן פאַר זיי ניט אויסגעקראַצט. געקומען היטלער קיין פוילן, חרוב געמאכט מיליאָנען אידן, און די גויעשע אמעריקע האָט אפילו די האנט אין קעשענע ניט אריינגעלעגט.

אָבער ס'איז געקומען אַן אומגליק אויף פינלאַנד, און דאָס רחמנות פון אמעריקע האָט זיך צעוויגט ווי א ים...

24) אָבי מיר, וויניגסטנס אין אמעריקע, האָבן זיך באקלאָגט וואָס די גאַנצע ענגלישע פרעסע און די גאַנצע אמעריקאַנישע עפנטלאכקייט, האָט ברוטאַל פאַר־

עס קוקן זיך איצט אויס די אויגן עס זאָל ווערן טאָג און וויפיל אידן, „קינדער פון גאָט", עס זיינען שותּפים צו דער נאַכט ? [25]

אָבער גיי הייס מאַכן א חשבון מענשן, ביי וועלכע די הענט טרייסלען זיך, אז זיי קאָנען אפילו די בליישטיפט ניט האלטן. גיי הייס מענשן קוקן אין אידישע און גויאישע פּנימער, ווען דער הילכיגער פּאַטש האָט זיי די ראיה צוגענומען און אלץ ארום איינגעהילט אין איין שטיק פינסטערניש.

זיי זענען איצט גאָרנישט א חוץ דער טויטער עלטער־באָבע... [26]

„פּאַריזער היינט"

# צוריק אין געטאָ ?

פּאַריז האָט שוין לאַנג ניט געהאַט קיין עפנטלאכן אידישן מיטינג, וואָס זאָל שטיין אויף אַזאַ אינטעלעקטועלער הויך און עס זאָל ארויסרופן אַזאַ אלגעמיינעם אינטערעס ווי דער דיסקוסיע־אָוונט א. ד. ט. "צוריק אין געטאָ" אין שיין פון דער געשיכטע, וואָס איז פאָרגעקומען זונטאג אָוונט אין טעאַטער אָלבואי. ניט געקוקט אויף דעם ברענענדיגן פראָסט איז דער זאַל געווען איבערגעפּאַקט.

דער אָוונט איז געווען פּרעזידירט דורך ה' ישראל עפּרויקין, וועל־כער וויזט אָן אַז די טעמע פאַרדינט מען זאָל זיך צו איר ערנסט באַציען. יעדער רעדנער וועט זי באַהאַנדלען פון זיין שטאַנדפּונקט און אויף זיין אייגענער פאַראַנטוואָרטלאַכקייט.

## א. טשעריקאָווער

דאָס ערשטע וואָרט צו אַ געשיכטלאכן אריינפיר אין דער דיס־קוסיע באַקומט דער היסטאָריקער א. טשעריקאָווער, וועלכער דערקלערט

---

שוויגן די מורא׳דיגע אידישע טראַגעדיע אין פּוילן נאָך היטלער׳ס פאַרכאַפּונג, און אַז דער פּאַפּסט האָט פאַרעפנטלאכט באַריכטן וועגן די נאַצישע רדיפות איז וועגן די פּוילישע אידן פּאַקטיש קיין וואָרט ניט געווען. נאָר מסתמא האָבן עס מיר, אידישע אתה־בחרתנו׳קעס, אויסגעטראכט א בלבול אויף די גוטע גוים.

25) לייענט איבער נאָכאַמאָל דידאָזיגע אויבערשטע שורות: אָנגעגורט האָט שעפּנער די לענדן געגן די וואָס ווילן כלומרשט האָבן אַז אידן זיינען בעסער ווי גוים, און אויסגעפירט האָט ער **אז גוים זיינען בעסער ווי אידן**. און דערצו דעררייזן זיך אַלע אידישע לינקע.

26) אפילו ביי היטלער׳ן איז אַ טויטע אידישע עלטער־באָבע ניט אַזאַ גרויסע עבירה...

צום ערשט פֿאַרוואָס דער דאָזיגער אָונטט איז ניט איינגעאָרדנט פון דער פראנצויזישער איוו״א־אָפּטיילונג. דאָס איז דערפאר, ווייל עס איז סוף־כל־סוף אָן ענין װאָס קאָן ניט ווערן אָפּגעגרעניצט פון פּאָ־ליטיק און די „איוואָ״ איז אָן אינסטיטוציע וואָס דאַרף בלייבן אויסער פּאָליטיק.

די אַלגעמיינע געשעהענישן אין לעצטן האַלבן יאָר האָבן אריינ־געבראַכט אַ צומישונג אין אַלעמענס מוחות און עס איז אַנטשטאַנען ביי דיכטעריש געשטימטע מענשן אַ שטרעבונג צו רעוויזיע. רעווי־דירן אונזער באַציאונג צו דער וועלט, אונזער גלויבן אין דער עמאנ־ציפּאציע א. א. וו.

טשעריקאָווער גיט אָן איבערבליק איבער די „רעוויזיע״־מאַניפעס־טאַציעס אין דער אידישער ליטעראַטור. דער אָנהויב איז געוועזן אַ ליד פון יעקב גלאַטשטיין „א גוטע נאַכט דער וועלט״, שפּעטער האָט גלאַטשטיין אויך געשריבן אָן אַרטיקל, אין וועלכן ער לייגט פאָר דאָס אָפּזונדערן זיך פון דער וועלט. אויך אַנדערע אידישע שרייבער האָבן געשריבן אין דעמזעלבן גייסט. דער שטאַרקסטער אויסדרוק פון די דאָזיגע שטימונגען איז חיים ליבערמאַנ׳ס בראָשור „אין טאָל פון טויט״, אין וועלכער דער מחבר רעכנט זיך אָפּ מיט דער קריסטלאכער וועלט און ער קומט צום אויספיר, אַז דאָס אידישע פּאָלק דאַרף זיך אָפּזאָגן פון דער דאָזיגער וועלט פון רשעות.

ה׳ טשעריקאָווער דערמאָנט, אַז אויסער איין אַרטיקל אין הע־ברעאישער וואָכנבלאַט „העולם״ רעדט אייגנטלאך קיינער ניט וועגן צוריקגיין אין געטאָ. נאָר אין דעם העברעאישן אַרטיקל רעדט זיך וועגן צוריקגיין אין געטאָ, צו „אתה בחרתנו״, צו שתדלנות און אפילו צו געטאָ־פּרנסות.

דער רעדנער ווייזט אָן, וואָס עס זיינען די טענות פון די געגנער פון „צוריק אין געטאָ״: אַז אין געטאָ האָבן זיך אידן קיינמאָל ניט אָפּגעשלאָסן פרייוויליג, נאָר מען האָט עס זיי אויפגעצוואונגען. אָבער דאָס איז היסטאָריש פאַלש, די אויפגעצוואונגענע געטאָ. די געטאָ אלס גזרה איז געוועזן ערשט שפּעטער. פריער האָבן זיך אידן אליין גערנוויליג אָפּגעזונדערט. אין רוים, אין אלעקסאַנדריע, האָבן אידן אָן שום אויסערלאַכן צוואַנג זיך באַזעצט אין באַזונדערע קוואַרטאַלן. אין 16טן יאָרהונדערט האָבן אידן באקומען די פּריוויליעגיע צו וואוינען אָפּגעזונדערט. אידן האָבן געפילט, אַז אַנדערש איז ניט מעגלאך צו דערהאַלטן די עקזיסטענץ פון אידישן פּאָלק אין דער ארומיגער

פיינדלאַכער וועלט. ערשט שפּעטער איז געטאָ געוואָרן אַ גזרה. מען האָט די אידישע קוואַרטאַלן ארומגעצוימט מיט א מויער, זיי זיינען אין געטאָ דערשטיקט געוואָרן.

ה׳ טשעריקאָווער ווייזט אָן, אז די געטאָ האָט געהאַט אי מעלות אי חסרונות. אָבער אין דער איצטיגער פּאָלעמיק האָבן ביידע צדדים ניט דעפיניִרט געטאָ. וואָס אַזוינס מיינען זיי מיטן באַגריף געטאָ, פאַקטיש זיינען מיר אַצינד אויך נאָך ניט אינגאַנצן ארויס פון געטאָ. אויך אַצינד לעבן אידן צוזאַמען, אפילו אין די לענדער וואו מען צווינגט זיי ניט. אפילו אין אמעריקע און פראנקרייך זיינען פאַראַן געטאָס, דאָס הייסט, א לעבן אין באַזונדערע קוואַרטאַלן און געדיכטע מאַסן. אַלץ וואָס אידן האָבן געשאַפן איז געטאָ־שאַפונגען. דאָס איז אייגנטלאך גרינג זיך צו דערקלערן. אַ טשערעדע ווען זי איז אין סכנה דריקט זי זיך צונויף. מען דאַרף פאַרשטיין, אַז די אָנ־הענגער פון „צוריק אין געטאָ“ מיינען ניט אָפּצושליסן זיך פון דער וועלט. גיכער איז עס א געפיל צו קומען צו זיך. צו שטאַרקן די נאַציאָנאַלע דיסציפּלין. עס איז פאַרשטענדלאך דער אויפרודער וואָס די לעצטע קאַטאַסטראָפע האָט אין אונז ארויסגערופן, גיכער וואָלט געווען א וואונדער, ווען דאָס וואָס עס איז פאָרגעקומען, וואָלט אונז ניט אויפגעטרייסלט. גיכער איז זיך צו חידוש׳ן אויף דעם אויסלאָ־כערישן טאָן פון די געגנער. אַזאַ אויפרודער אין דער פאָלקס־נשמה קאָן פאַרווענדט ווערן פאַר אַ נייע נאַציאָנאַלע אויפלעבונג, פאַר אַ נייעם וועג, וועלכן מען דאַרף זוכן.

## דוד איינהאָרן

נאָך דער אָביעקטיווער באַלויכטונג פון ה׳ טשעריקאָווער באַקומט דאָס וואָרט דער דיכטער דוד איינהאָרן. אין אונזער צייט, זאָגט איינ־האָרן, גיט מען גאַנץ אָפט זאַכן ניט פּאַסיגע נעמען, דאָס איז אויך דער פאַל מיט דער פראַגע „צוריק אין געטאָ“.

אָן אומרו הערשט אין דער גאַנצער וועלט, יעדער מאַכט רעווי־זיעס. אויך ביי אידן הערשט אומרו, אָבער דער אומרו איז נאָך ניט געקומען צום אויסדרוק. עס איז ליידער נאָך ניט קיין באַוועגונג. די גאַנצע דיסקוסיע באַוועגט זיך דערווייל צווישן „קאַפע ראַיאַל“ און איסט בראָדוויי אין ניו־יאָרק. דאָס פאָלק איז נאָך ניט באַרירט געוואָרן.

דוד איינהאָרן ווייזט אָן, אַז ניט נאָר אַ אידישע „געטאָ" איז פאַראַן אין ניו יאָרק, נאָר אויך אַן איטאַליענישע און אַנדערע. אָבער אין די ווייטערע שטאָטן פון אַמעריקע פארשווינדן שוין די געטאָס אפילו קיין אידישער רעסטאָראַן קאָן ניט עקזיסטירן. דאָס אידישע פאָלק איז דער פולשטענדיגער ווידערשפּרוך פון אָפּזונדערן זיך. אידן האָבן געהאַט אַ וועלט־אידייע און זיי האָבן שטענדיג געשיקט שליחים, עמיסאַרן אין דער וועלט צו פּרעדיגן זייער אידייע. יעדעס פאָלק האָט זיין אויפגאַבע אין דער געשיכטע. אָבער די גריכן און די רוימער האָבן זייערס שוין אָפּגעטאָן. אידן אָבער האָבן זיך פאַר־מאָסטן ברייטער. זיי האָבן געבראַכט דער וועלט אַ נייע סאָציאַלע געזעצגעבונג, געוואָלט איבערשמידן די שווערדן אין אקעראייזנס. די ביבל ווערט נאָך היינט פאַרשפּרייט אין דייטשלאַנד מער ווי היטלערס „מיין קאַמף". די טענדענץ פון דער אידישער געשיכטע איז גיין אין דער וועלט, ניט „געטאָ". עס זיינען פאַראַן צייטן, ווען דאָס אידישע פאָלק ציט זיך צוריק אויף זיינע פּאָזיציעס. אָבער די גאַנצע בעסערע וועלט ציט זיך אַצינד צוריק אויף אירע פּאָזיציעס. אין די קעלערן פון דער אינקוויזיציע זיינען מיר ניט געווען אליין. אויך אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערס זיינען מיר ניט אליין. טשעכיע האָט זיך אין 24 שעה נאָך איר אומגליק אָפּגעזאָגט פון דער דעמאָקראַטיע. אידן האָבן זיך פון זייער אידעאַל ניט אָפּגעזאָגט. אַזאַ פאָלק גייט ניט אַוועק פון דער וועלט.

וואָס מען דאַרף אַצינד טאָן איז ניט צוריק אין געטאָ, נאָר מאַכן אַ חשבון הנפש.

צו איז דאָס אידישע פאָלק זעלבסטבאַוואוסט וועגן זיין וועלט־אידייע? ווען אַ האַלבע וועלט האָט זיך מאָביליזירט געגן אונז איז עס, ווייל מיר האָבן זיי געגעבן אַ מאָראַל וואָס באַאומרואיגט זיי. דאַרפן מיר ענטפערן אונזערע שונאים: „יאָ, מיר זיינען טאַקע דאָס, וואָס איר זאָגט אויף אונז", און מיר וועלן אלס מאַרטירער ווייטער ווירקן, ניט צוריקגיין אין געטאָ.

## שארל ראַפּאָפּאָרט

פאַנטעאיזם און דער מאַרקסיזם זיינען פון די גרעסטע וועלט־אויפטועז און אויך זיי זיינען אידישע שאַפונגען. דערפאַר האַסן אונז

די פאַשיסטן, די נאַציס, פונקט ווי זיי האַסן פראַנקרייך, ווייל עס איז דאָס לאַנד פון דער רעוואָלוציע, זאָגט שאַרל ראַפּאַפּאָרט.

— זאָלן מיר זיך צוריקציען ?

מען האַסט די אידן, ווייל זיי זיינען מענשן.

סאָציאַליזם איז א אידישער געדאַנק. שמיטה און יובל זיינען פּראָגרעסיווע סאָציאַלע געזעצן. און אין סאָציאַליזם ליגט אונזער רעטונג. מען דאַרף זיך, נאַטירלאַך ניט אָפּזאָגן פון די פאַרשידענע לעזונגען פון דער אידן־פּראַגע. די קאָלאָניזאַציע אין ארץ ישראל ווי אין אַנדערע לענדער איז נויטיג פאַר אונז אין איצטיגן מאָמענט. אָבער די גאַנצע רעטונג ליגט אין סאָציאַליזם.

גייט די מענשהייט פאָראויס, זיינען מיר געראַטעוועט, גייט זי, פאַרקערט צום באַרבאַריזם — זיינען מיר פאַרלאָרן.

## ישראל עפּרויקין

ה׳ עפּרויקין נעמט אַ וואָרט אין דער דיסקוסיע :

— איך האַלט, זאָגט עפּרויקין — אז מען דאַרף ניט צוריקגיין אין געטאָ נאָר בלייבן דאָרטן. אויב מען פאַרשטייט געטאָ זיך אָפּזאָגן פון עלעקטרישע באַלייכטונג, פון פילאָזאָפיע, וויסנשאַפט, זיינען מיר נאַטירלאַך, געגן געטאָ.

מיין שטאַנדפּונקט איז, אַז אידן דאַרפן זיך אויסלעבן צווישן זיך. ניט מיט מיסיאָנערן דאַרפן מיר באַווירקן די וועלט, נאָר דורך אונזער מוסטערהאַפט לעבן. דאָס איז אייגנטלאַך דער חילוק פון אידנטום און קריסטענטום : דאָס קריסטענטום האָט געוואָלט פאַרשפּרייטן די אידייע דורך מיסיאָנערן, אידנטום — דורך זייער אייגן לעבן. איך גלויב ניט אין אוניווערסאַליזם וואָס זעט נאָר דעם ווייטן און פאַרזעט דעם נאָענטן. מיר דאַרפן קודם זיך אליין אויסלייזן, דערמיט וועלן מיר אויך העלפן אויסלייזן די וועלט.

איך האַלט, אַז אידן דארפן אן אייגן לאַנד. דאָס לאַנד איז ארץ ישראל. די גאולה פון דער וועלט וועט צוליב דעם ניט פאַרשפּעטיגן. אָבער דאָס לייזט ניט דאָס גאַנצע פּראָבלעם. אומעטום וואו אידן זיינען, דארפן זיי לעבן א אידיש לעבן. מיט זייער לעבן דאַרפן זיי דינען פאר א מוסטער. וואָלט דען ניט בעסער געווען פאר אונז, ווען אזעלכע ווי מארקס קענען זיך אויסלעבן ביי אונז אליין. פאַרוואָס

זאָלן מיר ביי אונז אין דער היים האָבן אן אָרט נאָר פאר מיטלמע־סיגקייטן.

מיר וועלן זיך ניט אָפּזאָגן פון אייראָפּעאישער קולטור און ציוויליזאַציע. מיר וועלן אָבער ניט שיקן קיין עמיסאַרן צו דער וועלט, נאָר דאָס לעבן פון גאַנצן פאָלק זאָל זיין אונזער באַווירקן די וועלט. אויב דאָס הייסט געטאָ נעם איך עס אָן. איך רוף אידן ניט צו פּאַסיווקייט, ניט צו וואַרטן ביז די וועלט וועט ווערן אויסגעלייזט, ביז זי וועט אָננעמען אונזערע אידעאַלן פון גאולה, נאָר צו אַקטיווקייט, מיט אונזערע ליידן און יסורים וועלן מיר איבערבויען אונזער לעבן, ניט וואַרטן אויף חסד פון אַנדערע.

די רעדעס פון דר. שטיינבערג, דער היסטאָריקער א. מענעס און דר. סינגאַלאָווסקי וועלן מיר איבערגעבן אין קומענדיגן נומער.[1]

„פּראָלעטאַרישער געדאַנק" (נויאָרק)

## „בינד מיך און לייג מיך, אָבי וואַרף מיך צווישן מייניקע"

### פון

### אלף

וואָס דאָס ווערטל באַטייט, ווייסט איר דאָך מן הסתם. ס'איז אַ מין פאָלקס דיסערטאַציע אויף דעם ענין: „בלוט־ברודער" אָדער „לייבלעכע קרובים". האָלט ניט פאַר קליין, הייסט עס, קרוב'שאַפט — ווייל ווי ביטער ס'זאָל ניט זיין איז צווישן אייגענע דאָך אַ מחיה. בלוט איז ניט קיין וואַסער. ס'איז אַ ליבשאַפט אַזאַ, וואָס פאַרשטייט זיך אויפ'ן וואונק און וועט חלילה ניט פאַלשעווען.

מיינט איר דאָך מן הסתם, אז כ'גרייט זיך דאָ אריינלייגן מיין דרייער אין קאָן פון דעם גרויסן מחלוקת וועגן קרובים'שאַפט און אזוי ווייטער, האָט איר במחילה אַ טעות. איך וויל אייך גאָר דערציילן וועגן אַ ליבע צווישן צוויי קריטיקער ביי אידן, וואָס האָט זיך נאָר וואָס אָפּגעשפּילט ביי אונז אָן קלעזמער.

און כאָטש צייטן זיינען אַזעלכע ביטערע און ס'גלוסט זיך ניט קיין מוזיק, קען איך זיך ניט איינהאַלטן און מוז זיי צוזינגען מיט'ן

1) ליידער האָב איך יענעם נומער „פּאַריזער היינט" ניט דערהאַלטן.

באַקאַנטן לידל: „איין פערטל ליבע און דריי פערטל טאַקט, ווי גוט איז צוזאַמען צו זיין". און זאָל זיי עס זיין צו שמחה.

און אָט איז די מעשה ווי זי שטייט און גייט. כ'מוז אייך אָבער מתרה זיין אַז איר וועט מוזן האָבן געדולד און טאַקע נאָר געדולד, אויב ס'וועט נעמען אַביסל לענגער ווי ס'וואָלט זיך געוואָלט.

קודם די צדדים:

אַז ס'איז פאַראַן אַ אידישער שרייבער מיט'ן נאָמען חיים ליבער־מאַן, האָט איר מן הסתם געהערט. א איד מיט א סך מעלות. ערשטנס איז ער א קריטיקער מיט אן אייגענעם גאַנג אין דער קריטיק. א סימן — לייענט זיינע קריטיקעס וועגן די אידישע שרייבער ווי ער גיט זיי דעם דרך און ווייזט זיי ווי אזוי מ'דאַרף זיך לערנען שרייבן, פאַרשטייט זיך ביי די גוים. אחוץ דעם איז ער אן אוהב ישראל. זע זיינע בראָשורן, ארטיקלען ווי ער נעמט זיך אָן אונזער כבוד ניט נאָר פון די אומות העולם נאָר אויך פון אונזערע אייגענע „אנטיסע־מיטן" דר. חיים זשיטלאָווסקי און ש. ניגער. און ווייטער איז ער אויך געבענטשט מיט א חוש פאַר עכטער ליט.־מבינות, און ווען ער דערשפּירט בחוש, פארגינט ער עס מיט'ן גאַנצן האַרצן אפילו ווען ס'איז א יונגער קאָלעגע. אויב איר גלויבט מיר ניט, באקענט זיך מיט זיין שעדעוור, א רעצענזיע איבער א בוך קריטיקעס פון א יונגן מחבר (מרדכי יאַפע). ער האָט פון דעם יונגן מחבר'ס ווערק ארויסגעשמעקט, אז ס'איז טאקע אמת אז קאָראָלניק ע"ה האָט ניט געטויגט און יבדל לחיים ש. ניגער טויג אודאי ניט, נאָר איצט מיט'ן אויבערשטנס הילף, אז ס'האָט זיך באַוויזן א מענש מיט א חוש, וועט שוין מיערטשעשעם זיין אלץ אָלרייט. אָט אזא מזג טוב איז ער און ווי איר זעט א פאַרגינער.

איז עס געגאַנגען מיט אים, מיט ליבערמאַנען מיין איך, גאַנץ גלאַטיג . ער האָט געשריבן און שיין געשריבן. צוגעקעמט און צו־געפּוצט און באַהאַרצט און מיט לומדות דאָרט וואו מ'דאַרף. ר'האָט אפילו אין א שעה פון פּאָעטישער באַגייסטערונג גע'עצה'ט אז אידישע פּאָעטן (פארשטייט זיך אז נאָכדעם ווי זיי וועלן זיך אויסלערנען שרייבן) זאָלן זינגען דאָס שוואַנען ליד פון אידיש אין אידיש. און וואָס אן אמת ס'איז געווען וואָס צו הערן און צו זען. האָט מען זיך געקוויקט און ווי אלעמאָל — געוואַרט אויף נאָך.

האָט זיך אָבער אריינגעמישט די וועלט מיט אירע כסדרדיגע קאָפּ־פאַרדרייענדיגע קאָזשלקעס, און האָט געמאכט א שוואַרץ־רויטע קונץ,

און א היפש ביסל שרייבער האָבן באַוויזן צו מאַכן פון זייער שאַפן אַן אמת'ע קונץ, נאָר אויף א „נארן אויסשטעלונג" צו ווייזן — האָט דאָס, צווישן אנדערע, אויך ליבערמאַנען אַנטוישט.

אַנדערע אָבער, אז זיי זיינען אנטוישט, ביטערן זיי אזוי לאַנג ביז די ביטערקייט ווערט פאַרוואַנדלט אין א נייער שאַפונג. היילט זי אביסל. ביי אים אָבער האָט עס געפירט, אז ר'האָט געוואָרפן דעם גט פאר די פיס און אויס מיט דער ליטעראַטור, ברוגז געוואָרן.

איז ער געוואָרן א מוסרניק מיט א נביאישן אויבערשלאַק. גע־נומען שרייבן „פלאַם־בריוו". די וועלט איז קיין וועלט ניט און די מענטשן, בפרט גויישע מענטשן זיינען אסור לדבר. אויף ענגלאַנד איז ער גאָר ברוגז און ס'א ז דאָ פאַרוואָס אויך. וואָלט אלץ געווען גוט, ווען ניט וואָס דער קריטיקער וויל ניט אנדערש ווי פאַרוואָן ליטע־ראַטור דורך אָט די בראָשורן.

ממה נפשך, ביזטו ברוגז, איז ברוגז. ברענט אים ווייזט אויס דאָס וואָרט און — איין בראָשור יאָגט נאָך די אַנדערע.

וואָס־זשע איז עס אונזער דאגה?

וועלן מיר זיך פריער באַקענען מיט'ן צווייטן צד.

פאַראַנען ביי אונז א טאַלאַנטפולער דערציילער י. באַשעוויס. שרייבט ער אוך רעצענזיעס, לעצטנס איז כמעט אין יעדן נומער „צוקונפט" דאָ זיינס א רעצענזיע. ער איז ווי מ'זאָגט א רעצענזענט מיט באַקציינער. ס'איז אָפט ממש א נחת אים צו לייענען. ער איז ניט קיין משיא פנים און זאָגט דעם אמת אפילו צו שרייבער, וואָס זיינען שוין ביי אונז כמעט קאַנאָניזירט. אמת, ער פאַרגאַלאָפּירט זיך אָפט אזוי אז ער פארגעסט זיך און הויבט אָן שטעלן „אטמעטקעס" און נעמט פסק'ענען ווי אזוי מ'מעג און מ'טאָר ניט שרייבן. אָבער מ'קען אים מוחל זיין, ווייל ער טרעפט מערסטנס אין פינטל אריין. און דער עיקר — זיין קריטיש קראַץ־מעסערל איז פאר אלעמען גלייך.

ווי פאַרוואונדערט בין איך אָבער געוואָרן ווען כ'האָב געלייענט זיין לעצטע רעצענזיע וועגן ליבערמאַנ'ס בראָשורן[1] „אין טאָל פון טויט" און „אויב כ'וויל עס דיר פארגעסן ענגלאַנד" (צוקונפט, נאָוועמ־בער 1939) ווייזט אויס, אז ס'זיינען יאָ פאַראַן ביי באַשעוויס'ן אויס־נאַמען, ווען זיין קראַץ מעסערל ווערט פאַרדעקט מיט וואַטע און זיין גאַנצער חוש פאַר שפּראַך און בילד, וואָס ער זוכט אזוי ביי אנדערע,

---

1) זע זייט 195.

איז דאָ לגמרי פארשטאָפּט געוואָרן. אנשטאָט אָנרופן זאַכן ביים נאָמען ווי ער טוט עס געוויינלאך, האָט ער זיך פארנומען מיט ארומריידן און פארריידן מיט דעם וואָס ליבערמאן האָט די וועלט מזכה געווען.

נאָר כדי איר זאָלט כאָטש כאַפּן אביסל אַ בליק אויף דער פאָרם ווי ליבערמאן שרייבט איצט, וועל איך בלויז ברענגען צווייביישפּילן, וועט איר שוין אליין זען, אַז נאָר אַ קאַפּיטשקע „ליבע און אביסל טאַקט אפשר", האָבן דאָס געקענט אזוי פאַרבלענדן אַזאַ געניטן שפּראַכ־מייסטער ווי באַשעוויס. אגב, מיינט ניט, אז אַ קריטיקער דאַרף טאַקע ניט האָבן דאָס קאַפּיטשקע ליבע און טאַקט, נאָר קיין משיא פּנים דאַרף מען ניט זיין.

נאָר לאָמיר הערן און זען ווי ליבערמאן „בילדערט" אַ בילד.

„קעפּ אָן גופים, גופים אָן פּיס, הענט באַזונדער און פינגער באַזונדער, צינגער פון די מיילער אויסגעפּליקטע, אויגן פון די לעכער אויסגעריסענע, ציינער אויסגעשלאָגענע, ביינער אויף צעך צובראָכן, הערצער מיט מעסערס נאָך דערשטאָכן, גייען, ציען, ציען, גייען, אַ לאַנגע, אַ פּירכטלאַכע מחנה". (אויב איך וועל עס דיר פאַרגעסן ענגלאַנד, זייט 4) און ווייטער ווי אזוי ס׳זעט אויס אַ איד:

„די אויגן — צוויי זומערדיגע שטורעמס, דער שטערן — אַ בלאַט באַשריבן מיט דער געשיכטע פון גאָט, באַקן צוויי — צוויי לוחות, די נאָז געטאָקט פון חכמה און פיין, די מויל אַ קדשי־קדשים, און די באָרד, די באחוזקטע, די באַשפּיגענע, די אויסגע־פּליקטע, ווען די האַנט, מיט זונליכט פון די פינגער, גלעט זי אין פאַרטראַכטער תורה־שעה און ציט ארויס אַ מיד געוואָרענע האָר — אָ, בעסער ווי זיין איך, ווי וואָלט איך וועלן זיין זי, ווען דו ברענגסט זי צו קבורה אין אַ כשר׳ן אידישן ספר". (דאָרטן זייטל 64).

איר פאַרשטייט ווי מ׳פאַרגינט זיך אַ שרייב טאָן? קומט אָבער באַשעוויס און צולייגט זיך מיט אַ רעצענזיע וועגן דעם תנ"כישן סטיל און נביאישן פּאַטאָס וואָס געפינט זיך אין די מייסטערווערק. (אַ וואונדער כ׳לעבן וואָס דער „פּאָרוועַרטס" באַדערט זיך מיט פאַרקויפן דעם תנ"ך, אז אַזאַ ווילדע מציאה איז ביי דער האַנט).

ער באַוואונדערט דעם פיינעם תנ"כישן טאָן, וואָס איז ליבער־מאַנען געלונגען ארויסברענגען רעדנדיג אפילו פון אזא מאָדערנעם ענין (אָרעמער תנ"ך, נעבאך), און באשעוויס איז ראַפּטאַם געוואָרן אַ גאַנצער אפּיקורוס און האָט מורא, אז דער נוסח זאָל חלילה ניט

פאַרפירן די בידנע שעפסעלאך, און ער דיסקוטירט מיט אים מיט אזא ערנסט, און ווייזט אים אָן, אז היינטיגע צייטן דארף אפילו א נביא באגרינדן זיינע רייד.

איר פארשטייט, מער פעלט אים ניט, באשעוויס׳ן. אז מ׳שמועסט א נביא, תנ״ך, טאָן וכ״ו.

וואָס זשע וויל איך פון אייך? כ׳וויס, ס׳איז מיר אזוי ניט היימלאך געוואָרן פון די מייסטערווערק מיט׳ן קריטיקער צוזאַמען, אז כ׳בין שיעור ניט אליין געוואָרן תנ״כיש אַנגעסטראַיעט און אַנגעהויבן מיט א טאָן: און איך האָב אַנגעגורט מיינע לענדן און גענומען מיין נשמה אין דער האַנט א. א. וו.

בין איך דאָך אבער פאַרט א פשוטער מענש, האָט מיך גערעטעוועט א פראָסט ווערטל: „וואָרף מיך צווישן מייניגע". א קריטיקער מיט א קריטיקער באַגעגנט זיך, שאַדט ניט ס׳זאָל זיין אביסל ליבע אויך.

אַט דאָס איז די בייסטע ליבע וועגן וועלכער כ׳האָב אייך געוואָלט דערציילן.

און אזוי ווי זייביידע זיינען דאָך פארגינערס, פארגין איך זיי אויך. און וויל אפילו זיי צוזינגען מיט יענעם לידל: „איין פערטל ליבע און דריי פערטל טאקט, ווי גוט איז צוזאַמען צו זיין"...[2])

„פאָרווערטס"

# אַ בראָשור פון חיים ליבערמאַן וועגן דער ראָלע פון אידישן פאָלק אין דער וועלט

דער שריפטשטעלער חיים ליבערמאן, מיטארבעטער פון „פאָר־ווערטס", האָט פאַרעפנטלאכט א בראָשור, וואָס קריגט גרויס אויפמערק־זאמקייט אין קרייזן פון אינטעליגענטע לעזער. די בראָשור הייסט

---

2) ה׳ אלעף, כאָטש א מיטארבעטער אין דעם „אָרגאַן פון דער אידישער אר־בעטער פארטיי (לינקע פועלי־ציון)", איז, זעט אויס, אַ מענש וואָס דער ענין איד און גוי, ענגלאנד און ארץ ישראל, גייט אים וועניג־וואָס אָן. ער איז זיך גלאַט נאָר אַ בוחן לבבות. דאָס איינציגע וואָס אים אַרט „וועגן דער היינטיגער צייט און אידישן שיקזאל אין איר" איז וואָס באַשעוויס האָט מיר ניט געגוג אריינגעזאָגט. קומט ער ממלא צו זיין דעם חסרון און ער גיט אַ חוזק אָפּ „ווי אזוי עס זעט אויס א איד", און דאָס טוט דער לינקער אלעף אזוי גוט ווי א רעכטער גוי.

אַזוי איז שוין א לינקער איד, אפילו ווען ער איז א פועל־ציון (זע אויך דעם ארטיקעל פון י. צ. שאַרגעל, זייט 186.

„אין טאָל פון טויט" און אַנטהאַלט „געדאַנקען וועגן אונזער צייט און אידישן שיקזאַל אין איר".

חיים ליבערמאַן שטעלט אוועק די גאַנצע וועלט ווי א „טאָל פון טויט", און ער פירט דורך דעם אידן דורך דעם „טאָל" צו באווייזן וואָס דער איד טוט און וואָס דער „טאָל" זוכט אים צו טאָן. דער „טאָל פון טויט" קען דעם אידן ניט פאַרטראָגן. דער איד ברענגט לעבן, אן איידעלן לעבן; ברענגט גייסט, א שיינעם און א הויכן גייסט. פייניגט אים דער „טאָל פון טויט", אָבער בייקומען דעם אידן קען ער פאָרט ניט.

„מיט דער וועלט האָבן מיר אָנגעהויבן און נאָר מיט דער וועלט וועלן מיר זיך ענדיגן. און די וועלט וועט זיך קיינמאָל ניט ענדיגן. מיר זיינען אומשטערבלאך ווי די צוקונפט".

אזוי פאַרענדיגט דער שריפטשטעלער זיין בראָשור נאָך א בילד־לאָכער פאַרשטעלונג פון דער ראָלע פון אידישן פאָלק אויף דער גאַנצער לענג און ברייט פון דער וועלט.

די בראָשור איז דערכגעווייקט מיט דעם גאַנצן אידישן צער פון היינט־צו־טאָג. דער שריפטשטעלער רופט אויס:

„זעכצן מיליאָן אידן זיינען מיר, צושפרייט איבער דער גאנצער ערד, א נעץ מיט זעכצן מיליאָן אויגן, און קיין איינע ניט אָן א טרער".

אָבער ער וויינט ניט, דער פּאַרפאַסער. געגן אלע מאַרטירער־טומס פון די אידן שטעלט ער אוועק מיט שטאָלץ די אידישע מאָראל און די אידישע אויפטואונגען. ער פירט מלחמה, דער פאַרפאַסער, מיט אלע פייניגער פון די אידן, פון טיטוס'ן ביז היטלער'ן. ער פאַר־מעסט זיך מיט אלע עפּאָכעס פון דער קריסטלאכער וועלט: אָט, לאָמיר זען וואָס איר האָט געטאָן און טוט און וואָס מיר האָבן געטאָן און טוען.

די בראָשור איז אַ פּראָדוקט פון פייערלאכע געדאַנקען און געפילן, וואָס נאָר אידן קענען האָבן אונטער די איצטיגע יסורים. זי איז געשריבן אין דעם סטיל פון חיים ליבערמאַן, ווען ער האָט א סך וואָס צו זאָגן און וויל עס זאָגן וואָס קירצער. זי איז ארויסגעגעבן, די בראָשור, אין א שיינער פאָרם, און עס מאכט דעם איינדרוק פון אן אַלט הייליג ספר'ל אין א נייער, אבער וואָכעדיגער צייט.

„פאַרויס״ (וואַרשע)

# דער בעטלער־טאַנץ אין טאָל פון טויט

פון

## ס. קאַן [1]

חיים ליבערמאַן האָט פאַרעפנטלאכט אַ בראָשור פון 36 זייטן אונטערן נאָמען „אין טאָל פון טויט״. ווי עס שטייט אויפ׳ן שער־בלאַט, זיינען דאָס „געדאַנקען וועגן אונזער צייט און אידישן שיקזאַל אין איר״. איז באַלד ווי מיר נעמען דאָס ביכל אין האַנט, דערוועקט זיך אומצוטרוי, ספקות: אונזער צייט איז אזוי גרויזאַם און פאָליטיש־קאָמפליצירט, און דער „אידישער שיקזאָל אין איר״ אזוי טראַגיש און קאָסמיש־דערשיטערנדיג, — איז דאָס אַ מאַטעריאַל פאַר א דאַרינ־קער פובליציסטישער בראָשור? דערצו נאָך געשריבן דורך אַ מענש פון א „פאָרווערטס״־שולע, פון א מענש וואָס האָט א שוואַכקייט צום מין פאַמפלעט?

איך גלויב אין גוטן ווילן פון חיים ליבערמאַן, איך בין זיכער — ער האָט דערביי געהאט די בעסטע כוונות. אָבער — בנאמנות, די טעמע איז צו גרויס פאר אים, און אונז איז צו ביטער אויפ׳ן הארצן, אַז מיר זאָלן קענען יוצא זיין מיט שאבלאָניש־פאַטעטישע שורות.

עס איז אפשר אונזער טראַגיזם, וואָס אונז פעלט היינט דער גרויסער נביא און דיכטער, וואָס זאָל אָט טאַקע איצט, אויף דער הייסער און בלוטיגער מינוט, אויסזינגען דאָס ליד פון אונזער טיפן צער און צאָרן, דאָס ליד פון אונזער גרויסן נאַציאָנאַלן חשבון הנפש.

מעגלאך, עס וואָלט אויך שטאַרק פאַרלייכטערט אונזער געמיט, ווען עס קומט איצט דער גרויסער סאַטיריקער צי הומאָריסט, און „אונטערן צייכן פון אייביגקייט״ וואָלט ער גאַליק און בלוטיג „אויס־געלאכט״ די מאָדערנע הונען, וואָס פארמעסטן זיך אויף טויזנט־יאָריגער הערשאפט, ניט מער און ניט ווייניגער, און וואָס מיינען אָפצושטעלן דעם גאַנג פון דער זון אויפ׳ן הימל פון דער מענשהייט.

מעגלאך, עס איז אונזער טאָפלטער אומגליק, וואָס עס פעלט אונז היינט דער גרויסער היסטאָריקער און פאָליטישער דענקער, וואָס זאָל אויפמישן פאר אונז — טאַקע איצט — די געלע בלעטער פון דער

---

[1] ש. ח. קאַזשדאַן.

(געדרוקט אויך אין „די סאָציאַליסטישע שטימע״, נויארק).

מענשישער און פון דער טויזנטער־יאָריגער אידישער געשיכטע, און אונז ווייזן — די אייביגע כוחות פון מענשלאכן פּראָגרעס, די אומ־צושטערבאַרע יסודות פון דער מענשהייטס קולטור און קאַמף פאַר פרייהייט; וואָס זאָל אונז ווייזן די בלוטיגע פעדים, מיט וועלכע דער גורל פון אידישן פאָלק איז שטענדיג געווען געבונדן מיט'ן גורל פון די פאַרויסגייער, צוקונפט־שטרעבער, קעמפער און צושטערער אין די אוועקגייענדיגע און אונטערגייענדיגע תקופות; וואָס זאָל פאַר אונז אָנצייכענען די פּערספּעקטיוון און שטריכן פון א ליכטיגער צוקונפט, פונ'ם לעצטן און ענדגילטיגן קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער אויסלייזונג.[2])

אודאי, ווי גוט און ווי ליכטיג וואָלט אונז געוואָרן, ווי טיפער וואָלטן מיר אָפּגעאָטעמט, ווען עס זאָל זיך היינט באווייזן צווישן אונז אַזאַ דיכטער, אַזאַ גרויסער קינסטלער, אַזאַ סאָציאַלער דענקער און געשיכט־פאָרשער! אָבער ווי איז צו א פאָלק, וואָס מיינט אין אַזאַ אמת־טראַגישן צייט־אָפּשניט פון זיין געשיכטע אָפּצוקומען... מיט אַזעלכע אויסגעדראָשענע פראַזן, ווי אין ה. ליבערמאַנ'ס בראָשור. ניט קיין פּאָלעמיק מיט ה. ליבערמאַנען זיינען מיר דאָ אויסן, עס ליגט אונז ניט דער קאָפּ דערביי. און מיר וואָלטן אפשר אינגאנצן קיין וואָרט ניט גענומען וועגן אָט דער דאָזיגער פּרעטענציעזער, אין שוואַרצן געהילטער בראָשור, ווען מיר וואָלטן ניט געהאַלטן עפּעס אַנדערש: אַז דאָס איז א שעדלאכע בראָשור. שעדלאך ניט צוליב „למה יאמרו הגויים", נאָר פאַר אונזערע אייגענע רייען, פאַר אונזערע אידישע מאַסן.

עס איז אַ פּאַמפלעט געגן די „גוים",[3]) געגן די דייטשן, קעגן די קריסטן, העלענער, איראָפּייער. וואָלט עס נאָך אפשר א וועלכן ס'איז זיבען געהאַט, ווען דער מחבר גיט ארויס די דאָזיגע בראָשור אויף דייטש, ענגליש. אָבער אויף אידיש דאַרף עס נאָך זיין א שטיק „איכה" אָדער „נחמו" פאַר אונז. טאָ לאָמיר זען, וואָס קענען מיר דאָ לערנען.

---

2) וואָס דאַרפט איר גיין ווייט זוכן? אין דער תורה, אין תנ"ך, אין דער גמרא, אין רמב"ם, ביי ר' יהודה הלוי, ביים בעל שם טוב געפינט איר דאָס אַלץ פיקס און פאַרטיג.

3) ניט איינמאָל האָבן שוין אונזערע חכמים דערקלערט די נאַראָנים אַז מיט „גוים" מיינט מען „עכו"ם".

מיר און זיי. מיר זיינען גוט און פרום, קלוג און שיין.[4]) זיי זיינען כולו רשעים, נאַראָנים, פאַרבלענדטע און העסלאַכע.[5])

„ביי אונז זיינען אלע אייגענע, ביי זיי זיינען אלע פרעמדע.[6]) מיר ווילן פאַר אלעמען, זיי ווילן פאַר זיך. מיר עפענען האָריזאָנטן, זיי פאַרצאַמען גרענעצן. און שנאה איז זיי ליבער ווי ליבשאַפט" — אזוי פרעדיגט ליבערמאן. ווייטער: „זיי האָבן זיך גענומען די ערד און מיר האָבן גענומען דעם הימל... מיר האָבן געהאַט נביאים, ווייל דאָס גאַנצע פאָלק איז נביאיש... מיר טראָגן א זון אין קאָפּ אויף אייביג אָפּצושאָפן די מענשלאַכע נאַכט... און אז ער (גאָט) האָט א שליחות, שיקט ער זי דורך אונז. ער רעדט מיט אונז ווי א גלייכער מיט גלייכע... ישראל ואורייתא חד הוא... צוואַנציג הונדערט יאָר, אז זיי לערנען ביי אונז וואָס גאָט איז... אומזיסט וויל דאָס קריסטנטום זיך אָפּוואַרפן פון פאַשיזם: ס'איז זיין כשר קינד... דער אידישער כלל איז אָן זינד"...

אַזוי גייט עס דאָ כסדר. עס איז היפּערטראָפיע פון איד־גאוה.[7]) עס איז אתה־בחרתנו פון „פינטעלע איד". עס איז דער אלטער „מי כעמך ישראל". עס איז די אלטע פילוסופיא פון „הקול קול יעקב והידים ידי עשו",[8]) „ווי א רויז צווישן דערנער", אא"וו, אא"וו. מיר האָבן דאָס אלץ שוין געלייענט און געהערט אין פאַרשידענע מדרשים און אגדתות,[9]) טויזנטער פסוקים אזעלכע האָבן מיר אין אונזער קינדהייט איינגעזאַפּט אין זיך.

---

4) געפיינִיגטע זיינען שטענדיג גוט און פרום, קלוג און שיין. ניטאָ קיין שלעכטע, זינדיגע, נאַרישע אָדער מיאוס'ע קרבנות. דער מדרש זאָגט: גאָט האַלט מיט'ן גע'רודפ'טן אפילו ווען ער איז אַ רשע און דער רודף איז אַ צדיק. און אפשר האָב איך טאַקע געדאַרפט שרייבן „מיר זיינען גוט, פרום, קלוג און שיין", אויסער — געוויסע בונדיסטן...

5) קעגן דידאָזיגע איז דאָס ביכל געצילט.

6) אויב ביי זיי זיינען ניט אלע פרעמדע טאָ צו וואָס די גרעניצן ארום אַלע לענדער און די פּאַספּאָרטן? און וויזאס? פאַרוואָס זיינען אידישע שיפן געשוואומען איבער די ים'ען אָן אַ ברעג? ווער האָט געמאכט זבאנשין? „קיינעמס לאַנד" פאַר אידישע נרדפים?

7) און קיין זאַך איז פאַר אַ לינקן אידן ניט אזוי פריקרע ווי צו הערן אַ גוט וואָרט אויף אידן.

8) אָן אַלטע פילוסופיא וואָס בלייבט אייביג ניי.

9) און וואָס קען נאָך איינעם אזוי דיסקרעדיטירן אין די אויגן פון אַ אידישן ראַדיקאַל ווי ווען ער רעדט פון מדרשים און אגדתות? אָט ווען ער רעדט פון א גויעשן ביכל, פון טאָלסטאָי, געטהע און שילער — דאָס איז עפּעס אַנדערש.

זיי — און מיר. זיינען טאַקע ביי זיי אינגאַנצן קיין „נביאים" ניט געווען?[10]) האָבן מיר טאַקע אין אַלע דורות און שטענדיק צוגענומען גאָר דאָס געטלאַכע און נביאישע, און זיי איז גאָרניט געבליבן? איז טאַקע אמת, אַז צווישן זיי זיינען קיינמאָל ניט געווען קיין אידנפריינט,[11]) מענשנפריינט, קיין גאונים פון גייסט,[12]) נביאים פון הומאַניזם? גענוג צו שטעלן אָט די אַלע פראַגן וועגן זיי, אפילו וועגן די דייטשן, כדי איינצוזען דעם גאַנצן אומזין פון אָט די „נביאישע טעאָריעס".

און מיר? האָבן מיר טאַקע אויף אונזער געוויסן קיין שום שלעכטס און קיין שום עוולות? קענען אַמאָל ניט די חיים ליבערמאַנ'ס פון אַנדערע פעלקער אויסשטעלן אויך אונז, אונזערע יחידים און אונזער כלל, א גרויסן צעטל מיט עבירות[13]) און עוולות, וואָס מיר זיינען באַגאַנגען לגבי זייערע פעלקער און לענדער?[14]) און דער עיקר, צי איז ניט טאַקע די העכסטע צייט און געלעגנהייט, מיר אליין זאָלן זיך אויסשטעלן אַן אַטעסטאַט פון אונזער אויפפירונג און האַנדלונג סיי לגבי זיך אליין, סיי לגבי אנדערע?[15]) איז דען ניט אונזער כלל דער אומפאַראַנטוואָרטלאַכסטער כלל לגבי זיך אליין[16]) — אַן אָרגאַניזאַציאָנס־

---

10) אדרבא, לאָמיר הערן?

11) צו וואָס זיך רייסן אין אַן אָפענער טיר? אידישקייט אליין לערנט אַז חסידי אומות העולם יש להם חלק לעולם הבא. אָבער די „קריסטלאַכקייט" לערנט אַז נאָר קריסטן האָבן יענע וועלט, נאָר זיי נעמען זיך די וועלט אויך — פאַר א פאַרשפּייז.

12) איך מוז דאָ פאַרט דערמאָנען אַן אַלטן אידישן „פּסוק" כאָטש ס. קאַנ'ען איז עס אַזוי דערווידער: אויפ'ן „לא קם בישראל כמשה עוד" זאָגט די גמרא (ברכות ט' ע"א): „בישראל לא קם אבל באומות העולם קם". ווער? בלעם.

זעען מיר אַז די גמרא איז ניט ווייניגער ברייטהאַרציג ווי ס. קאַן, להבדיל.

13) וואָס דאַרפן מיר וואַרטן דערמיט אויף „די חיים ליבערמאַנ'ס פון אַנדערע פעלקער" אַז מיר האָבן די לינקע, די זשיטלאָווסקי'ס און די ס. קאַנ'ס צווישן אונדז אליין? (זע באַמערקונג 9 און 10, זייט 245).

14) דהיינו, וועלכע? נאָך אַ ביישפּיל פון אונזערע „וועלטלאַכע אידן" וואָס קומען ראַטעווען די גוים פון אידישע הענט און גיבן גאָר איבער די אידן אין גוי'שע הענט (זע ז. 251 באַמערקונג 25, און ז. 269, באַמערקונג 1.

15) מיר דאַרפן ערשט אויסשטעלן אונזער אייגענעם שלעכטן אַטעסטאַט? ווייניג דער אַלטער „על חטא" מיט'ן „אשמנו מכל עם" — מיר זיינען זינדיגער פון אַלע פעלקער? (זע דאָס פיינע וואָרט אויפ'ן „אשמנו מכל עם" אין דעם בריוו פון הרב ר' יוסף מאיר דזשייקאָבסאָן).

16) ס'איז י. ראַפּאָפּאָרט'ס מעשה מיט'ן שלעכטן „דזשאינט"־דירעקטאָר... (זע זייט 277, באַמערקונג 16).

ווילן און פעיגקייט, אָן אכטונג צו אייגענער שפראך און קולטור,[17]) אָן פאַרטראַכטן זיך אויף אייגענער צוקונפט און פערספעקטיוון,[18]) אָן פעיקייט צו אָרגאַניזירן דעם כלל עקאָנאָמיש, פּאָליטיש, קולטורעל ?[19]) פעלן דען צווישן אונז פון איין זייט פּאַראַזיטן, היי־פּיש, עקספּלואַ־טאַטאָרס, און פון דער אנדערער זייט — אומקולטורעלקייט, מיטל־אַלטערלאַכקייט, פינסטערניש, אומבאַוואוסטזיין, מה־יפית׳דיגקייט און קנעכטישע הכנעה׳דיגקייט ?

זיי — און מיר. אָבער אין 1938 מעג דאָך שוין א חיים ליבערמאַן וויסן און פארשטיין און ניט פארשווייגן, אַז דער גאַנצער באגריף „זיי" און „מיר" איז א ליגן,[20]) אז עס זיינען פאַראַן „גויים" און „גויים", אידן און אידן, אַז די וועלט איז סאָציאַל און פּאָליטיש דיפערענצירט,[21]) אַז פאַשיזם מיט זיין גאַנצער באַרבאַרישקייט איז אַ מכת מדינה, אַ צרת רבים, אַן אומגליק פון דער גאַנצער מענשהייט. און ניט נאָר טאָמאַס מאַן קען ניט טראָגן קיין פאַראַנטוואָרטלאכקייט פאר היט־לער׳ן, נאָר אויך מיליאָנען און מיליאָנען דייטשע ארבעטער און אינ־טעליגענטן דאַרפן ניט און ווילן ניט טראָגן דידאָזיגע פאַראַנטוואָר־טונג.[22]) און אויב טשעמבערלעין טראָגט יאָ פאַראַנטוואָרטלאַכקייט פאַר׳ן

---

17) וואו איז טאַקע אייער אַכטונג צו העברעאיש, צו מדרשים און אגדתות, ה׳ ס. קאַן, און ווי איר זאָגט אליין „די טויזנטער פסוקים (וואָס) מיר האָבן אין אונזער קינדהייט איינגעזאפּט אין זיך ?" אָבער אַך, אנטשולדיגט, מיט „קולטור" מיינט איר דאָך נאָר אונזער לעצטן ראָמאַן...

18) און וואָס מכח אייער אייגענעם בונדיסטישן קאַמף געגן ציוניזם און ארץ־ישראל ?

19) אדרבא, ווי אַזוי קענען **מיר** אָרגאַניזירן אונזער כלל עקאָנאָמיש, פּאָליטיש, קולטורעל, אַז ווען **מיר** בויען עפּעס אויף קומען **זיי** און צעשטערן ? נאָך איידער מיר ווערן אין פוילן פטור פון די ענדעקעס קומט היטלער...

20) ס׳איז ניט קיין ליגן. ס׳איז דאָ אין אמת׳ן נאָר איין פּראָבלעם צו וועלכער אַלע פּראָבלעמען רעדוצירן זיך: אידישקייט און גויאישקייט, און פאָלגלאך — איד און גוי.

21) ווען עס קומט צום אידן, כ׳מיין געגן אידן, פארשווינדן אַלע זייערע די־פערענצן. (זע דעם בריוו פון מ. שטיינבערג, א ווינער שריפטשטעלער, א פליכטלינג אין תל־אביב, און וואָס ער זאָגט עדות אויף די איידעלע ווינער, אריינגערעכנט סאָציאַליסטן.)

22) באַמערקט נאָר מיט וואָס פאר אַ לייכטקייט ער איז מוחל די דייטשן אפילו פאר׳ן היטלעריזם און מיט וואָס פאר אַ ביטערקייט ער האָט ערשט גערעדט וועגן אידישע „זינד". **ס׳איז ניט קיין טובה פאר דער מענשהייט צו געבן דעם דייטשישן פאָלק אַ לייכטן געוויסן און מאַכן אים גרינג אויף דער נשמה פאר׳ן היטלעריזב**

וואוקס און פאַרשטאַרקונג פונ'ם פאַשיזם, טראָגן עס אָבער בשום אופן ניט מיליאָנען און מיליאָנען ענגלישע פּראָלעטאַריער און אינטעליגענץ.

יאָ, חיים ליבערמאן ווייסט עס אלץ, ער איז דאָך א מיטארבעטער פון א צייטונג, וואָס האלט זיך פאַר אַ סאָציאליסטישע, און אין זיין בראָשור איז טאַקע פאראן א קאַפּיטל וועגן סאָציאליזם. איז אבער די צרה, וואָס דאָס דאָזיגע קאַפּיטל האַלט... גענויע צוויי און א האלב שורות, און לייענט זיך אזוי: „און וואָס זיי האָבן געמאכט פון קריסטנ־טום, דאָס האָבן זיי אויך געמאַכט פון דעם סאָציאליזם.”[23] און שלוס — פונקטום. זיי — די גויים האָבן קאַליע געמאכט דעם סאָציאליזם. אפּנים, דער סאָציאליזם איז אויך איינע פון גאָט'ס שליחות'ן, וואָס ער האָט דער וועלט „געשיקט דורך אונז”, בני ישראל.[24] דער סאָציאליזם איז אונזערער, זיי האָבן אים אוועקגעפּטרט. מיר זיינען די אייביגע העלדן. „אונזער העלד איז דער איד, וואָס האָט אין די פלאַמען פון שייטערהויפן זיך פאַריכט די יאַרמולקע אויפ'ן קאָפּ”. קיין גרעסערע העלדן האָבן מיר ניט געהאט. און זיי — אודאי ניט. זיי האָבן בכלל דאָך „זיך גענומען די ערד”, זיי איז ניט געלעגן אין זינען צו קעמפן פאַר קיינע שום אידעאלן און עולם־הבא, זיי האָבן ניט געוואוסט פון קיין שייטערהויפנס פאר זייערע בעסטע זין, זיי האָבן ניט געהאט און פארמאָגן אויך איצט ניט קיינע שום העלדן... נאָר מיר, רק מיר, אַלץ מיר, שטענדיג מיר. „דער גאַנצער סאָציאליזם איז נאָר אַ מאָ־דערנער פּירוש אויף דער תורה... די וואַנט פון דער קאָמונע איז אַ וואַנט פון בית המקדש”... און — „ניטאָ קיין תורה ווי די תורה!”

---

עריקאַ און קלאַוז מאַן, די קינדער פון טאָמאַס מאַן, אין זייער בוך „דאָס אנדערע דייטשלאַנד” (1940) שרייבן: **ס'איז ניט אזוי פּשוט צו זאָגן אז דייטשלאַנד און דער היטלעריזם זיינען צוויי באַזונדערע זאַכן**... און טאָמאַס מאַן איז דער ליטע־ראַרישער אפּיטרופּוס פון עריקאַ און קלאַוז, און דאָס מיינט אז ער איז מסכים מיט זיי.

און היינריך היינע האָט אויך געקענט די דייטשן אביסל בעסער ווי גנאָסע קאַזשדאַן.

23) וואָס זשע, אין רוסלאַנד האָבן זיי טאַקע געמאכט פון דעם סאָציאַליזם אַזאַ שיינעם תכלית? אויסערדעם איז אַחוץ די $2\frac{1}{2}$ שורות האָב איך געגן קאָמוניזם געשריבן א בוך „שדים אין מאָסקווע” און ארום פינף הונדערט לייט־ארטיקלען אין „פאָרווערטס” אין די לעצטע צען יאָר.

24) אודאי און אודאי. יעדער חדר־אינגל ווייס עס און יעדער דערוואַקסענער וואָס פאַרשטייט אידישקייט ניט ווייניגער ווי א חדר־אינגל.

אַט דאָס איז זי, די שעדלאכע בראָשור, וואָס דעמאָראַליזירט אונזערע רייען . עס איז ראַסן־פּראָפּאַגאנדע אויף דער לינקער זייט. אידישלאַכע ראַסן־פּראָפּאַגאנדע.[25]) מיר און זיי, און מער גאָרניט.

* * *

דער פּראַקטיש־פּאָליטישער אויספיר פון אַזאַ „פילאָזאָפישער" איינשטעלונג איז קלאָר. דער מחבר פאָרמולירט עס אזוי:

„מיר האָבן אַ רגע אין אונזער געשיכטע זיך טועה געווען: מיר האָבן געמיינט, עס האָט שוין אָנגעהויבן צו טאָגן. נאָר ס'איז געווען אַ פאַלשער באַגינען. ווי אַ קרעט האָבן מיר ארויסגעשטעקט דעם קאָפּ, געמיינט דער פרילינג איז שוין דאָ, ערשט די אַלטע שטורעמס האָבן זיך אויף דאָס ניי צושפּילט. וועלן מיר זיך צוריק ארייַנציען אין דער נאָרע פון אונזער נשמה און וואַרטן אויף טאָג".

איר וואונדערט זיך, אייגנטלאך: וואָס איז עס פאר א טאָג? פון וואַנען וועט זיך עס אָט דער „טאָג" נעמען? אָט פון זיי, פון יענער גאַנצער וועלט פון רשעות און פון צלם, פון „די בית־הכסאס אין די נאַצישע הערצער?" אונזער מחבר ווייסט אָבער דאָך, אז „דאָס בייז איז פאַרבייגייענדיג". „אזוי האָבן מבטיח געווען די נביאים", „אזוי האָט גאָט געזאָגט: מיר האָבן עס אליין געהערט!" אויף גאָט און די נביאים פאַרלאָזט ער זיך. עס וועט מקוים ווערן, עס וועט קומען דער טאָג.

אָבער דערוויל, אידעלאך, אין די נאָרעס אריין! מישט זיך ניט אין קיין שום זאַך, האַלט זיך אין גאָט און אין דער תורה![26]) קדושים תהיו![27])

יאָ, צווישן אמת־נאַציאָנאַלן פּאַטאָס — און נאַציאָנאַליסטישן קוואַטש איז איין־איינציקער טריט.[27])

---

25) „אידישלאַכע ראַסן־פּראָפּאַגאנדע" איז א סתירה אין די ווערטער גופא. אויב ס'איז נאָר אידישלאַך קען עס ניט זיין קיין ראַסן־פּראָפּאַגאַנדע. אידישקייט איז די מענשלאכקייט וואָס באַרירט זיך מיט געטלאכקייט.

26) פאַרקערט, אומעטום אריינטראָגן דעם גייסט פון אונזערע נביאים און מיט זייער כח רופן צו יענעם „טאָג".

27) וואָס דען — טמאים?

28) און צווישן חכמה און נאַרישקייט אויך...

„פרייע ארבעטער שטימער" (נויאָרק)

# ראַסיזם אויף דער לינקער זייט

פון

## י. ראַפּאַפּאָרט

שוין לאַנג האָט דאָס אידישע פאָלק ניט איבערגעלעבט אַזאַ חורבן, ווי היינט. און דער חורבן איז באַזונדערס גרויס דערמיט, וואָס די האראסקאפּן פאַר אונזער נאָנטסטער צוקונפט זיינען גאָר ניט קיין פריילאכע. צרות, באַזוימטע מיט האָפנונגען, איז פאָרט לייכטער אַריבערצוטראָגן.

ביי אַזאַ לאַגע איז קיין וואונדער ניט, וואָס אונזער צער שרייט ארויס פון אונז, וואָס מיר שליידערן אין פּנים דער וועלט אונזער האַרב וואָרט (זי האָט עס כשר פאַרדינט). אָבער אלץ מער און מער דיכטער און פּובליציסטן אונזערע גייען ארויף אויף א שעדלאכן וועג, בעת זיי דריקן אויס אונזער צער און פּראָטעסט: זיי זיינען צו אומ־גערעכט צו דער וועלט און צו לייטזעליג צו זייער אייגן פאָלק. סיי ליבע און מיטלייד, סיי האַס און פאַראַכטונג מאַכן בלינד; און די אויבנדערמאָנטע אידישע דיכטער און פּובליציסטן זיינען טאָפּלט בלינד: פון ליבע און מיטלייד צו זייער געפּלאָגט פאָלק און פון שנאה און פאַראַכטונג צו דער פאַרפאָלגנדער און גלייכגילטיקער וועלט.[1]

איך האלט דידאָזיגע טאָפּלטע בלינדקייט ניט נאָר פאַר ניט גערעכט, נאָר אויך פאַר שעדלאַך. און דערפאַר וויל איך אַביסל גענויער זיך אָפּשטעלן אויף איינעם פון די בולט'סטע אויסדרוקן פון דער שנעל־זיך־פאַרשפּרייטנדיגער טאָפּל־בלינדקייט: אויף דער בראָ־שור פון באַקאַנטן קריטיקער און פּאָלעמיסט חיים ליבערמאַן — „אין טאָל פון טויט".

חיים ליבערמאַן האָט בכלל א נייגונג צו מליצה, צו שיין־שרייבעריי, אָבער אין דאָזיגן קליינעם ביכעלע איז ער אריבערגעוואַקסן, אין דאָזיגן פּרט, זיין אייגענעם קאָפּ. איך האַלט דאָס ניט פאַר קיין צופאַל. ביי אַנדערע ארבעטן איז די מליצה בלויז א צוגאָב, אַן אָרנאַמענטיק,

1) טאָ שטעלט אָן אייערע אויערן צו הערן ווי אַ נייער שלמה וועט דאָ משפּט'ן און וועט ווייזן ווי מ'דאַרף זיין גערעכט צו די פאַרפאָלגער און שטערנג צו די פאַרפאָלגטע. ביי א וועלט־משפּט צווישן אידן און גוים וועלן די גוים, אויב זיי וועלן שכל האָבן, אָנשטעלן נאָר לינקע אידן פאַר זייערע אַדוואָקאַטן.

אָבער דאָ, וואו זי האָט כמעט ניט געהאַט ביי וואָס צו זיין א צוגאָב, האָט זי געמוזט פארנעמען דעם גאַנצען ליידיגן שטח. „אין טאָל פון טויט" איז דאָ זייער אַ הויכער טאָן, זייער א הויכער סטיל, אָבער א זייער נידעריגער אינהאלט: פרעטענזיע אויף א נביא'ישן טאָן ביי א גלייכצייטיגער פליגללאַזיקייט פון געדאַנק (וואָס דאָס איז שוין גאָר־ניט נביאי'יש).

**
*

גלייך דער ערשטער ארויספאָר, דער ערשטער אַקאָרד, איז פאַלש, אומבאַרעכנט:

„גאָט האָט באַשאַפן א וועלט מיט געשאַנק און ברכה פאַר אַלעמען; ערד און וואַסער, זון און לופט די והותר, קאָרן און ווייץ לרוב, און א קאַרטאָפל פאַר יעדערן, און א דאַך איבער יעדן קאָפּ, און פּאָדים געגנוג ארומצואוויקלען יעדן גוף עטלאכע מאָל. גאָט האלט מיטן מענשן, ווען דער מענש וואָלט נאָר געהאַלטן מיטן מענשן"...

איך וועל זיך ניט שפּאָרן מיט חיים ליבערמאַנ'ען וועגן דער ערד מיט'ן וואַסער, וועגן דער זון מיט דער לופט, אָבער וואָס שייך דעם קאָרן און דעם ווייץ, דעם דאַך איבערן קאָפּ און דעם פּאָדים אויף ארומ־צוואוויקלען זיך — ניין, בנוגע דעם קאָן איך ניט מסכים זיין מיט ליבערמאַנ'ס פּאַראיינפאַכטן מעטאָד: ווען גאָט וואָלט טאַקע אַלץ געשאַפן אין אַזאַ שפע, וואָלטן די מענשן, האָף איך, ניט געווען פאַר־וואַנדלט די וועלט אין „אַ טאָל פון טויט". די צרה איז אָבער, וואָס דעם קאָרן און דעם ווייץ און די אנדערע גוטע, נויטווענדיגע זאַכן מוזן שאַפן מענשן אין שוויס פון זייער פנים, און א טייל פון זיי האָט זיך שנעל ארומגעזען, אַז עס איז לייכטער און אנגענעמער צוצונעמען פאַר זיך די פּרוכט פון יענעמס ארבעט, ווי צו עסן פון אייגענער.[2]

„מיטן רעכטן פוס", זאָגט א אידישע ברכה. און די ברכה איז זייער אַ וויכטיגע, ווייל אלץ ווענדט זיך אין ערשטן טריט. און לי־בערמאַנ'ען איז געשען א שטרויכלונג: ער האָט דעם ערשטן טריט אין זיין בראָשור געמאכט ניט מיט דעם רעכטן פוס: אנשטאָט אריינ־צוטרעטן אין איר מיטן געדאַנק, איז ער אריינגעשפּרונגען אין איר מיט מליצה, און דער רעזולטאט איז א פאַטאַלער. די מליצה איז דאָ

2) אָט אויף דעם קלאָגט דאָך דער נביא...

ווי אַ שנײ־קויל, וואָס וואַקסט און וואַקסט פון בלויזן לויפן באַרג־אַראָפּ.

„זעכצן מיליאָן אידן זײנען מיר, צושפּרייט איבער דער גאָרער ערד, א נעץ מיט זעכצן מיליאָן אויגן (צו איין אויג אויף א אידן ?—י. ר.), און קיין איינע ניט אָן א טרער.״ [3]

די קלענסטע כראָניק־נאָטיץ וועגן א צושלאָגענעם אידן ווירקט מער, ווי דידאָזיגע בלעכענע מליצה. מען פילט איר פּוסטקייט און פאַלשקייט. זײנען טאַקע ניטאָ קיין אידן אָן טרערן אין די אויגן (אפילו אָן מיטגעפיל אין הארצן ?) און וויפיל פון די טרערנדע אידישע אויגן זײנען ארויסגערופן דורך — אידן ?

ווייטער: „יעדע באַשעפעניש לעבט וואו מ׳הייסט איר. אונז איז געהייסן געוואָרן צו לעבן איבער דער גאנצער וועלט״. דידאָזיגע „פילאָזאָפיע״ איז שוין צו פרימיטיוו, זי זאָל ניט שאָקירן.

ווי מיר זעען, איז דאָ די שפּראַך ניט קיין מיטל אויף אויסצודריקן געדאַנקען, נאָר כמעט א ציל פאַר זיך. אריינקוועטשן דעם טראַגישן פלאָנטער פון דער אידישער געשיכטע אין אַזאַ סתם־ווערטערדיגן זאַץ: „אונז איז געהייסן געוואָרן צו לעבן איבער דער גאַנצער וועלט״ — איז ניט נאָר ניט ריכטיג, נאָר פּשוט געשמאַקלאָז. [4]

אָבער דאָס אלץ איז נאָך בלויז אָן אריינפיר, — דער עיקר קומט ווייטער, ווען עס הויבט זיך אָן דער וויכוח מיט דער וועלט.

***

דער וויכוח מיט דער וועלט ווערט געפירט אויף זייער אָן אײנפאַכן אופן: מיר זײנען גאָלע צדיקים, זיי — גאָלע רשעים. [5] „ביי אונז

---

3) שוין געהערט די „חכמה״ פון אנדערע. זע באמערקונג 2, זייט 222.

4) דאָס וואָס אידן, דורך זייער היסטאָרישן גורל, זײנען צושפּרייט געוואָרן איבער דער גאַנצער וועלט, ליפערט דעם גרעסטן היסטאָריש־פּראַקטישן באַווייז פאַר אַלע פעלקער פאַר׳ן אידעאַלן אינטערנאַציאָנאַליזם. פאַרוואָסזשע איז עס א „פּרימיטיווע פילאָזאָפיע״ און אזוי „געשמאַקלאָז״ צו זאָגן אז „מיר זײנען די ערשטע וועלט־מענשן״ ?

היטלער און סטאַלין האָבן זיך געביטן מיט באַפעלקערונגען: אויסגעריסן הונדערטער טויזנטער מענשן פון אַלט־אײנגעזעסענע ערטער און זיי צונויפגעזאַמלט צו זייערע „בלוט־ברידער״. דערביי האָט סטאַלין פאַרגעסן אָן דער סאָציאַליסטישער לערע, אז „דער ארבעטער האָט ניט קיין פאָטערלאנד״. איז דאָס זאָל עס זיין מאָדערן ? אין מיינע אויגן איז עס נאָר נאָך א באַווייז פאַר דעם חילוק צווישן אידישקייט און גויאישקייט.

5) דער גרעסטער מוסטער פון שרייבן איז דער תנ״ך. און ווען ישעיה זאָגט:

זיינען אלע אייגענע, ביי זיי זיינען אלע פרעמדע. מיר ווילן פאר אלע־מען, זיי ווילן פאר זיך", און אזוי כסדר.

מיר האָבן צו מאַנען ביי דער וועלט א גרויסן רעכענונג, אָבער איך בין זיך מודה ומתודה: ווען איך בין דער ריכטער און מען קומט צו מיר מיט'ן גרויסן אידישן רעכענונג אויסגעשטעלט לויט חיים ליבערמאנ'ס מעטאָד, וואָלט איך גע'פסק'נט, אז ער איז א פאלשער. דער וואָס מאָנט צופיל, פארלירט דאָס רעכט אויך אויפ'ן שפּאָרן ביסל, וואָס אים קומט.

ווארום ערשטנס: ווער זיינען דער „מיר" און ווער זיינען דער „זיי"? „מיר" — אידן, און „זיי" — גוים? אויב אזוי, שווער איך ביי דער הייליגער תורה, אז עס זיינען פאַראַן זייער א סך אידישע גוים און נאָך מער — גוי'אישע אידן.[6])

ליבערמאן פירט דאָך איין דעם ראַסיזם אויף דער לינקער זייט. „זיי" זאָגן, אז אלץ, וואָס שלעכט, איז אידיש, זאָגן „מיר", אַז אלץ, וואָס שלעכט איז — גוי'איש. דאָס הייסט דאָך אָבער שוין צו איינפאך מאַכן די פּראָבלעמען פון דער וועלטס הומאַניזירונג.

ליבערמאן איז שטאָלץ מיט דעם, וואָס אין אונזער תורה געפינען זיך די וויכטיגסטע הומאַניטאַרסטע געזעצן: „איין געזעץ פאַר איך און פאַר'ן פרעמדן", פאַרמולירט עס אין אידיש ליבערמאן. און ער גיט צו (א קלאַפּ טועגדיג ניטשע'ס „מאָראַל פון די קנעכטן"):

---

„הוי גוי חטא" פארכאפּט ער זיך ניט באלד און גיט־צו: מיט דער אויסנאם פון די ערלאכע; און ווען ירמיה זאָגט אין גאָט'ס נאָמען: „כה אמר השם אל דרך הגוים אל תלמדו", שטעלט זיך גאָט אויך ניט אָפּ צו דערמאָנען אז פון גוטע גוים מעג מען יע עפּעס לערנען...

היינט ווען איך וויל עפּעס שרייבן, קאָלעגע ראַפּאָפּאָרט, ביי וועמען זאָל איך זיך בעסער לערנען, ביי גאָט אָדער ביי ראַפּאָפּאָרט'ן?

און דער אמת איז אז די גאנצע טענה איז—געקראָכן אויף די גלייכע ווענט. אין ביכל שטייט: „און אויב מיר האָבן געזינדיגט — מיר זיינען געווען די וואָס האָבן געזאָגט אין צדיק אשר לא יחטא — וואָס זיינען אונזערע זינד געגן זייערע? מיר זיינען דער ריינסטער קיבוץ אין דער ציוויליזירטער מענשהייט... א אידישער יחיד טראָגט זיין אייגענע אחריות, דער אידישער כלל איז אָן זינד". און אז דער אידישער כלל איז אָן זינד איז דער שרייבער אליין מודה, אין דעם ארטיקל ווייטער. וואָס זשע ווערט פון דער טענה אז „מיר זיינען גאָלע צדיקים, זיי — גאָלע רשעים"?

6) ריכטיג. מיין ווייב, סאָניא גורסקא, האָט א פיין ווערטל: א גוטער גוי איז א איד, אַ שלעכטער איד איז אַ גוי.

„ניט קיין המצאה פון שוואַכע איז עס געווען, נאָר דערקענונג פון שטאַרקע, און אַ פליכט פון געראַכטע״.

איך וויל דאָ ניט אריינגיין אין טיפע חקירות, צי איז די פאָרמו־לירונג פון אונזער תורה (מיט וועלכער אויך איך שטאַלציר, ווי מיט אַן אויסדרוק פון דער מענשלאַכער הומאַניטאַריזירונג) איז טאַקע ארויסגעשפּרונגען פון אונזער בלוט (אויב ניט אראָפּגעשפּרונגען פון באַרג סיני) אָן שום צושטייער פון פריערדיגע פעלקער און הומאַני־טאַרע גאונים, ווי האַמוראַבי,[7] למשל, אָבער צי דען וויל טאַקע לי־בערמאַן אוועקשטעלן אַ גלייכונגס־צייכן צווישן דער דערקענונג און דער אויספירונג? מיר האָבן טאַקע פרי דערקענט גרויסע אמת׳ן, אָבער צי האָבן מיר זיי אויסגעפירט? וואָס איז דען דער גאַנצער איבערמענשלאַכער געשריי פון די נביאים, אויב ניט פאַרצווייפלונג, וואָס די דערקענטניש בלייבט אין דער תורה און ביי יחידים און האָט ניט קיין ווירקונג אין לעבן פון יחיד און פון כלל?

עס איז ניט ריכטיג, אַז „זיי האָבן זיך גענומען די ערד און מיר האָבן גענומען דעם הימל״. פונקט ווי ליבערמאַן זעט בלויז די אידישע ליידן, די אידישע קרבנות פון היטלערישן באַרבאַריזם, אַזוי זעט ער אויך בלויז די אידישע צדקות, די אידישע הומאַניטאַרע דערקענטעניש, אָבער די צדקות און דעם הומאַניזם פון די חסידי אומות העולם זעט ער ניט, און ווען יאָ — מאַכט ער זיי צו קליינ־געלט. די אידישע צדקות פאַרדעקט פאַר אים די גאַנצע אידישע שמוץ, אָבער די גוי׳אישע שמוץ פאַרדעקט די גאַנצע גוי׳אישע צדקות און הומאַניטעט. עס איז אַן אומרעכט און נאַריש צו זאָגן, אַז „מיר האָבן געהאַט נביאים, ווייל דאָס גאַנצע פאָלק איז נבי׳איש״,

---

7) ס׳איז ניט ארויסגעשפּרונגען פון אונזער בלוט (דאָס איז ראַסיזם), אויך ניט „אראָפּגעשפּרונגען״ פון באַרג סיני, נאָר געגעבן געוואָרן פון באַרג סיני. וואָס איז שייך האַמוראַבי׳ן איז עס מאָדנע וואָס אַלע אונזערע ניט־גלויביגע גלויבן דוקא אין דער דייטשישער ביבל־קריטיק. אָבער פון וועמען האָט די וועלט געלערנט די „מענשלאַכע הומאַניזירונג״ — פון האַמוראַבי׳ן צי פון דער תורה? און זאָל י. ראַפּאַפּאָרט ארויפלייגן די האַנט אויפ׳ן הארצן און זאָגן: האָט ער נאָך ביז היינטיגן טאָג געזען „האַמוראַבי׳ן״? ווי עס קומט צו דער תורה כאַפּן זיך אונזערע מאָדערניסטן צו דער „הייליגער״ געשיכטע, כאָטש יעדער דור שרייבט די געשיכטע אנדערש. דאָס אומגליק איז וואָס די תורה איז ביי זיי געשיכטע און די געשיכטע איז ביי זיי תורה.

און גלייכצייטיג שטעמפלען די גאַנצע וועלט אלס היטלעריסטיש, ווייל זי האָט ארויסגעבראכט א היטלער׳ן.

***

„אַ אידישער יחיד טראָגט זיין אייגענע אחריות, דער אידישער כלל איז אָן זינד", פּראָקלאַמירט ליבערמאן דעם פּרינציפּ פון אידישער זינדלאָזיגקייט — „אין די פיר טויזנט יאָר פון אונזער געשיכטע איז ניטאָ קיין טאָג וואָס מיר דאַרפן זיך שעמען מיט אים".

עס וואָלט באמת געווען א חרפה צו פּאָלעמיזירן מיט אַזאַ זינלאָזער ראַסן גאווה, ווען דאָס וואָלט ניט אָנגענומען די דראָענדע פאָרם פון א מגפה אין אונזער פּרעסע.

געוויס, דער אידישער כלל, ווי אזעלכער, האָט ווייניגער געזינדיגט פאַר אַנדערע, אָבער ניט צוליב דעם, וואָס דאָס גאַנצע פאָלק אונזערס איז נביא׳יש, נאָר פשוט דערפאר, ווייל מיר האָבן געהאט ווייניגער מעגלאכקייטן צו זינדיגן.[8] אין דער צייט פון דער אידישער אומאָפּהענגיגקייט אין ארץ ישראל האָבן מיר גאָר נישקשהדיג געזינדיגט. איך האָב זיך נאָך אלס אינגל שטאַרק געשעמט מיט פארשיידענע מעשים פון דוד המלך.[9] און אויב אונזער כלל האָט ניט אונטערדריקט אין גלות קיין נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, איז דאָס ניט זיין פאַרדינסט, נאָר דער פאַרדינסט פון אַנדערע, וועלכע האָבן אים מיט רשעות געצוואונגען צו זיין א צדיק.[10] דערפאר אָבער האָבן מיר אזעלכע

8) די טענה אז ווען מיר קענען וואָלטן מיר געזינדיגט מיינט אז מיר זיינען סיי־ווי שולדיגע, אויב ניט בפועל איז בכח. דערמאָנט עס מיר אָן אַ מעשה, א מענש איז גע׳משפט געוואָרן פאַר גניבה. די גניבה אליין האָט מען ביי אים ניט געפונען, נאָר שליסלען וואָס האָבן געפּאַסט צום הויז וואו די גניבה איז געשען. ביים ארויסגעבן דעם פסק האָט דער ריכטער געזאָגט : די גניבה האָט מען ביי דיר טאַקע ניט געפונען אָבער מ׳האָט ביי דיר געפונען די כלים פאַר דער גניבה.

רופט זיך אָן דער אָנגעקלאָגטער : אויב אזוי פאר׳משפט מיך שוין פאר פארגוואַלטיגונג אויך...

9) נתן הנביא איז שוין אייך פארלאָפן דעם וועג, קאָלעגע ראפּאָפּאָרט. אויסער דעם האָט דוד טאַקע געקראָגן זיין פסק : ער האָט ניט געטאָרט בויען דעם בית־המקדש. עפּעס א קלייניגקייט — ניט טאָרן בויען דעם בית־המקדש ? אָבער ביי „זיי" בויען די טעמפּלען דוקא די צעזאַרס, די צאַרן, און די קאַיזערס. און די טאָרקוועמאדאָס.

10) איז ער שוין דערווייל אליין מודה אז יענע זיינען די רשעים און מיר די צדיקים. און אביסל ווייטער אין ארטיקל זאָגט ראפּאָפּאָרט : „עס וועט קיינער ניט לייקענען אז אין א געוויסער צייט האָבן זיך דידאָזיגע (נביאישע) פונקען באַ־

קאַפּיטלאַך ווי די כאַפּערס, די מוסרים, די בעלי־טאַקסע און די קהל׳שע גנבים [11] מיט׳ן אויסנאַם פון ריין־מלוכה׳שע פאַרברעכנס, באַגייען מיר, אלס כלל, אַלע פאַרברעכנס, וואָס טרעפן זיך ביי אַנדערע: מיר האָבן בלוטזויגערס און ביוראָקראַטן, גנבים און אלפאָנסן, צבוע׳קעס און אונטערלעקערס. און עס איז פאַר קיינעם קיין סוד ניט, אַז ווען די נאַציס וואָלטן ניט געווען אַנטיסעמיטיש, וואָלטן אַ גרויסע טייל אידן גאַנץ געלאָסן צוגעזען, ווי דער היטלעריזם פייניגט די דייטשישע אַרבעטער־באַוועגונג. ניט נאָר זשאַבאָטינסקי׳ס לייט וואָלטן אים אַפּלאָדירט, נאָר אויך די אידישע „אגודה" און די אידישע פּלוטאָ־קראַטיע, וואָס זיי ווינען איצט, לויט ליבערמאַנ׳עך, מיט איין אויג אויפ׳ן אידישן אומגליק, און מיט׳ן צווייטן קוועלן זיי פון היטלער׳ס אָרדנונג, וועלכע ער פירט איין אויף דער וועלט.[12]

צי ווייס דען ניט ליבערמאַן, וועלכער שילדערט מיט אזוי פיל ניט־ווירקנדער מליצה די גרויזאַמקייט פון חורבן־ווין, אַז צווישן די ווינער אידישע קרבנות זיינען פאַראַן אויך יענע אידן, די געוועזענע אידישע קאָמבאַטאַנטן (מלחמה־וועטעראַנען), וועלכע האָבן פאַרגעלייגט דאָלפוס׳ן זייער דינסטביים דערשטיקן דעם פרייהייט־אויפשטאַנד פון די ווינער אַרבעטער אין 1934? [13]

און ווען עס וואָלט מקוים געוואָרן דער טרוים פון די ציוניסטן וועגן דער מלוכה אין ארץ ישראל, וואָלטן די מזרחי־לייט, די זשאַבאָ־

---

זונדערס העל און שטאַרק פאַנאַנדערגעפלאַקערט ביי אונזער פאָלק. (און ביי וועמען נאָך? — ל.). עס איז אויך אמת אז אַ דאַנק אונזער געשיכטלאכן גורל און אַ דאַנק דעם אידעאישן צעמענט זיינען מיר פילבאַרער געוואָרן אויף יושר און אמת פאַר אַ סך אַנדערע". — טאָ וואָס וויל ער נאָך? ווי בלעם געקומען שעלטן, און בענטשט...

11) די כאַפּערס האָבן מיר ניט געמאכט: דאָס האָט די רשעות פון אַלטן צאַרישן רעזשים ארויפגעצוואונגען אויף אונז אַזאַ פאָרמע פון פּריזיוו. וואָס שייך מוסרים — קיינער האָט ניט געליפערט אזוי פיל מוסרים ווי דוקא די „אויפגע־קלערטע" משכילים, אויף די רביים, חסידים, א. א. וו.

12) אַ בייזער בלבול און נאַרישער קוואַטש.

קוועלן פון היטלערן טוען ניט קיין רבנים נאָר אזעלכע „פרייע" ווי די קאָמוניסטן און אַזאַ אויפגעקלערטער מענש ווי דר. זשיטלאָווסקי וואָס לאָזט די „אידיש־וועלטלאַכע קולטור" פון מויל ניט ארויס, מיט׳ן טראָפּ אויף „וועלטלאַכע".

13) וויפיל פון זיי האָבן געוואוסט עפּעס פון אידישקייט? דאָס זיינען דאָך געווען דערצויגענע אויף דער „דייטשישער קולטור". תורה־אידן וויסן ניט פון ביקס און שווערד.

טינסקי־לייט און די בעלי־גופים פון פתח תקוה און תל־אביב תיכף באַוויזן, אַז דאָס פאָלק, וואָס האָט „אויסגעקליבן דעם הימל", וויס גאַנץ גוט אלע ערדישע שטיק. דאָס גאנצע לעבן אונזערס איז פול מיט פאַקטן, וואָס שלאָגן אין פּנים אריין ליבערמאַנ׳ס אבסטראַקטע, עקר׳דיגע מליצות, מיט וועלכע ער וויל קאָמפּענסירן אונזערע עוולות, אָבער אין דער אמת׳ן פירן זיי אונז בלויז אוועק אויף א שעדלאַכן וועג פון פאַראַלגעמיינערטער, בלינדער שנאה און פאַראַלגעמיינערטער בלינדער זעלבסט־פאַרגעטערונג.

***
***

„ס׳איז שענער פיל אין דייטשלאַנד היינט איד צו זיין ווי דייטש. וואָס איז דען געבליבן נאָך פון שיינעם גייסט היינט אין געטהע־לאַנד אויסער אונזער טרויער־שפּיל? אונזער לייד איבערשטראַלט זייער לייד טאָן, היינט ווי שטענדיג, דאָרט און אומעטום"

אין דידאָזיגע ווערטער ליגט אַ ים אומגערעכטיגקייט און אומבאַוואוסטזיניגקע צביעות.

איך האָב שוין אויבן דערמאָנט וועגן דעם, אז ווען היטלער וואָלט ניט געווען אַנטיסעמיטיש, וואָלט ער די ווייט גרעסטע טייל פון די דייטשישע אידן געהאַט מיט וואָרט און טאַט אויף זיין זייט. אמת, דאָס מילדערט ניט דעם גרויזאַמקייט, אָבער דאָס נעמט צו ביים מאַרטירער דעם אָרעאָל פון הייליגקייט און לאָזט אים נאָר איבער די קרוין פון לײדן, פון אונזער מיטלייד. אָבער אויב חיים ליבערמאַן וויל דוקא אָנטאָן די דייטשישע אידן (אלע! און דוקא — אלס אידן!) א קרוין פון הייליגקייט, טאָ פאַרוואָס איז ער אזוי אומגערעכט לגבי דייטשישע מארטירער פון היטלער־רעזשים? זיי, די אַרישע מאַרטירער, האָבן דאָך יאָ א דירעקטן, ניט פאַרשפּאַרטן וועג צו היטלער׳ן (אַ וועג, וואָס איז פאַר די דייטשישע יאהודים פאַרשפּאַרט), איז אויב עס געפינען זיך אַזעלכע, וואָס ווילן ניט גיין מיט׳ן דאָזיגן וועג און זיי נעמען זיך אנשטאָט דעם מאַרטירערטום, זייגען זיי דאָך אודאי באַשטראַלט מיט׳ן גלאַנץ פון הייליגקייט![14] טאָ ווי אזוי דערוועגט זיך א אידישע האַנט אַנצושרייבן אַזעלכע ווערטער: „וואָס איז דען געבליבן נאָך פון שיינעם גייסט היינט אין געטהע־לאַנד אויסער אונזער טרויער־שפּיל?" בלויז „אונזער טרויער־שפּיל" הערט ליבערמאַן, — דעם טרויער־שפּיל פון די באַרימטע און נאָמענלאָזע אַסיעצקיס

14) חסידי אומות העולם יש להם חלק לעולם הבא.

הערט ער ניט.[15]) פונוואַנעט ווייסט ער דאָס אויף זיכער, אז אין דייטשלאַנד איז גאָרניט געבליבן „פון שיינעם גייסט״? „אונזער לייד איבערשטראַלט זייער לייד טאָן״, שרייט אויס ליבערמאַן. און ער פילט ניט ווי שווידערלאך עגאָאיסטיש עס איז צו פאַרזען זייער לייד, וואָס „איבערשטראַלט זייער לייד טאָן״.

איך ווייס, ליבערמאַן וועט דערויף ענטפערן: „טאָ פאַרוואָס שווייגן זיי?״ וועל איך אים פרעגן: און פאַרוואָס שווייגן מיר? און ניט נאָר דאָרט! האָבן מיר דעם מוט אַרויסצוטרעטן געגן אונזער אייגענער קליינער ביוראָקראַטישער טיראַני פון א „דזשאָינט״ דירעק־טאָר אָדער פון נאָך שוואַכערע געזעלשאַפטלאַכע ראַק־געזעלשאַפטן?[16]) יעדנפאַלס איז דאָך דאָס פאַרבונדן מיט א סך א קלענערער געפאַר, ווי אַרויסצוטרעטן געגן היטלער־רעזשים, און פונדעסטוועגן גיט אונז ליבערמאַן א פולע אינדלוגענציע (מחילה), פאַרוואָס־זשע איז ער אזוי שטרענג לגבי אַנדערע?

עס איז פשוט ווידערווויליג צו לייענען די אומאויפהערלאַכע באַ־רימערייען פון דעם מין אַרטיקלען, צו וועלכן עס געהערן ליבערמאַנ׳ס: אַחוץ אונז אין קיין איין גערעכטער ניטאָ!

וויי און ווינד וואָלט געווען צו אונז (נאָך טויזנטפאַך מער ווי איצט!), ווען מיר וואָלטן געווען די איינציגע מאַרטירער אויף דער וועלט, די איינציגע רעפּרעזענטאַנטן פון גייסט, פון גייסטיגן פּרינציפּ, וואָס ראַנגלט זיך מיט׳ן מענשן זייט ששת ימי־בראשית פאַר דער הער־שאַפט איבער אים.

„מיר זיינען דער געשאַף פון אן אידייע, — זאָגט ליבערמאַן. — אַן אידייע האָט אונז אַנגענומען פאַר די האָר און שליידערט אונז פון יאָר־טויזנט אין יאָר־טויזנט אריין״. אויב ליבערמאַן מיינט מיט׳ן „מיר״ — די מענשן, די מענשהייט, בין איך מסכים מיט אים. אָבער אויב ער מיינט אויף אַן אמת, אז בלויז מיר אידן זיינען אַ באַשאַף

15) די זאַכן פאַר וועלכע די אַסיעצקיס האָבן אויסגעקליבן צו ליידן — וואו האָבן זיי זיי גענומען: ביי וואַטאַן און טאָר אָדער ביי די אידן? סיידן ביי האַמוראַבי׳ן... (זע באַמערקונג 7, זייט 154).

16) נישקשה פון א פאַרגלייך: אַ „דזשאָינט״־דירעקטאָר און — היטלער... און פאַרוואָס האָבן מיר ניט דעם מוט אַרויסצוטרעטן געגן זיי? אַט טרעט דאָך ראַפּאָפּאָרט אַרויס...

אָבער מיר וואָלטן קיין דזשאָינט־דירעקטאָר איגנאָנצן ניט געהאַט, ניט קיין שלעכטן און אפילו ניט קיין גוטן, ווען ניט **זייערע** מלחמות, **זייערע** פּאָגראָמען, **זייערע** באָיקאָטן, **זייערע** ענדעקעס און **זייערע** היטלערס.

פון אן אידייע, איז דאָס א פעלשונג פון אמת. ניט „מיר האָבן געהאַט נביאים, ווייל דאָס גאַנצע פאָלק איז נביא׳יש, נאָר מיר האָבן געהאַט נביאים, ווייל אין דער מענשהייט, דעם „באַשאַף פון אן אידייע" זייַנען דאָ נביא׳ישע פונקען, וועלכע גליען זיך פאַנאַנדער דאָ דאָ, דאָ דאָרט. עס וועט קיינער ניט לייקענען, אז אין א געוויסער צייט האָבן זיך דידאָזיגע פונקען באַזונדערס שטאַרק און העל פאַנאַנדערגעפלאַקערט אין אונזער פאָלק, ריכטיגער: אין זין פון אונזער פאָלק. עס איז אויך אמת, אז א דאנק אונזער געשיכטלאכן גורל און א דאנק דעם אידייאישן צעמענט זייַנען מיר פילבאַרער געוואָרן אויף יושר און אמת פאר א סך אנדערע, — אָבער לאָמיר ניט באַגיין קיין לעסטערונג און קיין פאַר־ברעך און קיין נאַרישקייט דורך אויסטיילן זיך פון דער גאַנצער מענשהייט. ווען אונזערע גייסטיגע פונקען וואָלטן אויף אן אמת ארויסגעהאקט געוואָרן אין א סביבה פון בלויז זאַמד און וואַסער, וואָלטן זיי שוין פון לאנג געווען אויסגעלאָשן אויף תמיד, ווי עפעס אומנאַטירלאכעס, צופעליג־אומנאָרמאַלעס.

אָבער שאַ — אָט איז אין ליבערמאַנ׳ס בראַשור איין ווידער־שפרוך, וואָס איז מיר ניחא, ווייל ער איז סותר דאָס פריערדיגע אומ־ריכטיגע.

ליבערמאַן רעדט, ווי זיין שטייגער איז, וועגן אונזער ליבע און זייער שנאה. „זאָל עמיצער — זאָגט ער — אין אלע אונזערע ליטע־ראַטורן אין אַלע שפראַכן וויזן, אז מיר טראָגן שנאה אויף עמיצן" (ער פאַרגעסט דעם מענשלאכן, מעכטיגן „שפוך חמתך", וואָס האָט אזויפיל דורות געריניגט פסיכיש פון אומבאהאָלפענעם, צופרעסנדיגן צאָרן, וואָס איז געווען א מין קאַטאַרזיס (אויסוועג, באפרייאונג) פון גערעכטער שנאה:[17])

„נאָר אונזער שטראָם פון ליבע פליסט צווישן ברעגן פון שנאה. מיר האָבן געפלאַנצט א רויז און ס׳איז געווען אין שניי"...

---

17) ווי דערלעבן „מיר" שוין אז „זיי" זאָלן אויך געפינען באפרייאונג פון זייער צאָרן און שנאה דורך זאָגן אַ „שפוך חמתך" און ניט דורך נוצן זייערע הענט? מיר לאָזן עס איבער צו גאָט, אבער זיי פארלאָזן זיך ניט אויף גאָט אין אזעלכע זאַכן.

אָבער מיר שעמען זיך דוקא ניט צו זאָגן, אז מיר האַלטן פון נקמה. אויפ׳ן „אל נקמות השם", „נקמה" מיט גאָט׳ס נאָמען פון ביידע זייטן, זאָגט די גמרא (ברכות ל״ג) במילתא מיהא גדולה היא — במקום שצריכה נקמה דבר גדול הוא (רש״י): וואו נקמה איז נויטיג איז זי אַ גרויסע זאַך. נאָר די גוים ריידן פון ליבע און גיבן ניט, און מיר ריידן פון נקמה און נעמען ניט.

ביז איצט איז ליבערמאַן אין אָרדנונג, אויב ניט לגבי דעם אמת און דער לאָגיק, איז, לכל הפחות, לגבי זיין בראָשור... אָבער מיט־אַמאָל פאַלט ער אריין אין אַ מחיה׳דיגער סתירה:

„פאַרניכטן דעם אידישן גייסט, אַז ער איז אריין אומעטום, אין הערצער, הייזער, לענדער, פעלקער, א הייליגער אויפרור אין דער וועלט?" [18])

איז הייסט עס, ניט אמת, וואָס ליבערמאַן זאָגט העכער: „וואָס איז דען זייער גאַנץ לעבן? אַ שלעכטע אידישע איבערזעצונג".

אויב אַ שלעכטע איבערזעצונג, איז דאָך ניט קיין „הייליגער אויפרור" און אויב א „הייליגער אויפרור" איז דאָך ניט קיין שלעכטע איבערזעצונג?

אָבער איך האָב קיין טענות ניט, ווי געזאָגט, פאַר דערדאָזיגער סתירה[19]) — איך וויל בלויז, אַז ליבערמאַן זאָל ציען די נויטיגע קאָנסעקווענצן דערפון. אויב אונזער גייסט האָט אין דער פולשטענ־דיגער גייסטלאָזיגקייט פון דער וועלט פאָרט ארויסגערופן צום לעבן אַן אומבאַזיגבארן „הייליגן אויפרור", וואָס אים וועט, סוף־כל־סוף, באַשערט זיין צו באַזיגן היטלער׳ן, טאָ צו וואָס זאָלן „מיר זיך צוריק אריינציען אין דער נאָרע פון אונזער נשמה און וואַרטן אויף טאָג", כדי „צו זינגען דאָס געזאַנג פון דיין אונטערגאנג, פאַשיסט!" איז עס דען ניט צו עגאָאיסטיש צו ליפערן דער וועלט וואפן פון גייסט, אויפוועקן דורך זיי א „הייליגן אויפרור" און צוריקציען זיך „אין דער נאָרע פון אונזער נשמה" ביז אַנדערע וועלן באַזיגן דעם פאַשיזם און מיר זאָלן קאָנען „זינגען דאָס געזאַנג פון דיין אונטערגאנג, פאַשיסט"?

ליבערמאַן איז פול פּאַטאָס, ווען ער רעדט וועגן אידישן גייסט און וועגן דער אידישער געשיכטע, אָבער מיר דאַכט, אז אין זיין מליצה־געיעג האָט ער געוואָרפן שווערערע שטיינער אין דער אידישער גע־שיכטע, ווי א סך געגנער אונזערע:

„מיר האָבן א רגע אין אונזער געשיכטע זיך טועה געווען: מיר האָבן געמיינט, עס האָט שוין אָנגעהויבן צו טאָגן. נאָר סאיז געווען א פאַלשער באַגינען. ווי א קרעט האָבן מיר ארויסגעשטעקט דעם קאָפּ, געמיינט דער פרילינג איז שוין דאָ. ערשט די אלטע שטורעמס האָבן זיך אויף דאָס ניי צושפּילט. וועלן מיר זיך צוריק אריינציען אין דער נאָרע פון אונזער נשמה און וואַרטן אויף טאָג".

18) דאָ זיינען טאַקע געמיינט געוואָרן די אַסיעצקיס, די רוזוועלטס, די וויליאם גרינס (זע באמערקונג 22, זייט 266).

19) דאָס איז ניט קיין סתירה. דאָס ווייזט נאָר אַז ראַפּאָפּאָרט האָט ניט גע־וואוסט וואָס ער לייענט.

מיר דאַכט, אז ליבערמאַן טראַכט אויס אַ בלבול אויף אונז און אונזער געשיכטע. מיר האָבן, צוגלייך מיט אַלע אַנדערע, צוגעהאָלפן צום אָנקום פון טאָג, און אויב מיר אַלע האָבן זיך אָפּגעגעבן ווענן אָנקום פון פרילינג,ליידן מיר, צוגלייך מיט אַלע אַנדערע, וועלכע בענקען נאָך אים און דאַרפן אים האָבן פאַר זייער גליק. און מיר וועלן ניט וואַרפן אויף זיי די גאַנצע שולד און אין אונזער כלומרשטן אומשולד „אריינציען זיך צוריק אין דער נאַרע פון אונזער נשמה", כדי צו וואַרטן איף דעם אמת'ן פרילינג. ניין, מיר האָבן צוגעגרייט דעם פרילינג־צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע. מיר האָבן זיך אָפּגעגעבן — צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע. מיר ליידן — צוזאַמען מיט אַלע אנדערע (ליידן מיר דען מער ווי די שפּאַניער, ווי די כינעזער, ווי די אביסי־ניער, ווי די ארמעניער, ווי די דייטשישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן אין סודעטן־געביט א. א. וו., א. א. וו.?), און מיר דאַרפן צוגרייטן דעם אמת'ן טאָג, ניט בלויז וואַרטן אויף אים.

מיר ליידן שווער. מיר ווערן דערנידעריגט און געפּייניגט, און מיר האָבן רעכט אויף אויסצושרייען אונזער צער, אונזער פּראָטעסט, אונזער צאָרן. אָבער אויב מיר ווילן, אז מיר גופא און אנדערע זאָלן האָבן אכטונג צו אונזער צער און צאָרן, טאָרן מיר ניט ווערן היס־טעריש און אויסבאהאלטן אונזער עגאָאיזם און פּחדנות אונטער א מענטעלע פון מליצה־דיגן אתה־בחרת'ניזם און גאווה'דיגער צופּיעס־טשעטקייט.

**
*

איז דען אין ליבערמאַנ'ס בראַשור ניטאָ קיין שום ריכטיגס? חס־ושלום!

אַ סך פּאַרוואורפן זיינע דער וועלט זיינען ריכטיג און ווייטאָגדיג מיט זייער אמת'דיגן אויסדרוק. ווען ער זאָגט: „זיי קומען קיין עוויאַן, די קעשענעס אָנגעשטאָפּט מיט לענדער, און וויינען, זיי האָבן ניט קיין טראָפּט(?!) פאַר א מידן אידישן פוס", איז ער גערעכט און דאָס גערעכטע איז בולט אויסגעדריקט; און דאָסזעלבע איז מיט א סך אנדערע פּאַרוואורפן. אָבער דאָס גערעכטע ווערט פאַרטרונקען אין פאַלשעס און דער אויסדרוק פונ'ם שלעכטס — אין ווילדער מליצה. אָבער דער עיקר ליידט די בראַשור א פולשטענדיגן דורכפאַל צוליב דעם, וואָס דער קאַמף פון רעכט געגן אומרעכט ווערט ביי אים שלעכט פאַרטיילט: אנשטאָט ווי א קאַמף צווישן אלוועלטלאכן רעכט געגן

אלוועלטלאכן אומרעכט, האָבן מיר ביי ליבערמאַנ׳ען אַ קאַמף צווישן אידישן רעכט און אלוועלטלאכן אומרעכט. דאָס גאַנצע רעכט ווערט קאָנפיסקירט לטובת די אידן, און דאָס גאַנצע אומרעכט ווערט אַרויפֿ־געצוואונגען אויף דער גאַנצער איבעריגער וועלט.

דאָס איז אַזאַ פֿאַלשער, אוממאָראַלישער און שעדלאכער שטאַנד־פּונקט, אַז ווען ער זאָל אפילו אויסגעדריקט ווערן אין אַ לייטישערער, ווייניגער מליצה־דיגער און לעכערלאכער פֿאָרם ווי ביי ליבערמאַנ׳ען, וואָלט אויך געווען אונזער חוב — און אונזער אינטערעס — צו באַ־קעמפֿן אַזאַ בטלנישע און היסטערישע היסטאָריאָזאָפיע און סטראַ־טעגיע. בפרט, ווען זיי באַקומען אַזאַ אויסדרוק און אַזאַ באַגרינדונג ווי ביי ליבערמאַנ׳ען.

אויב עמיצער וויל דווקא אריינקריכן צוריק אין דער נאָרע פֿון זיין נשמה, זאָל ער דאָס טאָן שווייגנדיג; זאָל ער דאָס ניט טאָן אויף אַזאַ אופֿן, וואָס איז עלול צו דעמאָראַליזירן אונזער גייסט און קאַמפּס־מוט, וואָס זיינען אונז שוין לאַנג ניט געווען אַזוי נויטיג, ווי איצט.

„קאַליפֿאָרניער איידשע שטימע״ (לאָס אַנדזשעלעס)

# דער אייביגער איד

פֿון

## י. ש. נאומאָוו

ביי דעם דיכטער א. לוצקי איז דאָ אַן אויסדרוק — בראשית אין מיטען — אַ פֿריקרער טייטש וואָס קלינגט ווי אַ דיסאָנאַנס און דאָך רעגט עס אייך אָן זיך צו פֿאַרטראַכטען.

אין ליכט פֿון די לעצטע געשעעגישן ווען גאָט, דער באַשעפער, איז פֿאַרשטויסן געוואָרן אין אַ טויטן ווינקל און די מלאכי חבלה זיינען מחריב אַלץ וואָס דער בורא עולם האָט באַשאַפֿן קען מען דעם וואָרט בראשית אויסטייטשן ניט נאָר „בראשית אין מיטען״, נאָר אויך בראשית — צום סוף, בראשית — נאָך פֿאַר׳ן אָנפֿאַנג; בראשית —עס הויבט זיך גאָר ניט אָן. אין דער תוהו־ובוהו׳דיגער צייט, ווען טיר און טויער איז פֿאַריגלט פֿאַר דעם אידישן וואַנדערער, ווען אונזערע זקנים און זקנות, טאַטעס און מאַמעס מיט זייערע זויג־קינדער ווערען געבראָטן אינ׳ם קאָכעדיגן פּעך־קעסל, פֿון די קריסטלאכע וועלט־

פאַרזאָרגער, אָן וועלכן ליכטיגן אויסקוק אויף דערלייזונג, ווען פאַר־צווייפלונג כאַפּט ארום די גאַנצע אידישע וועלט איז אַזאַ ביכל ווי „אין טאָל פון טויט״ פון חיים ליבערמאן א דבר בעתו.

חיים ליבערמאן האָט זיך אויפגעהויבן הימל־הויך און פון דער הימעלשער הויכקייט האָט ער דעם אידישן לייענער משפיע געווען מיט אַ זעטיגן מן, וואָס האָט טויזנטער טעמים און זעטיגט דעם הונגעריג־דורשטיגן לעזער.

חיים ליבערמאַנ׳ס ביכל „אין טאָל פון טויט״ איז אן אויסדרוק פון געדאנקען וועגן אונזער צייט און דעם אידישן שיקזאל אין איר. עס איז א קליין ביכל געבונדן אין א שוואַרצער הילע, באַצירט מיט נאָטע קאזלאָווסקי׳ס א האָלץ־שניט, דער ביכל באשטייט אינגאנצן פון 36 זייטן; אָבער וואָס פאַר אַ גרויסער אוצר פון שיינע געדאנקען וועגן דער אייביגקייט פונ׳ם אידישן פאָלק, וועגן זיינע אידעאַלן, וועגן דער אידישער השפעה אויף די שענסטע מענשלאכע שטרעבונגען, די שענ־סטע מענשלאכע צילן. דער ביכל איז איינגעטיילט אין עלף קאפּיטלאך און אין יעדן קאפּיטל, גרויס צי קליין, געפינען זיך געדאנקען וואָס בליצן אויף ווי מעטעאָרן און באלייכטן די פּעסימיסטישע שטימונגען וואָס האָבן לעצטנס ארומגעכאפּט דעם אידישן עולם.

חיים ליבערמאן ריידנדיג וועגן דער פאַרדאַרבענקייט פונ׳ם מענשן זאָגט אין זיין ערשטן קאַפּיטל אַז: „צום מענשנס חכמה איז דאָ א גרענעץ, צו זיין נאַרישקייט ניט״. די מענשן אין זייער שלעכטסקייט האָבן פון גאָטס שפע געמאכט א תל. גאָט האָט באַשאַפן פאַר אלעמען די והותר, קאָרן און ווייץ און אלע מענשלאַכע באַדערפעונישן אין א שפע׳דיגער מאָס, וואָס זאָלן קלעקן פאר אלעמען, ווען איין מענש וואָלט דעם אַנדערן פאַרגונען. אָבער וואָס האָבן די מענשן געטאָן: „און די מענשן האָבן גענומען די וועלט און געמאַכט פון איר א טאָל פון טויט. אויף יעדן גרעזל אן אומרעכט, אויף יעדן זעמדעלע א רציחה, וואו א שטיין אן עשאַפאָט, וואו א צווייג א תליה. הערצער ווערן געטראָגן אויף שפּיזן. און זיי גראָבן איינער דעם אַנדערנס קברים. טאָג און נאכט, טאָג און נאכט גראָבן זיי.

אונז טיילן זיי אויס דעם ערגסטן טויט: „זעכצן מיליאָן אידן זיינען מיר, צושפּרייט איבער דער גאָרער ערד, א נעץ מיט זעכצן מיליאָן אויגן, און קיין איינע אָן א טרער״.

אויף יעדן זייטל אין יעדער שורה רייסן זיך ארויס ביי חיים ליבערמאנ׳ען בליצנדע געדאנקען געקליידעט אין א שיינער שפראך און געהאַמערט אויסגעשליפענע ווערטער.

רעדט חיים ליבערמאן וועגן דעם זומפּיגן אָפּגרונד וואו די נאַציס האָבן אראָפּגענידערט און וועגן דער דערנידערונג פון די אידן מצד די נאַציס, ווען די שיינע שטאָט ווין איז ארונטערגעפאלן אונטער זייער השפעה. אין דער מגילת־איכה פון ווין ווען די נאַציס האָבן געצוואונגען די אידן מיט זייערע היילע הענט רייניגן בית־הכסא׳ס: „יענע ריינע הענט וואָס האָבן געוועבט זיידענע פעדים אין עסטרייכ׳ס שיקזאל, צאַרטע פינגער וואָס האָבן געשפונען איר שענסטן גייסט, האָבן געמוזט הוילערהייט זיך טונקען אין עסטרייכ׳ס צאה און זיך ווייקן אין נאַצישער השתנה. אין עסטרייכ׳ס לעצטער שעה״.

„און אזוי האָט זיך געענדיגט עסטרייך: דער לעצטער גלאַנץ פון אַן אימפּעריע איז אראָפּ אין בית־הכסא, און א נייע אימפּעריע איז אויפגעשטאַנען אין געשטאַנק״.

אפשר איז עס ניט עסטעטיש אזוי צו שרייבן, ווער קען זיך אָבער רעכענען מיט עסטעטיק ווען די וועלטלאכע מאָראל איז פון דער קריסטלאכער וועלט באַדעקט און פארשמוצט געוואָרן פון בערג מיט צאה.

און דער שרייבער זאָגט ווייטער:

„אידן זיינען אַן אַלט פאָלק און האָבן אַ סך מעשיות: ביי די וואַסערן פון ים־סוף, ביי די טייכן פון בבל, אין די כוואַליעס פון טיבער און וואָלגאַ און ווייכסעל, און איצט ביי די רינשטאָקן פון ווין״.

ווען מען האָט געצוואונגען די אידן צו רייניגן די בית־הכסא׳ס האָבן זיך די אידן אָנגעטאָן אין זיידענע שבת׳דיגע מלבושים, טייל האָבן אָנגעטאָן טליתים: „גערייניגט בית־הכסא׳ס אין טלית און תפילין״... האָבן די נאַציס געוואָלט די אידן דערנידעריגן, אָבער די ווירקונג איז געווען אַ פאַרקערטע, די כוונה צו שענדן און פאַר־אומווירדיגן האָט געהאַט די פאַרקערטע ווירקונג:

„האָבן די אידן די ארבעט אָנגענומען, נאָר די כוונה האָבן זיי איבערגעקערט: פון שאַנד האָבן זיי געמאַכט כבוד, פון אומוויר־דיקייט קדושה״.

אין ארבעט גופא איז קיין שאַנד ניטאָ, ס׳מאַכט ניט וואָס איינער טוט. די דערנידערונג האָט זיך פאַרוואַנדלט אין א דערהויבנקייט און דער שרייבער זאָגט ווייטער:

„איך וואָלט געזאָגט דאָ איז געווען א קידוש השם, ווען דער דור וואָלט ניט געווען קיין אפיקורסישער. גאָט׳ס נאָמען קען געהייליגט ווערן אומעטום, אויפ׳ן שייטערהויפן און אין רינשטאָק; זיין כבוד איז פול די גאנצע וועלט. נאָר אפשר דארף א ניי וואָרט אויסגעשמידט ווערן פאַר די מאַרטירער פון אן אומגלויביקער צייט: קידוש־האדם, די הייליגונג פון דעם מענשן. מיט זייער פשוטער טאָט האָבן די אידן פראָקלאַמירט: דער מענש קען ניט דערנידעריגט ווערן!״

דער גאַנצער ביכל איז א שפרודלדיגער קוואַל פון לעבעדיג אויפבליצנדע גדאנקען. דער מחבר ציט פאַראַלעלן פון דער אידי־שער און דער העלעניש קריסטלאכער פילאָזאָפיעס און ער ווייזט אָן אז די אידישע פילאָזאָפיע, די אידישע מאָראַל שטייט נאָך ביי היינטיגן טאָג ווי א מעכטיג שטיינערנער פעלז. די קריסטן האָבן מיט זייערע אייגענע הענט חרוב געמאכט זייער אייגענעם לעבן. דער שרייבער האָט א קאַפּיטל וואָס באשטייט בלויז פון איין זאַץ, דאָס איז דער קאַפּיטל ה.:

„און וואָס זיי האָבן געמאכט פון קריסטענטום דאָס האָבן זיי אויך געמאכט פון סאָציאַליזם״.

עס פאַרשטייט זיך, אז עס איז אוממעגלאך אין די ראָמען פון א קורצן ארטיקל צו ציטירן און ארויסכאַפּן אלע דערהויבענע געדאנקען מיט וועלכן דער ביכל איז פול ווי א מילגרוים. איך קען זיך אבער ניט אָפּהאלטן פון צו געבן א גרעסערן אויסצוג פון קאַפּיטל ו, וואו דער שרייבער רעדט וועגן די פארשידענע תורה׳ס און ער זאָגט, אז אונזער תורה שטייט ארויס פון אלע אַנדערע תורה׳ס, וועלכע זיינען פאַראומווירדיגט געוואָרן:

„אלע תורה׳ס זיינען פאַראומווירדיגט געוואָרן אין אונזער צייט, וועלכע מיט בלאָטע און וועלכע מיט בלוט. איינע ביי די רינשטאָקן פון ווין, אַן אנדערע ביי דער ווענטל אין דער לוביאנקא, א דריטע אין זשענעווע. בלויז די אידישע תורה איז געבליבן שטיין ריין ווי פייער, שווארצער פייער אויף ווייסן פייער. קיינמאָל איז איר אמת ניט נויטיגער געווען ווי היינט, ווען פעלקער האָבן זיך צוריקגעקערט

צו געצנדינסט און גיבן צו א מענשן דעם כבוד, די גרויסקייט און די מאַכט פון גאָט. „איבער׳ן טאָל שטייט דער באַרג, איבער׳ן באַרג דער הימל, נאַר, סטאַלין, הימלען האָבן ניט די הויך מיט דיר זיך צו פאַרגלייכן״ — אזוי זאָגט דער קאָמוניזם. „דינען היטלער׳ן איז דינען דייטשלאַנד, דינען דייטשלאנד איז דינען גאָט״, אזוי זאָגט דער נאַציזם.

„זאָלסט ניט דינען צו קיין אָפּגעטער, זאָלסט ניט דינען צו קיין מתים, זאָלסט ניט דינען צו קיין מענשן — משה איז אמת און זיין תורה איז אמת!״

פילע וועלכע זיינען ניט באקאנט מיט דער אידישער תורה, מיט די אידישע לערן דענקען אז די אמת׳ע לערע פון גערעכטיקייט הויבט זיך אָן מיט קארל מארקס, אז די אמת׳ע געשיכטע הויבט זיך אָן מיט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, ווי די קאָמוניסטן אין רוסלאַנד ווילן עס האָבן. דער מחבר זאָגט אין איין אָרט:

„אַלע תורות זיינען נאַר יריעות פון אונזער תורה. הומאַנישקייט איז א תורה — ס׳איז בלויז איין פסוק פון אונזער תורה. דעמאָקראַטיע איז א תורה — בלויז איין פרשה פון אונזער תורה. סאָציאַליזם איז א תורה, נאַר דער גאַנצער סאָציאַליזם איז נאַר א מאָדערנער פירוש אויף דער תורה. און מיר, אין אונזער לייכטזין, האָבן גענומען אונזערע שטיקער פון פרעמדע הענט, און אונזער אייגענע, די תורה פון אַלע תורה׳ס, געלאָזט שטיין פאַרשעמט אין ארון קודש״.

זאָגט א אידישער דיכטער פון סאָוועט רוסלאַנד:

„מיר הויבן אָן אונזער ליטעראטור פון דער פאַריזער קאָמונע, ניט פון בית המקדש״. און ער ווייס ניט, דער נאַר, אז די „וואַנט פון דער קאָמונע״ איז א וואַנט פון בית המקדש״.

דער שרייבער פון דעם „אין טאָל פון טויט״ באַשטעטיגט די נצחיות פון דעם אידישן פאָלק. ער גיסט ארייַן טרייסט, ער גיסט אריין האָפנונג אין דעם פארביטערטן אידישן האַרצן. עס איז געשריבן פון א צובלוטיגט אידיש האַרץ אין א טאָן פון א נביא. עס איז ווינשענסווערט אז יעדער אינטעליגענטער לייענער זאָל זיך דעם ביכל איינשאפן, און זיך איינשאפן שעה׳ן פון געהויבענעם געמיט און געהויבענער שטימונג.

„קענעדער אַדלער"

# אַ דאָקומענט פון אידישער אייביגקייט

פון

## הרב אברהם ביק

עס זיינען אין די לעצטע יאָרן פארעפנטלאכט געוואָרן געגנוג רעליגיעזע און תשובה דאָקומענטן. אין דער אידישער ליטעראַטור האָבן זיך געפונען געגנוג, וועלכע האָבן אויף א ווירדיגן אופן גערופן אין אונזער ביטערער צייט, צוריק אין די געצעלטן פון יעקב׳ן, דאָרט וואו עס וויברירט די אידישע נשמה און וואו עס טליעט דער אייביגער אידישער פונק. די דאָזיגע שטימונגען האָבן, ווי געזאָגט, זיך באוויזן ביי ניט איינעם פון די פאָרשטייער פון דער אידישער ליטעראַטור. געגנוג צו דערמאָנען די נעמען פון יעקב גלאטשטיין, דעם פיינעם פאָעט וואָס האָט אין א קרעפטיג ליד גערופן צוריק אין געטאָ. די דיכטער א. אלמי, יאָסל קאָהן און נאָך. בקיצור, עס איז שוין באלד געשאפן געוואָרן א גאנצע ליטעראַטור אויף דעם געביט. דאָס שטארקסטע אָבער וואָס איז געשאפן געוואָרן לעצטנס אין דער אזוי־גערופענער עפּאָכע פון תשובה שטימונגען ביי דער אידישער אינטעליגענץ און רעליגיעזער התחדשות, איז די בראָשור „אין טאָל פון טויט" (תשרי תרצ"ט) פונ׳ם בארימטן שריפטשטעלער און גלענצענדן עסייאיסט חיים ליבערמאַן. פון דעם ביכל ווייעט ארויס דער הייסטער אידישער אָטעם. ער אנטפּלעקט פאַר אונז דעם טיפסטן זין פון דער אידישער דראָמע. אָט די וועלט ערשיטערונג וואָס האָט איהם געצוואונגען צו זוכן דעם סוד הקיום פון דער אייביגער אידישער אומה, האָט איהם אויך געצוואונגען צו מאַכן א חשבון הנפש, זוכן דעם ריכטיגן וועג און אים צו געפינען. דער איינציגער ליכטיגער וועג וואָס פירט צו דער אייביגקייט איז די תורה. נאָר אָט דאָס גרויסע אידישע ליכט איז בכח צו באלייכטן אונזערע חושכ׳דיגע וועגן אין דער רויבערישער וועלט.

ליבערמאַן זעט די אידישע אייביגקייט דוקא אין ליכט פון שייטער. איז אונז באַשערט צו ליידן אייביג, איז ער זיכער אז אונזערע ליידן האָבן א זין. ווער עס וויל באלייכטן די וועלט מוז אליין זיין גרייט צו גיין אויפ׳ן שייטער. „גאָט׳ס נאָמען קאָן געהייליגט ווערן אויפ׳ן שייטערהויפן און אין רינשטאָק, זיין כבוד איז פול די גאנצע וועלט".

און אויך דער אידישער כבוד איז פול די גאנצע וועלט, קיינער קען אונז ניט באַליידיגן. „ווער קען בויגן אונזער קאָפּ צו דער ערד, אז גאָט טראָגט אונז אונטער זיין צאַרטן שויס". און דעריבער „געבענשט זאָלן זיין די ליידן". אויף דעם איצטיגן וויסטן, יאָמער־יאַריד פון דער וועלט, פון די קרעציגע אַריער צונגען אַ באַשפּיגענער און באַכראַ־קעטער, קומט ארויס דער איד א גערייניגטער און א געלייטערטער פון די געשליפענע שורה'לאך. פון „אין טאָג פון טויט" קלאַפּט א גלויבן אז אויפ'ן אָרט פון שייטער וועט אויפגיין אונזער אייביג ליכט. און אונזער ליכט איז אייביג. אָט דער אידיש־עטישער געדאנקען פאָדים וואָס וועבט זיך פון קדמונים אָן וועט זיך ציען אין דער וויטסטער צוקונפט אריין. און „מעגן די אומריינע תורות זיך שטארקן און מעגן זיי זיך באוואפאנען פון דער ערד ביז צו די וואָלקנס, אלע קאנאָנען פון דער וועלט וועלן ניט אראָפּשיסן קיין איין־איינציג שטויבל פון די לוחות. אלע ימ'ען רויטן און שווארצן טינט וועלן ניט פאר־שמירן קיין איינציג פּינטל פון וזאת התורה!"

ער איז מער ווי זיכער, אז די טויזנט יאַריגע אידישע געשיכטע איז אייביג און דערפאר איז אונזער מאַרטירערטום אונזער קרוין. אונזער לאָרבערקראנץ פון זיג. די קאָנצענטראציע לאַגערן איז זייער שאַנד, און די טייכן טרערן וואָס מיר פאַרגיסן ווערן פלאַמען וואָס וועלן ענדלאך פארצערן דאָס גאַנצע שלעכטס פון דער וועלט. עס איז אמת, אז „אונזער געשיכטע איז נאכט אָנגעלייגט אויף נאכט, ליידן גע'כפל'ט אויף ליידן, אָבער אונטער טרערן ווערן אותיות גרעסער. פון אונזער לייד זייבען געוואָרן אונזערע אותיות", אזוי פאַרוואנדלט זיך ליבער־מאנ'ס אָנקלאַגע דאָקומענט אויף דער גרויסער וויסטער וועלט, אין אַ מאַניפעסט פון טרייסט און בטחון צו דער עלנדער אידישער אומה, אין א נייעם שטאַרקן „נחמו נחמו עמי", אין א זיכערקייט אז אונזער זון וועט ענדלאך אָפּשאפן זייער נאַכט.

ליבערמאן דערקלערט דעם בלוטיגן פאַשיזם אלס א דירעקטן יורש פונ'ם קריסטענטום. ער ווייזט אויף, אז שטענדיג איז געווען דאָרנדיג אונזער וועג ביים קריסטנטום. און עס איז גאָר קיין וואונדער ניט וואָס אן אמונה וואָס איז אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אויף בלוט, וואָס „האָט געמאכט א איד'ס פינף וואונדן פאר זייער טעגלאך ברויט" זאָל ניט האָבן אויפגעהאָדעוועט די פאַשיסטישע שלאַנג.

טויזנטער דורות האָט מען אונטער די קלאנגן פון גלאָקן און לויב־געזאנגען צו קריסטוס'ן די אידן געשניטן גלידערווייז און איצט איז

געקומען אויפן קריסטענטום „א שרעקלאכע מדה כנגד מדה". דאָס איז דער אייביגער געהיימער יסוד פון דער אידישער געשיכטע, אז דער צלם אליין בלוטיגט שוין אויף אלע היטלעריסטישע וועגן...

יאָרן לאַנג האָט דער מילדהאַרציגער מענש און שטאַרקער לי־טעראַטור־קריטיקער געפירט א פארבאָרגענעם, אינזיכידיגן קאמף מיט זיין ליטעראַרישער קריטישער באַרופונג צוזעענדיג די ליטעראַרישעווירקלאכקייט און ניט קענענדיג מסכים זיין מיט דער ירידה, ביז ער איז דערגאַנגען צו זיין ניי־אויסגעבויטער וועלט־אנשויאונג. דאָס פאַרגלוסטקייט אין סאַמע תוכיגסטער אידישקייט.

אין דעם אידיש־רעליגיעזן היכל איז ער אריין מיט זיין גאַנצן שימערירענדיגן פאַטאָס, ער האָט דערפירט זיין אידישן גלויבן צו א פונדאַמענטאַלן אמת.

דאָס אוניוועַרסאלע איז געלעגן אויפ׳ן גרונט פון זיין וועלט באַ־נעם, ביים שרייבן זיינע ליטעראַרישע קריטישע ווערק, אבער דאָס אידישע האָט איצט פארנומען דעם אָרט פון אוניווערסאַלן. זיינע פריערדיגע ביכער זיינען געווען שטאַפּלען צו זיין איצטיגער דער־גרייכונג, ער האָט עס דערגרייכט אין זיין קליין אָבער אינהאלטס־רייך ספר׳ל „אין טאָל פון טויט", וואו ער האָט צונויפגענומען צווישן די טאָוולען דעם גרויל פון אונזער צייט און אָנגעטאָן אויף אים א קרוין פון פלאַמיגן גלויבן אין דער אידישער אייביגקייט.

„שיקאַגער קוריער"

# אַ דאָקומענט פון אונזער צייט

פון

י. ר. ברינמאַן

„אין טאָל פון טויט", אזוי הייסט די בראָשור וואָס קאָלעגע חיים ליבערמאַן האָט ארויסגעגעבן, פאַר די יעניגע, מסתמא, וואָס געפינען זיך אויפ׳ן לעבעדיגן בית עלמין, וואָס טראָגט דעם אומשול־דיגן נאָמען: איירָאָפּע. און דער אונטער־קעפּל לייענט זיך: „גע־דאַנקען וועגן אונזער צייט און אידישן שיקזאַל אין איר".

קאָלעגע ליבערמאַן איז באַקאַנט אלעמען אלס קריטיקער, עסיי־איסט און פובליציסט. צוערשט איז ער ברוגז געוואָרן אויף דער אידי־שער ליטעראַטור און — אויפגעהערט שרייבן זיינע פראכטפולע

אָפּהאַנדלונגען איבער שרייבער און ווערק, שפּעטער איז ער אַרויס־געטראָטן געגן באָלשעוויזם. לסוף — לסוף איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ שרעקלאַכער פאַרצווייפלונג און אין רעזולטאַט דערפון געוואָרן אַ טיף־גלויביגער איד אַלאַ דר. נתן בירנבוים.

וועגן דער אידייע פון זיין בראָשור, אויב ס׳איז דערלויבט זיך אַזוי אויסצודריקן, וועל איך באַריכות שרייבן אַ צווייטן מאָל. אַלץ וואָס איך וויל אויף דער הייסער מינוט איז, פאַרצייכענען פאַר׳ן לייענער עטלאַכע פון זיינע געדאַנקען, אין וועלכע עס שפּיגלט זיך אָפּ דער באַ־גאַבטער קריטיקער מיט זיין שאַרפן און גראַדן שכל.

דאָס אַלץ זיינען זאַכן וואָס מיר אַלע ווייסן עס, נאָר — ניט יעדער פון אונז איז ביכולת עס אַרויסצוברענגען אין געדרוקטן וואָרט. די געדאַנקען קלייב איך ניט, נאָר נעם זיי כסדר פון יעטווידער זייטל:

צום מענשנס חכמה איז דאָ אַ גרענעץ, צו זיין נאַרישקייט ניט.

גאָט האָלט מיט׳ן מענשן, ווען דער מענש וואָלט נאָר געהאַלטן מיט׳ן מענשן...

זעכצן מיליאָן אידן זיינען מיר. צושפּרייט איבער דער גאַרער ערד, אַ נעץ מיט זעכצן מיליאָן אויגן, און קיין איינע אָן אַ טרער.

ווי גרינג דער גייסט קען איבערמאַכן די וועלט! נאָר דעם גייסט איז שווער צו מאַכן.

גאָט׳ס נאָמען קען געהייליגט ווערן אומעטום, אויפ׳ן שייטערהויפן און אין רינשטאָק; זיין כבוד איז פול די גאַנצע וועלט. נאָר אפשר דאַרף אַ ניי וואָרט אויסגעשמידט ווערן פאַר די מאַרטירער פון אָן אומגלויביגער צייט: קידוש־האדם.

„נאָר דעם אָפּלייטער טרעפט דער בליק. מיר ווילן אַן ערד פריי פון יעדן בייז, און דאָס ערגסטע בייז טרעפט אונז.

„אין די גאַסן פון בערלין און ביי די רינשטאָקן פון ווין איז געצויגן געוואָרן דער סך־הכל פון קולטורן. יאַר־טויזנטן איז געגאַנגען דער וויכוח. דער העלענער האָט געזאָגט: וויסן איז יסוד: דער איד האָט געזאָגט: טוגענט איז יסוד. דער העלענער האָט געזאָגט: וואָס שיין איז גוט; דער איד האָט געזאָגט: וואָס גוט איז שיין, און קריסטענטום איז געווען די פשרה.

און אָט ווי קאָלעגע ליבערמאַן דערקלערט אונז, וואָס אַזוינס איז נאַציזם און פאַשיזם:

„פילאָזאָפיע איז וויסן, נאָר פילאָזאָפיע אָן טוגנט איז בייזער שכל. עקאָנאָמיק איז וויסן. נאָר אָן טוגנט איז עס רויב, געזעץ אָן

טוגנט איז שווינדל, פיזיקע אָן טוגנט איז גוואַלט, כעמיע אָן טוגנט איז סם, ביאָלאָגיע איז וויסן, נאָר הארץ אָן טוגנט איז בלויז א מאַטאַר, און אלץ אינאיינעם איז פאשיזם, נאַציזם.

„פאר אנדערע האָבן זיי (די קריסטן) א דרשה: שטעל אונטער די צווייטע באַק, יענער די באַק, זיי דעם פויסט.

„אידנטום און העלדנטום, קיין שרעקעדיגער קען ניט זיין קיין איד.

„אַלע פראַנטן קענען זיי איינעמען נאָר ניט אונזערן, דעם פאַנאַטישן (איך פארשטיי, אז ער מיינט דאָ ניט דעם פאַנאַטיש־רעליגיעזן — י. ר.). יעדער כלל האָט אָן אויסנאַם. מיר זיינען די אויסנאַם צו אלע כללים. מיר זיינען דאָס וואַסער וואָס פליסט באַרג ארויף און דאָס פייער וואָס ברענט מיט׳ן פנים אַראָפּ. אונזערע אָפּגעהאַקטע גלידער וואקסן אונז אָפּ צוריק, און ווען מען טויט אונז, זע, מיר גייען נאָך יענעמס לויה.

„אונזער לאַנד וועלן זיי ניט פארנעמען: דעם הימל קען קיינער ניט גנב׳נען. אונזער פאָלק וועלן זיי ניט פאַרניכטן: וויפיל דארפן מיר דען כדי א פאָלק צו זיין? צען אידן, זיינען א מנין, און וואו ס׳איז דאָ א מנין דאָרט איז דאָס אידישע פאָלק. וויפיל זיינען מיר דען געווען, ווען מיר זיינען ארויס פון מצרים? אינגאנצן זעקס הונדערט טויזנט, נאָר וואָס דאָס האָט באדייט פאר דער וועלט!”

איך וואָלט אייגנטלאך געקענט נאָך א סך ציטירן, נאָר — ערשטנס דערמיט וואָלט איך שאַדן געבראכט דעם מחבר, דער לעזער קען קויפן דאָס ביכל און האָבן די אמת׳ע הנאה עס צו לעזן, צווייטנס, ווי שוין געזאָגט: איך האָב בדעה זיך נאָך אומצוקערן צו דעם ענין און דעריבער וועל איך מיך באנוגענען מיט דאָס ביסעלע וואָס ציטירט.

געוויס איז ביי איצטיגן מאָמענט שווער פאַר א באוואוסטזיניג אינטעליגענטן אידן צו זיין אַן אָפּטימיסט. ס׳איז קיין וואונדער וואָס גראַד דער באַוואוסטזיניגער ווערט אזוי פארצווייפלט און ווער פון אונז איז ניט פאַריאושט?

יעדער פון אונז האָט געטראָגן א פול הארץ מיט ליבע פאַר דער וועלט און איצט... אָט די זעלביגע וועלט רייסט עס שטיקערווייז ארויס פון אונז צוזאמען מיט אונזערע הערצער און — מיר קענען שוין באלד כלל ניט ליב האָבן, ווייל — ניטאָ וואָס און ניט וועמען. צו דארפן מיר אָבער אונזער יאוש פאר דער נבזה׳דיגער וועלט באַ־

ווייזן? און ווען מיר קענען מער ניט ליבן צו זיינען מיר מחויב צו ווייזן אז מיר קענען זיי בלויז האָסן?

איך האָב מיך דערמאָנט ניטשע׳ס א ווערטל: „וואו מען קען ניט מער ליב האָבן, זאָל מען אריבערגיין!"

„שיקאגער קוריער"

# דער פיבער פון טראַגעדיע

(וועגן חיים ליבערמאנ׳ס „אין טאָל פון טויט)

פון

## ש. טענענבוים

ווען פעלקער לײדן, װענדן זיי זיך צום הימל, צו די וואָלקנס, גלעקער, צו די פאַרביגע מיראַזשן. מענשן מיט א קריגס־פּסיכאָלאָגיע — זעען אין הימל זייערע רויטע, פלאַמענדע, געפּאַנצערטע ארמייען, וועלכע זיגן. עס זיינען גאָט׳ס ארמייען פון באַוואָפנטע מלאכים, וועלכע קעמפן פאר זייער זאַך. פעלקער אין אונטערדריקונג, ווי די אידן, זעען דאָס רחמנות׳דיגע געזיכט פון אייביגן גאָט, וואָס איז אליין פאר־בלוטיגט, דען גאָט פילט טיפער אונזערע לײדן ווי מיר אליין זיינען אימשטאנד צו פילן.

די אידן לײדן שטענדיג און דעריבער ציט זיי שטענדיג צום הימל... ווען פעלקער לײדן, שטייגט די טעמפּעראַטור, דער פיבער פון דער טראַגעדיע, און עס ווערן געבוירן שטימונגען און עמאָציעס, טעאָריעס און באַוועגונגען, מיסטישע געדאַנקען און וויזיעס. די וואָלקנס אין פּורפּור פאָרמען זיך צו געטלאכע טעמפּלען. די פארבן פון זון־פאַרגאַנג ווערן קבלי׳סטישע רמזים פון דערלייזונג.

אויב לײדן הייליגן א מענשן — איז די אידישע ראלע די הייליגסטע. דען די אידן האָבן א סך געליטן. אויב דער מענשן־זון פון נאַזאַרעט האָט געלאָזט לעבן די זינדיגע פרוי, ווייל זי האָט א סך געליבט — פאַרדינען מיר די אייביקייט פאר אזוי פיל ליבע... יאָ, מיר האָבן צופיל געליבט, בשעת די אַנדערע פעלקער האָבן צופיל געהאַסט, לער־נען ווי אזוי צו האסן, דערהויבן דעם האַס צו אַ קולט.

***

עס איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אזוי גאַלגען־גאַליג־ביטער ווי איצט פאַר דעם אידישן פאָלק, וואָס איז פארשפּרייט איבער די מאַפּעס

פון דער ערד. ווי טרויעריג און באליידיגענד עס איז דער שמד, האָט מען דאָך אַמאָל געגעבן די פּריווילעגיע צו די אידן. די אידן האָבן עס פאַרוואָרפן מיט שטאָלץ. אוניווערסאַלן תהלים אין די פלאַמען פון אינקוויזיציעס. אָבער — מאָראַליש — איז אַזאַ פּריווילעגיע דאָך פון אַ געוויסן ווערט.

ווייל, ווי הייליג די עקזיסטענץ פון א פאָלק זאָל ניט זיין, איז דאָס מענשלאכע לעבן טויזנט מאָל העכער און הייליגער. אויב עמיצער האָט זיין לעבן אזוי שטארק געליבט אז ער האָט עס ניט געוואָלט פאַרטוישן אויף א לעבן פון הימל, אויב עמיצער האָט געליבט זיין פרוי אָדער זיין קינד און האָט עס בעסער געוואָלט איבערגעבן צום מכלומרשטן שמד, כדי צו ראַטעווען זיי פאַר׳ן לעבן און פאַר די אידן, כדי צו קענען אָנהאלטן אידישקייט אין די טיפסטע קעלערן — האָט ער געהאט זיין מאָראַלישן רעכט. (לויט מיין פערזענלאכער מיינונג!)

איצט — האָבן די אידן אויך ניט די פּריווילעגיע. מען וויל זיי פשוט אָנטאָן אַ גאַלגען אויפ׳ן האַלז. מען וויל זיי אומברענגען אין קאָלעקטיוו. מען וויל זיי טויטן אויפ׳ן ערגסטן אופן. דאָס איז די גרעסטע טראַגישע עפּאָכע אין דער אזוי שיינער, מאַרטירעריש־העראָאישער אידישער געשיכטע.

די פעלקער פון האַס ווילן נקמה נעמען אין די אידן, ווייל מיר זיינען דורך דער געשיכטע — זייער געוויסן. יאָ, מיר זיינען דאָס פלאַמענדיגע געשטאַלט פון געוויסן, וואָס וואַנדערט איביג דורך פאַ־לאַצן און רואינען און אומערמידלאך דערמאָנען מיר זיי זייערע פאַר־ברעכנס. עס איז א נקמה פון שלעכטס געגן גוטס, אויף א גראַנדיעזן אופן. מיר וואנדערן דורך דער נאַכט מיט פייערדיגע פאקלען. זיי שטייען אין דער פינסטערניש און באגראָבן די טויטע אין די קברים. מיר לייכטן אריין מיט פלאַמענדע פאַקלען אין זייערע מערדערישע אויגן און מיר דעקן אָפּ מיט׳ן פייער פון רעוואָלוציעס די דערמאָרדעטע, בלייכע מתים. דערפאר האַסן זיי אונז, און — ווילן אונז איצט אויס־ראָטן מיט א גרויזאמן, סיסטעמאַטישן געוואַלט.

**
*

ווען א פאָלק איז אין פיבער, אין דער לאַגע פון א קראנקן מענשן, ווערן געבוירן אין זיין מוח, ווי שוין דערמאָנט, פאַרשידענע שטימונגען, אילוזיעס, מיראזשען און פאַטאַמאָרגאַנאַס. דאָס איז דער פאַל מיט

אונז — איצט. לעצטנס איז געהערט געוואָרן אַ רוף פון אַ רייע אידישע אינטעליגענטן צוריקצוגייען צום געטאָ. (דאָס דערמאָנט מיך אין די שטימונגען נאָך דער דערשטיקטער רוסישער רעוואָלוציע פון 1905 — מיסטישע, סאָניניסטישע, רעאַקציאָנערע, רעליגיעזע און אלערליי אַנדערע.)

אין דער פּרעסע און אין די אידישע צייטשריפטן הערן זיך אַפּט היסטערישע קולות, יאוש׳דיגע, פּעסימיסטישע — אָדער, שאָוויניסטישע־איבערטריבענע, אפּאָלאָגעטישע און פארצווייפלטע, אזעלכע שטימונגען זיינען אָביעקטיוו בארעכטיגט, ווייל זיי ווערן באַדינגט פון די צייט־באַדינגונגען, וועלכע ברענגען זיי ארויס.

עס איז נאַטירלאך, אז אין אזעלכע צייטן אנטשטייען איבער די פלעצער און מויערן — אמת׳ע און פאלשע נביאים. אויך די פאלשע קענען אַמאָל זאָגן — אמת׳ן. אויך די אמת׳ע ווערן אַמאָל פאַרפירט. עס איז אַ צייט פון ירידה. ניט נאָר פאר׳ן אידישן פאָלק — נאָר פאַר אַלע פרייע טיילן פון דער מענשהייט. עס איז אין געפאר דער סאָ־ציאַליזם, קאָמוניזם, די קולטור, די קונסט, די ציוויליזאציע. וועך עס קומט אַ שרעקלאכע צייט אויף די אידן — איז עס טרויעריג מיט אַלע פרייהייט־עלעמענטן. איז עס טרויעריג מיט קליינע, שוואַכע פעלקער, ווי עס באווייזט אונז איצט דער רויבערישער קאַמף געגן עטיאָפּיע, כינע, שפּאַניע, עסטרייך, טשעכאָסלאָוואַקיע, ליטע, א. א. עס איז ניט אליין אונז — ביטער. די וועלט איז אין געפאר. נאַטירלאך, מיר, געפּייניגטע און דערשראָקענע, מיר דערפילן די געפאַר פריער, נעענטער, טראַגישער, ווייל אלע צרות גיסן זיך אויס ווי שוואַרצע שטורם־כוואַליעס — אויף די אידן. מיר ווערן דאָס כפרה־הינדל פאר אלעמען. אָבער עס איז בקיין שום אופן ניט דער־לאָזבאר צו פאַרוואַנדלען די טראַגעדיע אין אַ ריין־אידישער. מען טאָר אויך ניט אריינפאלן אין אַן ענגן שאָוויניזם. מען טאָר ניט פאַרלירן דעם קאָפּ. מען מוז זיין ניכטער און רואיג. מיר, וועלכע האָבן דורך אונזער לאנגער געשיכטע זיך צוגעקוקט ווי אימפעריעס ווערן געבוירן און שטארבן קרעציק, ווי מאכטהאָבער שטייגן אויף און שטירצן ארונטער מיט מענער־געקראַך — מיר דאַרפן זיך האָבן אויסגעלערנט צו זיין גוואלדיג רואיג און צו קענען זיך צוקוקן צום געשיכטלאכן ספּעקטאקל מיט אַ פילאָזאָפישער קילקייט. היסטעריש זיינען זיי, די היטלער׳ס און די מוסאָליני׳ס. מיר אָבער דאַרפן זיין דערהויבן־שטיל. רואיג אָפּצושאַצן די לאַגע און פאַרשטיין אלע אָס־

פעקטן פון אונזער טראגעדיע און פיאיג זיין די טראגעדיע איינצוהילן אין פלאמענדע ארעאלן פון האפנונג און — אויך פארשטיין אז עס איז איצט א וועלט־טראגעדיע!

*****

איך האב זיך שטענדיג געהיט פון צו נעמען א ווארט אין געזעל־שאפטלאכע פראגן און פראבלעמען, בפרט אזא גוואלדיג פראבלעם ווי דאס אידישע פאלק. ערשטנס — איך האב ניט די חוצפה צו זאגן עצה׳ס. איך באזיץ ניט די חוצפה זיך אריינצומישן אין פאלקס־פראבלעמען. ווער בין איך — צו נעמען מיין ארעם ווארט וועגן א פאלק, וואס איז דורכגעגאנגען טויזנט גהינומס פון לײדן? אויב עלטער און לײדן פארדינען כבוד — ווער נאך פארדינט אזויפיל כבוד ווי דאס אידישע פאלק?...

פארוואס איך נעם דאך א באשיידן ווארט, איז — ווייל עס איז א פראבלעם וואס באשעפטיגט אונזערע געלערנטע און ליטעראטן, אונזערע פאעטן און פראזאאיקער. ווייל עס דערשיינען ארטיקלען און ביכער איבער דעם פראבלעם. אלס אזא נעם איך זיך דאס רעכט צו זאגן אויך מיין ווארט — אבער אויך מיט גרויס פארזיכט. מיינע אמביציעס זיינען קליינע. איך האלט אז מען מוז זיין פאראנטווארטלאך אין דער איצטיגער ביטערער צייט זיך צוווארפן מיט טעאריעס און לאזונגען. דאס לעצטע איז אייגנטלאך א זאך וואס פייניגט מיין געוויסן און — איך גורט זיך אן די לענדן דעם ארטיקל צו שרייבן.

*****

קודם כל — וועגן חיים ליבערמאנ׳ס א בראשור „אין טאל פון טויט“ — א ביכל וואס מאכט א קאלאסאלן איינדרוק, הן מיט זיין אינהאלט און פארם, הן מיט זיין אויסערלאכן אויסזען, מיט זיין געזיכט...

„אין טאל פון טויט“ איז א קליין ביכל, פון 36 זייטלאך, אין שיינער, גרויסער שריפט געדרוקט. די הילע איז שווארץ, קרעפע־שווארץ. ווי ווייסע, שטיינערנע מצבות זעען זיך ארויס די בוכשטאבן פונ׳ם טיטל און מחבר׳ס נאמען. פון דער געדיכטער שווארצקייט זעט זיך ארויס, שטראלט ארויס א זילבער־גרוי, ערנסט געזיכט — דאס געזיכט פונ׳ם אייביגן איד... דעם אייביגן וואנדערער איבער די וועגן פון דעם ערד־קוגל...

די הילע פון נטע קאזלאווסקי מאכט אן איינדרוק!

אָבער נאָך מער באווירקט די קלאָרע, שיינע, ריינע פּראָזע פון אָט דעם פּאַמפלעט. עס איז געשריבן מיט׳ן פייער פון א נביא, פון אן אמת׳ן נביא. דער סטיל איז אן ענטוזיאסטישער, דערהויבענער, איינגעהילט אין דער קילקייט פון גרויסן, ביבלישן סטיל. די פּשטות איז די פּשטות פון גרויסער, קלאַסישער פּראָזע. די מעטאפאָרן, די בילדער, ביבלישע, קלאַסישע. עס איז ווי דער שרייבער וואָלט אָנגעטאָן זיין פלאַמענדיג הארץ אין קייטן. — עס איז — מיט איין וואָרט — אַ מייסטערשטיק פון פּראָזע. א געשריי פון א רעטאָריקער, פון א גרויסן טריבון — געשמידט. ריזיגע, פייערדיגע קוילן זיינען איינגעהילט אינ׳ם צארטן, ווייסן סאַמעט און פליוש פון שטילן אַש. אָבער די קוילן ברענען, זיינען שרעקלאַך הייס און — רירט זיך נאָר צו מיט די נאַקעטע פינגער צום ווייכן סאַמעט — די פינגער וועלן ברוטאַל אָפּגעזענגט ווערן...

איך האָב בשעת׳ן לייענען כסדר אונטערגעשטראָכן זייטלאַך, וועלכע זיינען ווערט — פון ליטעראַרישן שטאנדפּונקט — ציטירט צו ווערן. אָבער — מען מוז זאָגן צום מחבר׳ס לויב — מען מוז יעדעס זייטל ציטירן, די גאַנצע בראָשור אריינהאַקן אין מיין ארטיקל, ווייל יעדער זאַץ איז ווי פון קופּער געשניטן. ניטאָ קיין שאָטן־זייטן. ציטירן די בראָשור וואָלט פארנומען צופיל צייטונגס־פּלאַץ, ווייל מען וואָלט געמוזט ציטירן די גאַנצע בראָשור.

דאָס אַלץ איז וועגן דעם סטיל און שפּראַך פון „אין טאָל פון טויט”. וואָס שייך זיין אינהאלט, קען א סך אויסגעזעצט ווערן. עס איז נאַטירלאַך אז מיר דארפן זיך ניט פילן מינדערווערטיג און זאָגן דער וועלט אָפן ווער מיר זיינען. דאָס איז אפילו אונזער פליכט. אבער קלינגט ניט די בראָשור צו שאָוויניסטיש, צו שטאָלץ, צו „אתה בחרתנות׳דיג”? האָבן מיר א רעכט אזוי ביטער צו שפּייען אין געזיכט פון די פעלקער? טרייבט ניט אונזער חיים ליבערמאַן איבער?

אין פיבער איז נאַטירלאַך איבערצוטרייבן. אויפ׳ן ביטערן גאַלגען מעגן מיר שעלטן און שרייען אונזער געשריי פון אמת. מען קען ניט פארלאַנגען קיין צופיל קאָנטראָל אין אינקוויזיציע־פּיינען. איך פאַרשטיי דאָס טראַגישע געמיט פון דעם שטאָלצן איד ליבערמאַן.

מיר דאכט אז דאָס איז צו דרייסט גערעדט. מיר דארפן ניט דענקען אז מיר האָבן אַלץ געשאפן. מיר דארפן זיין באַוואוסטזיניג

מיט אונזער מיסיע און גרויסקייט — אָבער מיר טאָרן ניט אין א מאָמענט פון אויפרעגונג באַליידיגן די ריזיגע קולטור פון דער מענש־הייט.

אונזער ספר האָט אויך ביי זיי ארויסגערופן ריזיגע קולטורן און קונסטווערק. זיי האָבן באַשאַפן אַ מעכטיגע וועלט מיט טעכניק, אינדוסטריע, קולטור, קונסט, בעסערע לעבנס־באַדינגונגען [1]. מיר דאַרפן ניט פאַרמאַכן די אויגן אויף ראטנרוסלאנד.[2]

מיר טאָרן ניט שרייען „צוריק צו דער געטאָ", ווייל מיר ווען קיינעם גאָרניט אָפּטאָן. די וועלט וועט אונז ווייטער פאַראַכטן און אונזערע פרויען און קינדער וועלן מיר אויסשטעלן צו פּאָגראָמען און רציחות.

חיים ליבערמאַן פריידיגט די געטאָ: — אָבער,

מיר וועלן ניט אנטלויפן פון דער וועלט אפילו ווען מיר גייען צוריק אין געטאָ.

וואָס שייך דעם קריסטענטום, איז ליבערמאַן אבסאָלוט גערעכט. עס איז מיר א שאָד וואָס איך קען ניט ציטירן וואָס דער וואונדער־לאָכער עסייאיסט זאָגט וועגן קריסטענטום.

עס איז א טעות אָנצונעמען דאָס איצטיגע שמייכלען פון די קריסטן — פאַר פריינטשאַפט. קריסטנטום האָט אונז דורך דער לאַנגער

---

1) וואָס מיינט עס זיי האָבן באַשאַפן א מעכטיגע וועלט, מיט טעכניק, אינ־דוסטריע, קולטור — און מיר זיינען געזעסן ליידיג? ווייסט איר אז אין משך פון הונדערטער יאָרן זיינען אידן געווען כמעט די איינציגע אויפהיטער פון קולטור אין אייראפּא? נאָכ'ן אונטערגאנג פון רוים ביז דער רענעסאנס, ווען די גאנצע גריכיש־רוימישע וועלט איז געלעגן אַ צוטראָטענע אונטער די פיס פון די דייטשישע באַרבאַרן, זיינען געווען אַ סך אַנדערע קולטור־טרעגער ווי די אידן? ווייסט איר אַז ס'איז געווען א צייט ווען אין אייראפּא איז געווען א **חרפּה** צו **קענען לייענען** און **שרייבן**? אפילו אין ענגלאנד, אזוי שפּעט ווי די פעאָדאלע, ד. ה. די פאַר־קאַפּיטאַליסטישע עפּאָכע נאָך גאָר ניט לאנג צוריק. לייענען און שרייבן איז געווען אַן ענין פאר „דעם קעניג'ס נישטיגסטע קנעכט" — ווי איינער האָט באַצייכנט די קעניגלאכע פּאַעטן. דער שטאָלץ פון דעם ריטער איז געווען צו קענען גוט **פעכטן**, אָבער לייענען און שרייבן איז געווען אַ זאַך פאַר **כניאָקעס**.

אין יענער צייט זיינען אידן געזעסן אין די געטאָס און הייליג מקיים געווען דעם אָנזאָג פון דער תורה: ושננת לבניך! דעמאָלט האָט מען אין געטאָ געלערנט גמרא!

ערשט יאָרהונדערטן שפּעטער האָט די וועלט אָנגענומען אונזער פּרינציפּ פון אלגעמיינער בילדונג. וואָס היינט איז אידישקייט איז מאָרגן וועלט־קולטור.

2) נאָך היטלער'ן, פּוילן און פינלאנד אויך ניט?

נאַכט פון דער וועלט־געשיכטע געפייניגט און אויך איצט קען ער אונז גאָרניט העלפן אין אונזער קאַמף. איך פערזענלאך פיל א ביטערע פּאַראַכטונג צום קריסטענטום, וואָס קושט די בלוטיגע שטיוול פון מוסאָליני׳ן דורך אלע יאָרן פון זיין שרעקלאכער הערשאַפט. ווען היטלער וואָלט זיין מעסיגער צו די קריסטן — וואָלטן זיי אויך גע־בענטשט דעם היטלער רעזשים.

חיים ליבערמאַן ענדיגט זיין בראָשור מיט פאָלגענדן זאַץ:

„מיט דער וועלט האָבן מיר אָנגעהויבן און נאָר מיט דער וועלט וועלן מיר זיך ענדיגן. און די וועלט וועט זיך קיינמאָל ניט ענדיגן. מיר זיינען אומשטערבלאך ווי די צוקונפט״.

דאָס לייענען עס איז א גרויסער תענוג. אָבער — ווי שוין דערמאָנט: עס איז א שאַרפער סופּעריאָריטי־פּאַמפלעט. אן איבער־זעצונג פון אים אין אַנדערע שפּראַכן וואָלט אונז ניט געבראַכט קיין נוצן. עס איז אָבער אין אידיש באַרעכטיגט — ווייל עס איז אן ערלאכער געשריי פון ווייטאָג. און — זיין גרעסטע באַרעכטיגונג איז וואָס עס איז וואונדערשיין געשריבן. עס איז ניט געשריבן — נאָר מיט א שוואַרצער האַנט געשניטן אויף דער וואַנט וואו די בלשצר׳ס פון אונזער צייט הוליען און טרינקען בעכערס מיט אידיש בלוט. געשניטן מיט א שוואַרצער האנט אין רויטע, פייערדיגע אותיות, אין דער מאַרמאָר־וואַנט. אזוי האָט גאָט׳ס האַנט מיט טויזנ־טער יאָרן צוריק געשריבן דעם אונטערגאַנג פון דעם פריילאַכן קעניג...

**
*

לעצטנס איז דער חשוב׳ער און זייער טאַלאַנטירטער דיכטער יעקב גלאַטשטיין ארויס מיט א לאָזונג: „צוריק אין דער געטאָ!״ מיר האָבן גאָרניט צו דערוואַרטן פון דער וועלט. די וועלט האָט אונז אנטוישט! זיין צווייטע לאָזונג איז: אויב אין ראטנרוסלאַנד ווערן ניט געמאכט קיין פּאָגראָמען — דארפן מיר זיין פאַר ראַטנרוסלאַנד!

יעקב גלאַטשטיין איז אלס פּאָעט און פּראָזאַאיקער מיר זייער ליב. איך האָב שוין מערערע מאָל אויסגעדריקט מיין מיינונג וועגן אים אויף דיזעלביגע שפּאַלטן, וואו דער ארטיקל דערשיינט. אבער — איך בין ניט מסכים מיט גלאַטשטיינ׳ס לאָזונג „צוריק צו דער געטאָ!״ און זיין באַציאונג צו רוסלאַנד, וואָס איז אן איינזייטיגע. דיזעלבע באַציאונג האָבן די אידן פריער געהאַט צו איטאליע — אויב מוסאָליני מאַכט ניט

קיין פּאָגראָמען — זאָל זיין געבענשט מוסאָליני! עס איז אַ שעדלאכע פּאָליטיק![3]

ראטנרוסלאנד — טראָץ אַלע אירע טונקעלע פלעקן, ווי די מאָס־קווער פּראָצעסן א. א. —איז די גרעסטע ליכטיגע דערשיינונג אין אונזער צייט. עס איז זייער ענג און דערנידעריגענדיג זיך צו באציען צום דאָזיגן גוואלדיגן ספּעקטאקל פון א ריין־אידישן שטאַנדפּונקט — און ניט פון א סאָציאלן, אלמענשלאכן, אוניווערסאלן.

דער פאַשיזם, דורך א זיג — קען אונז פארניכטן אין א סך לענדער. דער קאָמוניזם קען אונז רעטן! ביי א קאָמוניסטישער סאָ־ציאלער געזעלשאפט קענען מיר זיך פריי אויסלעבן אין אונזער קול־טור,[4] אנטוויקלען אונזערע אייגענע ווערטן.

רופן צום געטאָ — הייסט רופן צום מיטלאלטער, ווי די פאַשיסטן טוען עס! עס איז אַ פאַשיסטישע לאָזונג. די געשיכטע גייט פאָר־אויס און ניט צוריק. וואו קען מען היינט עקזיסטירן אין א געטאָ? ביי די טיראַנישסטע פויפסטן האָט מען עס געקענט טאָן — ניט איצט. א גייסטיגער געטאָ — הייסט פארמאכן די אויגן און טאפּן אין דער פינסטער.[5]

זאָלן בעסער די פאַשיסטן רופן צו זייערע אלטע צייטן.[6] אָפּשטעלן די געשיכטע איז זייער פּריווילעגיע! מיר מוזן גיין פאָראויס. דער מהות פונ׳ם אידנטום איז — אוניווערסאַליזם!

---

3) מיר איז ניט באַקאַנט וואו אידן האָבן געזאָגט זאָל זיין געבענטשט מוסאָליני.

4) וואו העברעאיש איז פארבאָטן און דער תנ״ך, די גמרא און די גאנצע תורה־ליטעראַטור טאָר ניט געדרוקט ווערן?

5) תורה אור.

ווער האָט ביי אונז געזאָגט אז מ׳דאַרף אויסשליסן די וועלט־קולטור? מ׳דאַרף נאָר גוטמאכן דעם טעות פון די משכילים און די ראַדיקאַלן וואָס האָבן געלערנט אַז די וועלט־קולטור איז ליכט און די תורה־קולטור איז פינסטערניש. די משכילים האָבן כאָטש נאָך געקענט לערנען, די ראַדיקאַלן האָבן אויפגעצויגן א דור פון אידישע גוים.

די חז״ל האָבן שוין געזאָגט: אם יאמרו לך יש חכמה לאומות העולם תאמין, יש תורה לאומות העולם אל תאמין. און וואָס טויג די חכמה אָן דער תורה? די חכמה אָן תורה וויס נאָר **בעסער** ווי **שלעכטס** צו טאָן. אויף אזעלכע פייניגונגען ווי די נאַציס האָבן זיך דערטראַכט האָבן באַרבאַרן זיך ניט געקענט דערטראכטן. ווי למשל צווינגען אידן צו שייערן די טראָטואַרן מיט אזעלכע שטאָפן וואָס זאָלן זיי אויסעסן די פלייש פון די פינגער און די קני: דערויף דאַרף מען קענען **חכמת הכימיה!**

6) רופן צו דער תורה הייסט רופן צו די **צוקונפטיגע** צייטן.

„צוריק צו דער געטאָ!״ — איז א פּראָדוקט־לאָזונג פון פאַר־צווייפלונג, פון ביטערקייט. מיר האָבן דאָרט גאָרניט וואָס צו זוכן און צו געפינען. אונזער גורל איז דער גורל פון דער מענשהייט!

**

חיים ליבערמאַן איז א באַגאַבטער עסייאיסט. מיט יאָרן צוריק פלעג איך זיצן אין א פּאַרק און לייענען זיין בוך „דיכטער און וועלטן״, וועגן גרויסע געשטאַלטן אין דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור. ער איז מיר זייער טייער אלס עסייאיסט!

אָבער מיר זיינען ניט סימפּאַטיש זיינע אַטאַקעס אויפ׳ן וועטעראַן פון דער אידישער ליטעראַטור — דר. חיים זשיטלאָווסקי. מיר דאַרפן קענען פאַרנעמען קריטיק. מיר מעגן הערן א נעגאַטיוו וואָרט. צו וואָס זיך פּאַטשן אין די באַקן און לויכטן רויט? אן אַלט פּאָלק מעג דענקען פילאָזאָפיש־רואיג.

מיך באַליידיגן קיינמאָל ניט דר. חיים זשיטלאָווסקי׳ס אַרטיקלען. זיי זיינען באַלערנד און אָביעקטיוו. דער אַלטער דענקער האָט ליב זיין פּאָלק. האָט ער דען ניט מיט זיין קאָלאָסאַלער ערודיציע זיך גע־קענט ווידמען אַנאַנדער פאָלק און זיין געערט אויף די עלטערע יאָרן? דר. זשיטלאָווסקי איז אַ מאַן פון פילאָזאָפישער אָביעקטי־וויטעט, ער איז געקומען לערנען.[7] מען דאַרף ניט אַזוי גאַליק־ביטער אָנפאַלן אויף איהם, ווי עס טוט עס חיים ליבערמאַן אויף די קאָלומס פונ׳ם „פאָרווערטס״. מען דאַרף א דענקער אַטאַקירן מיט׳ן זעלבן געווער — געדאַנק, לאָגיק און מיט רואיגקייט!

זאָל מיר דער חשוב׳ער חיים ליבערמאַן אנטשולדיגן. דאָס איז מיין פּערזענלאַכע רעאַקציע צו זיינע אַטאַקעס אויף דר. חיים זשיטלאָווסקי. איך וויל זיך ניט שאַפן קיין שונאים, בפרט ווען איך שעץ חיים ליבער־מאַן.

חיים ליבערמאַן האָט שטעלן אין זיינע ווערק פון גרויסער אָביעק־טיווקייט. צו וואָס זיך פאַרפלעקן מיט פּערזענלאַכע אָנפאַלן אויף דר.

---

7) אייך באַליידיגט ניט ווען ער שרייבט אז מ׳האָט אידן אין פּוילן אָנגעבאָטן ערד נאָר זיי האָבן בעסער אויסגעקליבן צו זיין שיינקאַרעס און האַלטן די פּויערים פאַר׳שיכור׳ט כדי די פּריצים זאָלן קענען זויגן זייער בלוט? וואו ווער ווען האָט אָנגעבאָטן אידן ערד און זיי האָבן ניט געוואָלט נעמען? איז אויסגעטראַכטע היסטאָריע ביי אייך אָביעקטיוויטעט און קאָלאָסאַלע ערודיציע? און אייך באַליידיגט ניט ווען ער שרייבט, אז „אפילו געגן דער האַלב־פאַשיסטישער רעגירונג אין פּוילן האָבן אונזערע טענות א פּנים פון חוזק״? געבן היטלער׳ן גערעכט געגן אידן איז ליבשאַפט צו פּאָלק ישראל?

חיים זשיטלאָװסקי, ש. ניגער א. א.? אויך ש. ניגער האָט זיין ריזיגע ראָלע אלס קריטיקער אין דער אידישער ליטעראַטור — אַ מאַן װאָס לערנט, לייענט, איז אָביעקטיװ, שעצט אָפּ, דערמוטיגט, װעגט אָפּ די מערסטע שרייבער און װערק אין דער אידישער ליטעראַטור.

***

אין א פריערדיגן ארטיקל האָב איך זיך שוין ארויסגעזאָגט בנוגע שלום אַש׳ס פּאַטעטישע אידעאַליזאַציע פון יסורים. אָבער, מיר דאכט, אז עס פאָדערט זיך א סך פאַראַנטװאָרטלאכקייט צו אידעאליזירן פּיין און מארטירערטום פון מאַסן, װעלכע װערן אין משך פון יאָרטויזנטער געפּייניגט װייל זיי זיינען אידן. איך װיל דערמיט זאָגן מער קלאָ־רער און דייטלאָכער: װער גיט א רעכט צו הייסןליידן? איז דאָס א תכלית צו עקזיסטירן אין אזעלכע טרויעריגע באדינגונגען? װאָס זיינען פרויען און קינדער שולדיג? דארפן זיי פאַרגיסן זייער אייגן בלוט? צו װאָס? איז ניט לעבן הייליגער װי יעדער אידייע? װאָס װעט װערן פון דעם אלעם? איז ארץ ישראל א גאולה, װען מיר טרעפן זיך אָן דאָרטן אויף דיזעלבע שװעריגקייטן װי אין די גלות־לענדער? מעג מען זיין בלינד? צי האָט מען ניט געקענט פאָראויסזען אז די אַראַבער זיינען א פאַקטאָר, װאָס װעט קיינמאָל ניט דערלאָזן א אידיש לאַנד זיך צו עטאַבלירן אין פאלעסטינע? דיזעלבע היסטאָרישע סיבות װאָס האָבן געבראכט צום אונטערגאנג פון דער אידישער מלוכה אמאָל — עקזיסטירן זיי אויך ניט איצט? אַנשטאָט פּאַלעסטינע — װאָלט ניט גלייכער געװען באלד אין אָנהויב די מיליאָנען דאָלארן אריינ־צולייגן אין א קאָלאָניזאציע אין קאַנאַדע אדער אמעריקע, אויף פרייען, געזונטן לאַנד?

***

איך װייס אז מיינע װערטער זיינען פיללייכט צו דרייסטע. איך האָב נאָר געװאָלט אָנמערקן אז װעגן פאָלקס־פּראָבלעמען, בפרט אזעלכע אַנגעװייטאָגטע װי די אידישע, טאָר מען זיך ניט אזוי לייכט לאָזן באַהערשן פון שטימונגען און מאָמענטאַלע געדאנקען. עס איז קאָלאָ־סאל קאָמפּליצירט. דאָס װאָס ביי א שרייבער איז עס ניט מער װי אַ פראַזע — קען קאָסטן א סך בלוט שפּעטער... מיר דאכט אז מיר האָבן היינט צו טאָג ניט קיין גרויסע פירער. עס פאָדערן זיך געניאלע מענטשן אין אַ טראַגישער צייט. עס פאָדערן זיך גרויסע גע־שטאלטן פון מאַגנעטישער קראַפט, פון טיפן, געװאלדיגן געפיל און

ווייטזיכטיגקייט, מענשן מיט פערספעקטיוון. דיכטער טאָר מען ניט שטענדיג געטרויען.

אָבער איינס איז פאַר מיר קלאָר: אַז מיר לעבן דורך אַ טראַגיש קאַפּיטל אין דער וועלט־געשיכטע. עס איז ניט אליין א אידישע טראַגעדיע — נאָר א מענשהייט׳ס טראַגעדיע. א שטיק מענשהייט איז פשוט משוגע־ברוטאל, אין דער פּאָליטיק הערשט באַנדיטיזם. די דיפּלאָמאטיע איז געפּאַכטן פון שווערדן. די דיקטאַטאָרס זיינען היס־טעריש זעלבסט־איינגעבילדעטע מערדער. ביי אזעלכע באַדינגונגען איז ביטער פאר די אידן אין וואָס פאַר אַ לאַגע זיי זאָלן ניט זיין. עס איז ביטער פאר דער פרייער מענשהייט. ווי קען א אידיש פאָלק — אפילו ביי די בעסטע באַדינגונגען — עקזיסטירן אין אַזאַ באַנדי־טישער וועלט? עס איז דעריבער א פראגע פון דער גאנצער מענש־הייט. אין א פרייער מענשהייט קענען אויך די אידן זיין פריי. אַנדערש — ניט! געטאָ׳ס וועלן גאָרניט אויפטאָן, בלויז אויסשטעלן די אידישע מאַסן צו נייע פּאָגראָמען און שחיטות. איז דאָס רעכט אזוי? מעגן מיר עס טאָן? איז ניט גלייכער זיך איינצוהערן אין א זשיטלאָווסקי וועגן אונזער לאַגע, אונזערע שוואַכע זייטן, די סיבה פון אונזער אומגליק — איידער זיך צו לויבן, ווייל אנדערע דערנידעריגן אונז? נאַטירלאך, לויבן איז — צוגעבן מוט דעם פאָלק. עס האָט אויך זיין נוצן! פעלקער אין אומגליק דארפן פון זייערע דיכטער און טריבונען געמוטיגט ווערן.

אָבער — עס טאָר ניט ווערן אַפּיום. מיר דארפן פארשטיין אז די מענשהייט איז נידעריג, זייער נידעריג. העלפן אונז קען נאָר א בע־סערע, א פולקאָמענערע מענשהייט. די עוואָלוציע פון דער מענש־הייט גייט דאָך פאָראויס. איך גלויב אין דעם פּראָגרעסיוון דראנג פונ׳ם עוואָלוציע־פּראָצעס. שליסלאך וועט די מענשהייט דערגיין צום העכסטן אוניווערסאליזם, וואו פעלקער גיסן זיך צונויף אין איין שטראָלענדיגער, זוניגער, קאָסמיש־באַוואוסטזיניגער מענשהייט.

נאָר אין אַזאַ זין פארשטיי איך די דערלייזונג פון די אידן אין זייער מיסיע אין דער וועלט־געשיכטע. דער עוואָלוציע־פּראָצעס פאר־שאַפט קאַלאָסאַלע ליידן. אידן ליידן צום מערסטן. נאָר אויב שוין יאָ פארהערלאכן ליידן — איז אין אָט דעם זין, פאר דער באַפרייאונג פון דער גאַנצער מענשהייט. אויב די אידן וועלן אמאָל שטארבן אלס פאָלק — וועלן זיי איבערגיין אינ׳ם לעבן פון איין מענשהייט אויף דער ערד!

מעגלאך אז איך בין נאַאיוו. אָבער אזוי זע איך די צוקונפט. דאָס איז מיין ציל. אויב אזוי פיל ליידן — זאָל שוין זיין פאַר עפּעס. ניט פאר א נייעם געטאָ, נייע צרות, נייע מלוכות און נייע קריגן, נייער גלות און נייע צושפּרייטונג אין דער וועלט.

איך ליב די אידן, איך ליב די גאַנצע מענשהייט. די וועלט מוז ווערן פריי! די גאַנצע וועלט! ווען ניט — זאָל בעסער דער פּלאַנעט אונטערגיין, פארזשאַווערט ווערן, ווערן אן אומענדלאך בית־עולם פון טויט און רואינען. איין גאָט עקזיסטירט אין אוניווערס. איין פאָלק דאַרף עקזיסטירן אויפ׳ן פּלאַנעט. איין זון דאַרף באַגיסן מיט אָקעאַנען ליכט די גאַנצע פרייע מענשהייט![8]

„שיקאגער קוריער״

# נביאיש

פון

## רפאל שוחט

עס ליגט פאַר מיר אויפ׳ן טיש אַ ניי ביכעלע פון 36 זייטן מיט אַ שוואַרצער הילע געצייכנט מיט א שרעקלאך געזיכט וואָס באַצייכנט דעם מלאך המות ווי מיר בשר־ודמ׳ס שטעלן זיך אים פאָר. „אין טאָל פון טויט״ איז דער נאָמען פון ביכעלע וועלכער זאָגט עדות אויפ׳ן אינהאלט.

ווען איך זאָל וועלן געפינען אַ דעפיניציע צי דאָס איז פּאָעזיע אָדער פּראָזע, וואָלט איך ניט געקענט, ווייל געשריבן (אויסערלאך) איז עס אין פארמע פון פּראָזע, אבער לעזן לעזט זיך עס ווי פּאָעזיע. אָבער איינס איז מיר קלאָר — עס איז נביאיש.

חיים ליבערמאן איז א טיף־דענקער און אַ שטארק־פילנדער איד. ער האָט ליב אידן און אידישקייט, און ער ליבט מענשן. און עס פאַר־דריסט אים אויף זיינע אייגענע מיטמענשן פארוואָס זיי שלעפן אראָפּ פון זיך דאָס מענשלאכקייט און שלעפן אויף זיך דאָס אוממענשלאכקייט. ער זוכט א ניי וואָרט „קידוש האדם״, אנשטאט „קידוש השם״, ווייל „גאָט׳ס נאָמען קען געהייליגט ווערן אומעטום, אויפ׳ן שייטערהויפן און

8) און דאָס איז דער אידעאל פון דער תורה. און אויב צוריק צו דער תורה מיינט ביי אייך צוריק אין געטאָ — איז צוריק אין געטאָ!

אין רינשטאָק״ (דערמיט מיינט ער דאָס וואָס אין ווין האָט מען די אידן געטריבן רייניגן די רינשטאָקן און בית הכסא׳ס). „די בית הכסא׳ס אין די נאַצישע הערצער זיינען געבליבן״. און ער לאָזט אויס דערויף „די שווערסטע ארבעט שטייט אונז נאָך פאָר״, דאָס הייסט: מקדש השם זיין.

חיים ליבערמאַן רעדט ניט אפּאלאגעטיש פאר׳ן אידישן פאָלק ווי מיר זיינען געוואוינט צו הערן טאָג־טעגלאך, נאָר מיט שטאָלץ. „מיר זיינען אן אידייע וואָס האָט א פאָלק. די תורה איז געווען פריער ווי די אידן און האָט אונז אויסגעקליבן... עס איז באַטשאפט פון גאָט... ער איז דער וועג, מיר זיינען דער טראָט. ער איז דער פירער אין דער נאכט. מיר די לאַמטערן אין זיין האנט. ער דער פייער, מיר דער קנויט... דער בליץ אין זיין אויג אויפצולויכטן דאָס מענשלאַכע האַרץ, מיר זיינען די פעדערן אין גאָט׳ס פליגל״.

אין איצטיגער צייט, ווען אויף דער גאנצער וועלט האָט זיך צו־ברענט דער אַנטיסעמיטיזם, ווען אומעטום זוכט מען אונז צו פאר־ניכטן, ווערט נאָך אונזער מיסיע גרעסער, ווייל מיר זיינען געקומען „אויפצולייכטן דאָס מענשלאכע הארץ״ און דאָס ווערט לעצטנס אויס־געלאָשן, און עס ווערט פינסטערער און פינסטערער.

„נאָר געבענשט זאָל זיין דאָס לייד וואָס לייטערט״ טרייסט זיך חיים ליבערמאַן, אָבער פארלאָרן וועט אונז גאָט ניט לאָזן גיין, ער וועט אונז ארויסהעלפן אזוי ווי ער האָט אונז געהאָלפן פון זינט ער האָט אונז געגעבן די תורה. קיינער קען אונז ניט אומברענגען: „ווער קען בויגן אונזער קאָפּ צו דער ערד אז גאָט טראָגט אונז אונטער זיין צארטן שויס?״

חיים ליבערמאַן שטעלט פאר ווי די נאַציס זיינען די פארניכטער פון דער קולטור, די אויסלעשער פון אונזער ליכט, די פארברענער פון אונזערע ביכער, אָבער עס וועט זיך זיי ניט איינגעבן אויסלעשן דאָס ליכט וואָס מיר האָבן פאר יאָרן לאנג געטראָגן הויך און באשיינט אלע פעלקער. „זיי האָבן זיך גענומען די ערד און מיר האָבן גענומען דעם הימל״. און „ווער עס שפייט געגן הימל שפייט אויפ׳ן אייגענעם פנים״.

ווען איך לעז דאָס קליינע ביכעלע און געלייענט האָב איך עס שוין דריי מאָל — דערמאָן איך זיך אין די רייד פון די נביאים, אָדער אָן ביאליק׳ס „דאָס לעצטע וואָרט״, אָבער דאָס איז גאָר אנדערש: ליבערמאַן באשולדיגט ניט דאָס אידישע פאָלק, ער באַ׳אויקעט עס אויך

ניט. ער באדויערט וואָס מיר, זעכצן מיליאָן אידן וואוינען איבער'ן גאנצן טאָל פון טויט, אבער ער איז מוטיג און אָפּטימיסטיש וואָס דער טויט קען אונז ניט טויטן. „אונזער פאָלק וועלן זיי ניט פארניכטן: וויפיל דארפן מיר דען כדי א פאָלק צו זיין? צען אידן זיינען א מנין, און וואו ס'איז דאָ א מנין דאָרט איז דאָס אידישע פאָלק".

ליבערמאן באדויערט אָבער וואָס אונזער פאָלק „איז אָפט ניט ווערט זיך אליין", ווייל מיר האָבן געלאָזט אונזער אייגענע תורה, וועלכע איז די תורה פון אלע תורות, פון ברודער ליבע, דעמאָקראטיע, הומאַ־נישקייט און ד. ג. „שטיין פארשעמט אין ארון קודש" און מיר כאפן שברי לוחות פון אונזערע אייגענע לוחות „פון פרעמדע הענט".

הגם ליבערמאן רעדט נביאיש, פאַנטאַסטיש וועגן גייסט און הימל, דאָך איז ער גאנץ רעאליסטיש און רעדט ניט מיט קיין רמזים, נאָר ער רופט אָן די פעלקער ביי זייערע נעמען, ווי למשל, „פראנקרייך די פאַרשייטע אריסטאָקראטקע... ענגלאַנד, דאָס מיידל אין יעדן פּאָרט... רוסלאַנד דיברייטפיסיגע און שמאָלקעפיגע... דייטשלאנד דאָס לאנד פון אייזערנעם הארצן און קופערנעם שטערן... און אמע־ריקע, דער תיקון טעות פון אייראָפּאַ".

ליבערמאן רעדט ווי א טיף רעליגיעזער איד, כמעט א מיסטיקער וואָס גלויבט אין שיקזאל, פול מיט בטחון.

אָבער ער באנוצט אין דעם ביכעלע זייער פיל אילוסטראציעס וואָס פּאַסן זיך צום איצטיגן שדים־טאַנץ אין אייראָפּע, ער נוצט די שלענג, די ווילדע חיות, די זשאַנגלס א. ד. גל.

ווי געזאָגט, ליבערמאן רעדט מיט שטאָלץ און מיט בטחון, אָן פחד און אָן יאוש. אָבער בשעת מען לעזט זיינע ווערטער שפּירט מען דוקא אַ געדאַנק פון יאוש. דער שווערער מאָמענט האָט אים געבראכט צו די נביאישע אויסדריקן פון העלדישקייט און בטחון. ער וויל זיך אליין טרייסטן. ער וויל אויך טרייסטן דאָס גאַנצע אידישע פאָלק וואָס פארצווייפלט פון טאָג צו טאָג. און וואו זוכט ער דעם בטחון? אין אונזער עבר. ווי אין עבר בלייבן מיר אומשטערבלאך אויך אין דער צוקונפט.

איך וואָלט געראטן יעדן אידיש לעזער וואָס פארטראַכט זיך אי־בערן שיקזאל פון אונזער פאָלק צו לעזן דאָס ביכל, וועט ער געפינען א טרייסט אמווייניגסטן בשעת ער וועט עס לעזן.

# רעצענזיע[1]
## פון הרב שלמה באַגין

„אין טאָל פון טויט״ — אַ קליין ספר מיט אַ גרויסן אינהאַלט.

יעדער וואָרט איז וואָגיק. יעדער קלאַנג איז נביאיש.

פון צווישן די פינסטערע וואָלקנס פון היינטיגן זיין טראָגן זיך די פּראָטעסטן פון אונזערע אַלטע נביאים.

אַן אָפּקלאַנג פון מקונן ירמיהו און פון נביא אין גלות בבל, יחזקאל.

די מאָדערנע דערגרייכונגען אויפ׳ן געביט פון ראַדיאָ און טעלע־וויזיע באַשטעטיגן, אַז קיין איין קלאַנג גייט ניט פאַרלאָרן. יעדער קלאַנג פון מענש בלייבט אין אונזער וועלט און איז פול אומעטום אין אַלע ווינקעלאך פון דער ערד און הימלען.

די רייד פון אונזערע נביאים זיינען ניט פאַרלאָרן געגאַנגען. די וועלט איז פול מיט די קלאַנגען פון גאָטס וואָרט און די ווערטער קריגן זייער גלגול און תיקון אין די מיילער און הערצער פון די נביאיש געשטימטע מענשן.

יעדער דור פאַרמאָגט מענשן מיט גרויסע נשמות, וועלכע ציען זיך צו די הימלען.

יעדער דור פאַרמאָגט מענשן וועלכע טראָגן אין זייער האַרץ דעם שמערץ פון דער וועלט.

יעדער דור פאַרמאָגט מענשן וועלכע זיינען רייך אין זייער פּאָעטישן רעליגיעזן דראַנג צו קדושה און הימל פּאָעזיע.

יעדער דור פאַרמאָגט מענשן וועלכע פילן אַ נביאישע מיסיע צו וועקן דעם געוויסן פון דער וועלט.

איינע פון די הויכע פּאָעטישע נאַטורן איז חיים ליבערמאַן.

מיט אַ גרויסן נביאישן אויסגעשריי שרייט ער פון באַרג צו דער גאַנצער וועלט. פונקט ווי דער אַמאָליקער נביא פלעגט זיך ניט שעמען און זאָגן דעם אמת אלעמען אויף רעכטס און לינקס ביז צום קעניג מיט׳ן שווערד, אזוי גייט אויך חיים ליבערמאַן פון טאָג־טעגלאָכער פּאָליטיק און זאָגט אמת׳ן אלעמען. פאַר דעם נביא עקזיסטירט ניט די מאָראַל פון טאָג, פון מאָדע, פון פּאָליטישן היינט.

פאַר דעם נביא עקזיסטירט ניט די רעכט און גערעכטיגקייט פון מאַכט און פויסט. דער נביא לויפט ניט מיט דעם היינט פון דער פּאָליטיק און מאַכט פון היינט.

---

1) זע בריוו פון הרב באַגין זייט 9.

דער נביא איז ניט אָפּהענגיג פון אָרט, פון צייט, פון רעלאַטיווער מאָראַל און מאַכט, אפילו ניט פון קלאַס און נאַציע. דער נביא פאָדערט די אמת'ע רעכט פון תמומת'דיגער אַפּאָליטישער גערעכ־טיקייט — פון אמת'ער ליבע פון מענש צו מענש אָן קיינע פּינטלאַך און דריידלאַך.

דער נביא איז ניט אונטערגעוואָרפן דער פּסיכאָלאָגיע פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט וועלכע גייט ארויס פון מאָדע און ווערט אין מיסטקאַסטן פארוואָרפן, דער נביא טראָגט מיט זיך די גערעכ־טיקייט פון גאָט, וועלכער איז אייביג און אומפאַרענדערלאַך. פאַר דעם נביא זיינען אַלע דיקטאַטורן פון לינקס און רעכטס בלויז אַ האַק אין דער האַנט פון דער השגחה, וועלכע פירט דורך איר געריכטיגקייט דעטערמיניסטיש געעזצלאַך, אָבער וועלכע ציט איר יניקה פון דעם אינדעטערמיניזם פון דער השגחה. חיים ליבערמאַן טאַפּט אָן די השגחה און טעלעאָלאָגיע אין דער וועלט־געשיכטע און ער רעדט צו דער וועלט מיט אַ נביא'ישן אויסגעשריי.

ליבערמאַן זאָגט: „און מיר וועלן אויך זיין, זיבן מאָל זיין, צו זינגען דאָס געזאַנג פון דיין אונטערגאַנג, פאַשיסט! ווי איך בין אַ איד!"

ליבערמאַן זאָגט, דאכט זיך, ארויס בלויז דאָס וואָס מיר אַלע פילן, דאָך ביי אים קומט עס אַרויס קלאָר און בולט.

ליבערמאַן זאָגט: „אידישע קינדערלאַך האָבן אַ לעגענדע פון אַ פּאַפּירענעם בריק פאַר די אידן און אַן אייזערנעם פאַר די גוים: די אידן וועלן אַריבערגיין און די גוים וועלן אריינפאַלן. די לעגענדע איז ניט ערשט פאַר לעתיד לבוא. אין אונזער געשיכטע איז זי שוין א סך מאָל וואָר געוואָרן. מיר האָבן אונזער לעבן געשטעלט אויף אַ ספר, זיי אויף פעסטונגען. ליגט די רוימישע אימפּעריע ווי א צעקוועטשטער פויגל, פון אַשור און בבל איז קיין פעדער ניט געבליבן, צאַר און אינקוויזיטאָר פארשוואונדן אָן א שפור, און מיר זיינען דאָ און בויען ווייטער פּאַפּירענע בריקן אויף דעם מוסר השכל".

איז דען ליבערמאַנ'ס קליין ספר'ל ניט מער ווערט פון די פּיל ביקסן און קאַנאָנען פון א היטלער און מוסאָליני? בעת היטלער מיט מוסאָלינין וועלן ליגן צוטראָטענע, בעת די זעלבע מאַסן וועלכע שרייען פאַר זיי „הייל" וועלן זיך פרייען ווען מען וועט זיי פירן צו דער תליה, דאַן וועט לעבן דאָס וואָרט פון זון פון נביא'ישן פאָלק. א וואָרט גייט ניט פאַרלאָרן, אַ וואָרט לעבט אייביג אין וועלט רוים.

ליבערמאַן מוסר׳ט ניט בלויז נאָר ער טרייסט אויך.

ווען דער נביא יחזקאל איז געקומען אין טאָל פון די טויטע אויסגעטריקנטע ביינער האָט ג׳ זיך צו אים באַוויזן און געהייסן נבואה זאָגן אַז אויף די אויסגעטריקנטע ביינער וועט קומען א ווידערגעבורט —אַ נייער לעבן פון פלייש און בלוט און נשמה.

ליבערמאַנ׳ס וואָרט איז אַן אָפקלאַנג פון יחזקאל׳ס נבואה אין גלות בבל. א קרעכץ מיט א טרייסט צוזאַמען. — אַ תחית המתים פאַר די אונטערגעגאַנגענע.

ליבערמאַן זאָגט: „גאָט האָט באַשאַפן א וועלט מיט געשאַנק און ברכה פאַר אלעמען: ערד און וואַסער, זון און לופט די והותר, קאָרן און ווייץ לרוב.״

„און די מענשן האָבן גענומען די וועלט און געמאַכט פון איר אַ טאָל פון טויט. אויף יעדער גרעזל אַן אומרעכט, אויף יעדן זעמדעלע אַ רציחה. וואו א שטיין, אַן עשאַפאָט, וואו א צווייג אַ תליה, הערצער ווערן געטראָגן אויף שפּיזן. און זיי גראָבן איינער דעם אנדערנס קברים.״

אַ פּראָטעסט אויסגעשריי, וואָס יעדער פון אונז שרייט אויס, דאָך קלינגט עס גאָר אנדערש פון ליבערמאַנ׳ס מויל.

ליבערמאַנ׳ס שפּראַך איז די שפּראַך פון נבואה פּאָעזיע. די שפּראַך וועלכע ציט איר יניקה פון נשמה הויכקייט. ווי א נביא ברעכט ליבערמאַן די געצן צו וועלכע די זין פון זיין דור דינען. ליבערמאַן קלערט אונז אויף דעם פאַרזאָג פון דער תורה, אז מענשן זאָלן ניט דינען צו קיין אָפּגעטער. דינען דען ניט די מענשן פון די דיקטאַ־טאָרישע לענדער צו קיין מענשן ווי צו א גאָט? און ליבערמאַן דער־מאָנט: „זאָלסט ניט דינען צו קיין מתים, זאָלסט ניט דינען צו קיין מענשן — משה איז אמת און זיין תורה איז אמת!״

די מאָדערנע ציוויליזאַציע האָט באַנקראָטירט. די דיפּלאָמאַטן מיט די הויכע צילינדערס און ווייסע הענטשקעס באָדן זיך אין בלוט פון פעל־קער.

קיינער האָט קיין מוט צו זאָגן דעם אמת אין די אויגן. דער מאָדערנער געזעלשאַפט פעלן די גרויסע נביא׳ישע נאַטורן.

די ארבעט פון חיים ליבערמאַן איז א ליכטיגער שטראַל אין אונזער פינסטערער וועלט. דאָס איז א בוך, וואָס אלע דאַרפן לייענען — אַ בוך פון דער העכסטער ווירדע און באַדייטונג פאַר אונזער צייט.

„מאָרגנצייטונג" (בוענאָס איירעס)

# װעגן װייסן בוך

פון

מ. ק.

„אויב איך װעל עס דיר פאַרגעסן, ענגלאַנד!" — אונטערן דאָזיגן קעפּל און מיט'ן זעלבן לייטמאָטיװ איז דערשינען אַ קליינע זעכצן זייטיגע בראָשור פון חיים ליבערמאַן. דער שפּראַך־מייסטער עסייאיסט און פייערדיגער פּובליציסט חיים ליבערמאַן דערשיינט אין דער דאָזיגער קורץ־אַטעמדיגער אַרבעט, מיט דער גאַנצער עשירות פון זיין װאָרט־אוצר. ער דונערט און ער בליצט ממש מיט זיינע געטאַקטע זאַצן, פול מיט פאַרניכטנדיגער פאַראַכטונג צו די שעפער פונ'ם װייס־בוך.

זיין אידישער צאָרן גיסט זיך אויס אין אַ שטראָם פון בליצנדיגער אַפּאָלאָגעטיק פאַר'ן געפּייניגטן גוף און נשמה און פאַר דער צוריסענער אידישער הארץ. און די װערטער זיינען שטאַרק און פאַר'שכור'נדיג, װי אַלטער אויסגעשטאַנענער װיין. אין חיים ליבערמאַנ'ס שרייבן, איז ניט אַזוי װיכטיג, װאָס פאַר אַ טעמע ער נעמט, נאָר װי אַזוי ער שרייבט. און שרייבן אַזוי װי חיים ליבערמאַן קאָן כמעט קיינער אין דער אידישער פּובליציסטיק. זיינע װערטער־פיילן זיינען װייטגרייכנדיג און פאַרניכטנדיג פאַר'ן געגנער מיט װעלכן ער נעמט זיך אונטער צו פּאָלעמיזירן.

אין דעם פאַל איז דער געגנער, יענער טייל ענגלאַנד, װאָס האָט אונז געגעבן דעם װייסן בוך און חיים ליבערמאַן קאָן זיך דאָ פאַר־גינען צו קומען צו זיין פולן אויסדרוק, אין דער גאַנצער פּראַכט פון זיין פולבלוטיגן, פּאָלעמישן טאַלאַנט.

די דאָזיגע בראָשור איז דעריבער אַ ספּאָנטאַנער אויסדרוק פון גערעכטן אידישן צאָרן, אַרויסגעבראַכט דורך אַ גאָט־געבענטשטער פּען פון אַ גרויסן שריפטשטעלער.

חיים ליבערמאַן — דער װאונדערלאַכער סטיליסט האָט אין דער דאָזיגער בראָשור איבערגעשטיגן ממש זיך אליין. דער זאַץ־בוי אין דעם ביכל איז העכסט מאָדערניסטיש און גלייכצייטיג אין ביבליש־נביאישן טאָן. עס איז אַ מין פּובליציסטישע פּראָזע, װאָס לייענט זיך װי אַ ליד.

צווישן די אַלע סטראַטעגיש־פּאָליטישע און זשורנאַליסטישע אָפּ־האַנדלונגען וועגן היסטאָרישן ווייס־בוך, וועט חיים ליבערמאַנ׳ס — „אויב איך וועל עס דיר פאַרגעסן, ענגלאַנד״—פאַרבלייבן ווי אַן אויטענ־טישער דאָקומענט אויסדרוק פון אונזער שווערער און נסיונות׳פולער צייט.

„אידישע פאָלקסצייטונג״ (ריאָ דע זשאַניירא)

# „אויב איך וועל עס דיר פאַרגעסן, ענגלאַנד!״

## פון ניעקי

אונטער אָט דעם טיטול האָבן מיר באַקומען, ווי שוין באַקאַנט, א דינינקע בראָשור, וואָס אַנטהאַלט קוים 16 זייטן, פון דעם באַקאַנטן אידישן פובליציסט, חיים ליבערמאַן.

ווי דער טיטול זאָגט, איז די בראָשור געווענדט געגן ענגלאַנד, וואָס האָט דורך איר לעצטן „ווייסן בוך״ פאַרלעצט אירע הבטחות צו אידן וועגן העלפן אויפבויען די אידיש־נאַציאָנאַלע היים אין ארץ ישראל. ווי דער טיטול זאָגט, איז דאָס ניט קיין פובליציסטיק, נאָר א פאַרזוך פון א נביא׳ישן אויפטריט געגן דעם פאַראַט, וועלכער קען ניט באַ־קעמפט ווערן מיט דעם געוויינלאכן לשון פון לאָגיק און רעכטמאַנונג.

אויב איך וועל עס דיר פארגעסן, ענגלאַנד! — אזוי זאָגט ניט קיין פובליציסט. אזוי זאָגט א נביא. דאָס איז דער סטיל פון אונזערע נביאים, וועלכער איז, אגב, אין אידיש ביז היינט ניט געברויכט געוואָרן.

און וואָס מ׳קען זיך ניט דערלויבן אין פובליציסטיק, קען מען זיך דערלויבן אין א נביא׳ישן אויפטריט. קען מען אין דעם געוויינלאכן פובליציסטישן סטיל געברויכן א קללה אויף וועמען? — בשום אופן ניט. געוויינלאך איז א קללה ניט דרוקבאר. דער ציוויליזירטער אויער פאַרנעמט ניט קיין קללה׳ס. דאָ דאַרף די קללה, ווען זי מוז שוין געברויכט ווערן, זיין געוויקלט אין דעם זיידענעם טוך פון דיפּלאָ־מאַטישן שניט.

אנדערש אבער איז דער פאל מיט דעם נביא׳ישן סטיל, וואו די קללה קען קומען מיט איר גאנצער קראפט, און וואָס קרעפטיגער זי איז — אלץ מער באַרעכטיגט איז זי. וואָס מער פּאַטאָס עס באגלייט

די קללה און וואָס מער ווי עס קומט דורך איר צום אויסדרוק — אַלץ מער אָנגעמבאַר איז זי, אַלץ מער ווירקט זי אויף אַלעמען.

„אשרי שיאחז ונפץ את עולליך אל הסלע" — דאָס קען געזאָגט ווערן נאָר אין אַזאַ פאָרם. איבערזעצט דידאָזיגע קללה אין וועלכער עס איז שפּראַך, אָן דעם זי זאָל בלייבן ביי איר פּרימיטיווער קראַפט, וועט זי האָבן אַ שלעכטן אָפּקלאַנג, וועט זי זיין ניט מער, ווי אַ וואולגאַרע קללה, וואָס גרילצט אין אויער.

האָט ליבערמאַן דאָס פאַרשטאַנען ווען ער איז געקומען מיט אַ קללה אויף די ליפּן געגן דעם פּאַראַט פון ענגלאַנד, וואָס האָט אונז „מזכה" געווען מיט אַ „ווייס־בוך", און גענומען פּונקט דעם נביא׳ישן טאָן, אין וועלכן עס איז דערלויבט אפילו צו שעלטן, אין וועלכן די קללה איז ניט אַזוי קללה, ווי אָנגעגליטער פּאַטאָס, ווי דער געטלאַכער אויסברוך געגן אַלץ דאָס אומווירדיגע.

זאָגט ליבערמאַן:

„צו מתן תורה האָט ענגלאַנד איר מתּנה אונז געבראַכט. ווייסער פּאַפּיר געגן תורה! פּאַרלאַמענט געגן סני! וואָס דער סני האָט מיט פייער איינגעברענט וויל זי מיט טינט פאַרשמירן. אויף דער חתימה פון גאָט אַרויפלעגן די חתימה פון ענגלאַנד".

ווען תורה און ווייס־פּאַפּיר ווערן קאָנפראָנטירט, אָדער ווען פּאַר־לאַמענט און סני ווערן געשטעלט איינס געגן אַנדערן, קען מען שוין אין נאָמען פון די ערשטע זאָגן אַלץ געגן די לעצטע. ווער עס רעדט אין נאָמען פון סני, תורה, גאָט, קען דער גאַנצער וועלט שפּייען אין פּנים אַריין. ביי איר טיפסטער רשעות, קען די וועלט זיך ניט ווערן געגן גאָט׳ס וואָרט. ביי דער טיפסטער געפאַלנקייט פון אַ דור, קען דער דאָזיגער ניט אויסזעצן געגן דער קללה, וואָס נידערט אַראָפּ אויף אים פון סני, צי פון׳ם הימל. און קוים רעדט ליבערמאַן אין נאָמען פון תורה, סני, גאָט, קען ער שוין לאָזן אויפגעצוימט זיין פּאַטאָס, קען ער שוין זאָגן אויך:

„ענגלאַנד האָט גענומען אַ שטריק און האָט זיך גערופן גזלנים פון וואַלד און האָט געזאָגט: לאָמיר אויפהענגען גאָט׳ס פּאָלק! און זי האָט געטראַכט אין איר האַרצן: אַ שטריק פון אַ גאַהענגענעם איז אַ סגולה, איך וועל אַרומבינדן מיט איר מיין קעניגרייך פון צופאַלן.

„אָבער אַזוי איז געווען גאָט׳ס וואָרט אויפ׳ן סני: דיין שטריק איז צופוילט, ווייל פון אומרעכט געפלאָכטן און זי וועט צוקריכן אויפ׳ן האַלז פון מיין פאָלק, און דיין קעניגרייך וועט זי ניט איינבינדן, נאָר

צופאַלן וועט דיין קעניגרייך, ווי א צוטריקענטע פּאַס ווערט צושאָטן, וואָרום ניט קיין וויין האָסטו אין איר געהאַלטן, נאָר פעלקער־בלוט האָסטו אין איר געזאַמלט, און זי איז צופרעסן געוואָרן פון געזאַלצענעם בלוט.

„גיי און לערן פון דער אָרעמער האָר, אָרעמע ענגלאַנד! ווען די שוואַכסטע האָר פון קאָפּ וויל ארויספאַלן, וועט די שטאַרקסטע ארמיי זי דען איינהאלטן? וואָס וועט דיר נוצן דיין שטאַרקסטע מאַכט אין טאָג פון דין? וואָרום עס איז שענדלאך צו זיין אזוי מעכטיג״.

עס האָט שוין ווער געזאָגט וועגן א פריערדיגער בראָשור פונ׳ם זעלבן מחבר, אַז ער איז היסטעריש. מיר האָבן דאָס געלייענט אין דעם פּאַריזער פּעריאָדישן זשורנאל „אויפ׳ן שיידוועג״. דאכט זיך, אַז דאָס איז געווען ראַפּאָפּאָרט. דאָס איז, אָבער, א גרויסער טעות. באצייכענען ליבערמאַנ׳ס אויפטריטן אין דער פאָרם פון בראָשורן מיט „היסטעריש״ איז ניט אַנדערש, ווי א באַווייז, אַז מען באגרייפט ניט דעם סוד פון דער היסטעריק, וועלכע איז געהייליגט. אז מען באגרייפט ניט די באַרעכטיגונג פון „אשרי שיאחז ונפץ את עולליך אל הסלע״. טאַקע נאָר ווען דער פּאַטאָס איז אין היסטערישן שוואונג, קען מען אריבער די געוויינלאכע גרענעצן פון אויסדרוק, די געוויינ־לאַכע מאָס און וואָג פון דעם געברויכטן מאמר. ס׳איז ניט היסטעריק, ס׳איז די שטים פון גאָט, וועלכע ווייסט ניט פון קיין מאָסן, וועלכע דאַרף ניט וויסן פון קיין גרענעצן. אז גאָט שעלט — שעלט ער ניט סתם, האָט די קללה א געטלאכן זין. און מיר זיינען דערגאַנגען אינ׳ם אידישן פאָלקס־לעבן צו דעם פּונקט, וואו עס ענדיגט זיך די גרענעץ פון מענשן, און עס הויבט זיך אָן די גרענעץ פון גאָט. די מענשלאכע שפּראַך קען ניט מער אויסדריקן פול און גאַנץ אונזער ווי, אונזער פּראָטעסט. ס׳איז די צייט, ווען מיר ווערן אלע געשטויסן צו דעם צער און צאָרן, אין נאָמען פון וועלכן ביאליק האָט געזאָגט „יקוב הדין את ההר״ און דער בלוט־פלעק זאָל זיך קיינמאָל ניט אָפּטאָן פון די, וואָס האָבן זיך אין אונזער בלוט געבאָדן. אויב אין דער פּאָעזיע האָבן מיר ניט איינעם אזוינעם, וואָס זאָל געבן א תקון צו דעם צאָרן, וואָס גליט אין אונזערע ביינער, זאָל געבענשט זיין א חיים ליבערמאַן, וואָס מאַכט דאָס אין פּראָזע, אין ביבלישער פּראָזע.

ווער עס האָט ניט קיין חוש פאר דעם ביבלישן סטיל, דעם שאָקירט אודאי די קללה, וואָס ליבערמאַן אדרעסירט צו ענגלאַנד,

פארשטייט מען אָבער די רעכט פון א ביבלישער ווענדונג, פארשטייט מען אויך, אַז ליבערמאַן פירט אויס א ווערטפולע מיסיע אין זיינע אויפטריטן, ווייל ער גיט א תקון צו דעם צאַרן, וואָס טליעט אין אונזערע ביינער און האָט ניט קיין אויסדרוק.

אין דער בראַשור איז נאָר צו באמערקן איניגע אָפּווייכונגען פון ביבלישן וועג. עס זיינען פאַראַן געוויסע שטעלן פון געוויינלאַך־פובליציסטישן שניט, וואָס קילן אָפּ, ערטערווייז, דאָס היילינגע פייער. דאָסגלייכן איז די בראָשור פארטיילט אין 5 קאַפּיטלען, בשעת זי האָט געדאַרפט פארטיילט ווערן אויף מער קאַפּיטלען, ווייל עס קומט אויס, אַז אין איין און דעם זעלבן קאַפּיטל איז פאַראַן אי ווענדונג, אי שילדערונג, און דאָס לאָזט זיך ניט צונויפגיסן.

אין תוך אָבער מעג ליבערמאַן אפילו קומען צום שלוס פון די 5 קאַפּיטלען צו אַן אויספיר, וואָס קען אויסזען געפערלאַך, אָבער וואָס איז ניט מער ווי די רעכט פונ׳ם געשלאָגענעם צו שפּייען אין פּנים פונ׳ם שלעגער, צו נעמען נקמה, ווען ניט אַ מענשלאכע, א פיזישע איז א געטלאכע נקמה, ווי ליבערמאַן פארשטייט זי:

„אין יענע טעג וועלן אידישע קינדער זיך שפּילן אויף די ברעגן פון תל־אביב, פון יפו, פון חיפה, און די כוואַליעס וועלן ברענגען שטיקלאך זעגל, שפּענער, ברעטער, מאַסטן גאַנצע. און קינדער וועלן קלייבן און זיך חדוש׳ן און פרעגן: וואָס איז דאָס? און מיר וועלן זיי זאָגן: דאָס איז געווען די מאַכט פון ענגלאַנד. און אין קאַלטע נעכט וועלן מיר פון דיינע צושפּענערטע זייטן, ענגלאַנד, פייערן אויף אונזערע סקווערן צולעגן און ביי זייער ליכט די הייליגע שריפטן לייענען, אן אָנזאָג צו רשעים, א התראה צו טיראַנען, א וואָרנונג צו אימפּעריעס!

און א לעצטן חסד וועלן מיר טאָן מיט ענגלאַנד: מיר וועלן איר שענקען א מקונן, זי צו באַוויינען.״

פּאָליטיש געקוקט אויף אָט דעם אויסברוך, קען ער אויסזען ניט בלויז היסטעריש, נאָר פשוט שעדלאַך. געקוקט אָבער גלייך אין פּנים פונ׳ם אידישן לעבן, איז דאָס אן אומפארמיידלאכער און דערפאַר באַרעכטיגטער וויי־געשריי, איז דאָס דער וויי־געשריי פון אַ פאָלק, וואָס מען האָט אָפּגענאַרט אין זיינע הייליגסטע האָפענונגען, און חיים ליבערמאַן איז ניט מער ווי דער שליח צבור פון דאָזיגן פאָלק.

# בריוו[1]

124

## הרב רפאל מרדכי באַרישאַנסקי
הרב דהאָמעל
בראָנקס, נ. י.

ב״ה יום י״ב לחדש אדר שני הת״ש.

החיים והשלום לכבוד המשכיל על דבר אמת נבון דבר
מר חיים ליבערמאן נ״י.

ידיד יקר, קבלתי מחברתו זה זמן רב אך מפני סיבות שונות נתאחרה תשובתי, אבל תשובתי לא תאבד ערכה גם באיחור זמן. מאד התענגתי בקראי ספרו „אין טאָל פון טויט״. ומי יתן ויתרבו כמותו אַך החסרון שהמה שבלים בודדות.

ידידו דורש שלומו והצלחתו מברכו בלב ונפש,

**רפאל מרדכי באַרישאַנסקי**

125

## הרב יקותיאל יהודה גרינוואַלד
רב ואב״ד בקאָלומבוס, אָהייא.

3־17־40

אדוני היקר החכם הנכבד סופר מהיר מר חיים ליבערמאן הי״ו.

רק היום קראתי שני ספריו היקרים אשר הואיל בטובו לכבדני, באמת לקחתי ספריו לעיין בהם כדי לידע תוכנם, אבל מה נשתוממתי אח״כ בהוכחי כי לא הנחתים מידי עד אשר גמרתים מתחילה ועד סוף.

כל מה שכתב מתואר בחרט אמן ומושך את הקורא לקרוא ולקרוא עד התימו ועודני עומד כמסמר נטוע תחת הרושם הנמרץ של המאורעות והרצאתן.

ואני נותן לכבודו תודתי הנאמנה על כי הואיל בטובו לכבדני בהם.

מוקירו מאד,

**י. י. גרינוואַלד**

---

1) די פאָלגנדיגע פיר בריוו זיינען דערהאַלטן געוואָרן צו שפּעט און האָבן ניט געקענט אריינקומען אויף די פלעצער וואו זיי געהערן לויט דעם א״ב.

ניו־יאָרק, מערץ 30, 1940

טייערער חבר און פריינט ליבערמאַן:

איבערלייענענדיק אייער ביכל, איין מאָל און צוויי מאָל (און ס׳ווילט זיך לייענען וואָס מער) מוז מען זיך פרעגן: דארף מען קוקן אויף די דערשיינונגען מיט אזעלכע אויגן און אזעלכע שטימונגען ווי איר ווייזט אַרויס אין אייער גלענצנד געשריבענעם ביכל?

אפילו ווען אלץ וואָלט טאקע געווען אזוי פינצטער און ווען ס׳וואָלט באמת ניט געווען קיין האפנונג אז די וועלט וועט זיך באפרייען פון דער איצטיקער בלוטיקער צייט און באפרייט ווערן פון די היטלער־סטאלין־מוסאליניס, וואָלט איר אויך ניט גערארפט אויסגיסן אייער גאַנצן צאָרן אויף דער וועלט — אויף דער ניט־אידישער... בפרט, ווען מיר ווייסן און זעען, אז ניט נאָר מיר, נאָר מיט אונזליידט די וועלט און ראַנגלט זיך דורכצוררייסן צו א ליכטיקערער צייט.

און אז ס׳קומט נאָך צו די שכנים אונזערע אין די דעמאָקראטישע לענדער, וועלכע קעמפן מיט אונז פאַר א פרייערער וועלט, האָבן מיר זיכער ניט קיין רעכט צו זיין פארצווייפלט און כעס געגן דער ניט־אידישער וועלט...

איך וויל ניט גלויבן, אַז אויב אידן וועלן זיך ניט וועלן אויס־לעבן אידיש, ווי איר באַגרייפט (ד. ה. אַנדערש ניט ווי רעליגיעז) זיינען מיר דעריבער שלעכטע אידן.[1] אויב דאָס וואָלט געווען אַן אמת׳ער שטאַנדפונקט, וואָלטן אַפּגעשטויסן געוואָרן די יונגע און ענערגיש־ אידישע עלעמענטן וואָס קעמפן שוין באַלד א האלב יאָרהונדערט און בויען א נייעם לעבן סאַי אין די גלות לענדער און סאַי אין ארץ ישראל און זיינען דאָך ניט רעליגיעז ווי איר ווילט זיי זאָלן זיין.

איך (און אזוי טויזנטער אנדערע) זיינען גוטע אידן, אָבוואָל מיר האָבן ניט קיין סך צו טאָן מיטן רעליגיעזן אידנטום און גלויבן דאָך אין אַ נייער וועלט אויף דעם אָרט פון דער איצטיקער אמת מיאוסער וועלט, וועלכע איז געוואָרן ברוטאל צוליב די היטלערס־סטאַלינס און אנדערע אזעלכע „באפרייער״.

---

1) זע באַמערקונגען צו די בריוו פון ס. האלבערשטיין און ז. שוסטער.

אָבער, אפילו, ווען ניט מיט אייך איינשטימיק, גיב איך אבער צו, אַז דורך אייער ביכל (איך זאָג ביכל צוליב זיין קליינקייט) האָט איר ניט נאָר אָנגערירט, נאָר צורודערט די געמיטער אין וועלכע מיר לעבן און אריינגעדרונגען טיף אין די הערצער און נשמות פון די אלע וועלכע לעבן מיט אייך איבער דעם טרויער און טראַגיק פון דער איצטיקער צייט און דעם יאָמער און חורבן פון אונזער פאָלק, דוקא דערפאר טאַקע דאַרף מען פון אייך ניט הערן אַזאַ פאַרצווייפלונג אדער כעס, וועלכע גיט קיינמאָל ניט צו קיין גוטס. בעסער קוקן מוטיק און האָפנונגספול אפילו אין פינצטערע צייטן.

מיט פריינטשאפט

**ש. באָנטשעק**

127

THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY
Fifth Avenue at 42nd Street.

New York, April 3, 1940.

My Dear Mr. Lieberman:

I wanted to tell you sometime ago of the impression your publication "In tol fun toit" made upon many of its readers, at least those that I have come in contact with have expressed nothing but great admiration for the spirit and feeling which dominate every page of the publication. We all seem to be agreed that except for the fact that the booklet is not written in Hebrew it represents so much of the prophetic outburst against injustice and brutality.

I recall a conversation with the late Prof. Davidson, while at his home on the first day of last Shevuot in the company of several of his peers. Dr. Davidson had read your booklet the day before and he was so touched by it and was so much under its influence that even the element of joy which the festival is supposed to inject

could not overcome its sadness. You will no doubt be interested in the following statement which will appear in the forthcoming issue of the Journal of Jewish Bibliography. It is a brief comment which I have written in connection with the record that is made of the publication.

> "Lieberman's 'In tol fun toit' is marked by pathos, loftiness of conception, and artistic beauty. Its pathos is coupled with virility and strength of expression—the expression of the preacher-prophet. It gives full expression to the grief of our people. It is sullenly passionate and eloquently pathetic. Lieberman has combined the qualities of a Jeremiah helplessly lamenting the desolation of his people and of the mediaevel **paiten-mekonen** imploring the God of Israel for revenge against the enemies of his people. In the intensity of passion and dark mood of protest which pervades Lieberman's 'In tol fun toit' one finds an echo of Bialik's Songs of Wrath and can be equalled only by the calamity it describes. The pathos, the vigor of expression, the richness of style recalls in many ways familiar portions of the Scriptures."

I shall send you a copy of the Journal as soon as it is off the press.

Sincerely yours,

**Joshua Bloch,**

Chief, Jewish Division.

# אין גאַל פון טויט

גערדאַנקען וועגן אונזער צייט
און אידישן שיקזאַל אין איר

פון

חיים ליבערמאַן

נויאָרק
תשרי, תרצ"ט

# אין טאָל פון טויט

## א.

צום מענשנ׳ס חכמה איז דאָ אַ גרענעץ, צו זיין נאַריש־קייט ניט.

גאָט האָט באַשאַפן אַ וועלט מיט געשאַנק און ברכה פאַר אַלעמען; ערד און וואַסער, זון און לופט די והותר, קאָרן און ווייץ לרוב, און אַ קאַרטאָפל פאַר יעדערן, און אַ דאַך איבער יעדן קאָפּ, און פאָדים געגנוג אַרומצואוויקלען יעדן גוף עטלאכע מאָל. גאָט האָלט מיט׳ן מענשן, ווען דער מענש וואָלט נאָר געהאַלטן מיט׳ן מענשן...

און די מענשן האָבן גענומען די וועלט און געמאַכט פון איר אַ טאָל פון טויט. אויף יעדן גרעזל אַן אומרעכט, אויף יעדן זעמדעלע אַ רציחה. וואו אַ שטיין אַן עשאַפאָט, וואו אַ צווייג אַ תליה. הערצער ווערן געטראָגן אויף שפּיזן. און זיי גראָבן איינער דעם אַנדערנס קברים. טאָג און נאַכט, טאָג און נאַכט גראָבן זיי.

און מיר וואוינען איבערן גאַנצן טאָל פון טויט. און דעם ערגסטן טויט טיילן זיי אויס אונז.

זעכצן מיליאָן אידן זיינען מיר, צעשפּרייט איבער דער גאָרער ערד, אַ נעץ מיט זעכצן מיליאָן אויגן, און קיין איינע ניט אָן אַ טרער.

יעדער באַשעפעניש לעבט וואו מ׳האָט איר געהייסן. אונז איז געהייסן געוואָרן צו לעבן איבער דער גאַנצער וועלט. מיר זיינען די ערשטע וועלט־מענשן. ניט אליין דערפאַר וואָס מיר זיינען צעזייט געוואָרן, נאָר ווייל מיר זיינען נביאיש געבאָרן. נאָך אין דעם נעפלדיגן אָנהויב פון דער געשיכטע האָבן מיר געוואוסט אַז דאָס ערשטע געזעץ פון דער מענשהייט איז מענשלאכקייט, דאָס צווייטע ברודערשאַפט. ווי נאָר מיר האָבן געקראָגן שפּראַך האָבן מיר געזאָגט: איין געזעץ פאַר אייך און פאַר׳ן פרעמדן. ניטאָ קיין פרעמדע אויף דער וועלט! ניט אין אונזער געפאַלנקייט האָבן מיר עס געזאָגט, נאָר אין אונזער גלאָ־ריע. ניט קיין המצאה פון שוואַכע איז עס געווען, נאָר דערקענונג פון שטאַרקע. און אַ פליכט פון גערעכטע. דעריבער קענען מיר זיך אין ערגעץ ניט באַטראַכטן פאַר געסט, געלאַדענע אָדער געדולדיגטע, נאָר פאַר משפחה, מיט אַ גלייכן חלק אין גאָט׳ס ירושה.

נאָר זיין אַ מענש איז די שווערסטע מלאכה. וואָס מיר האָבן געוואוסט שוין ביים באַגינען פון דער געשיכטע ווייסן זיי נאָך ניט אין איר דריטער נאַכט. און אַזוי האָבן זיך פאַרטיילט די שיקזאַלן: ביי אונז זיינען אַלע אייגענע, ביי זיי זיינען אַלע פרעמדע. מיר ווילן פאַר אַלעמען, זיי ווילן פאַר זיך. מיר עפענען האָריזאָנטן, זיי פאַרצאַמען גרענעצן. און שנאה איז זיי ליבער ווי ליבשאַפט.

און די שנאה האָט צוגענומען די ערד פאַר זיך.

גיי אַרויס און זע ווי זיי לעבן און ווי זיי שטאַרבן, און אונזער גורל צווישן זיי.

און עס איז געווען אין יענע טעג ווען די נאַצישע מחנות האָבן ווי אַ היישעריק זיך אַראָפּגעלאָזט אויף עסט־רייך. און זיי האָבן גענומען די אידן, די איידלסטע און שענסטע פון זיי, די גדולים און חכמים פון זיי, און זיי

געשטעלט ראַמען די רינשטאָקן און רייניקן די בית־הכסא׳ס פון ווין. און אַזוי ווי אין מצרים האָט מען אונז געהייסן מאַכן ציגל אָן שטרוי אַזוי האָט מען אונז אין ווין געהייסן ראַמען בית־הכסא׳ס אָן געצייג. איידעלע הענט וואָס האָבן געוועבט זיידענע פעדים אין עסטרייכ׳ס שיקזאַל, צאַרטע פינגער וואָס האָבן געשפינען איר שענסטן גייסט, האָבן געמוזט הוילערהייט זיך טונקען אין עסטרייכ׳ס צאה און זיך ווייקן אין נאַצישער השתנה. אין עסטרייכ׳ס לעצטער שעה.

און אַזוי האָט זיך געענדיגט עסטרייך: דער לעצטער גלאַנץ פון אַן אימפעריע איז אראָפּ אין בית־הכסא, און א נייע אימפעריע איז אויפגעשטאַנען אין געשטאַנק.

אַזוי קומען־אויף זייערע אימפעריעס און אַזוי פאַר־גייען זיי. באַגאָסן מיט אידישע טרערן.

אידן זיינען אַן אַלט פאָלק און האָבן אַ סך מעשיות: ביי די וואַסערן פון ים־סוף, ביי די טייכן פון בבל, אין די כוואַליעס פון טיבער און וואָלגאַ און ווייכסל, און איצט ביי די רינשטאָקן פון ווין.

צום מענשנ׳ס חכמה איז דאָ א גרענעץ, צו זיין נאַ־רישקייט ניט. אַלץ וואָס איז דאָ טראַגישעס און טרויעריגס אין מענשלאַכן שיקזאַל איז געווען אין יענער שיקזאַל־שעה אין ווין. נאָר די ווינער האָבן עס ניט באַנומען. זיי האָבן די פייניגער געקלאַטשט און פון די געפייניגטע גע־לאַכט. און גרויס איז געווען די שאַנד.

נאָר וועמעס שאַנד? ס׳איז אין דער אידישער גע־שיכטע דאָ אַ פאַרשפּיצטע חכמה וואָס ווייס ווי צונישט צו מאַכן דעם שונא׳ס ערגסטן בייז און אומצוקערן אינמיטן וועג זיין דינסטע פייל אויף זיין אייגענעם האַרצן. די אידן האָבן זייערע באַצווינגער אָפּגעטאָן אַ שפּיצל וואָס יענע

האָבן אפשר גאָרניט פאַרשטאַנען, נאָר די געשיכטע וועט עס אַמאָל פאַרשטיין: זיי זײַנען צו דער געמיינער אַרבעט אַרויס אין שבת׳דיגע קליידער, טייל האָבן אָנגעטאָן טלי־תים: געריייניגט בית־הכסא׳ס אין טלית און תפילין...

ניט אין דער אַרבעט גופא איז דאָ געגאַנגען. ס׳איז ניטאָ קיין שום נידעריגס אין וואַשן רינשטאָקן און רייניקן אָפּטרעטן. אַרבעט איז אַרבעט. נאָר אין דער כוונה איז דאָ געגאַנגען, אין דער כוונה צו שענדן און פאַראומוויר־דיגן.

האָבן די אַרבעט די אידן אָנגענומען, נאָר די כוונה האָבן זיי איבערגעקערט: פון שאַנד האָבן זיי געמאַכט כבוד, פון אומווירדיגקייט קדושה.

ווי גרינג דער גייסט קען איבערמאַכן די וועלט! נאָר דעם גייסט איז אַזוי שווער צו מאַכן...

איך וואָלט געזאָגט דאָ איז געווען קידוש־השם, ווען דער דור וואָלט ניט געווען אַזאַ אפיקורסישער: גאָט׳ס נאָמען קען געהייליגט ווערן אומעטום, אויפ׳ן שייטער־הויפן און אין רינשטאָק; זיין כבוד איז פול די גאַנצע וועלט. נאָר אפשר דאַרף אַ נײַ וואָרט אויסגעשמידט ווערן פאַר די מאַרטירער פון אַן אומגלויביגער צייט: ק י ד ו ש ־ ה א ד ם, די הייליגונג פון דעם מענשן. מיט זייער פשוט׳ער טאַט האָבן די אידן פּראָקלאַמירט: דער מ ע נ ש ק ע ן נ י ט ד ע ר נ י ד ע ר י ג ט ו ו ע ר ן!

ער קאָן נאָר זיך אליין דערנידעריגן. וואָרום אַלע האָבן דאָך געזען באַשיינפּערליך: די בית־הכסא׳ס אין די נאַצישע הייזער האָבן אידן אויסגערייניגט, נאָר די בית־הכסא׳ס אין די נאַצישע הערצער זײַנען געבליבן.

די שווערסטע אַרבעט שטייט אונז נאָך פאָר.

## ב.

זיי האָבן זיך גענומען די ערד און מיר האָבן גענומען דעם הימל.

פאַראַן אַלערליי פעלקער אויף דער וועלט. פאַראַן פעלקער וואָס האָבן ניט קיין אידייע, פאַראַן פעלקער וואָס האָבן אַן אידייע. מיר זיינען אַן אידייע וואָס האָט אַ פאָלק. אַזוי האָבן אידן שטענדיג פאַרשטאַנען זייער שיקזאַל: די תורה איז געווען פריער ווי די אידן און האָט אונז אויס־געקליבן. און וואָס נוצט די טענה אַז ניט די תורה איז געווען צוערשט נאָר די אידן? די טענה האָט שוין לאַנג פאַרלאָרן איר היסטאָרישן זין. די מערסטע אידן זיינען שוין געקומען נאָך דער תורה. מיר צווישן זיי.

מיר זיינען דער געשאַף פון אַן אידייע. אַן אידייע האָט אונז אָנגענומען פאַר די האָר און שליידערט אונז פון יאָרטויזנט אין יאָרטויזנט אַריין. מיר לעבן פאַר׳כישופ׳ט אין האַרצן פון אַ וואונדער. דורך עפּעס אַ וואונדער האָבן אונזערע אבות אָנגעצונדן אַ פייער אין אונז וואָס קען ניט אויסגיין. משה׳ס סנה איז געבליבן אַן אייביגע גליאונג אין אונזער בלוט. ווי אַ פלאַם ברענען מיר צום הימל וואָס רעגנס קענען ניט פאַרלעשן און ווינטן טוען נאָר צעפאָכן. און ווי דער נביא האָט געמוזט נאָכגיין דעם געטלאַכן רוף אַזוי קענען מיר ניט ווידערשטיין דעם מיס־טישן דראַנג. מיר האָבן געהאַט נביאים ווייל דאָס גאַנצע פאָלק איז נביאיש. דאָס גאַנצע פאָלק דרענגט ערגעץ, ציט, וואוהין?

אַ געהיימניס האָט אונז אַרויסגערופן, אַ געהיימניס וואָס לעכצט אַנטפּלעקט צו ווערן. אַ נס האָט אונז אַרויס־געשיקט מיט אַ הייליקן אויפטראָג צו דער וועלט, צו גריסן דאָס לעבן, צו פאַרטרייבן דעם טויט. אין אונזערע אויערן זינגט אַ געזאַנג צו שטילן יעדן שמערץ, מיר טראָגן אַ זון

אין קאָפּ אויף אייביג אָפּצושאָפן די מענשלאכע נאַכט. דער פריילינג וואַרט אין אונזער לייב, דער זומער ברענט אין אונזערע גלידער. עס איז אַ באַטשאַפט פון גאָט. גאָט האָט אונז אַהער געשיקט. ער איז דער וועג, מיר זיינען דער טראָט. ער איז דער פירער אין דער נאַכט, מיר די לאַמטערן אין זיין האַנט. ער דער פייער, מיר דער קנויט. מיר זיינען זיין קראַמף צו געבערן די הייליגקייט, דער בליץ אין זיין אויג אויפצולייכטן דאָס מענשלאכע האַרץ, מיר זיינען די פעדערן אין גאָט׳ס פליגל, צו ווייזן ווי הויך ס׳קען זיין דער שוואונג פון מענשלאכן פליען.

נאָר דעם אָפּלייטער טרעפט דער בליץ. מיר ווילן אַן ערד פריי פון יעדן בייז, און דאָס ערגסטע בייז טרעפט אונז; אַן ערד פול מיט אַלדאָס גוטס, און איר קלענסטער גוטס קומט אונז ניט אָן. אונזער חלום ווערט אויסגע־לאַכט, אונזער קיניגטום פאַראַכט.

נאָר געבענטשט זאָל זיין דאָס לייד וואָס לייטערט. דאָרנדיג איז דער שטעג וואָס פירט צו אונזער אָרעמען הויז, נאָר גאָט׳ס טריט זיינען אָפּגע׳חתמ׳עט אויף אים. אונזער דאַך רינט, נאָר גאָט קומט אונטער אים צו זוכן צודעק. אין זיין מידקייט לענט ער זיך אָן אויף אונז, זיין שטאַב, אין זיין צער לייגט ער דעם קאָפּ אויף אונזער האַרצן און ווערט געטרייסט. און אזוי מיר אויף אים. ער איז פון אונזער הויזגעזינד און זיצט ביי אונזער טיש. און אין זאַנפטע שטונדן שמועסן מיר אינאיינעם וועגן וועלט, וועגן מענש און וועגן גאָט. און אַז ער האָט א שליחות שיקט ער זי דורך אונז. ער רעדט מיט אונז ווי אַ גלייכער מיט גלייכע. און הייליג איז אונזער שטאָלץ.

טאָ ווי האָבן זיי געקענט אונז דערנידעריגן ביי די רינשטאָקן פון ווין? ווער קען בויגן אונזער קאָפּ צו דער ערד אַז גאָט טראָגט אונז אונטער זיין צאַרטן שוים? מיר

האָבן ניט קיין מורא פאַר דערנידערונג ווי דער פויגל האָט ניט קיין מורא פאַר פאַלן. זיי קענען אַזוי אַוועק־נעמען דעם כבוד פון אונז ווי זיי קענען אַרויסנעמען דעם בלוי פון דעם הימל.

### ג.

אויף די גאַסן פון בערלין און ביי די רינשטאָקן פון ווין איז געצויגן געוואָרן דער סך־הכל פון קולטורן. יאָרטויזנטן איז געגאַנגען דער וויכוח. דער העלענער האָט געזאָגט: וויסן איז יסוד; דער איד האָט געזאָגט: טוגנט איז יסוד. דער העלענער האָט געזאָגט: וואָס שיין איז גוט, דער איד האָט געזאָגט: וואָס גוט איז שיין. און קריסטנטום איז געווען די פשרה.

איצט איז דער וויכוח פאַרענטפערט. ־צי האָט דען אויסגעפּעלט וויסן אויף די גאַסן פון בערלין און ביי די רינשטאָקן פון ווין? אָבער וואָס נוצט וויסן אָן טוגנט? „פילאָזאָפיע איז וויסן, נאָר פילאָזאָפיע אָן טוגנט איז ביי־זער שכל". עקאָנאָמיק איז וויסן, נאָר עקאָנאָמיק אָן טוגנט איז רויב. געזעץ איז וויסן, נאָר געזעץ אָן טוגנט איז שווינדל. פיזיקע איז וויסן, נאָר פיזיקע אָן טוגנט איז גוואַלט. כעמיע איז וויסן, נאָר כעמיע אָן טוגנט איז סם. ביאָלאָגיע איז וויסן, נאָר האַרץ אָן טוגנט איז בלויז אַ מאַטאָר. און אַלץ אינאיינעם איז פאַשיזם. איז נאַציזם.

און וואָס איז שיינקייט אָן טוגנט? וואָס קומט מיר אַרויס אַז די שווערד איז קונסט־געמאַכט אַז ס'איז אַן אינסטרומענט פון טויט? ווי שיין איז די שענסטע שווערד בשעת עס טריפט פון איר בלוט? יענער האָט גערעדט פון שיינקייט וואָס האָט געזאָגט: ס'איז שיין צו זיצן אין עראָפּלאַן אין דער הויך און זען ווי עס רייסט־אויף אַ

באַמבע אויף מענשן אונטן; ס'איז ווי אַ רויז וואָלט זיך פאַנאַנדערגענומען...

אייביג האָט דער מענש מקנא געווען די פויגל. און אַז ער האָט געקראָגן פליגל האָט ער זיי אַוועקגעשענקט דעם טויט. און דאָס איז ביי זיי שיינקייט...

שיין איז די סאַנקט־פעטערס קירכע אין רוים, שיין די קאַטעדראלן פון פאַריז, פון פלאָרענץ, פון טאָלעדאָ, פון קעלן, שיין און רייך מיט זייערע זילבערנע פאָרטאַלן און גילדערנע אַלטאַרן און דימענטענע אויגן אין די מאַדאָנאַס; שענער פון זיי אַלע איז אַ הילצערנע אידישע שול אין אַן אָרעם אידיש שטעטעלע, געמאכט אינגאנצן פון האָלץ, געבויט אָן מעטאַלענע געצייג, צונויפגעהאַלטן אָן אן אייזערנעם נאָגל, אַזוי געבויט און אַזוי אויפגעהאַלטן דורך אַכט לאַנגע הונדערט יאָר, ווייל אייזן איז דער ברודער פון טויט! וויפיל מלחמה, וויפיל רויב, וויפיל אויסגעפּרעסטער שווייס דאָרט, וויפיל אומשולד און שולדלאָזיגקייט דאָ!

און וואָס איז שענער פון מוזיק? און איך האָב געקענט א יונג וואָס האָט אויף זיין פייפל געשפּילט אַ גרויסע בענקשאַפט. וואָס האָט ער געבענקט? הרג'ענען זיין געגנער. און ווען ער האָט זיין נקמה געשטילט האָט ער ערשט געזונגען, פון נצחון. און איך האָב אויך געזען אַ המון גיין אויף אַ פּאָגראָם מיט חתונה־געזאַנג. און דער מלחמה־מאַרש מאַרשירט פאָרויס פון דער אַרמיי.

און שיינע געזאַנגען האָבן אויך די גנבים און די גזלנים און די תלינים. און עס האָט זיך געפונען אַ מעלאָדיע אַ בעלנית זיך צו פאָרן אַפילו מיט'ן 'האָרסט וועסל" ליד! אַזאַ זונה!

אין אַ שטיבעלע פון קאָרטן איז געזעסן די אייראָפּייאישע קולטור, איר וויסן, איר שיינקייט, איר קריסט־

לאכקייט. דער ערשטער בלאָז פון אַ רעכטן ווינט האָט זי צעטרייסלט. אַראָפּגעריסן דער דאַך און עס האָט זיך באַוויזן אַ פּאַרך. דער פונדאַמענט צעשאָקלט און עס האָט זיך דערזען אַ מיסטהויפן. ניט פון די נשמה־קוואַלן איז זי געפלאָסן. ס'איז אַלץ געווען נאָר אַביסל גייסט, לויז באַזעצט אין ליים. דאָס ליים האָט זיך צעשפּאָלטן און דער גייסט איז אַנטלאָפן. ווערק אָנגעפילט מיט ווינט איז גע־ווען זייער קולטור, אַ מאָדע־זאַך זייער מאָראַל. ביכער, ביכער, בייכער, צייטונגען, אוניווערזיטעטן, קלויסטערס, גלחים, געלערנטע—נאָר אַלץ איז ווי עפּעס נאָר אַ ספּעק־טאַקל, אַ טעאַטער־שפּיל אַזאַ, וואו פאַר'ן געוויסן איז אפילו קיין שטיי־פּלאַץ ניטאָ. און דאָס איז נאָך צו שווער פאַר זיי! „ווען איך דערהער דאָס וואָרט קולטור כאַפּ איך זיך צו מיין רעוואָלווער", האָט געזאָגט אַ נאַצי־פירער.

אָבער ווען זיי וואָלטן זייערע אידייען געגעבן זויגן די אָדערן ווי מיר! ווען זיי וואָלטן זייערע גלויבונגען געשפּייזט מיט'ן פליי ש פון האַרצן ווי מיר!

אין מיין אידיש שטעטעלע איז די תורה ארומגעגאַנגען אַ לעבעדיגע אין די גאַסן.

ישראל ואוריתאָ חד הוא...

שווער, צו שווער איז פאַר זיי דער יאָך פון אַזאַ גייסט, אונזער גייסט. און דער נאַציזם האָט זיך פירגענומען צו איבערווינדן די אידישע לערע מיט אייגענער לערע. בערג וואָס אָדלערס האָבן ניט געקענט אַריבערפליען האָבן זשאַ־בעס זיך פאַרנומען אַריבערצושפּרינגען.

פריער בערלין דערנאָך רוים האָבן דעקרעטירט: קיין אידיש בוך און קיין אידישע איבערזעצונג! און ווען דאָס־דאָזיגע וואָרט איז אַרויס האָבן אַלע אייזלען זיך פאַנאַנ־דערגעלאַכט. פאָרויס — דאָס אייזעלע, וואָס יעזוס איז

אויף אים געריטן. עס האָט געלאַכט און געהירזשעט:
ווער עס שפּייט קעגן הימל שפּייט אויפ'ן אייגענעם פּנים...

וואָס איז דען זייער גאַנץ לעבן? אַ שלעכטע אידישע איבערזעצונג. מיר האָבן געבראַכט אַ ספר פון סואווערענער גרויסקייט, העכער ווי שיין, גרעסער ווי וואונדערבאַר, פילאָזאָפיש דאָס ריינסטע, מענשלאך דאָס נאָבעלסטע, קלאָר ווי אַ קינדער־מעשה'לע, ערלאך ווי גאָט'ס האַרץ, פריש ווי געשריבן ערשט מאָרגן. און וואָס האָבן זיי דערפון געמאכט? זיי האָבן דאָס אמת'ע בוך פאַרשווינדלט מיט היידנישן פּלפּול, דעם ריינעם ברונעם צעבויטעט אין אַ מוטנעם וואַסער. אונזער פלאַם־פייער איז ביי זיי געוואָרן אַש. און דאָס עסן זיי און דאָס טרינקען זיי און דערפון לעבן זיי. פאַרמאַכט די ביבל און עס ווערט פינסטער אין זייערע הייזער; נעמט אראָפּ די קלויסטערס און וואָס בלייבט זיי? די בירזשעס און די בתי־זנות, די קאַזאַרמעס און די תפיסות. יעדער קאַפּעלע און יעדער קאַטעדראַלע איז אַ מאָנומענט צו אונזער שלעכט פאַרשטאַנענעם זשעני. און דאָך דעקרעטירן זיי: קיין אידיש בוך און קיין אידישע איבערזעצונג!

שלעכטע איבערזעצער און שלעכטע נאָכמאַכער די קריסטן. מיר האָבן געזאָגט „גאָט"! און זיי האָבן געהערט קלינגען און ווייסן ניט ווי נאָכצוזינגען. צוואַנציג הונדערט יאָר אַז זיי לערנען ביי אונז וואָס גאָט איז, און עס איז געבליבן פאַר זיי אַ קיינמאָל ניט פאַרשטאַנען וואָרט. און זיי מיינען זיי דינען גאָט, און לעסטערן אים אַלע טאָג. הער נאָר ווי זיי זיינען מתפלל: „פאַרגיב אונז היינטיגן טאָג אונזער זינד, אזוי ווי מיר פאַרגיבן די וואָס זינדיגן קעגן אונז". אזוי ווי מיר — אזוי דו! גאָט זאָל זיך אָפּלערנען פון דעם מענשן! גאָט זאָל זיך א מוסר אראָפּנעמען פון קאָגלין און פראַנקאָ!

„אַזוי ווי מיר פאַרגיבן". ווען מען האָבן די קריסטן שוין אַמאָל פאַרגעבן אָדער געגעבן? זיי ריידן פון ליבע צו די שוואַכע און פייערן די זיגן פון די שטאַרקע. זיי דרש'ענען צדקה און טיילן טויט. זיי קומען קיין עוויאַן, די קעשענעס אָנגעשטאָפּט מיט לענדער, און וויינען, זיי האָבן ניט קיין טראָט ערד פאַר אַ מידן אידישן פוס.

אַלע וועלטן פאַרכאַפּן זיי. זיי שניידן אַלע פעלדער, האַקן אַלע וועלדער, זויגן אַלע אוילן און אַלע בלוטן. וואו אַ מויל וועלן זיי אַרויסרייסן דעם ביסן, וואו אַ גוף וועלן זיי אַראָפּפּליקן די לעצטע שמאַטע. ווען אַ מאַמע אין עק וועלט טראָגט אַ לעפל צו די ליפּן פון איר קינד, ווען פוי־געלאך צוויי טיילן זיך מיט אַ ברעקל פון שנעבעלע צו שנעבעלע, וועלן די קריסטן די סעודה אויסכאַפּן פאַר זיך.

פאַר אַנדערע האָבן זיי אַ דרשה: שטעל אונטער די צווייטע באַק. יענער די באַק, זיי דעם פויסט. זיי האָבן אַ פויסט פאַר יעדער באַק, דער רעכטער ווי דער לינקער.

און זונטאג ריידן זיי פון ליבע. מאָנטאג פון צדקה. דינסטאג פון פרידן אויף דער וועלט, גוטווילן צו מענשן. אַ פרום וואָרט פאַר יעדן טאָג.

צוויי פנימ'דיגע באַשעפענישן זיינען די קריסטן, און דער הינטערשטער פנים איז צום קריסטנטום.

דערפאַר איז געקומען אויף זיי אַ שרעקלאַכע מדה כנגד מדה. זייער שפּיל איז מאַסקע, איז געקומען אויף זיי אַ מאַסקע, די גאַז־מאַסקע. אַ גאַז־מאַסקע פאַר יעדן פנים. און ווען זיי טוען אָן די גאַז־מאַסקעס קריגן זיי דאָס גע־שטאַלט פון עפּעס ווילדע, אוראַלטע מאָנסטערס. און דאָס איז זייער ריכטיג געשטאַלט אין זייער ציוויליזאַציע.

פיר גרויסע רעליגיעס האָט די וועלט און פינף קאָנ־טינענטן. קריסטנטום איז דער גזלן צווישן די פיר ברי־דער, אייראָפּע די זונה צווישן די פינף שוועסטער. און

גזלן און זונה האָבן זיך גענומען, אַ זיווג פון טייוול. און די פרוכט פון זייערע לענדן איז דער פאַשיסט.

און אַז דער זון איז אויפגעשטאַנען קעגן דעם טאַטן האָט דער טאַטע זיך דערשראָקן. נאָר אומזיסט וויל דאָס קריסטנטום זיך אָפּוואַרפן פון פאַשיזם: ס׳איז זיין כשר קינד. דאָס קריסטנטום האָט געפירט קריג, געבענטשט קריג, דערצויגן קריג, איז אויפגעוואָקסן דורך קריג. און ווען, אין נויט פון קריג, זיי נעמען אַרונטער די קירכן־גלאָקן און שמעלצן זיי איבער אין קאַנאָנען, דעמאָלט דערגרייכט די קריסטלאכע וועלט איר רונדיגסטע האַר־מאָניע.

דאָס קריסטנטום איז שולדיג אין בלוט. עס וואָרצלט אין בלוט און ציט צו בלוט. עס האָט ליב וואונדן, עס האָט ליב טויט. אויבנאָן אין יעדער קירכע הענגט אַ מאָרד. קריסטוס מיט די פינף וואונדן איז דער צענטער פון דעם קולט. יעדן טאָג ווען זיי קוקן אַרויף צום גע־קרייציגטן באָדן זיי זייער בליק אין בלוט. אין זייער טיפסטער דביקות ווייקן זיי זיך אין מענשלאכער אַגאָניע. זייער גרעסטער עיקר איז די אויסלייזונג דורך גאָט׳ס טויט, זייער גרעסטע מצוה איז עסן גאָט׳ס לייב.

און גאָט׳ס לייב איז אידיש לייב.

דער נאַציזם האָט גאָרניט אויסגעטראַכט. צי קען ער דען טראַכטן? ער האָט אַלץ אַרויסגעלייענט פון דער קירכע. זי איז עס געוועזן וואָס האָט אונז דערקלערט פאַר מינדערווערטיג, זי האָט אונזערע ספרים געברענט, זי האָט אונז אליין געברענט און האָט געבענטשט די פלאַ־מען מיט גע׳צלמ׳טן אמן.

אפילו די משוגעת אַז אין אַלץ איז שולדיג דער איד, איז דער קירכע׳ס. געדענקט דעם עמלק! געדענקט די דאָגמע, אַז די וועלט קען ניט אַנטגילטיג אויסגעלייזט

ווערן און רעכט גליקלאַך זיין כל זמן דער איד בלייבט איד און ווערט ניט קריסט!

איצט איז צייטיג געוואָרן די פרוכט אויפ׳ן קריסט־לאַכן בוים. פון דעם מענשן איז אַרויסגעקראָכן אַ חיה ווי די שלאַנג קריכט אַרויס פון איר הויט. נאָר ערגער ווי די חיה איז דער מענש. די חיה טויט איר קרבן איידער זי פאַרצוקט אים, פון אונז ווערט געריסן לעבעדיגע פלייש. אַמאָל האָבן די גוים זייער קרבן צו גאָט לעבעדיגערהייט צעריסן אין שטיקער מיט זייערע ציין. זיינען מיר געקו־מען און אויסגערופן: מ׳טאָר ניט עסן אבר מן החי! רייסט מען איצט פון אונז לעבעדיגן גליד נאָך לעבעדיגן גליד.

אַז די שלאַנג קריכט אַרויס פון איר הויט קריכט זי אַרויס מיט פינקלדיגערע פאַרבן. און אַז דער ווילדער מענש שפרינגט ארויס פון דעם ציוויליזירטן שפּיגלט ער זיך אויך מיט שיינע פאַרבן. אַמאָל האָט דער ווילדער ניט פאַרשטאַנען דעם זין פון דער רשעות. אַמאָל האָט דער רשע פאַרשטעלט זיין רשעות. היינט איז די רשעות גע־וואָרן אַ פיל־קאָלירט העמד זיך צו פוצן אין איר. דער מאָדערנער רשע באַגרינדעט זיך מיט פילאָזאָפיע, בא־פליגלט זיך מיט פּאָעזיע און קליידט זיך אָן מיט היסטאָ־רישן שטאָלץ. קין האָט אויפגעהערט זיך צו שעמען מיט זיין צייכן און האָט הבל׳ען אָנגעטאָן אַ געלע לאַטע!

אַ פירכטערלאַכער געשריי צוריק צו די שטונדן פון פינסטערניש האָט זיך צעטראָגן איבער דער וועלט, אַ שוואַרצער געזאַנג. דייטשלאַנד פירט דעם כאָר. זי האָט די וואלפּורגיס־נאַכט אויפגעוועקט צוריק פון שלאָף, די מיטהישע געטער פון שוואַרצוואַלד אַרויסגערופן פון די קברים, זיי געגעבן אין די הענט די אַלטע גערמאַנישע האַק און זיי צו דינסט געשטעלט אַלע שאַרפזיניגסטע קונצן פון דער צייט. וואָטאן רעדט דורך דער ראַדיאָ!

טאָר פליט אויף אַן עראָפּלאַן! די אונהיימלאכקייטן פון דער פאַרגעשיכטע באַהעלט מיט אַן עלעקטרישן פּראָ־זשעקטאָר! ביז צו זיין מאָדערן האָט געגומען הייסן שפרייטן מאָרד. דער מאָרד־טריב איז געוואָרן „דאָס דינג אַן זיך".

קלוג פלעגן אונזערע עלטערן זאָגן: אַ גוי וואָס צלמ'ט זיך ניט איבער ווען ער פאָרט פאַרביי אַ קלויסטער טאָר מען מיט אים ניט פאָרן אין וועג. ביטער איז אונז פון דעם צלם, נאָך ביטערער איז אונז אָן אים.

די איראָניע פון דער געשיכטע: אַז דער פאַשיזם וויל צעברעכן דעם צלם ברעכט ער אים אויף אונזער רוקן! קען ער איבערברעכן די אַקס פון דער ערד? אַזוי וועט ער אונזער רוקן ברעכן.

אָבער דעם צלם?

און די מיסטעריע פון דער געשיכטע: ניט־שוין־זשע ווערט דער צלם געבראָכן פון וואָטאַנ'ס וועגן?...

## ד.

געוועזן אַ שלאַנג און עס זיינען איר אויסגעוואַקסן צוויי קעפּ. און די צוויי פּנימ'ער האָבן זיך אָנגעקוקט מיט האַס און געשפּריצט גיפט איינס אויפ'ן אַנדערן, כאָטש זיי האָבן געהאַט איין גוף. און די צוויי מיילער האָבן זיך געריסן איבערן זעלבן ביסן, כאָטש ס'איז געגאַנגען אין איין בויך. ביז די צוויי קעפּ האָבן זיך צעשלאָגן און איינער האָט איינגעשלונגען דעם אַנדערן און ביידע זיינען דערשטיקט געוואָרן.

## ה.

און וואָס זיי האָבן געמאַכט פון קריסטנטום דאָס האָבן זיי אויך געמאַכט פון דעם סאָציאַליזם.

ו.

אַנטקעגן די אַלע תורות שטייט די תורה. אַלע תורה׳ס זיינען פאַראומווירדיגט געוואָרן אין אונזער צייט, וועלכע מיט בלאָטע און וועלכע מיט בלוט. איינע ביי די רינשטאָקן פון ווין, אַן אַנדערע ביים ווענטל אין דער לוביאַנקא, אַ דריטע אין זשענעוו. בלויז די אידישע תורה איז געבליבן שטיין ריין ווי פייער, שוואַרצער פייער אויף ווייסן פייער. און קיינמאָל איז איר אמת ניט גרעסער געווען, קיינמאָל איר ליכט ניט נויטיקער געווען ווי היינט, ווען פעלקער האָבן זיך צוריקגעקערט צו געצנדינסט און גיבן צו אַ מענשן דעם כבוד, די גרויסקייט און די מאַכט פון גאָט. „איבער׳ן טאָל שטייט דער באַרג, איבער׳ן באַרג דער הימל, נאָר, סטאַלין, הימלען האָבן ניט די הויך מיט דיר זיך צו פאַרגלייכן״ — אַזוי זינגט דער קאָמוניזם. „דינען היטלער׳ן איז דינען דייטשלאַנד, דינען דייטשלאנד איז דינען גאָט״, אַזוי זאָגט דער נאַציזם. זאָלסט ניט דינען צו קיין אָפּגעטער, זאָלסט ניט דינען צו קיין מתים, זאָלסט ניט דינען צו קיין מענשן — משה איז אמת און זיין תורה איז אמת!

און מעגן די אומריינע תורה׳ס זיך ווי שטאַרקן, און מעגן זיי זיך באַוואָפּענען פון דער ערד ביז צו די וואָלקנס: אַלע קאַנאָנען פון דער וועלט וועלן ניט אַראָפּשיסן קיין איינציג שטויבל פון די לוחות, אַלע ימ׳ען רויטן און שוואַרצן טינט וועלן ניט פאַרשמירן קיין איינציג פינטל פון וזאת התורה!

ניטאָ קיין תורה ווי די תורה!

ז.

מיר האָבן א רגע אין אונזער געשיכטע זיך טועה גע־ווען: מיר האָבן געמיינט עס האָט שוין אָנגעהויבן צו

טאָגן. נאָר ס'איז געווען א פאַלשער באַגינען. ווי אַ קרעט האָבן מיר אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ, געמיינט דער פריי־לינג איז שוין דאָ, ערשט די אַלטע שטורעמס האָבן זיך אויף דאָס ניי צעשפילט. וועלן מיר זיך צוריק אַריינציען אין דער נאָרע פון אונזער נשמה און וואַרטן אויף טאָג. ווי דער בוים אין ווינטער ציט אַריין זיין לעבן אין די וואָרצלען, אַזוי וועלן מיר. ביז ס'וועט קומען דער ליבער זומער.

אין דער נאָרע פון אונזער נשמה איז ניט ענג: ס'איז אַ גרויס קעניגרייך. ס'איז ניט פינסטער: דאָרט לויכט גאָר די צוקונפט. מיר וועלן צולייגן אונזערע גוטע ספרים צו אונזער האַרצן און ווי היילענדיגע גראָזן וועלן זיי אַרויסציען אַלע ווייטאָגן. מיר וועלן קיינמאָל ניט זיין אין קיין געטאָ אזוי ווי מיר זיינען קיינמאָל ניט געווען: אין געטאָ איז געווען די גאַנצע וועלט; דרויסן האָבן געוואוינט די וועלף...

אונזער געשיכטע איז נאַכט אָנגעלייגט אויף נאַכט,ליידן גע'כפל'ט אויף ליידן. נאָר דאָס זיינען די גלאָרייכע ליידן וואָס זיינען אַ טייל פון גרויסקייט. איך בין אין חדר אַמאָל געזעסן לעבן א חבר וואָס האָט געוויינט און אַ טרער איז אים אראָפּגעפאַלן אויף רש"י. און איך האָב דער־זען: אונטער טרערן ווערן אותיות גרעסער.. און אין מיין נשמה האָט אויפגעלויכטן דער סוד פון מיין פאָלק: פון אונזערע ליידן זיינען געוואָרן אונזערע אותיות. און מיט אותיות האָבן מיר איבערגעלעבט און וועלן איבערלעבן אַלץ: דעם צאָרן פון טייוול און אפילו דעם שפּאָט פון מענשן.

און זאָג ניט ס'איז דער וועג פון דעם האָז, אַ געמיי־נער וועג. די נאַטור האָט דערפונדן אַלערליי אופנים אויף צו באַוואָרענען דאָס לעבן, דעם אופן פון דעם לייב און

דעם אופן פון דעם האָז,ביידע גלייך שיין אין אירע אויגן. נאָר זיי זאָגן דער לייבן־גאַנג איז בכבוד'יג און דער האָזן־גאַנג איז נידעריג, און דאָס איז אַ גוי'עשער באַגריף. דער האָז איז דער גרעסערער גבור, ווייל ער מיט ווייניגער גבורה איז דאָ אויף דער וועלט באַגלייך מיט'ן לייב.

ניט מיר אליין לעבן דעם „האָזן"־וועג. עס לעבן אַזוי די צדקות און דער שלום. די צדקות קען ניט זיין אַזוי חוצפה'דיג ווי די רשעות, דער פרידן ניט אַזוי רעש'יג ווי דער קריג. און דער גוטער געוויסן גייט שטיל בשעת דער בייזער פאָרט מיט גלעקער.

מעגן זיי ווי גרויסן די בייזע גבורה: ליבער איז אונז צו זיין גע'רודפ'ט ווי צו רודפ'ן, די אונטערדריקטקייט ווי די אונטערדריקונג, די מאַרטירערשאַפט ווי דאָס מאַטערן. ס'איז שענער פיל אין דייטשלאַנד היינט איד צו זיין ווי דייטש. וואָס איז דען געבליבן נאָך פון שיינעם גייסט היינט אין געטהע־לאַנד אויסער אונזער טרויער־שפיל? אונזער לייד שטראַלט אַריבער זייער לייד טאָן, היינט ווי שטענדיג, דאָרט און אומעדום.

אידנטום איז העלדנטום. קיין שרעקעדיגער קען ניט זיין קיין איד. זאָלן זייערע העלדן זיין אכילעס וואָס האָט אַלע פיינט דערשלאָגן, און צעזאַר וואָס האָט די בריקן פאַרברענט הינטער זיך. אונזער העלד איז דער איד וואָס האָט אין די פלאַמען פון שייטערהויפן זיך פאַרריכט די יאַרמעלקע אויפ'ן קאָפּ. און אונזערע בריקן קענען ניט ברענען. זיי זיינען פון ליכט, פאַרוואָרפן פון האָריזאָנט צו האָריזאָנט, פאַר אַלע פעלקער צו גיין צום צוקונפטיגן טאָג.

ניט קיין וועג פון פחד איז אונזער וועג, ס'איז דער וועג פון גייסט. ס'איז די סטראַטעגיע פון אייביקן צוריק־טריט, פון טראַגישן אויסדויער. דער שונא שעפט זיך אויס

אין זיין געיעג נאָך אונז פון לאַנד צו לאַנד און ווערט פאַרלאָרן אין דעם דזשאָנגל פון אונזער געשיכטע. דער שפּינוועבס פון אונזער גייסט איז שטאַרקער פון זייער שטאַכלדראָט.

אַלע פראָנטן קענען זיי איינגעמען נאָר ניט אונזערן, דעם פאַנאַטישן. יעדער כלל האָט אַן אויסנאַם, מיר זיינען די אויסנאַם צו אַלע כללים. מיר זיינען דאָס וואַסער וואָס פליסט באַרג אַרויף און דאָס פייער וואָס ברענט מיט׳ן פּנים אַראָפּ. אונזערע אָפּגעהאַקטע גלידער וואַקסן אונז אָפּ צוריק, און ווען מען טויט אונז, זע, מיר גייען נאָך יענעמ׳ס לוויה.

אונזער לאַנד וועלן זיי ניט פאַרנעמען: דעם הימל קען קיינער ניט אוועק׳גנב׳ענען. אונזער פאָלק וועלן זיי ניט פאַרניכטן: וויפיל דאַרפן מיר דען כדי אַ פאָלק צו זיין? צען אידן זיינען אַ מנין, און וואו ס׳איז דאָ אַ מנין דאָרט איז דאָס אידישע פאָלק. וויפיל זיינען מיר דען געווען ווען מיר זיינען אַרויס פון מצרים? אינגאַנצן זעקס הונדערט טויזנט. נאָר וואָס דאָס האָט באַדייט פאַר דער וועלט!

## ח.

אָבער מיר זיינען אַ פאָלק וואָס איז אָפט ניט ווערט זיך אַליין. אַלע תורות זיינען נאָר יריעות פון אונזער תורה. הומאַנישקייט איז אַ תורה — ס׳איז בלויז איין פסוק פון אונזער תורה. דעמאָקראַטיע איז אַ תורה — בלויז איין פרשה פון אונזער תורה. סאָציאַליזם איז אַ תורה, נאָר דער גאַנצער סאָציאַליזם איז נאָר אַ מאָדערנער פירוש אויף דער תורה. און מיר, אין אונזער לייכטזין, האָבן גענומען אונזערע שטיקער פון פרעמדע הענט, און אונזער אייגענע, די תורה פון אַלע תורות, געלאָזט שטיין פאַרשעמט אין

ארון־קודש. זאָגט אַ אידישער דיכטער פון סאָוועט־רוס־לאַנד: מ י ר הויבן אָן אונזער ליטעראַטור פון דער פּאַריזער קאָמונע, ניט פון בית־המקדש. און ער ווייס ניט, דער נאַר, אַז די „וואַנט פון דער קאָמונע" איז אַ וואַנט פון בית־המקדש.

געווען אַ אידישער מקובל אין מיטלאַלטער וואָס איידער ער איז געוואָרן אַ מקובל איז ער געווען וועלטלאך, און וועלטלאכקייט דעמאָלט איז געלעגן אין לאַטיין. נאָר אַז ער האָט דערזען דעם אידישן וועג האָט ער געפאַסט פערציג טעג און תפילה געטאָן ער זאָל פאַרגעסן לאַטיין.

מיר דאַרפן פאַסטן פערציג מאָל פערציג טעג. צופיל האָבן מיר צו פאַרגעסן.

דאָס ערשטע צו פאַרגעסן זיינען אונזערע אויסגעטראַכטע זינד. אין די פיר טויזנט יאָר פון אונזער געשיכטע איז ניטאָ קיין טאָג וואָס מיר דאַרפן זיך שעמען מיט אים. ווי דער פרילינג האָט זיך ניט צו שעמען מיט קיין איינער פון זיינע פלאַנצן און דער הערבסט מיט קיין איינער פון זיינע פרוכט. מיר זיינען געגאנגען דורך רשעות ווי אַ קאַץ גייט אין נעץ און נעצט ניט איין די פיס. און אויב מיר האָבן געזינדיגט — מיר זיינען די וואָס האָבן געזאָגט „אין צדיק אשר לא יחטא" — וואָס זיינען אונזערע זינד קעגן זייערע? מיר זיינען דער ריינסטער קיבוץ אין דער ציוויליזירטער מענשהייט: קיין וואַסער וואַשט ניט אַזוי ריין ווי טרערן. אַ אידישער יחיד טראָגט זיין אייגענע אחריות, דער אידישער כלל איז אָן זינד. מיר האָבן גאָרניט געקראָגן אומזיסט און קיין זאַך ניט גענומען מיט גוואַלד אָדער שוחד. אומזיסט האָבן מיר נאָר געקראָגן געשענדעט, מיט שוחד האָבן מיר נאָר געקויפט אונזער לעבן. אונזער גרעסטער שווינדל איז אונזער יום־כיפור'דיגער על־חטא. און אויב מיר האָבן אויס־

געטראכט זינד אויף זיך איז עס נאָר כדי די מענשהייט זאָל שוין ניט צו שולדיג און פאַרשעמט בלייבן אין די אויגן פון גאָט.

ווער עס זאָגט אַז אידן זיינען שולדיג אין פאַרברעכנס — און ווער האָט די העזה עס צו זאָגן? — יענער זאָל אויך זאָגן אַז דער אַרבעטער־קלאַס איז דער גרעסטער פון אַלע פאַרברעכער. וואָרום: זיצט אַן אלמנה מיט יתומים אין אַ בידנעם הייזל און האָט שוין דריי מאָנאַטן פאַר׳ן גאַז ניט באַצאָלט. און אין אַ קאַלטן וויסטן ווינטער־טאָג קומט די גאַז־געזעלשאַפט און פאַרשליסט די גאַז און לאָזט דאָס אָרעמע געזינד אָן וואַרעמקייט און אָן ליכט. ווער האָט די מיאוסע זאַך געטאָן? דער באַלעבאָס פון דער גאַז־געזעלשאַפט איז געזעסן אין דערהיים. געטאָן האָט עס אַן אַרבעטער. און ס׳איז נאָך ניט געווען קיין איין שווערד אין אַ מלחמה, קיין איין גראַנאַט וואָס האָט אויפגעריסן קינדער אינמיטן זייער שפּיל, קיין איין קייט וואָס האָט געשמידט אַ פּרייהייטס־קעמפער, קיין איין תפיסה וואָס האָט פאַרשלאָסן אַ רעוואָלוציאָנער, וואָס איז ניט געמאכט געוואָרן פון די הענט מיט מאַזאָליעס.

שווער איז דער גורל פון דעם אַרבעטער, נאָך שווע־רער ווי דעם לוין־אַרבעטער איז אונז. מיר האָבן געהאָלפן בויען אַלע לענדער, געאַקערט אין אַלע חכמות, אָפּט גע־לייגט די ערשטע וועגן. און ניט געלוינט האָט מען אונז נאָר געשטראָפט. ערגער ווי דעם לוין־אַרבעטער׳ס איז אונזער גורל, און ערגער אפילו פון דער לאַסט־חיה׳ס. ווי די לאַסט־חיה צאָלן מיר אַ חוב וואָס מיר האָבן קיינ־מאָל ניט געמאַכט. נאָר די לאַסט־חיה קריגט איר הויפן היי. ביי אונז ווערט דער הויפן ארויסגעריסן פון די ציין מיט די ציין.

צו אַ זעגל אויף אַ שיף ביסטו געגליכן, מיין פּאָלק. דו זיצסט צווישן די ווינטן פון מזרח און מערב, דרום און צפון. אַלע שטורעמס שמייסן דיך, נאָר דו פירסט די שיף.

ט.

מיר זיינען די יצירה אין דעם כאַאָס. דער נערוו וואָס טראָגט אַלע וויטאָגן, נאָר ער שרייט אויס די קרענק. אונז איז באַשערט געוואָרן דורכצומאַכן די טראַגיק פון דעם גאַנצן וועלט־לויף, אָבער מיר זיינען די דיכטער פון די לעצטע וואָרהייטן. מיר זיינען קעניג ליר אין שטורעם און דאָן־קיכאָט ביי די ווינט־מילן. מיט בעטלערישער שטים ריידן מיר קעניגלאַכע רייד. אַרום אונז שרייען שטורעמס, אין אונז טליען הייליגע ליידנשאפטן. אונזער קול איז שטיל אָבער ער גייט איבער די צייטן. אונזערע באַטאַליאָנען זיינען געדאַנקען, אונזער פולווער איז דער שטאָף פון חלומות. זיי האָבן איינגענומען דעם היינט, מיר האָבן איינגענומען די צוקונפט. זייערער איז דער טונקעלער אינסטינקט, אונזער איז דער קלאָרער ווילן. זיי טראָגן העק, מיר עץ־חיימס. זיי שיכור'ן מיר מאַכן ברכה.

און נאָר צווישן איין שיכרות זייערער און דער צווייטער געפינען מיר אַ באַרוטע מינוט. אַז פראַנקרייך, די פאַרשייטע אַריסטאָקראַטקע, איז אַראָפּ פון איר זינד־בעט, האָט זי אונז אויסגעגלייכט: זי האָט דערהויבן די הויכגעשטעלטע צו דער מדרגה פון די דערנידעריגטע. ענגלאַנד, דאָס מיידל אין יעדן פאָרט, איז באַרופן געוואָרן העלפן אויפצושטעלן אונזער לאַנד. רוסלאַנד, די ברייטפּיסיגע און שמאָלקעפּיגע, האָט פון דעם שאַנד־וואָרט פאַר אונז געמאַכט אַ שאַנד־וואָרט פאַר איר שפּראַך. דייטשלאַנד, דאָס לאַנד פון אייזערנעם האַרצן און קופּערנעם

שטערן, האָט אָנגעשריבן „נאַטהאַן דער ווייזע". און אַמע־ריקע, דער תיקון טעות פון אייראָפּא, האָט אונז געגעבן אַ וויזאַ.

נאָר ווי, דאָס גויעשע גוטהאַרץ דאַרף מען שטענדיג אָנציען ווי אַ זייגער. ערשט געווען ניכטער און שוין איז אָנגעשטאַנען אַ נייע שיכרות. עס איז געקומען אַ מינדער־זיניגער מענש און האָט אויפגעבונדן די טונקעלע גוואַלטן פון אַ פאָלק — אַ מענש איינער אַליין אַ סדום ועמורה. פון דעם קעניגרייך פון שאָטנס איז ער אַרויס, פון די אונ־טערגרונטן פון מענשלאכן זיין, און האָט דעם מאָראַלישן כאַאָס אָפּגעלאָזט פון קייט. דאָס פאָלק וואָס האָט גערעדט פון דעם איבערמענשן איז געוואָרן אונטערמענשלאך. א קרעץ האָט זיך באַזעצט אויף זייערע הערצער. זייערע נשמות זיינען געשלאָגן געוואָרן מיט דער שוואַרצער פעסט. דער גייסט ליגט אין שטויב, מיט שפּאָרן ווערט געטראָטן אויף זיין געזיכט. און אַ שד איז געוואָרן גאָט.

און די ערד ליאַרעמט. די וועלט איז אין אויפרור. פון הויז און הויף קוקט אַרויס דער טויט. און זיין ערגסטן צאָרן האָט דער קרעציגער אויסגעגאָסן אויף אונז. מיט דער טיראַניי פון אַ צעבושעוועטן ים האָט ער זיך אַרויפ־געוואָרפן אויף אונז, אראָפּצושווענקען אונז פונ'ם פּנים פון דער ערד. און מיליאָניגע מאַסן גייען אים נאָך. וואָרום עס איז גאָר ניטאָ אַזאַ משוגעת פאַר וועלכער עס זאָלן זיך ניט געפינען קיין משוגעים.

און אַזוי וויל ער אויסלייזן די וועלט. און אַזאַ דייטש־לאַנד זאָל זיין איר גן־עדן.

אַזוי געוויס מאָלט זיך אויך דער חזיר אַז דער גן־עדן איז אַ בלאָטע.

דייטשלאַנד, דייטשלאנד ! ווען איך זע ווי דו האָסט באַוויזן דעם מענשן, אומריינער ווי די אומריינקייט, ניש־

טיגער ווי די נישטיגקייט, זאָג איך: אָ גוטע פריינט, ווען איך וועל שטאַרבן, קריצט אויס אויף מיין מצבה אַזוי צו זאָגן:

ווען איך דאַרף געבאָרן ווערן נאָכאַמאָל און האָב די ברירה געבאָרן צו ווערן מענש אָדער וואָרים, קלייב איך אויס וואָרים...

י.

וואָלטן מיר באַדאַרפט זיצן ביי אַלע וועגן און שעלטן די פאַרבייגייער. נאָר דאָס איז די געהיימניס פון אונזער ווען: מיר האָבן קיינעם ניט פיינט און אַזוי פיל'ן ליב. מיר ווילן אויף קיין פאָלק ניט קיין שלעכטס. אונז וואָס איז פאַרזאָגט געוואָרן אַן אָפּגעשניטענעם נאָגל צו שאַנע־ווען, ווי זאָלן מיר גערן זען מענשן פאַרשניטן? מיר זיי־נען גערעכט מיט אַ לאָגיק וואָס שטעקט אין מאַרך מיט דער שאַרפקייט פון אַ צאָנווייטאָג. דאָך זאָל עמיצער אין אַלע אונזערע ליטעראַטורן אין אַלע שפּראַכן ווייזן אַז מיר טראָגן שנאה אויף עמיצן. אפילו אין אונזער טרויעריגסטן מאָמענט האָט אונזערער אַ כראָניקער ניט געוואָלט פאַר־שרייבן די שרעקלאכע פרטים „כדי ניט צו פאַרשעמען דעם מין מענש". און פאַר די חסידי אומות העולם האָבן מיר אויסגעשטעלט שטולן אין גן־עדן, נאָר זיי שטייען האַלב ליידיג. מיר זיינען אַ פאָלק מיט אַ לאַנגער געשיכטע און אַ קורצן זכרון. מיר ווילן ניט געדענקען קיין שלעכטס אויף מענשן. ווען מיר זאָלן וועלן אַלץ געדענקען! וואָלט געוועזן כאָטש נעם און הענג אויף אַ שלאָס אויף דער וועלט און פאַרוואַרף דעם שליסל...

האָבן מיר געדענקט שפּאַניע אונזער ווייטאָג אין שעה פון איר נויט? אַזוי וועלן מיר אויך ניט געדענקען דייטש־לאַנד. דייטשלאַנד האָט פאַרגעסן וואָס רחמנות איז. אָבער

עס וועט קומען א צייט ווען זי וועט שרייען רחמנות, און קיינער וועט איר ניט ענטפערן פריער ווי מיר.

נאָר אונזער שטראָם פון ליבע פליסט צווישן ברעגן פון שנאה. מיר האָבן געפלאַנצט אַ רויז און ס'איז געוואקסן אין שניי...

## יא.

נאָר ס'איז אַ רויז וואָס קען ניט וועלקן און ניט פאַר־דאַרבן. און קען ניט אויסגעריסן ווערן. ווי אַזוי וועלן זיי פאַרניכטן דעם אידישן גייסט אַז ער איז פאָרט אַריין אומעטום, אין הערצער, הייזער, לענדער, פעלקער, אַ הייליגער אויפרור אין דער וועלט? ער איז פאַר דער מענשהייט וואָס די פיזישע געזעצן זיינען פאַר'ן אוניווערז. דער „ואהבת לרעך כמוך" איז די גראַוויטאַציע, די עשרת הדברות די מאַטעמאַטישע פאָרמעלן פון דער מענשלאכער מעכאַניק. אָן זיי וועט די מענשהייט שטענדיק איינברעכן. מען קען נאָך אפשר צונויפשלאָגן אַ בריק אויף שלעכ־טער מאַטעמאַטיק, נאָר פאָרן אויף איר וועט מען ניט קענען. אידישע קינדערלאך האָבן אַ לעגענדע פון אַ פאַפירענעם בריק פאַר די אידן און אַן אייזערנעם פאַר די גוים: די אידן וועלן אַריבערגיין און די גוים וועלן אַריינפאַלן. די לעגענדע איז ניט ערשט פאַר לעתיד לבוא. אין אונזער געשיכטע איז זי שוין אַ סך מאָל וואָר געוואָרן. מיר האָבן אונזער לעבן געשטעלט אויף אַ ספר, זיי אויף פעסטונגען. ליגט די רוימישע אימפעריע ווי אַ צעקוועטש־טער פויגל, פון אַשור און בבל איז קיין פעדער ניט גע־בליבן, צאַר און אינקוויזיטאָר פאַרשוואונדן אָן אַ שפור, און מיר זיינען דאָ און בויען ווייטער פאַפירענע בריקן אויף דעם מוסר השכל.

און מיר וועלן אויך זיין, זיבן מאָל זיין, צו זינגען דאָס געזאַנג פון דיין אונטערגאַנג, פאַשיסט!

ווי איך בין אַ איד!

וואָס נוצט היטלער׳ן דער אייזערנער פאַנצער וואָס ער שמידט אויס אַרום זיין לאַנד? לופט עסט איבער אייזן, און דער אידישער גייסט איז די צווייטע לופט פון דער וועלט. און וואָס נוצט אים דאָס ברענען פון אונזערע ביכער? אַז פייער גייט אויס ווערט פינסטער און קאַלט. און אַז היטלער וועט פאַרטרייבן דעם אידישן גייסט פון זיין לאַנד, צי קען ער אים פאַרטרייבן פון דער וועלט? ס׳איז מיט׳ן אידישן גייסט ווי מיט׳ן ים. דעם ים קען מען אפשר סוף־כל־סוף אויסשעפּן, נאָר וואו טוט מען אים אַהין? און מיט וואָס פילט מען דערנאָך די תהומ׳ן אויס?

עס האָט געקומען יאָרטויזנטער פאַר׳ן ים זיך איינ־צושטעלן. ער איז געלאָפן אַהין און געלאָפן אַהער ביז ער האָט ווי אַ גאַרטל אַרומגענומען די ערד. אַזוי וועט זיין מיט׳ן אידישן גייסט. עס מאַכט ניט אויס דורך וועלכע געדרייטע וועגן, עס מאַכט ניט אויס דורך וויפיל לאַנגע דורות: מיר אָנערקענען דאָס בייז פאַר פאַראיבערגייענדיג ווי לאַנג עס זאָל ניט דויערן, און דאָס גוטס פאַר אייביג ווי שפּעט עס זאָל ניט קומען.

וואָס מיר האָבן געבראַכט מיט זיך איז ניט אַ זאַך וואָס קען פאַרגיין. עס איז דער מענשלאַכער עלעמענט, און ווי נאַטור־עלעמענט איז ער אומצעשטערבאַר און אייביג פריש. אפילו ווען מיר זאָלן אונטערגיין אין גוף, עס וועט בלייבן לעבן אונזער גייסט. ווי עס האָט אַמאָל געזאָגט אַ קאַפּיטאַן באַשיצנדיג זיין שיף: איך האָב אָפּגעמאָסטן די טיף און איך ווייס אַז אפילו ווען מיין שיף וועט זינקען וועט מיין פאָן נאָך אַלץ פלאַטערן פון אויבן!

טיף איז אונזער ים פון ליידן, אבער ביז צום הימל גרייכט די מאַסט און פאָן פון אונזער גייסט!

נאָר אונזער גוף וועט אויך ניט אונטערגיין. מיר זיינען די כלי אין וועלכער גאָט׳ס פייער האָט זיך באַזעצט אין דער וועלט און פון דעם הייליגן פייער זיינען מיר אויף אייביג פאַרהאַרטעוועט געוואָרן. אויב שטאַרבן האָבן מיר געדאַרפט שטאַרבן נאָכ׳ן ערשטן חורבן, נאָכ׳ן צווייטן, נאָך די קרייצצוגן, נאָך די גזירות ת״ח ות״ט. איצט זיינען מיר שוין צו אַלט צו שטאַרבן.

כאָטש ביטער, אָ, ווי ביטער איז דער טעם פון לעבן אויף אונזער צונג!

נאָר מיר לעבן מיט׳ן ליכט וואָס אונטערן שאָטן. מיר ווייסן: וואָס עס דאַרף זיין קען זיין און וואָס עס קען זיין וועט זיין. און זאָל עס ניט קליין זיין אין דיינע אויגן וואָס דאָס זאָגט אַ קליין און אָרעם פאָלק וואָס זיצט אין דער פינסטער. דער מאַרך זיצט אין דער פינסטער און זעט די גאַנצע וועלט.

און ווען עס וועט מקוים ווערן אַלץ וואָס מיר זעען מיט גאָט׳ס אויג אין אונזער מאַרך! דעמאָלט וועט זיין אַ וועלט כולו יום־טוב. יעדער טאָג אַ פרילינג־טאָג, אַ פריי־לינג־טאָג ווי אין שיר השירים! פאָלק וועט ניט קריגן געגן פאָלק און מענש וועט ניט טראָגן קיין יאָך פון מענשן. די ליבשאַפט וועט רינען פון אַלע הערצער ווי האָניג פון די בינשטאָקן און די גערעכטיגקייט וועט וואַקסן אויף יעדן לייב ווי וואָל אויף דער שאָף. און מעשים טובים וועלן זיך וואַלגערן ווי מיסט אין די גאַסן. און אַלע קללות וועלן פאַרשטומט ווערן און אַלע ליגנס וועלן פאַרשעמט ווערן, נאָר אמת און ליד פון אַלע ליפּן.

אַזוי האָבן מבטיח געווען די נביאים.

און פון דעם הימל וועט זיך ניט אָפּטאָן דער רעגנ־בויגן, דער רעגנבויגן פון פרידן נאָכ'ן שטורעם. און אַלע מדבריות וועלן פאַרגיין אין טראָגן און אַלע וויסטעניש וועלן זיין פול הויזלאכקייט. דער מענש וועט אָטעמען אַ נייעם אָטעם און עס וועט זיין תחית־המתים אין לעבן.

אַזוי האָט געזאָגט גאָט! מיר האָבן עס אַליין געהערט! און מיר זיינען דער אָמן צו זיין וואָרט.

דעמאָלט וועלן אַלע זיין מיר און מיר וועלן זיין אַלע. און דאָס גאָט־אַלטע פאָלק וועט ניי ווערן מיט יונג־דער־וואַרימטע קרעפטן, און אַלע פעלקער וועלן זינגען אונזער נאָמען, ווייל מיר האָבן געזיגט אָן שנאה און אָן וואָפן.

און פאָלק וועט זיך יאָגן איבער פאָלק אונז מחילה צו בעטן, און לאַנד וועט איבערשטייגן לאַנד אין זייער שלח־מנות צו אונז, איינער גאָר שענער פון אַנדערן, און דער אויסטערלישסטער פון זיי אַלע וועט זיין ט י ט ו ס ' ע ס ט ו י ע ר, וואָס וועט נאָך שטיין אויפ'ן הר־ציון, אַ מתנה פון רוים צו ירושלים, פון דער אייביגער שטאָט צו דער אייביגערער, אַ מאָנומענט צו יהודה וואָס איז נ י ט באַזיגט געוואָרן.

אידן זיינען אַ פאָלק מיט אַ קאָסמישער פאַנטאַזיע. געשיכטע הויבן זיי אָן נאָך פאַר בראשית. איידער ס'איז געווען די וועלט איז געווען די מעגלאכקייט פון דער וועלט. ווען עס וואָלט ניט געווען קיין מעגלאכקייט וואָלט דאָך ניט געווען קיין וועלט. און מעגלאכקייט איז אידייע. זיינען גערעכט יענע פילאָזאָפיעס וואָס זאָגן אַז אידייע איז פריער ווי מאַטעריע, און גערעכט זיינען אונזערע

חכמים וואָס האָבן געזאָגט אַז די תורה איז שוין געווען נאָך איידער די וועלט איז געווען. נאָר זי איז געווען אַ טרוים אָן אַ טרוימער. ביז מיר זיינען געקומען און גע־האָלפן גאָט זאָגן: „קדושים תהיו”. און דעמאָלט איז געווען אַ צווייטער בראשית, און די וועלט האָט זיך אָנגע־הויבן אויף אַן אמת.

מיט דער וועלט האָבן מיר אָנגעהויבן און נאָר מיט דער וועלט וועלן מיר זיך ענדיגן. און די וועלט וועט זיך קיינמאָל ניט ענדיגן.

מיר זיינען אומשטערבלאַך ווי די צוקונפט.

# רעגיסטער פון פערזאָנען

אדלער, דר. מיכל, 49.
אהרנזאָהן, הרב יוסף צבי, 9.
אייבראַמס, דוד, 50.
איינהאָרן, דוד, 253.
אלימלך, י., 181.
אלף, 256.
אַמסיל, דוד, 53.
באַבינסקי, י., 53.
באָגין, הרב שלמה, 9, 305.
באָטאַשאַנסקי, יעקב, 188.
באָטניצקי, י., 178.
באַנטשעק, ש., 214.
באַסין, י., 54.
באַריישאַ, מנחם, 55.
באַרישאַנסקי, הרב רפאל מרדכי, 313.
באַרער, הרב זלמן, 10.
באַשעוויס, י., 195.
בוקשטיין, א., 56.
ביאַלין, א. ח., 57.
ביק, הרב אברהם, 10, 165, 286.
ביק, הרב חיים, 11.
ביק הרב שאול י., 12.
בירנבוים, דר. שלמה, 58.
בלאָך, דר. יהושע, 315.
בלומענטאל, פרידאַ, 59.
בניאַש, משה, 60.
בעלאַרינאַ, בעלאַ, 60.
בערגער, א., 61.
בערמאַן, הרב משה, 12.
בערקאָוויץ, א. ל., 61.
בראַודע, ראַבי דר. וויליאם, 13.
ברינמאַן, י. ר., 288.
גאָלדבערג, אב., 62.
גאָלדבערג, נח, 63.
גאָרדאָן, דר. הירש לייב, 214.
גאָרדאָן, הרב יעקב דוב, 13.
גאָרדין, אבא, 63.
גלאָבוס, דר. ד., 227.
גלאובערמאַן, איזידאָר, 66.
גראָדזענסקי, שלמה, 167.
גרינוואַלד, הרב יקותיאל יהודה, 313.
דאַנאָווסקי, הרב יוסף, 14.
דאָרנפעלד, יעקב מ., 67.
דובנאָוו, פראָפ. שמעון, 67.
דזשייקאָבסאָן, הרב יוסף מאיר, 15.
דיענסטאג, ביינוש, 68.
האלבערשטיין, ט., 69.
האָלצמאַן, הרב א. מ., 16.
האַרקאַווי, אלכסנדר, 77.
הוטנער, הרב יצחק, 16.
הורוויץ, הרב הלל יעקב, 18.
הורוויץ, הרב משה (הרמה), 19.
העלער, א. ח., 77.
העריטאַן, ב. צ., 78.
העריס, אַל., 78.
ווייטמאַן, קלמן, 79.
וויינרייך, דר. מ., 80.
ווייץ, אפרים, 206.
ווינאָגראַד, הרב שמעון, 20.
זילבערבערג, י., 81.
זילבערצווייג, מרים, 82.
זעמעל, בערנארד, 83.
חאַדראָוו, הרב מענדל, 21.
חאַימאָוויטש, מ. י., 229.
חייט, הרב דוב אריה, 21.
חנן, 143.
טיקטין, הרב שמואל אפרים, 22.
טענענבוים, ש., 233, 291.
טקאַטש, מ., 176.
טרייסטער, ל., 84.
טשעריקאָווער, א., 139, 251.
טשערנאָוויץ, הרב פראָפ. חיים, 23.
יאַסינאָווסקי, פנחס, 84.
י. נחום, 85.

ישר, הרב מ. מ., 23.
כהן, אלתר, 85, 86, 233.
כהן, הרב בצלאל, 24.
כהן, הרב צבי, 24.
ליבערמאן, חיים, 3, 319.
לילית, אַלאַ, 87.
לינדער, ג. ב., 88.
לעבעדיגער, 217.
לעוויט, דר. יחזקאל, 89.
לעווענבאך, דר. י. ב., 90.
לערער, לייבוש, 91.
מאַיסעיעוו, לעאָן, 92.
מאלאכאָווסקי, הלל, 93, 94.
מאַסליאנסקי, צבי הירש, 95.
מאַרגאָשעס, דר. ש., 95.
מינקאָוו, נ. ק., 96.
מישקאָווסקי, נח, 97.
מענדעלסאָן, ש., 156.
מער, אהרן, 97.
מ. ק., 308.
נאַומאָוו, י. ש., 98, 281.
נייהויזען, ח. ש., 99.
ניסענזאָן, א., 100.
ניעקי, 309.
סאַר, הערי ל., 101.
סטיצקין, הרב לעאָן, 25.
סיימאָן, שלמה, 101.
סילווערמאן, הרב א., 27.
סעקלער, הערי, 101.
עווער, הרב יצחק, 32.
ענטין, יואל, 177.
עסעלין, אלטער, 102.
עפשטיין, אלטער, 103.
עפרויקין, ישראל, 255.
פאַזי, א., 104.
פאַריללע, הרב חיים, 33.
פורת, הרב ישראל, 35.
פינסקי, דוד, 105.
פעט, חיים, 105.
פעטשעניק, הרב א., 36.
פאַרער, הרב יהודה לייב, 37.
פלעשלער, א. ד., 106.
פעסלער, דר. בן־ציון, 106.
פרישבערג, י. ז., 107.
צודיקער, י., 149.
צייטלין, אהרן, 147.
צייטלין, הלל, 108, 208.
צירלסאָהן, הרב יהודה ליב, 38.
קאן (קאַזשדאַן) ס., 262.
קאַפלאַן, יוסף, 110.
קאַציזנע, אלטער, 221.
קאַרנהענדלער, יחזקאל, 111.
קטין, אליעזר, 120.
קענדזשערסקי, ר., 115.
קריוויצקי, ד., 117.
ראַבאַק, א. א., 122.
ראָזאָף, ל., 123.
ראָזמאַרין, דר. אהרן, 123.
ראָזענבלאט, ש. 52.
ראָזענבערג, הרב שלמה הכהן, 39.
ראָזענפעלד, הערש, 124.
ראַסקין, פ. מ., 125.
ראַפּאַפּאָרט, י., 269.
ראפּאַפּאָרט שאַרל, 254.
רייזען, אברהם, 193.
רובינשטיין, צ. ה., 125.
רויזענבלאַט, ה., 125.
ריווקינד, יצחק, 127.
רינדע, מאיר, 127.
רעכטשאַפער, חנה, 128.
שאַפראַן, ראָזע, 129.
שאַרגעל, י. צ., 186.
שאַרף, הרב מאיר, 39.
שוואַרץ, יהושע זלמן, 130.
שוחאַטאָוויץ, הרב אברהם יצחק, 42.
שוחט, רפאל, 302.
שוסטער, זכריה, 131.
שטיין, הרב שכנא, 43, 237.
שטערנבערג, נ., 201.
שיינבערג, משה, 136.
שעפנער, ב., 242.
שפירא, הרב אברהם דובער, 46.
שפירא, הרב יעקב מאיר, 47.

# רעגיסטער פון צייטונגען


אויסטראַלישע אידישע נייעס, 142.
אויפן שיידוועג, 139.
אונזער לעבן, 143.
אונזער עקספּרעס, 147.
אונזער פריינט, 149.
אונזער שטימע, 156.
אידישע וועלט, 165.
אידישע פאָלקסצייטונג, 309.
אידישער קעמפער, 167, 176, 177.
אפריקאנער אידישע צייטונג, 178.
דאָס אידישע פאָלק, 180.
דאָס וואָרט, 181.
די סאָציאַליסטישע שטימע, 262.
די פּאָסט, 186.
די פרעסע, 188.
די פעדער, 193.
די צוקונפט, 195.
דער היינט, 201.
דער שפּיגל, 205.
הדואר, 206.
ווילנער טאָגבלאַט, 195.
מאַזשאָווער וואָכנבלאַט, 206.
מאָמענט, 208.
מאָרגן זשורנאַל, 214, 217.
מאָרגנצייטונג, 308.
מיין ריידנדיקער פילם, 221.
ניו יאָרקער וואָכנבלאַט, 227, 229, 233, 237.
נייע פאָלקסבלאַט, 242.
נייע פאָלקסצייטונג, 242.
פאַריזער היינט, 251.
פּראָלעטאַרישער געדאַנק, 256.
פאָרווערטס, 260.
פאָרויס, 262.
פרייע ארבייטער שטימע, 269.
קאַליפאָרניער אידישע שטימע, 281.
קענעדער אָדלער, 286.
שיקאַגער קוריער, 288, 291, 302.